STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08442

KERNER IN MIDBER

Mendel Mann

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן ✶ קערנער אין מידבר

מענדל מאַן

קערנער אין מידבר

דערציילונגען

פאַרלאַג אונדזער קיום
ביי דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן
און קהלה אין פאַריז. תשכ"ו

מענדל מאַן / קערנער אין מידבר / דערציילונגען
געשריבן אין ישראל און פראַנקרייך
אין די יאָרן 1960 - 1965.

MENDEL MANN

GRAINS DANS LE DÉSERT

NOUVELLES

●

NOTRE EXISTENCE, Paris, 1966

Imprimerie A. SCHIPPER - OBE. 36-53

קערנער אין מידבר

אויפֿן בעדואינער־מאַרק אין באר־שבע איז פוסט. דער טאָג פֿאַרגייט, שאָטנס לויפֿן צו די מידבר־האָריזאָנטן. אַ פֿאַרשפּעטיקט קעמל קוקט צום בלייכן, האַלב־פֿאַרלאָשענעם לבנה־האָרן. אַ לאַסטוואָגן לאָזט נאָך זיך וואָלקנס שטויב. וועגענער מיט זעק, צונויפֿגעדריקטע שעפֿסן, ברוין־צעצויטלטע, אייזל־געוויין און שטומער צער פֿון געפּענטעטע שאָף. שוואַרצע ברעמען און אַ מויל לאַכנדיקע ציין.

איך זוך די יונגע בעדואינערין, וואָס האָט געלאָזט דעם ווינט אָפּדעקן אַ ראַנד פֿון איר פֿאַראַנדזשאַ. איך האָב דערזען נאָר איין גרויס ליכטיק אויג און אַ ווינקל פֿון איר צעשמייכלט מויל. זי האָט אַ שעפּטשע־געטאָן און איך בין געבליבן אַ ווײַלע שטיין. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַ דזשאַז־פּויקערײַ פֿון אַ ראַדיאָ־הילכער. דער קאַפּע־אייגנטימער צעשטעלט די צעקרימטע אײַזערנע טישלעך אויפֿן טראָטואַר. דער טונקעלער פּנים־שלייער איז געפֿאַלן און איך האָב בולט געזען דעם אָפּדרוק פֿון אירע ליפּן. עטלעכע יונגע מענטשן זענען אָנגעלאָפֿן מיט געטומל. איינער האָט מיך באַטראַכט פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

איך זע ווי דאָס קניענדיקע קעמל הייבט זיך פּאַמעלעך אויף.

ס'זענען איצט די ערשטע טעג פֿון חודש אדר. די זאַמדפֿלאַכן זענען אויף טייל ערטער באַדעקט מיט אַ ליכטיק־גרינעם אַרויסשפּראָץ. פֿון אונטער די וואַלגער־שטיינער בליִען מידבר־פֿלאַנצן. דאָס איז אָבער אַ קורץ בליִען. נאָך אַ וואָך און די גאָטגעבענטשטע גרינקייט וועט פֿאַרשווינדן און די ווייטן וועלן ווערן צו ערשט געלבלעך־ראָז און אַז ס'וועלן אָנקומען די ערשטע חאַמסינען, וועט דער מידבר פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַווע־קאָליריקן.טע־פּעך. אין שפּעטן תמוז וועט אַלץ זײַן ווי פֿון אַלטן אויסגעלאָשענעם זילבער. דערנאָך וועלן קומען די ווינטן און טרײַבן צו די וואַדיס דעם טרוקענעם גלגל־קוסט און דער מידבר וועט פֿאַרזייט ווערן מיט זריעה, כּדי אין אדר

זאָלן ווידער אויפגיין די ליכטיק־גרינע פלאַנצן.

איך האָב גענומען מיין פּאַלמע־שטעקן.

— העי, יונגער מענטש, וואַרטסטו אויף עמעצן?

אַז איך האָב אויפגעהויבן די אויגן האָב איך דערזען אַ ביינערדיקן זקן פאַרהילט אין אַ פּלעד. ער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און צופּירנדיק די ציטערנדיקע פינגער צום אייגענעם פּנים, האָט ער זיך צעלאַכט. ווען איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז נישט קיין געלעכטער, נאָר אַ ציטערן פון זיינע פּנים־קנייטשן.

איך האָב געטראַכט, אַז מיין אויסזען איז אַוודאי אַ טרויעריקס אויב עס רופט אַרויס מיטלייד ביים זקן. איך האָב באַקוקט מיינע שטויביקע קליידער, באַרירט מיינע קינבאַקן און געשפּירט די שטעכיקע באָרד.

— הייב זיך אויף, אַלטער, פון דער ערד. זעץ זיך ביים קאָפּעטישל.

איך האָב אים אָנגענומען ביים אָרעם און אַוועקגעזעצט לעבן זיך.

— טרינק.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אָנגערירט דעם ראַנד פון גלאָז ביר און דערביי מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן. אַ גוטע קילקייט איז דורכגע־לאָפן דורך אַלע מיינע גלידער.

— וואָס טרייבט דיך פון דיין היים, יונגער מענטש?

איך האָב אים אָנגעוויזן אויף די גרינע אינדזלען אין מידבר.

— אין די דאָזיקע טעג האָב איך נישט קיין רו. עס איז אפשר אַ ווילן צו אַנטלויפן פון דער וויסטעניש וואָס איז אין מיר צו דער אויפגייענדיקער און בליענדיקער וויסטעניש וואָס שפּרייט זיך פאַר מיינע אויגן.

עס איז שוין טונקל. דער מילדער ווינט טראָגט דעם ריח פון בליענ־דיקע פלאַנצן.

— עס איז אַזאַ ריח פון כורסינגאַר — די בלום פון אומעט. ווילסטו, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה, וואָס איך האָב געהערט פון אַ בעטלער אין קאַלקוטאַ?

— קאַלקוטאַ? — האָב איך געפרעגט. ערשט איצט האָב איך דער־קענט אַז דער זקן איז ענלעך צו די תושבים פון אינדיע.

— איך בין אַ ייד... אַ ייד פון אינדיע... פון די צוריקגעקומענע שבטים...

ער האָט לאַנג גערעדט, דערציילט וועגן די גרויסע מערק פול מיט

כינעזישן זייד, מיט האַנט־געוועבטע שטאָפּן, אַלערליי פּירות ווי מוסקאַט־ניס, ציטרינען, איילבערטן.

...אַ יונגער גאָט האָט אַראָפּגעגידערט אויף אונדזער ערד און ערגעץ, אין אַ בליענדיקן קאַרשנדאָרף, האָט ער באַגעגנט די שענסטע טאָכטער און ער האָט זי באַשלאָפן. דער יונגער גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געזינדיקט מיט אַ מענטש־באַשעפעניש. ער האָט מורא געהאַט אַז זיין קעניגרייך זאָל געירשנט ווערן פון מענטש. ער האָט זי פאַרצערט מיט דעם פייער פון זיין אָטעם. זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בערגל אַש, עלעהיי אַ דונער וואָס פאַרברענט אַ צעבליטן קאַרשנבוים... די טעכטער פון אַלע דערפער זענען געקומען באַוויינען איר טויט און איר אַש איז דורכגעזאַפּט געוואָרן פון טרערן. איין מאָל איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם און צעטראָגן דאָס אַש און ווו עס איז נאָר געפאַלן אַן אַש־שטויבעלע איז די ערד פאַרוויסט געוואָרן, זי איז געוואָרן געזאַלצן...

איך האָב געשפּירט זיין וואַרעמען האַנטבאַריר און עס איז מיר גוט געווען צו הערן דעם אַלטנס קול.

עס איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון מירטנבלעטער, פון צימרינג, פון בליענדיקע סעדער און אַז איך האָב צוגעשלאָסן די אויגן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך וויג זיך ביי נאַכט אין אַ בויד אויף די וועגן פון מאַזאָוויע און איך פאָר מיט מיין מאַמען צו אונדזערע געפּאַכטעטע סעדער...

עס איז שוין שפּעט. איך האָב זיך געזעגנט מיטן זקן און בין אַוועק בלאָנדזשען איבער די נאַכטיקע געסלעך פון באר־שבע.

איך האָב געוואָלט פאַרטרייבן דעם חלום וואָס איך האָב געחלומט מיט אָפענע אויגן און האָב ניט געקענט, ווי עס וואָלט מיך פּלוצעם פאַרהילט אַ וואָלקן פון שפּינגעוועב.

דער סטעפּ וואָס האָט אויפגעלעבט, דאָס גרויסע אויג דאָס אַנטפּלעקטע פון אונטער דעם פּנים־שלייער, דער ווינט וואָס האָט דורך דעם וואַל געקושט אירע ליפּן — אָט דאָס איז דאָך מיין חלום אין מיטן דעם פאַרנאַכט. זי איז געווען באָרוועס און עס האָט זיך געטראָגן פון אירע הענט דער ריח פון שוויס און אייזלמיסט. די קנעכלרינגען פון אירע פינגער זענען געווען טונקל און די נעגל געפאַרבט מיטן פאַרב פון אָפּגעשונדענע דערנער־צווייגלעך.

איך ליג אויף מיין געלעגער אין דעם קליינעם, אָרעמען האָטעלכל און לאַך מיט אַן אויסגעקרימט און להכעיסדיק מויל. איך פראַל־אויף דאָס

פענצטער. ווידער דאָס גרילצעריי פון ראַדיאָ. די טישלעך זענען איצט באַזעצט מיט גוידערנדיקע ווייבער. אין רינגשטאָק שפּילן זיך קינדער מיט נישט־דערדרייכערטע ציגאַרן, זיי נישטערן אין אָפּפאַל פון בעדואינער־יאַריד. קינדער־ווענעלעך לעבן קאַפע־טישלעך. נאַרגילעס. אַ יונגע מאַמע האָט אַרויסגענומען אַ מילך־ווייסן בוזעם, קיילעכדיק ווי אַ לבנה, און שטופּט דעם לבנה־וואָרצל אין מויל פון אַ וויינענדיק קינד. דאָס שפּיזל־דיקע נעאָן־ליכט פאַלט אויף די טישלעך. איך קוק אויף דער ברוסט־לבנה וואָס עס זייגט דאָס פּיצל קינד.

איך האָב מורא פאַר דעם געשריי וואָס וועט ווי אַ קינזשאַל דורכשניידן דאָס האַרץ פון דער נאַכט. איך ווייס, אַז עס וועט באַלד אויסברעכן. כ'טו תּפילה צום אַלמעכטיקן אַז ער זאָל אונדז באַשיצן. איך האָב אויך מורא פאַר דער שטילקייט, מיר דוכט זיך אַז איך הער לויערנדיקע טריט. „די בלום פון אומעט בליט־אויף נאָר אין די נעכט" — אַזוי האָט מיר געזאָגט דער זקן. דאָס מוז אַוודאי זיין דער נאַכט־יאַסמין. איך שפּיר ווי עס רייסט זיך אַריין, דורך דעם אָפענעם פענצטער, דער ריח פון שאַשליק און פאַלאַפעל, וואָס מען פרעגלט אונטער די נאַכטיקע הימלען.

איך בין מיד פון אַרומוואָגלען אַ גאַנצן טאָג. מאָרגן פרי וועל איך פון דאַנען אַוועקגיין. כ'וועל נעמען דעם פאַלמע־שטעקן און גיין צום קליינעם יישוב, דרומדיק, אין גאַנצן עטלעכע מייל. דאָרט לעבט מיין חבר אבנר. ווו ער שטעלט נאָר אַ טריט ווערט ער גלייך פאַרהיימישט, נאָר איך קען קיין רו נישט געפינען. אויב איך וועל אַרויס פון דאַנען פאַר זונאויפגאַנג וועל איך נאָך אַבנרן טרעפן אין שטוב. ווי לאַנג איז עס ווי מיר זענען אָנגעקומען אין חיפה מיט דער איטאַליענישער שיף? שוין פינף יאָר!

דאָס איז געווען מיט עטלעכע טעג צוריק. די, מיט די נעגערישע ליפּן און זילבער־רינגען, האָט זיך צעלאַכט: — „דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט וועגן דעם גרין־זילבערנעם מעך, וואָס דער ווינט טראָגט פון בוים צו בוים, אַ פלאַנץ אָן וואָרצלען! ער נעמט זיינע זאַפטן פון צווייגן, פון בלעטער און פאַרדאַרבט די ביימער".

זי האָט געקוקט גלייך אין מיינע אויגן אַריין און שפּאָטיש געלאַכט. „איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז פלאַנצן זענען אַזוי ווי מענטשן"...

ערשט איצט איז אויפגעגאַנגען אין מיר דער שפּאָט פון יענעם געלעכטער. פאַר וואָס האָב איך דאָס נישט דערפילט גלייך? אפשר האָט מיך

פֿאַרשיכורט די טעמפּע תּאווה? יאָ, עס איז דאָ אַן אמת אין אירע רייד. זי האָט געוואָלט אַ היים און איך האָב זי אָפּגעשטויסן. איך האָב געאָטעמט מיט די פֿאַרוויגנדיקע ריחות פֿון די בלומען פֿון אומעט. צוערשט האָט זי געוואַנדערט מיט מיר אויף וויסטע וועגן פֿון מיינע פֿאַרגאַנגענע יאָרן. זי האָט זיך שפּעטער איינגעהערט אין מיינע רייד און נאָכגעפֿאָלגט דעם קלענגסטן צוג פֿון מיינע ווימפּערן און עס איז מיר גוט געווען. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אין יענע נעכט בין איך נישט געווען אַליין. זי האָט געוואַכט איבער מיר! זי האָט מיך באַגלייט אין אַלע סכּנות און פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט צום לעבן. איך בין זיכער געווען אין דעם ביז יענעם פּלוצעמדיקן געלעכטער. זי האָט גערעדט צו מיר ניכטער און די ניכ־טערקייט האָט אויפֿגעריסן מיינע אָדערן. איך האָב זיך געקאָרטשעט פֿון צער און מיט איין מאָל האָב איך אים אָפּגעטרייסלט פֿון זיך אַזוי ווי עס טרייסלט אָפּ אַ בוים דעם פֿעלד־שפּינגעוועב. איצט איז מיר גוט. איך הער אַ ווייט קעמל־רופֿן. אונטן, אין גאַס, זענען שוין אויסגעלאָשן די לאָמפּן. איך קען נישט איינשלאָפֿן. פֿון שכנותדיקן צימערל הער איך פֿאַרדעמפּטע רייד און אַ שאָרן פֿון טריט, אַ טיר וויגט זיך און סקריפּעט.

איך האָב אָנגעהאָנגען דאָס רעקל אויף די אַקסל און געגאַנגען מיט די פֿאַרטונקלטע טרעפּ. דער באַלעבאָס פֿון האָטעלעכל זיצט אויף די פּאָדערש־טע שוועלן און לאָזט קנוילן רויך. איך בלייב שטיין און טראַכט: וואָס וועל איך אים זאָגן בעת דעם פֿאַרבייגיין? עפּעס דאַרף איך דאָך צו אים ריידן? זאָל איך אים זאָגן אַז דאָס שורשעריי פֿון שכנותדיקן צימערל נעמט אַוועק מיין רו? איך וויל דאָך דאָס שורשעריי. אויב איך הער עס נישט שטרענג איך אָן מיין געהער. דווקא די שטילקייט רעגט מיך אויף. איך האָב זיי געזען אַריינשליכן זיך. צוערשט איז געגאַנגען די רויטהאָריקע מיט דעם צע־וויגטן גאַנג. איך האָב געקוקט אויף אירע נאַקעטע פֿליישיקע אָרעמס. עס האָט געשפּאָרט פֿון איר אַזאַ אויפֿרייסנדיקער ריח פֿון פֿרישע, הייסע פּיתּות און ביליקע פּאַרפֿומען. ער, דער באַגלייטער אירער, האָט זיך גע־שאָרט האַרט צו דער וואַנט און צו מיר אַ וווּנק־געטאָן מיט אַ טויט ווייסל פֿון איין אויג.

— עס וועט מאָרגן זיין אַ חמימה — זאָגט צו מיר דער האָטעל־באַלעבאָס.

זיינע רייד זיינען הייזעריקע, שווערע און דאָך פֿיל איך צו אים אַ דאַנק־

באַרקייט, וואָס ער האָט מיך אויסגעלייזט פון דער שטומעניש וואָס איז מיך באַפאַלן. ער האָט מיט אַ האַנט צעטריבן דעם רויכנקנויל, וואָס איז געהאָנגען אַרום זיין פּנים און מיך באַטראַכט מיט קליינע פאַרגאָסענע אויגן. אין דעם לבנה־ליכט האָט זיך זיין פּנים געבליכט מיט אַ קרענקלעכער געלקייט. איך בין זיכער געווען אַז ער רייכערט איצט זיין נאַכטיקע דאָזע חשיש און אַז אין דעם רויך שפּיר איך עפּעס אַזעלכעס וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געשפּירט, אַז די רגעס זענען אַנדערע פון אַלע רגעס און זיי וועלן שוין פאַרבלייבן אין מיין געדעכעניש און כ'וועל זיי תמיד געדענקען. וואָס איז דען איצט געשען וואָס טיילט אויס די דאָזיקע מינוטן אויף דער שוועל?

איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויף די טרעפּ און צוגעשלאָסן די אויגן. עס איז אויפגעגאַנגען אין מיר אַן עקשנותדיקער ווילן צו עטעמען דעם ציגאַרנרויך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין ערגעץ אין אַ פרעמד לאַנד און שטיי אַנטקעגן אַ ברייטן טייך. און אין דעם טייך שווימען אַרום וואָלקנס. איך שטרענג אָן דעם בליק צו זען דעם צווייטן ברעג און קען נישט. אַ גוטער טייך־ווינט הילט מיך איין — — —

מיין שווייגן האָט געמאָנט ביים רייכערער רייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ ברום־געטאָן צום נאַכטיקן מידבר.

— א חאַמסין, פילסט נישט דעם הייסן ווינט?

איך האָב אַראָפּגענומען דאָס רעקל פון די אַקסל און צעכראַסטעט מיין העמד און עס איז מיר גוט געווען צו שפּירן דעם הייסן ווינט אויף דער ברוסט.

— פון וואַנען קומסטו, פרעמדער?

— פון יענער זייט טייך.

— דאָ זענען נישטאָ קיין טייכן — האָט ער שטיל געזאָגט.

— זיי זענען דאָ. איך בין נאַר־וואָס געשטאַנען ביים ליכטיקן טייכברעג.

ער האָט צעעפנט ביידע אויגן און געלאַכט צו מיר, נאָר מיט די ווייסלען.

אויך איך האָב געוואָלט לאַכן נאָר עס איז אַרויסגעקומען אַן אויסקרימעניש.

ערגעץ ווייט, אויף יענער זייט אָקעאַן האָב איך געזען וועלדער, וואָס עס האָט זיי פאַרצערט אַ זיידענער מעך. דאָס זענען געווען וואָלקנס פון דינע זיידענע מעכפעדעם, וואָס דער ווינט האָט זיי געטראָגן פון בוים צו בוים. זיי

בלייבן הענגען אויף די צווייגן צעצויטלטע ווי טראַנטעס, נעמען אַוועק אַלע זאַפטן פון בוים ביז ער שטאַרבט. נאָר איינזאַמעביימער שטאַרבן נישט ווייל די שטאַרקע ווינטן טרייסלען אָפּ פון זיי דעם גרין־זילבערנעם זיידענעם מעך און בלייבן דערפאַר נאַקעט. איך בין איצט אַזוי ווי דער נאַקעטער בוים, וואָס האָט אָפּגעטרייסלט פון די צווייגן דעם אָנגעהויפטן מעך־קנויל. עס איז מיר גוט אין דער איינזאַמקייט און דאָך בענק איך נאָך יענע צייטן ווען איך האָב געפילט די לאַשטשנדיקע זייד־באַרירונג פון אירע הענט.

— גיב מיר צו פאַררייכערן — האָב איך געזאָגט.

איצט האָט דער מענטש צוריקבאַקומען די שוואַרצאַפּל. ער קוקט אויף מיר דערשראָקן.

— וואַרט, איך וועל ברענגען פון בופעט.

— גיב מיר דיין נישט־דעררויכערטן ציגאַר.

— מען טאָר נישט.

— פאַר וואָס? עס איז דיר אַ שאָד? כאַ־כאַ־כאַ... — און איך האָב פּלוצעם אָנגעהויבן לאַכן. — לאָז, נאַכט־פריינד מיינער, וועלן מיר צוזאַמען, ווי צוויי ברידער וואַנדערן אויף די זעלבע גן־עדן שטעגלעך וואָס דער רויך כישופט אויס. נעם מיך מיט אין דעם לאַנד וואָס גייט־אויף אַזאַ שיינס און טרויעריקס אין דעם רויך און פאַרגייט צוזאַמען מיטן רויך. כאַ־כאַ־כאַ.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין געלעכטער מערער נאָך ווי פאַר מיינע רייד.

— מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָס געשען. איך האָב זי פאַרטריבן און גלייך חרטה געהאַט, — האָב איך געזאָגט צום פרעמדן, נישט וויסנדיק פאַר וואָס איך אַנטפּלעק פאַר אים אין האַלבער נאַכט מיין האַרץ. איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש צו ריידן און כ'האָב נישט געקענט איינהאַלטן דעם שטראָם פון רייד.

— עס איז מיר גוט געווען מיט איר, כאָטש איך האָב געוווּסט אַז זי איז פאַר מיר פאַרהוילן, אַז איר פאַרגאַנגענהייט איז אַזוי טונקל ווי דער טיפער ברונעם. אירע רייד זענען געווען פאַר מיר ווי דער לאַשטשנדיקער זיידענער מעך. איצט בין איך איינער אַליין. כ'האָב געדאַרפט גיין אין דעם געשפּאַן אַזוי ווי דער נאַרישער אייזל. זע, וואָס עס איז געוואָרן פון מיר. איך קען קיין רו נישט געפינען. מען דאַרף ווי די זאַמדגעוויקסן געדייען, שטיל, הכנעהדיק אָננעמען דעם גורל. וויפל מאָל ווערן זיי פאַרשאָטן פון די

וואַנדערנדיקע זאַמדן און פאַרשאָטענע שלאָגן זיי אַרויס נייע צווייגלעך. דער וואָרצל ווערט נאָך דערפון טיפער און קרעפטיקער.

איך האָב גערעדט און די רייד זענען מיר נייטיק געווען ווי די נאַכטיקע לופט.

— קום, איך וועל דיך ערגעץ פירן, נאָר צווי געסלעך פון דאַנען.

איך בין אים נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן פאַרקערעוועט אין אַ פינצטער ליקל, דערנאָך זענען מיר אַרויס צו אַ געסל, וואָס איז באַגאָסן געווען פון לבנה־ליכט. ערשט איצט האָב איך געזען, אַז דער באַגלייטער מיינער איז הויך, איבערגעוואַקסן, געבויגן, זיין פּנים איז האַרט און געקנייטשט ווי אַ פאַרטריקנטער פייג. זיין הייס שעפּטשען האָט מיך געלאָקט.

מיר זענען געבליבן שטיין ביי אַ נידעריק הויז פון נאַקעטע ווענט. ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט אַ פינגער אין דער אויסגעלאָשענער שויב. אַ קאָפּ האָט זיך באַוויזן אין פענצטער, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע שויב. איך האָב געזען אַ צעשויבערטן קאָפּ און די ווייסקייט פון אַ נאַכטיאַקע. דאָס טירל האָט אַ סקריפּע געטאָן. אַ זקנה איז געשטאַנען און עפּעס גערעדט אייליק אויף אַראַביש. די אַלטע האָט צוגעהאַלטן מיטביידע הענט דאָס לויזע נאַכט־קלייד. אין שטוב האָט זיך אָנגעצונדן אַן אָרעם פלעמל.

— קום — האָט ער מיר ווי באַפוילן — מיר קענען שוין צוריקגיין.

איך האָב אים נישט געפרעגט נאָך וואָס ער האָט מיך געפירט אין האַל־בער נאַכט צו דעם הויז און וואָס ער האָט גערעדט מיט דער זקנה. ערשט ווען מיר זענען צוריקגעקומען צום אָרעמען האָטעלעכל אין דעם מאַראָקאַנער פערטל פון באר־שבע האָב איך דערהערט אייליקע טריט און אַז איך האָב אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ, האָב איך דערזען אַ יונג מיידל. זי האָט זיך אָפּ־געשטעלט עטלעכע שפּאַן פון מיר.

— דאָס איז זוהאַראַ.

— זוהאַראַ? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— יאָ, דאָס נאַכטמיידל זוהאַראַ — האָט ער געזאָגט און מיר גוטברודע־ריש אַ קלאַפּ־געטאָן איבער דער פּלייצע. — העי, זוהאַראַ, קום צו נענטער, דאָס איז דער אומעטיקער פאַרשוין...

זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַן אומהיימלעכן בליק, בייז אַ ברום־געטאָן און דערנענטערט זיך צו מיר מיט לאַשטשענדיקע קעצישע טריט. אָט דער איבערגאַנג פון אומהיימלעכן געברום צו לאַשטשענדיקע טריט פול מיט חניפה איז געשען אין איין רגע און דאָס האָט מיך ניכטער געמאַכט. איך האָב

זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און צוגעהאַקט די טיר פון מיין קליין צימערל, פאַרמאַכט דאָס פענצטער און איבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע. פון דער גאַס זענען דערגאַנגען צו מיר הייזעריקע רייד, אַ הילכיק און בייז רופן פון זוהאַראַ און באַלד דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

אַ מידבר־שטילקייט האָט מיך באַהערשט. עס האָט מיר אויף עפּעס באַנג־געטאָן און איך האָב נישט געוווסט אויף וואָס. מיר האָט זיך געדוכט אַז איך ליג אויף שטיינערדיקע דילן און עמעצער באַפעלט מיר צו צעפלעכטן אַ ווונדערשיינעם טעפּעך. איך צעוויקל פאָדעם נאָך פאָדעם און אַ וויסטער ווינט כאַפּט־אויף די פעדעם און טראָגט זיי אַוועק. איך ווייס, אַז ווען כ׳וועל דעם לעצטן פאָדעם אויפוויקלען וועט זיך אַלץ ענדיקן. דאָס וועט זיין דער סוף פון אַלע מיינע חלומות.

צו מאָרגנס האָב איך זיך אַ האַלבן טאָג אַרומגעדרייט איבער די געסלעך. איך בין אַריין צום שערער און געלאָזט אַראָפּנעמען דעם טונקל־ברוינעם האָראָנוווקס פון מיין פּנים. ערשט אַרום מיטאָג בין איך אַוועק צום קליינעם ישוב ווו עס לעבט מיין חבר אבנר. אָנגעשפּאַרט אָן פּאַלמע־שטעקן, האָב איך געשפּרייזט נישט מיט דעם שאָסיי, נאָר מיט די זייטיקע שטעגלעך. איך האָב הנאה געהאַט צו גיין איבער די זאַמדפעלדער, זוכן די פייגל־שפּורן, אויסמיידן די גרין־זילבערנע און בלאָלעך־גרויע פּלאַנצן, וואָס עפענען אין חודש אדר זייערע ליכטיקע קנאָספּן. עס איז גוט צו גיין איבער אַ מידבר וואָס בליט. פון דער וויטנס זע איך דעם וואַסער־טורעם, עטלעכע אויסגעלאָשענע רייטלעכע דעכער, האַרט־גרינע פלעקן פון אָרעמע סעדער. וואָס נענטער צום דערפל, אַלס טרויעריקער זענען געוואָרן די פעלדער. איך האָב זיך אָפּט אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די פאַרוועלקטע פעלדער מיט די סימנים פון טראַקטאָר־רעדער. אַ קרענקלעך פעלד אַזוי ווי פאַרשאָטן מיט זשאַווערשטויב.

עס האָט שוין געטונקלט ווען איך בין געקומען צו אבנרס שוועלן. מען האָט מיך דאָ אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. איך האָב געטרונקען די קאַווע וואָס חאַמדה האָט מיר צוגעטראָגן און עס איז מיר מיט איין מאָל גוט געוואָרן.

דאָס געוויין פון קינד אין וויגל האָט מיך פאַרהיימישט מיט חאַמדהן און איך האָב געקוקט אויף איר מיט אַ לויטער האַרץ, אָן שום צומיש פון תאווה.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי מיך געפרעגט. — זעסט אויס מיד און קראַנק.

זי האָט אַרויסגענומען פון שאַנק אַ פּאָר אויסגעפּרעסטע כאַקענע הויזן און אַ ווייס העמד און אַוועקגעלייגט לעבן מיר.

— וואַש זיך און וואַרף אַראָפּ דיינע קליידער. מיר וועלן גיין אין חדר־האוכל.

עס האָט מיר פּאַרקלעמט ביים האַלדז און איך האָב זיך געשטיקט מיט טרערן. און אַז חאמדה האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעטעלע בין איך אַרויס פון חדר. איך האָב זיך דערמאָנט יענע טעג אין ירושלים, ווען אבנר האָט דורכגעבראָכן די אַראַבישע בלאָקאַדע. דעמאָלט האָט ער דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט חאמדהן. ער איז געקומען מיט איר אין מיין אָרעם סטודענטיש צימערל און מיר זענען געזעסן אויף מיין אייזערנעם בעט. „וועל איך גליקלעך זיין מיט דער שוואַרצהאָריקער פון עדן?" — האָט ער מיך געפרעגט. „יאָ" — האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז דעמאָלט געשטאַנען ווי אַ געפּאַנגענע הירשיק, אַ לויערנדיקע ביי מיין שוועל און נישט געקענט פאַרשטיין זיינע רייד, וועלכע ער האָט צו מיר גערעדט אויף יידיש. נאָר אין מיין „יאָ" האָט זי דערפילט די ליבשאַפט צו אבנרן און זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף מיין אַקסל און געוויינט. „פאַר וואָס וויינסטו?" — האָב איך איר געפרעגט. „פאַר פרייד, וואָס אבנר האָט אַ גוטן חבר". זיי זענען דעמאָלט אַוועק און מער האָב איך זיי דורך די פּאָר יאָר נישט געזען. איצט האָב איך באַגעגנט אבנרן און חאַמדהן אין זייער שטוב.

אין חדר־האוכל איז רעשיק.

ווי נאָר מען האָט אַראָפּגערוימט די בלעכענע כלים פון טיש, אַראָפּגענומען די רעשטן פון מאַלצייט, האָט מען צעשטעלט די בענק.

— וועסט בלייבן אויף דער אסיפה? — האָט חאַמדה מיך געפרעגט. — דאָס איז דער המשך. עס איז א מעשה אָן אַ סוף. מען קען נישט באַשליסן, צי מען זאָל פאַרלאָזן די ערד אָדער נישט.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען אירע רייד.

— פאַרלאָזן? איר ווילט אַוועקגיין פון דאַנען?

— די ערד איז מיט זאַלץ. — האָט געזאָגט אבנר. — האָסט נישט געזען די טרויעריקע פעלדער? דער באָדן איז פול מיט זאַלץ. דער ערשטער אויפשפּראָץ איז גוט, אָבער דערנאָך ווערט אַלץ פאַרוועלקט. עס איז אַ

גאָטס־רחמנות צו זען ווי עס קענען נישט לעבן און קענען נישט שטאַרבן די געוויקסן.

— ערשט איצט האָט איר אַנטדעקט דאָס זאַלץ? — האָב איך אַ דער־שטוינטער געפרעגט.

— דאָס איז שוין קלאָר געווען פון ערשטן טאָג אָן. מיר האָבן געהאָפט אַז זי וועט מילד זיין צו אונדז, די געזאַלצענע ערד, און מיר וועלן זי גע־זונט מאַכן מיטן אַקער.

ער האָט גערעדט שטיל. נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען. איך בין אַריינגעפאַלן אין מיט פון אַ צערודערטן בינשטאָק און נישט באַנומען די אַלע רייד, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר. איך וואָלט אַוועק פון דער אַסיפה צו די פאַרוועלקטע פעלדער, נאָר איך בין מיד געווען און עס האָט מיך געצויגן צו מענטשן.

איך זיץ אַ שטילער און אַן אויסגעלאָשענער און קוק אויף די אומרו־איקע דאָרף־איינוווינער. זיי האָבן זיך פאַמעלעך אויסגעזעצט אַרום די טישן. די מענער האָבן טרויעריקע פנימער. זייערע באַוועגונגען זענען שווערע. איך האָב געזען ווי זיי נעמען אַרויס די פאַפּיראָסן־שאַכטלען מיט וואָרצלדיקע פינגער. זייערע רייד זענען אָפּגעהאַקט און בעתןריידן לאָזן זיי אַראָפּ די ברעמען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זייערע רייד וואַלגערן זיך אויף די טישן ווי שטיקער ראַזעווע ברויט. דער מידבר האָט אַרויפגעצויגן אויף זיי אַ ברוינקייט, אַן אויסגעלאָשענע מיט טונקל־אַנגעדראָלענע אָדערן און דינע ליכטיקע זונקנייטשן ביי די אויגן און די מוילווינקלען. אַז איך קוק לענגאויס די טישן זע איך זייערע קעפּ־טשופּרינעס פון אַן אויסגעלאָשענעם שוואַרץ וואָס איז אַזש פון שוואַרצקייט ברוין געוואָרן. די האָר זענען פאַרוויקלט, פאַרקראַמפּט ווי שעפּסנוואָל און ביי אַ טייל זענען די טשופּרינעס ווי די שטייפע מידבר־גראָזן.

אין אַ ווינקל האָבן זיך צונויפגעדריקט די פרויען. עטלעכע שטריקן. איינע קוקט עקשנותדיק צום נאַכטיקן פענצטער. אַ צווייטע האָט אַריינ־געגומען דעם קאָפּ איןביידע הענט און אָוועקגעלייגט די גרויסע ברוסט אויפן טיש. חאמדה דערציילט זיי עפּעס. מיר דוכט זיך, אַז דאָס רעדט זי וועגן מיר. איך זע ווי יעדעס מאָל בייגט אַן אַנדער פרוי אויס דעם קאָפּ צו דער זייט טיש וווּ איך זיץ.

עמעצער האָט צערוקט אַ באַנק און זיך אויפגעשטעלט. עס איז שטיל געוואָרן. אַ פרוי מיט שפּינדלען אין די הענט האָט זיך פאַרטראַכט און געזוכט

עמעצנס בליק צווישן די מענער. אַ קינד האָט זיך געוויגט אויף דער הוידנדיקער טיר. פון שטאָלהויף טראָגט זיך אַן אייזל־געוויין. איך דער־קען אין אַלעמענס פּנימער גלייכגילט ווי זיי וואָלטן שוין פון פריער־אויס געוווּסט וואָס עס וועט זאָגן דער מענטש וואָס שטייט אויבן־אָן. איך האָב דערפילט ווי עס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַן אומגעדולד. מיר איז אייג־געפאַלן: ווען ער שטייט אַזוי אַ שווייגנדיקער, מיטן באַלויכטענעם קאָפּ פון דער אייבערשטער לאָמפּ, וואָלטן אַלע אים דאַנקבאַר געווען. און אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שעפּטשעריי, ווי אַ ווינט וואָלט אַרומגעכאַפּט אַ פעלד מיט טרוקענע, נידעריקע גראָזן.

איך האָב אין זיינע רייד דערפילט דעם טעם פון זאַלץ. איך האָב פאַר־שטעלט מיט דער האַנטפלאַך מיין פּנים און געשפּירט אויף דער צונג ברעקלעך קרישטאָל זאַלץ.

—...די אייבערשטע ערד איז פרוכטבאַר. די פלאַנצן גייען־אויף גע־זונטע און שיינע. דאָס איז אַ זעלטענע בליאונג ווי די ערד וואָלט באַגיטיקט געוואָרן מיט שטאָלמיסט, אַ גאָט־געבענטשטע גרינקייט, און מיט אַ מאָל איז עס געקומען ווי אַ קללה, אַט דער זשאַווער־טוי. איך בין געשטאַנען אויף די קני און געקוקט אויף די ווייך־אַרויסשפּראָצן. צו ערשט זענען פאַרדאַרבן געוואָרן די שפּיצן — אַ געלקייט, גרויס ווי אַ פּינטל האָט זיך באַוויזן אויפן דריטן טאָג, דערנאָך זענען די פעלדער פאַרצויגן געוואָרן מיט זשאַווער. דער אַגראָנאָם האָט נישט באַנומען פון וואַנען עס קומט די פאַרדאַרבעניש. איך האָב אָבער אַנטדעקט.

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ טיכל און אַרויסגעוויקלט פון דאָרט אַ פאַרוועלקטע פלאַנץ צוזאַמען מיט שטיקלעך וואָרצלערד.

— זיי האָבן נאָר געפּאַרשט די אייבערשטע ערדשיכט. דאָס זאַלץ איז אָבער אַראָפּגעזונקען. ווי נאָר די וויצוואָרצלען דערגרייכן צום זאַלצשיכט — וועלקן זיי. איר קענט שפּירן דעם זאַלץ־טעם מיט די ליפּן. פּרוּווט. פאַרזוכט די ערד. זעט ווי פאַרדאַרבן זי איז. עס וועט נישט העלפן דער טיפער אַקער. דאָס זאַלץ פאַרשווינדט נישט פון די רעגנס, עס נידערט נאָר אַראָפּ. אַ האַרטער ערד־מאַסיוו, אויסגעמישט מיט ליים און שטיין זאַמלט די זאַלצן... רבותי! — האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים — די דאָזיקע ערד שפּרייט זיך צענדליקער מייל אַרום אונדז. דאָ איז אַמאָל גע־ווען דאָס געלעגער פון אַ ים. אָדער, די ים־נעפּלען און ווינטן האָבן אָנגעט־ראָגן דאָס זאַלץ און עס האָט זיך דאָ אָפּגעזעצט. מען דאַרף איבעררוקן

אונדזער דאַרף אויף 30 מייל ווייטער. פילט איר נישט ווי דאָס זאַלץ האָט דורכגענומען אונדזערע גופים, זאַלץ־מענטשן זענען מיר געוואָרן. אונדזערע רייד זענען זאַלציק, אונדזער פרייד איז אויסגעמישט מיט דעם טעם פון זאַלץ. מיר זענען פאַרשטויסן געוואָרן אין דער וועלט פון זאַלץ און אָטעמען מיט אַ זאַלצאָטעם.

אַז ער האָט געענדיקט רעדן איז אויסגעבראָכן אַ רעש. עטלעכע האָבן זיך אויפגעשטעלט און הויך געשריען. די פרויען זענען אומרואיק געוואָרן. איך האָב געוואָלט אויפנעמען די געשרייען און די שטילע רייד און נישט געקענט. ערשט ווען עס איז שטיל געוואָרן האָט זיך אויפגעשטעלט אבנר.

— ווער עס וויל אַוועקגיין פון דער ערד קען גיין. ער דאַרף נישט אונדזער הסכמה. פאַר וואָס וויל ער אַז אַלע זאָלן נאָכטאָן זיין ביישפיל? איך ווייס פאַר וואָס! ווייל ער ווייס, אַז דאָס איז פּחדנות. איין סאָלדאַט, אויב ער טרעט צוריק, איז ער אַ פּחדן, אַ דעזערטיר, און אַז דער פאָלק טרעט צוריק איז עס נישט קיין פּחדנות. עס איז לייכטער אָפּצוטרעטן מיט אַלעמען. זאָלן מיר אויפגעבן די היימען, וווּ אונדזערע קינדער זענען געבוירן געוואָרן? ער וויל פאַרדעקן זיין אייגענע שוואַכקייט מיט אונדז. איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק. דאָס זאָג איך צום לעצטן מאָל און דער גרעסטער ערד־מומחה וועט מיך נישט איבעררעדן. דאָ, וווּ עס ווערן געבוירן קינדער, דאָ קען געדייען ברויט!

דער טומל איז געוואָרן נאָך רעשיקער. איך האָב געזען ווי חאַמדה האָט אָנגענומען אבנרן פאַרן האַנט. זי האָט גערופן צום ערדאַקערער, וואָס איז באַליידיקט געווען פון אבנרס שאַרפע רייד.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער פּאַסטעך. איך האָב אים גלייך דערקענט, ווייל ווען איך בין אָנגעקומען צום וואַסער־טורעם האָט ער מיר געוויזן דעם קירצסטן וועג צו אבנרס שטוב. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און כ'האָב דערפילט אַ ריח פון קי און מילך, אַזאַ זיס־האָניקדיקער און גלייכצייטיק טערפּקער.

אבנר האָט געזאָגט:

— אָט איז יהודה. פרעגט אים, וועט ער אייך זאָגן וועגן דער פּאַשע, וועגן די פעלדער. דווקא דאָס זאַלץ איז אַ ברכה פאַר די פי. ווי לאָזט מען עס אויף הפקר אַזאַ שטיק לאַנד? און וואָס וועט זיין אַז אויך דאָס נייע אָרט וועט מיט דער צייט פאַרדאָרבן ווערן פון עפּעס אַ פּעסט? וועלן

מיר ווידער וואַנדערן? ציגיינער זאָלן מיר ווערן אויף אונדזער אייגענער ערד? עס וועלן אויפקומען ווייצפעלדער! די ערד וועט גוט זיין צו אונדז! נאָך אַ מאָל אַקערן. נאָך יעדן אַקער לייטערט זיך די ערד. דאָס איז באַוויזן געוואָרן. דאָס לאַנד וועט אונדז העלפן.

אַ יונגער מיט קליינע, שוואַרצע וואָנצעס און פאַרקאַשערטע אַרבל האָט אויסגערופן:

— מוחל דאָס רחמנות־ברויט. איך וויל נישט זיין קיין גיבור און ראַנגלען זיך מיט גאָטס גזר. מיט די מידבר־גייער יאָ, אָבער נישט מיט די הימלען. אַוועקגיין איז ביי איך פּחדנות, בלייבן איז אויך פּחדנות. איז וואָס טוט מען?

די פּרויען האָבן זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך. זיי האָבן גערעדט שטיל און קיינער האָט זיי נישט געהערט.

נישט ווייט פון מיר איז געזעסן אַ שטאָטיש־געקליידטער און נערוועז געפּויקט מיט אַ פינגער אין טיש.

— פאַר וואָס שוויגסטו? — האָט אים געפרעגט חאמדה.

דער מענטש האָט געזוכט אין די טאַשן און לסוף אַרויסגענומען די ברילן, געווישט זיי און בשום אופן נישט געקענט אָנטאָן.

— דאָס איז אייער ערד און איר אַליין דאַרפט באַשליסן.

עמעצער האָט אים איבערגעריסן. דאָס איז געווען אַ פּרויען־שטים:

— גענוג מיט די אַרויסדרייעניש. — זאָגט אָפן — יאָ, אָדער ניין! דער אַגראָנאָם האָט געשטאַמלט.

איך האָב געזען די שפּאָטישע בליקן וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין אַ גוטמוטיק רחמנות־געפיל צום מענטשן פון מרכז. עמעצער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין האַנט. אַ פאַרהאָרעוועטע האַנט. דאָס פּנים איז צעפּאַטשט פון מידבר־ווינטן, אויסגעטריקנט פון חאַמסינען.

— וואָס טראַכטסטו פרעמדער?

דאָס זענען הייזעריקע רייד. איך פיל אין זיי וואַרעמקייט און נייגער.

— וואָס איך טראַכט זאָל איך דיר זאָגן? האָב איך דען אַ רעכט צו זאָגן עפּעס וועגן אייער ערד? ווער בין איך דען פאַר איך? אַ פרעמדער, אַ נע־ונדניק מיט אַ פּאַלמע־שטעקן, אַ ווינט אין פעלד.

און איך האָב זיך ווידער דערמאָנט אין אירע רייד ערב דער שיידונג. ניין, האָב איך גערעדט צו זיך. איך בין דאָך אַ טייל פון דער דאָזיקער ערד און בין פאַרקנאַטן מיט איר זאַלץ.

— חברים, אויב איר וועט נישט בייז זיין וויל איך עפּעס זאָגן.

מיין קול האָט געקלונגען פרעמד. אבנר האָט זיך צעשמייכלט און געמאַכט צו מיר צייכנס אַז איך זאָל זיך זעצן און שווייגן. עס איז אָבער געוואָרן אויסטערליש שטיל און די שטילקייט האָט שוין געמאָנט ביי מיר רייד. די ערשטע ווערטער מיינע זענען צעשוווּמען געוואָרן אין אַ רויך־נעפּל.

— איך בין אבנרס גאַסט. איך האָב אין שטאָט, אין דרום־פערטל, פיר וועגט און דאָך האָב איך נישט קיין היים...

— פאַרטיידיק זיך נישט, רעד! — האָט אויסגערופן מיין שכן מיט דער הייזעריקער שטים. — מעגסט רעדן! האָסט רעכט אַזוי ווי דער באַ־ברילטער!

— איך האָב מיט איין מאָל אָפּגעטרייסלט די פרעמדקייט און אויסגע־גלייכט דעם רוקן.

— איינער האָט גערעדט וועגן פאַרלאָזן די ערד און דער צווייטער רופט צו בלייבן איר געטריי, ראַנגלען זיך מיט איר, באַאַרבעטן אַזוי לאַנג ביז מען וועט זי בייקומען. איך זאָג איך: גייט נישט אַוועק. עס איז נישטאָ וווהין! דאָ האָט איר זאַלץ און אויף אַ ניי אָרט וועט קומען אַן אַנדער צרה. דאָס זאַלץ פון דער ערד איז שוין אַריין אין אייער בלוט און ווו איר וועט נישט זיין וועט איר פילן דעם זאַלץ־טעם. דאָס לעבן איז פול מיט טרויער. איר זענט אויסגעלייזט געוואָרן פון טרויער דורך דער זאַלצערד. איר וואָלט איצט געזעסן מידע, טרויעריקע און אויסגעלאָשענע נאָכן טאָג אַרבעט אויף גוטע פרוכטיקע ערד. איר ווייסט נישט וויפל נישטיקע זאָרגן וואָלטן פאַרקנופּט אייער לעבן. אייערע שעהען זענען געשפּאַנט, זיי זענען אויסגעפּולט מיט אַ ווילן צו מאַכן די ערד ריינער. נעמט אַן גאָטס יצירה אַזאַ ווי זי איז. מען קען לעבן אין אַ זאַלץ־וועלט און גליקלעך זיין...

איך האָב פּלוצעם דערהערט אַ פאַרשטיקט לאַכן און איך האָב אויס־געשריען מיט כעס:

— איך קען מענטשן וואָס זייערע טרערן פון אַן איינמאָליק געוויין זענען איינגעזאַפּט געוואָרן דורך די הויטן און זיי שפּירן תמיד די זאַלצי־קייט פון יענעם געוויין. וועלן זיי אַנטלויפן פון זייער אייגענעם פּנים? ווער זאָגט עס, אַז דאָס לעבן דאַרף זיין אָן אַ טעם? איר וואָלט פאַרדאַרבן גע־וואָרן פון לייכטזין! איר וואָלט פאַרנאַרישט געוואָרן ווי די שאָף! איר וואָלט נישט געפילט דעם טעם פון קאָרענעם ברויט! איר וואָלט פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין ליים וואָס מען קנעט דערפון אויס קרוגן. נעמט אָן גאָטס באַשאַפונג אַזוי ווי זי איז, ווייל דאָס איז דער גורל פון מענטש. אָן מרידה. מיט שטילקייט און גלויבן! איר וועט נישט אַפּוואַשן דאָס זאַלץ פון אייער ערד. דאָס איז איינערדעניש. מיט יאָרן שפּעטער וועט סיי־ווי די וועלט ווערן אַזוי ווי זי איז געווען אין זיבעטן טאָג פון גאָטס באַשאַף. לאָזט שפּראָצן די גראָזן ווי גאָטס האַנט האָט זיי געפלאַנצט און אייערע שאָף און רינדער וועלן זיך מערן. טריקנט דער פייגנבוים, זאָל ער טריקע־נען. פלאַנצט דעם טייטל. גאָט וויל מסתמא דעם וויגנדיקן שלאַנקן שאָטן פון די טייטל־פּאַלמעס. גייט נישט קעגן דער ערד. מיט הכנעה, מיט שטיל־קייט און מיט ליבשאַפט זאָלט איר אויף איר טרעטן. רייסט נישט־אויף איר אינגעווייד, מיסטיקט נישט מיט פאַלש מיסט, נאָר מיט דעם אָפּפאַל פון אייער פי. פאַר וואָס האָט יעדער פון אונדז צוגעפּאַסט זיין לעבן צו דעם זאַלץ פון אונדזערע טרויעריקע טעג? וויפל הכנעה ווייזט איר אַרויס צו די וואָס איר באַגעגנט? וויפל מאָל שעפּטשען אייערע ליפּן פאַלש־העפלע־כע רייד? איר טראָגט אויף זיך דעם כאָמעט וואָס מען האָט אָנגעהאָנגען אויף אייך און איר ווילט אים אַפילו נישט אויסטאָן! איך האָב אים אַראָפּ־געשליידערט פון זיך...

די שטילקייט איז געוואָרן נאָך טיפער. איך האָב געהערט אַ שווער עטעמען. כ'האָב זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און געזוכט אבנרס בליק.

— בין איך דען גליקלעך מיט דעם צעריסענעם געשפּאַן מיינעם? איך האָב פאַרלאָזט מיין געזאַלצענע ערד. איך בין אַוועק פון איר. איך האָב דערשפּירט דעם רויען טעם פון איר פרוכט. זי האָט מיך געשראָקן מיט דער פרעמדקייט, מיט דעם תהום וואָס איך האָב דערזען. און וואָס איז געוואָרן פון מיר? אַ נע־ונדניק! איך געפין נישט קיין רו. פריער זענען מיינע טעג געווען אויסגעפּולט מיט ליבשאַפט, מיט שינאה, מיט פּאַרדראָס, מיט פאַרדאַכט, מיט אייפערזוכט, מיט כעס און מיט תאווה. דאָס זענען גע־ווען די פולסטע טעג פון מיין לעבן. און איצט? איך בין אַ פאַרלאָשענער מענטש. אין מיין לעבן וועט שוין גאָרנישט געשען. קיינער וואַרט נישט אויף מיר. איך דאַרף גאָרנישט. מיינע טעג פאַרגייען איידער זיי זענען נאָך אויפגעגאַנגען און איך קען נישט אונטערשיידן איין טאָג פון צווייטן. ווי גראָע שאָף זענען זיי אויף מיינע אויסגעלאָשענע טרויעריקע אָוונט־פעלדער.

אבנר איז צוגעקומען צו מיר און מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— קום. עס ווערט מיר אַזוי טרויעריק אַז כ'וויל וויינען הערנדיק דיינע רייד.

איך האָב אָבער נישט געקענט איינהאַלטן מיין שטראָם רייד.

די מענטשן גייען פאַרשאַטנטע אַוועק. צוויי פרויען זענען צוגעקומען צו מיר.

— און איך זאָג אייך, בלייבט דאָ! — האָב איך צו זיי גערעדט. — איך וועל צו אייך קומען. איך וועל זי אויפזוכן און רעדן שטילע רייד: „קום מיט מיר אין דעם יישוב אויף די זאַלצפעלדער, וואָרעם סיי־ווי האָט דאָס זאַלץ אויסגעמישט זיך מיט אונדזער בלוט. מיר וועלן דאָרט גליקלעך זיין. איך בין האַרב געוועזן צו דיר און איצט בעט איך דיין גענאָד".

ווען איך האָב געענדיקט איז שוין קיינער נישט געווען אין חדר־האוכל, נאָר אבנר האָט געוואַרט אויף מיר ביי דער שוועל.

די נאַכט איז אויסגעשטערנט. מיר גייען געאָרעמטע. אבנר שווייגט. פאַר וואָס ביסטו שטיל, דו גוטער חבר מיינער?

— וואָס איז געוואָרן פון דיר?

דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פראַגע נאָר אַן אויסדרוק פון צער און מיטלייד.

— שטאַרק זיך.

איך האָב זיך באַפרייט פון זיין אָרעם.

— פאַר וואָס באַנעמסטו נישט מיינע פשוטע רייד. יעדער פון אונדז איז אַ קנעכט צו נישטיקייטן, צו אומווערדיקע מענטשן, נאָר מיט גאָטס באַשאַף ווילט איר זיך פאַרמעסטן. הכנעה צום וואָרעם, אָבער נישט צו דער ערד? בייגט זיך נידעריק צו איר, פאַלט אויף די קני, ווייל הייליק איז זי וואָס דולדעט אייך! איר זאַפּט אין זיך איין אַלערליי סמען, איר עטעמט מיט גיפט און טונקט אייערע הענט אין פאַרדאַרבעניש, איר קנוילט זיך צו־נויף לייב צו לייב אין אומריינקייט און שוויס, איר הילט זיך איין אין רויך פון ציגאַרן, אין דעמפּיקע וויין־קעלערס, אין שימל, אין אָפּפאַל, נאָר דאָס זאַלץ פון דער ערד, דאָס קרישטאָלענע זאַלץ וואָס טראָגט אייך היי־לונג טויג נישט פאַר אייך!

חאמדה האָט פאַרבראָכן די הענט.

איך האָב געזען טרערן אין אירע אויגן. איך ווייס אַז די טרערן האָב איך אַרויסגערופן. זי באַדויערט מיך. איצט האָב איך רחמנות נישט נאָר אויף זיך נאָר אויך אויף חאמדהן.

פאַר וואָס בין איך געקומען צו זיי מיט מיין אומרו און שגעון? פאַר וואָס האָב איך אויפגערודערט זייער היים? פאַר וואָס האָב איך זיך אַזוי צערעדט פאַר די פאַרהאַרעוועטע מענטשן פון דעם מידבר־דאָרף?

איך האָב געוואָלט עפּעס טאָן וואָס זאָל זי באַרויקן און נישט געוווסט וואָס. אפשר דערמאָנען אונדזערע ירושלימער טעג? ניין. דאָס וועט נאָך מער פאַרטיפן די ווונד. איך געדענק נאָך ביז איצט איר וואַרעמען בליק און פיל ביז היינט אָפּ איר הייסן אָטעם אויף מיין אַקסל.

איך שטיי ביים וויגל און קוק אויפן שלאָפנדיקן קינד. אַזאַ ראָזע מילד־קייט, אַזאַ רואיקייט פון אָטעמען. טונקעלע וויעס, גרויסע, שיינע, אַ פּאַר־לאָשן מיילעכל, פולע ליפּן וואָס אין זייער צוקן דערקענט מען דעם חלום זייערן צו די ברוסט־וואַרצלען. עס קומען אָן טרערן און איך וויל זיי פאַרבאָרגן. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזאָגט: — עס איז שוין שפּעט. נאָר מיינע רייד האָבן אויסגעגעבן די טרערן פון די אויגנ־ווינקלען און כאָטש האמדה האָט זיי נישט געזען האָט זי זיי אָבער געפילט.

— טרינק־אויס אַ גלאָז מילך. — האָט זי געזאָגט.

אבער האָט מיר אָנגעוויזן די אייזערנע בעט און פאַרלאָשן דאָס ליכט.

ווי נאָר איך האָב צוגעשלאָסן די אויגן זענען אָנגעשווומען אַלערליי מחשבות. ווידער אַ מאָל האָב איך זי געזען. דאָס מאָל אַזאַ יום־טובדיקע. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ ליכטיק קלייד מיט בלויע בלימלעך. זי גייט איבער אַן אָרעם געסל. אָ איך דערקען שוין ווו דאָס איז. דאָרט בין איך געגאַנגען מיט דעם אומהיימלעכן מענטשן פון באר־שבע. וואָס טוט זי אין דעם געסל? איך גיי איר אומבאַמערקט נאָך און זע אַז זי איז געבליבן שטיין לעבן אַ ציגלדיק הויז. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די זקנה, דערנאָך איז אַרויס דאָס צעשורפּעטע מיידל וואָס האָט מיך אַזוי שפּאָטיש באַטראַכט. די זקנה, דאָס מיידל און זי, מיין געליבטע, סודען זיך. מיט־אַ מאָל האָבן זיך אַלע דריי אויסגעקערעוועט צו מיר און אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן געלעכטער. איך שאַר זיך ביי די ווענט. אַ זקן באַגלייט מיך. ווער ביסטו, אַלטער? פרעג איך. — דערקענסט מיך נישט? איך בין דער ייד פון קאַלקוטאַ. ער פירט מיך. — לאָמיר גיין צו די פעלדער ווו עס שפּרייט זיך דאָס אַש פון ווונדערלעכן מיידל וואָס אַ יונגער גאָט האָט באַשלאָפן און דערנאָך פאַרברענט מיט זיין געטלעכן אָטעם. דער זקן פירט מיך איבער פעלדער, איבער פעלדזן, מיר נידערן צו טאָלן. אַ וואָלקן שווימט אָן און פון וואָלקן אַרויס באַווייזט זיך דער יונגער גאָט און ער ני־

דערט צו דער ערד. ער פֿאַלט צו מיטן פּנים צו יעדעס בערגל, צו יעדן פֿעלדז און זאַמלט צונויף דאָס אַש פֿון דער וווּנדערלעכער וואָס ער האָט פֿאַרצערט. שוין אַזוי גאַנצע דורות ווי ער נידערט פֿון די הימלען און זאַמלט דאָס אַש. ער זאַמלט עס צונויף נישט ווייט פֿון ליכטיקן חרמון. עס וועט לאַנג נישט דויערן און ווען אַלע אַש־שטויבלעך וועלן דורך אים צונויפֿגעקליבן ווערן, וועט ער מיט זיין אָטעם אַריינהויכן לעבן און זי וועט ווידער אויפֿשטיין. זי וועט זיין נאָך שענער. אין די ריחות פֿון די בליענדיקע פֿעלדער און אין דעם פֿייגל־געזאַנג פֿיל איך, אַז זי וועט זיך ווידער באַווייזן אויף אונדזער ערד.

דער אַלטער שעפּטשעט צו מיר: — און וויסן זאָלסטו, אַז ווי נאָר זי וועט אויפֿשטיין אַ באַנייטע פֿון אַש, וועט דער גאָט, וואָס איז פֿול מיט גלוסטונג, ווידער שליידערן זי אויף דעם מידבר־געלעגער און זי פֿאַר־ברענען מיט זיין אָטעם. — — —

פֿאַר טאָג האָב איך פֿאַרלאָזט אבנרס הויז.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל בין איך צוריקגעקו־מען קיין באר־שבע. איך האָב גענומען מיין רענצל, וואָס איז געבליבן אין האָטעל־צימערל. איך וואַרט אויף אַ דזשיפּ, וואָס זאָל מיך פֿירן אין שטאָט אַריין.

איך קוק אויף די פֿאַרזשאַווערטע אייזערנע טישלעך פֿון קאַפֿע. אַ בעדואינער גייט פּאַמעלעך און זיין שאָטן איז אַ יונג באַרוועס מיידל. צו אַן אָפּגעשיילטן טויטן שטאַם איז צוגעקנופּט אַן אייזל.

דער ראַדיאָ־הילכער ברומט אויס אַ וויינענדיק מידבר־ברומעריי.

ווען די באַרוועסע בעדואינערין איז פֿאַרבייגעגאַנגען האָב איך גע־זען ווי איר אָטעם דעקט־אויף די פֿאַראַנדזשאַ און עס אַנטפּלעקן זיך פֿאַר מיר גרויסע אויגן, שוואַרצע, גליאיקע, מיט בלאַנקענדיקע ווייסלען און פֿייכטע ליפּן, אָנגעגאָסענע ווי די צייטיקע, געפּלאַצטע מילגרוימען, איר שלאַנקער קערפּער האָט זיך אַ וויג־געטאָן צום ריטעם פֿון מידבר־געוויין.

איך האָב זי לאַנג באַגלייט מיט מיין בליק. און אַז זי איז נעלם גע־וואָרן איז מיך ווידער באַפֿאַלן דער אַלטער טרויער. איך האָב צעשפּרייט מיינע אָרעמס. זאָל זי קומען. עס איז מיר נישט קיין אונטערשיד ווער. זאָל עס זיין די, וואָס איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר איר פֿאַרטונקלטן נעכטן

אָדער די וואָס האָט מיך אָפּגעמאָסטן נאָך האַלבער נאַכט אין ליקל מיט אַ שפּאָטישן בליק. אפשר וועט דאָס זיין די בעדואינערין, וואָס וועט אין איינע פון די נעכט אַנטלויפן פון מידבר־געצעלט צום מאַרק פון די דינסטן אין יענעם שטאָט־געסל, ווו איך ווין און דאָרט וועל איך זי באַגעגענען.

איך בין גרייט פאַר אייך, ווייל איר זענט דאָס זאַלץ פון מיין גוטער און טרויעריקער ערד.

דער אַלטער שאַקאַל

אלי בן־קאַרדון איז געזעסן אין שאָטן פון קאַקטוסצוים. עס איז געווען האַלבער טאָג. אַ שאַקאַל האָט זיך דורכגעשליכט אַזוי ווי אַ שאָטן דורך דעם אויסגייענדיקן פרדס. וואָס טרייבט דעם אַלטן שאַקאַל פון זיין טאָג־באַהעלטעניש? דאָס זאַמדיקע געסל איז איצט פוסט. מען זעט נישט קיין צייכן פון מענטשישע טריט אין זאַמד. אַ מיטנאַכטיקער ווינט האָט גע־קאַרבט די לעצטע שפורן און זיי באַשאָטן מיט זילבערנעם געוויקסן־שטויב.

עס איז די צייט צו עסן דאָס אָרעמע מאָלצייט. קאַרדון האָט געעפנט אַ קליין קיישל געפלאָכטן פון פאַלמע־בלעטער און אויסגעשפרייט אויפן סאַב־רע־אָפּפאַל אַ גרוי טישטעכל. אין קיישל זענען געלעגן עטלעכע גרינע פלעש־לעך מיט היימיש־געמאַכטע איילן, מיט רפואות און צעשטויסענע וואָרצ־לען פון איילבירט־ביימער, אויסגעמישטע און צעקנאָטענע מיט בלוט פון געשאָכטענע אָדלערס. ער האָט צעוויקלט אַ לייוונטל און אַ שמעק־געטאַן צו די אויסגעטריקנטע בלעטער פון באַרגגעוויקסן. זיי שטאַמען נאָך פון זיין וויטן דאָרף אין איראַק, ווו עס לעבן די קורדישע שבטים. וואָס וועט זיין אַז די געוויקסן וועלן אים אויסגיין? ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גע־זוכט דעם מיזרח־האָריזאָנט. ניין, מען קען נישט זען פון דאַנען די הרי־יהודה. דער שטאַרבנדיקער פרדס פאַרשטעלט די באַרגווייטן. פון מעטשעט־בערגל זעט מען גוט די בערג. דאָרט וואַקסן אוודאי די פלאַנצן.

ער האָט צונויפגעלייגטביידע הענט, האַנטפלאַך צו האַנטפלאַך, און גע־מאַכט אַ ברכה איבער אַ פּיתה. זי איז געווען פון קאַרנמעל, ברוין, געשטופּלט מיטן שפּיץ פון זיין שאַרף מעסער. ער האָט זי געבאַקן אויף די אָנגעגליטע שטיינער פאַר טאָג, נישט ווייט פון זיין ליימען שטיבל אין דאָרף סאַלאַמע.

ווער האָט פאַרטריבן דעם אַלטן שאַקאַל פון זיין טאָג־באַהעלטעניש?

— האָט ער זיך ווידער געפרעגט. איך ווייס. אַ שלאַנג. אַ ברוין־קופּערנע, אַ שימערירנדיקע שלאַנג! זי האָט אַ בלענד געטאָן אין זונליכט מיט איר

גלאַטיקן רוקן און דער טאָג איז ווי דורכגעשטאָכן געוואָרן מיטן געציש פון איר גיפּטצונג. כאַ־כאַ־כאַ.

בן־קאַרדון האָט געלאַכט מיט ביטערניש. דאָס פּנים געקנייטשט ווי אַ פייג אַ פאַראַיאָריקע, די הענט לאַנג, אויסגעטריקנט און די פינגער, ווי די געלע אָדערן פון פאַלמע־בלעטער, האָבן ווי מיטגעלאַכט און אַז ער האָט איינגעביסן דאָס ברויטפלעצל און דערשפירט אויף דעם גומען די שטע־כיקייט פון די רייפע סאַברע־פּירות האָט ער אָנגעהויבן וויסט צו שעלטן זיך אַליין, דעם אַלטן גרויען קאָפּ זיינעם, וואָס שטאַמט אוודאי אָפּ פון אַ חמור, וואָרעם „וואָס פאַרא טיוול האָט מיך צוגערעדט צו זעצן זיך אונטער אַ סאַברע־קוסט ווען די רויטע פרוכט איז שוין צייטיק?” די שטעכיקע זילבער־הערעלעך פון דער פּירה טראָגן זיך אַרום אין דער לופט ביי יעדן מינדסטן ווינטל און פאַרהעקלען זיך אין דיין הויט, אין גומען און דאָס שטעכעניש האַלט אָן טעג גאַנצע. ווער האָט אים דעמאָלט צוגערעדט צו נעמען פאַר אַ ווייב די ווילדע גמליאלה פון דעם קורדישן דאָרף? דאָס איז זיכער געווען דער שטן! פאַר וואָס האָט ער זי געבראַכט אין דעם לאַנד אַרייַן, אַז זי זאָל פון אים אַנטלויפן? אַ שלאַנג האָט אַרויסגעטריבן דעם אַלטן שאַקאַל. די שלאַנג איז זיין ווייב און ער איז דער נישטיקער שאַקאַל. דאָרט האָט מען אים געקענט אין אַלע קורדישע דערפער. ער האָט זיינע קענטענישן געירשנט פון די אבות: אַ וואַנדערנדיקער רופא. ער האָט געשניטן הינעראויגן פון די פיס. אויסגעהיילט די טראַכאָמע־קראַנקע. געלאָשן די היץ פון פאָקן מיט שמירעכצער. ער האָט ווי מיט כישוף איינ־געשטילט דעם ווייטיק אין די רוקנס, אַוועקגענומען די געשווילעכצער פון ווייבערשע פיס און עס זענען נעלם געוואָרן די אָנגעדראָלענע אָדערן. אַ מטמון מיט געלט האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר דער שלאַנג. ער איז געווען זיכער אַז אויף די עלטערע יאָרן וועט ער רואיק לעבן אין הייליקן לאַנד. זי וועט פאַרדינען ביי מאַכן „ספּאַנדזשע” און ער וועט זיצן געמיטלעך אין קליינעם הייפל און וואַרטן אויף איר אין די פאַרנאַכטן. ער וועט זיך אַראָפּ־כאַפּן אין שטאָט אַריין און מיטנעמען אַ קיישל ירקות פון קליינעם גערטנדל — און אַזוי וועט ער אויסלעבן זיינע יאָרן ווי גאָט האָט געבאָטן. איז די וועלט אָבער איבערגעקערט געוואָרן. ווען זי איז געקומען נעמען איר קיישל האָט זי אים געוואָרפן די חתונה־קליידער די גאָלד געהאַפטענע, אויף אַ רויטן געוואַנט, באַהאַנגענע מיט קליינע זילבער־מטבעות. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. איז זי חס־וחלילה אַראָפּ פון זינען? ערשט

ווען אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרץ־האָריקער יונג און דראָענ־דיק געוואָרט ביז די חצופה וועט צונויפנעמען די זאַכן, האָט זיך דער אַל־טער געכאַפּט וואָס דאָ געשעט. „אתה אבא שלה, זקן?" האָט דער יונג גע־פרעגט מיט שפּאָט. גמליאלה האָט געשוויגן טעמפּ און פאַרעקשנט. זי האָט די אויגן נישט אויפגעהויבן צו אים. „לך לך!" — האָט ער געשריגן און געדראָט מיט אַ פויסט.

אויפן דריטן טאָג נאָך איר אַוועקגיין האָט ער אָפּגערוקט פון הינטער דעם אייזערנעם בעטל אַ הילצערן קעסטל וווּ עס זענען געלעגן זיינע רופא־מכשירים און די קרייטעכצער.

— „איך הייל אויס געשווילעכצער פון פיס, שנייד־אונטער הינער־אויגן און ווי מיט כישוף ווערן נעלם די אָנגעדראָלענע אָדערן"...

בן־קאַרדון וואַנדערט אַרום איבער די אַמאָליקע אַראַבישע דערפער וואָס שפּרייטן זיך מיזרחדיק פון תל־אביב העט אַזש ביז לוד און רמלה.

זיין העברעיש איז געמישט מיט אַראַביש און מיט קורדיש. די ווייבער פאַרשטייען אים נישט. ערשט ווען ער עפנט דאָס קיישל און וויזט זיינע שמירעכצער, זיין בלאַנקענדיק שאַרף מעסער וואָס שניידט הינעראויגן פון די פינגער אָן וויטיק, די שמעקנדיקע זאַלבן, שמייכלט מען צו אים היימיש.

די הייף זענען פוסט. אין די קיכלעך פאַרן זיך די ווייבער ביי די נאַפּטאויוועלעך. זיי זענען גוט צו אים. מען טראָגט אים אַרויס אַ קאַלטן טרונק וואַסער.

מיט די אשכנזישע ווייבער קען ער זיך נישט דורכשמועסן. גראָד זיי געפעלן אים. נעכטן האָט איינע אַוועקגעזעצט זיך אויף אַן אַלטער אַראַבישער סאָפע, אויפגעהויבן דאָס געל־געבלימטע קלייד ביז די קני און אים געוויזן דעם אָדערן־געקניפּ אויף די פיס. מיט די לאַנגע געל־ביינער־דיקע פינגער האָט בן־קאַרדון באַרירט די אָנגעדראָלענע אָדערן, ער האָט געפירט זיין קליינעם, אויסגעקרימטן פינגער איבער די האַרטע הויטאָנ־וווקסן נידעריקער פון קנעכל און עפּעס געברומט. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פאָדלאָגע, צעעפנט זיין זאַלבן־קעסטל. עטלעכע מאָל האָט ער געזוכט איר בליק. זי האָט געקוקט אויף דעם פאַרשטויבטן ציפּרעס, און דער פאַרבאָרגענער תענוג בעת ער האָט געזאַלבט אירע פיסאָדערן איז אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דעם געציטער פון אירע ליפּן. זי איז געווען ברייט אין געזעס, שווערע היפּטן האָבן זיך ריטמיש באַוועגט און די ווייכקייט פון דעם נאַקעטן אָרעם האָט אים געמאַכט מיד. אלי בן־

קאַרדון האָט צוגעגרייט אַ ברייט־צעעפנט מויל, אַ שמייכלדיקס און מיט איין מאָל אויפגעהויבן זיין קאָפּ. דאָס מויל האָט אַ ליכטיק געטאָן מיט די גרויסע ציין ווי די אָנגעגאָסענע טייטלען. זי האָט צוריקגעשמייכלט.

דאָס איז נישט עפּעס אַן אַראַבערין, אַ יהודיה איז זי. ווען זי וויל ווערן זיין ווייב. ער וואָלט טעג גאַנצע געלעגן ביי אירע פיס. ער וואָלט זיין גאַנצע הכנעה איר אַוועקגעשאָנקען — אָט אָ די הכנעה וואָס ער האָט זי איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך, וואָרעם צווישן קריגערישע שבטים אַראַבישע איז ער דערצויגן געוואָרן. האָט זי אַ מאַן? ער וועט זיך דאָס היינט דערוויסן. פאַר וואָס האָט זי אים אַריינגעבעטן אין איר שטוב? אַנדערע פרויען פאַרדעקן די פּנימער מיט טונקעלע טיכער, זיי רופן די שכנישע ווייבער, זיי לאָזן זיך קיין מאָל נישט היילן ווען עס איז עמעצער נישטאָ דערביי פון דער משפּחה.

קאַרדון איז געבליבן שטיין ביים קאַקטוסבוים. אפשר איבערוואַרטן נאָך אַ טאָג? עס איז נישט גוט דאָס איילן זיך. ער האָט געוואָלט צוריקגיין, נאָר קעגן זיין ווילן איז ער געגאַנגען צום הויז פון דער פרוי. ער האָט נאָך דערקענט זיינע אָפּדרוקן אין זאַמד וואָס ער האָט דאָ נעכטן געמאַכט. אויב זי איז אַליין אין הייפל איז עס אַ צייכן אַז זי האָט נישט קיין מאַן. אויב די סאָווע וועט אַ רוף־טאָן איז עס אַ סימן אַז ער דאַרף איבערטרעטן די שוועל און איר אַנטקעגנגעטראָגן דעם „שלום״. עס וועט זיין מזלדיק. זיינע טריט זענען געוואָרן פאַמעלעכע. אָט איז שוין דער בלינדער מויער, אָט הערט מען שוין דאָס קוואַקען פון די הינער אין איר הויף. נאָך צען שפּאַן. און מיט אַ מאָל איז געקומען דאָס פאַרדעמפטע סאָווע־רופן. ער האָט געקלאַפּט אין טירל: האַ־האַ־האַ... נאָר אַ בליק־טאָן, גבֿרת... לא יותר... איך וויל זען ווי די זאַלבן ווירקן... ער האָט געמאַכט צו איר צייכנס, צוגעלייגט ביידע הענט צום האַרץ... בלי כסף... בן־קאַרדון איז אַן איש טוב...

זי איז אַליין אין הויף. ווי אַ שאַקאַל האָבן זיינע אויגן געגנישטערט אין אַלע ווינקלען. ער האָט טיף געאָטעמט צו דערפילן דעם ריח פון א גבר וואָס איז דאָ אפשר געווען פאַר טאָג און אַוועק צו דער אַרבעט. ער האָט גאָרנישט געקענט אַנטדעקן. ווידער האָט זי אַוועקגעזעצט זיך אויף דער סאָפע מיט די אַרויסגעזעצטע דראָטן און צעריסענעם געוואַנט. זי האָט אויפגעדעקט אירע פיס און ער איז געלעגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

זי האָט גערעדט צו אים, האַלב־יידיש, האַלב־העברעאיש, גערעדט הויך, געלאַכט און די הכנעה פון דעם גבר וואָס ליגט ביי אירע פיס האָט גע־היילט איר האַרץ מערער נאָך ווי זיינע פינגער האָבן געהיילט אירע אָנגע־שוואָלענע אָדערן, וואָרעם זי האָט פון יענעם קיין גוט וואָרט נישט גע־הערט, תמיד אַן אויפגערעגטער, אַ בייזער, ביז ער איז געבליבן מיט אַ מויד אין יפו און דאָרט געעפנט אַ שענק. דאָס איז דען אַ שענק? כאַ־כאַ־כאַ... ער האָט זיך גענומען צו זיין אַלטער פרנסה... עס איז אַ פריילעך הייזל... נישט וייט איז דער פּאָרט... כאַ־כאַ־כאַ.

מיט אַ מאָל איז זי אויפגעשפּרונגען. קאַרדון איז אַלץ געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט פאַרלייגטע פיס.

וואָס שטאַמלט ער? זי האָט מביניש אים באַטראַכט און געזאָגט: „העי, גענוג אַרומגעשלעפּט זיך פוסט־און־פּאַסט אין אַזאַ חמימה. גיי, גראָב אונ־טער די ביימלעך אין פּרדס, רייניק־אויס די הינערשטייג. גיב אַכטונג אויף די עטלעכע בייטן מיט ירקות...

ער האָט פאַרשטאַנען אירע רייד, ווייל זיין בליק איז געפאַלן אויף דער טוריע.

זי האָט אַוועקגעשטעלט זיין קיישל מיט די קרייטעכצער און געקוקט ווי אַזוי דער זקן שפּאַנט מיט יונגע טריט צום קליינעם פּרדס.

פּאַר נאַכט זענעןביידע געזעסן ביים טיש און געגעסן. ער האָט איר דערציילט וועגן אַ ברוין־קופּערנער שלאַנג, אַ שעמערירנדיקער, וואָס בלענדט אין זונליכט און וועגן אַן אַלטן שאַקאַל וואָס האָט געמוזט צוליב דער שלאַנג פאַרלאָזן זיין באַהעלטעניש אין סאַמע מיט פון טאָג.

— האַ־האַ־האַ, גאָט איז גוט צו זיינע באַשעפענישן... גאָט איז פול מיט רחמים... אָט האָט דער אַלטער שאַקאַל אין מיטן העלן טאָג ווידער אָפּגעפונען אַ נייע באַהעלטעניש...

אויף דער אַרענע פון אַמפיטעאַטער אין קסריה

זי איז שוין געווען קלעאָפּאַטרע, אַ גאַסן־מיידל אין איבסענס אַ דראַמע, אַ גרעפישע טאָכטער אין טשעכאָווס אַ פּיעסע און אַ קיניגין פון אַמאָליקן ענגלאַנד. איצט איז זי אָן גרים, אין דער קליינער שענק צווישן דזשעבעליע און די חורבות פון יפו — וואו נאַפּאָלעאָן האָט אויפגענומען דעם קאַדי פון דער באַלאַגערטער שטאָט. דער שענק־אייגנטימער האָט צעהאַנגען אויף די געוועלבטע ווענט פאַרזשאַווערטע נאַפּאָלעאָנישע ביקסן, עטלעכע העלמען, שפּיזן, טערקישע שאַבלעס, בעדואינישע קינזשאַלן, קורדישע שווערדן און טאַטאַרישע פלינטן.

— קומט, וועל איך איך ווייזן דאָס אָרט וואו עס זיינען געלעגן די גוססדיקע שייכן, די טויט־פאַרוואונדעטע קאָרסיקאַנער, די אויסגייענדיקע ברעטאָנער. דאָרט זיינען געבליבן די זיילן, די שטיינערנע דילן, טיילן פון גזימסן. אין „לואוור" הענגט דאָס בילד. איר קענט דאָס אָבער זען אין דער וואָר. מיין זיידע האָט מיר געזאָגט אַז ער געדענקט אַלץ... ער געדענקט אפילו דעם פראַנצויז וואָס איז געקומען מיט יאָרן שפּעטער מאָלן. די ווענט זיינען נאָר געבליבן... די עמודים...

זי האָט שטיל געזאָגט: כאַוואַדזשאַ, תמיד דערציילסטו די געשיכטע. איך הער איר שוין צום הונדערטסטן מאָל.

ער האָט אַוועקגעשטעלט מיט קרומע פינגער, האָריק־באַוואַקסענע, צוויי כוסות רויטן וויין. אַ האַלב פּנים איז מיט איין מאָל איינגעשרומפּן געוואָרן און די שוואַרצע צעשויבערטע ברעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן קינבאַק. די אויבערשטע ליפּ האָט זיך אונטערגעהויבן און אַנטפּלעקט אַ מויל געלע ציין. דאָס איז געווען דער צייכן פון זיין גוטן הומאָר און פון זיין היימישקייט ביים אויפנעמען געסט.

— דער אַלטער פוקס האָט אונדז פאַרגעלייגט זיין גן־עדן־ווינקל... דאָס איז אַ טייל פון זיין פרנסה... אַן אַמתער מדבר־פוקס... ער האָט פרנסה נישט

נאָר פון רויטן ווייַן, נאָר פון אָפּטרעטן דאָס געלעגער פון די אַראַבישע העלדן פון דער נאַפּאָלעאָן־שלאַכט אין יפו... ער פירט די פּאַרליבטע מיט אַ ליכט אין דער האַנט, און די מער חשובע געסט, ביים שיין פון אַן אָנגעצונדענעם שטורקאַץ... כאַ־כאַ־כאַ...

זי האָט אים געלאַכט אין פּנים אַריין אָנשפּאַרנדיק איר וואַרעמען אָרעם אויף זיין אַקסל.

— יגאל דו ביסט בייז ? פאַרוואָס זיצסטו אַ שווייגנדיקער ?

ער האָט איר נישט געענטפערט. אין זיין בליק איז געווען גלייכגילט און מידקייט. זי שפּילט, אָטאָ די טאָכטער פון אַן אָרעמער שניידערין פון יפו. מיט אַ האַלבער שעה צוריק איז זי געפאַלן אין די אָרעמס פון אַן אויסוואָרף. איר ליידנשאַפט האָט זי אַנטפּעלקט פאַר הונדערטער צושויער, אַזוי נאַכט נאָך נאַכט און ער האָט זיך געשלייכט אַרום די פינצטערע פאָרהאַנגען פון די קוליסן. דערנאָך האָט ער זי געפירט אַהיים, צו די געסלעך פון יפו. זי האָט דעמאָלט געשפּילט פאַר אים די ראָל פון אַן אַקטריסע, פון אַ פאַרליב־טער אין אַן אויפגייענדיקן שטערן, אַ שרייבער, אַ דראַמאַטורג און ער האָט געמיינט אַז דאָס איז איר רעאַלע שעה. ניין. דאָס איז דאָס זעלביקע געלעכטער, די זעלביקע רייד נאָר אַנדערש געזאָגט. ער איז מער נישט קיין שטערן וואָס גייט אויף. ס'איז איר אויסטראַכטעניש. ער וועט גאָרנישט באַשאַפן, גאָרנישט. ער זינקט אין אַ תהום. די לידער זיינען פאַלשע, די נאָוועלן אומגעלומפּערטע, די דראַמען וועט קיינער נישט קענען אויפפירן וואָרעם זיינע העלדן זיינען שאָטנס וואָס באַוועגן זיך אויף אַן אויסגעטראַכטער בינע.

אַ שוואַרצער לאָק פון דער טשופּרינע איז אים געפאַלן אויפן שטערן. מיט ביידע הענט האָט ער פאַרדעקט זיין פּנים און געוואָלט וויינען. עס וואָלט גוט געווען ווען זיינע ווייסלען וועלן פול ווערן מיט טרערן. זי מוז איצט קוקן אויף די פינגער מיינע, אָטאָ די לאַנגע, שמאָלע פינגער, די שיין־געפורעמטע מיט די ליכטיקע נעגל, די ראָזלעכע און די קליינע פינגער־קנעכלען.

— פאַרוואָס שווייגסטו, יגאל ?

עס שמעקט פון איר מיט וואַרעמען לייב און מיט ווייַן. איר קול איז דאָס זעלביקע ווי מיט אַ האַלבער שעה צוריק אויף דער בינע. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שפּיל, אַ מיראַזש פון לעבן. וואָס איז דען דאָס ריכטיקע לעבן ? דאָס איז געווען דעמאָלט ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל ארויסגעפירט דעם טראַקטאָר אויפן קיבוצישן פעלד ? יאָ. דעמאָלט האָט ער געפילט די פרייד וואָס האָט געבלאַנקט פון די מעסערס פון אַקער ווען זיי האָבן אויפגעשניטן די

האַרטע ערד. ער האָט געפילט דאָס לעבן בעת נאַכט־שמירה אין די הרי־אפרים, אין די דעראָבערטע גאַסן פון רמלה און אין דעם געראַנגל פאַר ירושלים. דערנאָך האָט אים די לאַנגווייל פאַרפייניקט. ער איז געזעסן אין חדר־אוכל און געבענקט נאָך יענע פולע טעג פול מיט געפאַר און מיט שפאַנונג. ער איז אַוועק אין שטאָט אַריין. אַרומגעפלאָנטערט זיך אין די קאַפייען און אָנגעהויבן שרייבן. מען האָט אויפגעפירט זיינס אַ דראַמע. מען האָט זי פאַרשוויגן. דריי נעכט האָט דער זאַל געפּוסטעוועט. ער האָט פאַר־עפנטלעכט עטלעכע פּאָעמען, זיי זיינען דורך אומבאַמערקט. ער האָט זיי צונויפגעפלאָכטן מיט דער גבורה פון די שטילע בחורים. מיטן געוויש פון טראַקטאָר און מיט דער שרעק וואָס לויערט פון די באַרג־שפּאַלטן. דערנאָך האָט ער געשריבן וועגן זיין קינדהייט אין אַ מושבה און נישט פאַרענדיקטער־הייט, ערגעץ אין אַ זשורנאַל, אָפּגעדרוקט די צוויי פּרקים. זיין חלום איז אָבער געווען אַז מען זאָל אויפפירן זיין דראַמע אין גרויסן טעאַטער. ער האָט איר פאַרגעלייגט אים אויסצוהערן. ער וועט איר פאַרלייענען, וואָרעם די הויפּטראָל איז געווען צוגעפּאַסט פאַר דער וואָס איז שוין געווען קלעאָפּאַטרע, פאַר איבסענס גאַסן־מיידל און פאַר דער שעקספּירישער קעניגין. זי האָט אים לאַנג באַטראַכט אַ שווייגנדיקע און אַז איר בליק איז געפאַלן אויף זיינע ציטערנדיקע פינגער האָט זי אים באַפעלעריש אַ זאָג־געטאָן: וואַרט אויף מיר מאָרגן, הינטער די קוליסן, נאָך דער פאָרשטעלונג, דעמאָלט וועלן מיר ערגעץ אַוועק און איר וועט פאַרלייענען אייער דראַמע.

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. ער האָט געוואַרט אויף איר. זי האָט דעמאָלט געשפּילט איבסענס „נאָראַ". זיי זיינען געפאָרן קיין יפו אין דער שענק פון אַלטן מדבר־פוקס. דער שענקער האָט געשמייכלט צו איר היימיש און אָנגעגאָסן צוויי כוסות רויטן וויין. „איך קען פאַרלייענען?" האָט ער געפרעגט. אין בוזעם זיינען געלעגן די פאַפּירן־ראָלן פון דער פּיעסע. ער האָט זיי צעוויקלט, אָנגעהויבן לייענען די ערשטע זאַצן, נאָר זי האָט אים איבערגעריסן. „דו האָסט אַן אנגענעם קול". וואַרמע הענט, גוטע, צוזאָגערישע, האָבן ווי נישט־ווילנדיק באַרירט זיין פּנים. „יגאל איז דיין נאָמען. מיך קאָנסטו רופן ווי דו ווילסט. איך האָב שוין געהאָט צענדליקער נעמען. זיי פאַר־בלייבן די נעמען און די ראָלן, אפילו ווען דער פאָרהאַנג איז שוין געפאַלן. איך בין אַלץ וואָס איך האָב געשפּילט, אַלץ אַחוץ די טאָכטער פון אַן אָרעמער יידישער שניידערין וואָס שטאַמט פון רומעניע און וואוינט אין אַן אַראַביש געסל און אָרעמע צוויי צימערלעך, דאָס בין איך נישט מער! איך האָב זי

פיינט, אַטאָ דער שניידערישער טאַכטער! איך וויל זי אויסמעקן פון גדעד־כעניש! דערפאַר שפּיל איך אַזוי עכט אַלע אַנדערע ראָלן. אַ מענטש מוז דאָך עפּעס זיין. און איך זאָג דיר יגאל, מען איז דאָס וואָס מען וויל! מען דאַרף נאָר וועלן! האָסטו כוח דורכצוברעכן דיין ווילן אין דיין אייגענעם האַרץ? לייען מיר נישט! עס איז אומזיסט. צו מיר דערגייען איצט נישט קיין ווער־טער". זי האָט געלאַכט און געוויינט און וויינענדיק איינגעשלאָסן זיין האַלדז אין אירע אָרעמס. „ביסט שיין" האָט זי געזאָגט „האָב מיך ליב".

שוין אַ יאָר ווי ער וואַרט איר אָפּ ביי די טונקעלע פאָרהאַנגען פון די קוליסן. ער האָט איר די דראַמע נאָך נישט פאַרגעלייענט. תמיד געפינט זי אַ תירוץ דאָס אָפּצולייגן. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט נעמען די דראַמע און פאַרשלאָגן אין איר טעאַטער, נאָר זי טוט דאָס נישט. זייט אַ פּאָר וואָכן האָט יגאַל געוואוסט אַז עס איז דאָ אַ דריטער צווישן זיי. זי האָט דאָס אפילו נישט אָפּגעלייקנט נאָר צוזאָגעריש געשמייכלט.

— יגאַל, ענטפער, דו ביסט בייז?

— ניין.

— כאַוואַדזשאַ, ווייַן! — האָט זי אויסגערופן.

זיי האָבן געטרונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

— איך גיי אַהיים — האָט די פאַלשע קלעאָפּאַטרע געזאָגט — איך גיי ווידער ווערן דאָס וואָס איך בין; אַן אָרעם מיידל פון יפו.

יגאַל האָט צוגערופן אַ טעקסי.

— וואוהין? — האָט געפרעגט דער שאָפער.

— צום פּאַלאַץ פון מלך הורדוס...

— דו חוזקסט פון מיר, יגאַל!

זי איז געוואָרן אין כעס און בייז אויסגערופן: — ביסט נישטיק אין דיין איראָניע. — אַ שיכרות האָט געשלאָגן פון איר קול.

— וואוהין? — האָט ווידער געפרעגט דער טאַקסי־שאָפער.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט: צום פּאַלאַץ פון הורדוס. כאַ־כאַ־כאַ... ווייסט נישט וואו דאָס איז? אין קסריה! פאָר! מיר דאַרפן אָנקומען צו דער צייט!

— אַדוני, דו טרייבסט שפּאַס? קסריה? איך ווייס וווּ דאָס איז... עס איז אָבער נאַכט... דער מדבר־פוקס האָט אייך געשטעלט דעם רויטן ווייַן? ער האָט שאַרפן וויין... דער בעסטער וויין אין יפו... וואוהין ווילט איר זאָל

איך אייך פירן? איך זע אַז איר האָט אויסגעטרונקען... סליחה... עס איז נישט מיין ענין.... דערנאָך האָב איך צרות... מען האָט נישט צו באַצאָלן פאַר דער טעקסי און איך דאַרף אָוועקפירן די פּאַסאַזשירן צו דער משטרה און דאָרט וואַרטן אַ שעה ביז מען שטעלט צונויף דעם פּראָטאָקאָל... איך האָב שוין געהאַט אַזאַ מעשה...

— פאַר! דאָ האָסטו געלט! נעם און דערנאָך וועסטו מיר געבן אַ רעשט.

יגאַל האָט אים געשטופּט די פּאַפּירלעך אין דער האַנט אַריין און זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַכן. דאָס ערשטע מאָל ווי זי הערט אים אַזוי אויפגעבונדן לאַכן.

אַ קילער ווינט האָט אַ שפּאַר געטאָן דורך דעם אָפענעם פענצטערל. דער אויטאָ איז אַרויס צום ים־ברעג. ער איז געלאָפן מיט האַלב־פאַרטונקלטע ליכטער דורך אַ פוסטן שאָסיי. מען האָט געהערט דעם גערויש פון ים. ביי די זייטן מיניען זיך די לעצטע פייערן פון די לאַמטערנס. אָט איז שוין די בריק פון ירקון. אַ שורה אומבאַוועגלעכע ציפּרעסן. אַ דערנער־בערגל. אַ זאַמדיק פעלד באַלויכטן פון אַ צעשפּאָלטענער לבנה. שטיינער אָנגעהויפט לענגאויס דעם שאָסיי. פאַרוואָס איז דער ים נעלם געוואָרן? דער וועג פירט דורך דיונע־פעלדער. נאָך צען מינוט און עס וועט זיך שפּרייטן קסריה אויף דער לינקער זייט פון וועג.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ איז עס.

— ווו איז דער פּאַלאַץ פון מלך? — האָט זי געפרעגט יגאַלן. — קען מען אַהין נישט פאַרפאָרן מיט דעם וואָגן?

— כאַ־כאַ־כאַ... זיי האָבן געלאַכט אין דער נאַכט ביים ברעג ים און עס האָבן זיך אומהיימלעך איבערגערופן די כוואַליעס.

זיילן איינגעפאַלענע. טויערן האַלב צעשטערטע. טרעפּ שטיינערנע וואָס פירן צו שוואַרצע תהומען. סילועטן פון געביידעס, האַלב־איינגעפאַלענע און טויערן, טויערן אָפענע, וואָס פירן צו די פינצטערע האַריזאָנטן, טויערן וואָס ליגן צופוסנס: רונדיקע בלאָק־שטיינער מיט מירמל־אָדערן וואָס לויכטן. ווענט בלינדע, ווענט צעשפּאָלטענע מיט שאַרף־סטאַרטשענדיקע ציינער ווי זיי וואָלטן געלויערט אויף די גרויסע שטערן.

זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און איילק געשפּרונגען פון שטיין צו שטיין ביז דעם אוראַלטן געמאַרק. נישט ווייט פון דאַנען איז געשטאַנען דאָס קעניגלעכע הויז פון הורדוס. אָט דאָ! און אויבן, אויף דעם פלאַכן

באַרג האָט זיך געפונען דער אַמפיטעאַטער. מען האָט אים אַנטדעקט בעת דער מלחמה מיט די אַראַבער, אין גאַנצן אַ צען יאָר צוריק. עס זיינען געבליבן די שטיינערנע בענק, די רונדע אַרענע, און אפילו די געהיימע אונטערער־דישע גענג דורך וועלכע עס איז אָנגעקומען צו די פאָרשטעלונגען דער מלך מיט זיינע באַגלייטער.

דאָס אַמפיטעאַטער האָט אויסגעזען מעכטיק אין דער ליכטיקער און אויסגעשטערנטער נאַכט. אַ גאַנץ יאָר האָט מען דאָ געאַרבעט כדי אָפּצו־רייניקן פון ערד און פון אָנגעטראָגענע זאַמדן און פון אַלערליי ווילד־געוויקסן דאָס אמפיטעאַטער.

זיי זיינען געשטאַנען אין מיט פון אַמפיטעאַטער, אויף דער בינע און געזען פאַר זיך די רונדיקע שטיינערדיקע בענק, העכער פון די בענק — דעם ערד־אַנשיט און העכער פון ערד־אַנשיט דעם ים מיט די שטיינערנע פעלדזן.

— דו האָסט מיך גענאַרט! איך באַמערק דעם חוזק פון די בינע־מענטשן בעת איך וואַרט אויף דיר.

— דאָס צו זאָגן האָסטו מיך געדאַרפט פירן צום רוימישן אַמפיטעאַטער? דו, נישטיקער דראַמען־שרייבער...

דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ שפּאַס, וואָרעם זי האָט אָנגעהויבן לאַכן און גראָד דאָס לאַכן, דאָס פאַלשע וואָס חזרט זיך תמיד איבער סיי אויף דער בינע, סיי אונטער די קוליסן, האָט אים ווילד געמאַכט. די שיכרות פון רויטן וויין האָט אים אַ שפּאַר־געטאָן ביז די שלייפן. ער האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם אַזוי שטאַרק אַז זי האָט אַזש אויסגעשריגן פון וויטיק.

— יגאל! לאָז אָפּ! — זי האָט געוואָלט באַפרייען איר אָרעם און נישט געקענט. — לאָז אָפּ!

זיינע פינגער האָבן נישט נאָכגעלאָזן. ווי מיט צוואַנגען האָט ער געדריקט איר אָרעם און פאַרביסן די ליפּן. מיט דער פרייער האַנט האָט זי אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים אַריין. יגאל איז אָפּגעשפּרונגען פון איר און פאַרטייעט זיך אין ווינקל פון דעם אַמפיטעאַטער. זי איז געשטאַנען אַ שטאָלצע, אַן אויסגעגלייכטע מיט אַ קאָפּ כוואַליענדיקע האָר. איר פּנים איז געווען איצט ווי פון בראָנדז, קאַלט שיין און קעניגלעך.

עס האָט געדויערט נאָר רגעס. אין זיין פאַרטייעטן, וואַקלדיקן גאַנג האָט זי דערשפּירט עפּעס אומהיימלעכס. צוריקציען זיך? אַוועקגיין? עס איז שוין שפּעט ווייל ער איז נאָענט, נאָך דריי שפּאַן. אָ, גאָט, יגאל האָט נישט

קיין פּנים! ער טראָגט אַ פרעמדע מאַסקע! זי האָט אים קיינמאָל נישט געזען אַזאַ.

— דו ביסט שיכור, יגאל?

ער האָט זי אָנגענומען ביי די אַקסל און אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. — יגאל... יגאל... באַרויאיק זיך... יגאל... — זי האָט געוויינט און דאָס געוויין איז נישט דערגאַנגען צו אים. ער האָט דערנענטערט זיין מויל צו אירע ליפּן און געוואָלט איינבייסן זיך מיט דער שאַרף פון די ציין. איינבייסן אַזוי ווי אין אַ מדבר־פּרי בעת דער גומען איז געפּלאַצט פון טריקעניש. זי האָט זיך געוועדט, אָפּגעשטויסן פון זיך.

— איצט ביסטו עכט, אמתדיק און נישט פאַלש... אין דיין כעס... אין דיין געוויין... אין דיין פיינטשאַפט... אין דער באַליידיקונג מיינער... איצט ביסטו דו אַליין... דו שפּילסט נישט... דיין געוויין איז פון וויטיק וואָס דו פילסט אים... וואָס איז רעאַל...

ער האָט געריסן איר קלייד, אויפגעריסן דאָס העמד מיט די ציין. זי האָט זיך מער נישט געוועדט. ער איז געשטאַנען אויף די קני לעבן איר און ווידער אַמאָל אַ קוק־געטאָן אויף דער פוסטער שטיינערנער אַרענע, אויף דעם אַמפיטעאַטער אויף וועלכן עס האָט זיך איצט אָפּגעשפּילט די סצענע פון שנאה, פון שיכרות און פון פאַרגוואַלדיקונג.

— האַ־האַ־האַ! פּרינצעסן, קעניגן, גאַסן־מויד און שניידער־מיידל... אַקטריסע... שטיי־אויף... קיינער אַפּלאַדירט אונדז נישט... ווי מעכטיק מיר האָבן געשפּילט דאָס לעבן אַליין... געשפּילט פאַר די טויזנט־יאָריקע שטיינער... דער אַמפיטעאַטער איז פוסט... די דראַמע איז פאַרענדיקט... שטיי אויף... די קוליסן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט... זעסט, די צעשפּאָלטענע לבנה איז פאַרשוואונדן... עס זיינען שוין מער נישטאָ קיין שטערן... שטיי אויף... קענסט אַהיים־גיין... עס איז שוין די צייט פון דער דריטער שמירה...

יגאלס קול איז דערגאַנגען צו איר פון וויט און עס האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַ דרייפאַכטיקן עכאָ. ער איז געשטאַנען אַ פאַרשאָטנטער ביי דער שטיינערנער הייל וואו דער מלך הורדוס האָט געהאַט זיין לאָזשע און פון דאָרט האָט געפירט דער וועג צום פּאַלאַץ.

זי איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטיקער צעריסן קלייד האָבן איר נאָכגעפלאַטערט. ביים שאָסיי איז זי געבליבן שטיין. יגאל האָט

געזעץ ווי אַ פאַרבייפאָרנדיקער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און זי אויפגענומען. ער האָט נאָכגעקוקט די רויטע פייערלעך ביז זיי זיינען נעלם געוואָרן.

— פאַרוואָס אַפּלאָדירט איר נישט? — האָט ער גערעדט צו די שטיינער פון אַמפיטעאַטער פון קסריה. — כאַ־כאַ־כאַ.

ביי די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ

פון דעם אַלטן האַפן אין יפו ביז צום אָרט וווּ דער ירקון פאַלט אַריין אין ים איז אַן ערך אַ דריי מייל. איך האָב ליב צו שפּאַצירן לענג אויס דעם ברעג אין די קילע פאַרנאַכטן. טייל מאָל, גיי איך דורך דער בריק און וואַנדער אַוועק ביז די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ. רעכטס האָב איך דעם ים. ביי יפו איז ער גרין. אַרום דעם הפקר־שטח זענען זיינע וואַסערן ליימיק־גרוי, דער זאַמדיקער ברעג איז פול מיט אַ ברוינעם געוויקסן־אַפּפאַל, מיט געהילצער, מיט פאַלמע־צווייגן און בראַכשטיינער און מיט דער אומריינקייט וואָס עס שליידערן צוריק די כוואַליעס פון די שטאָטישע אָפּפלוס־קאַנאַלן. דער ברעג ביי תל־אביב איז אַ פלאַכער, אַ זאַמדיקער און די וואַסערן האָבן ניט קיין שום קאָליר. עס בושעווען אַרום געל־שוימיקע וועלן און אַז זיי דערנענטערן זיך צום ברעג ווערן זיי מילד, געשליפן. נאָר אין די ווינטערן שטורעמט דער ים אויף אין צאָרן און זיינע כוואַליעס באַקומען די קאָליר פון די חמרה־פעלדער אין שרון.

העכער פון טייך ירקון איז דער ים ווי פון קרישטאַל. עס מיניען זיך ליכטיקע שטרייפן אויף זיין האָריזאָנט, עס שפּרייטן זיך אויף זיין פלאַך שטילע גרינלעך־זילבערנע אינדזלען, שווימענדיקע, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרדעקט מיט שפּיגלגלאָז. לינקס — די הויכקייטן פון ברעג; קורקאַר־ווענט, געשני־טענע שיפּלעך. געקאַרבטע מיט צייכנס אַז אַ מאָל האָבן דאָ ווילד געפּאַטשט די כוואַליעס. אַ האַלבן מייל פאַר די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ הייבן זיך אָן די ים־פעלדזן. זיי ליגן ביים ברעג, זיי סטאַרטשען אַרויס פון ים מיט די זילבער־רוקנס. די קורקאַר־ווענט דערנענטערן זיך האַרט צום ים און די כוואַליעס פּאַטשן דאָ מיט רוגזה און רייסן-אויס שטיקער קורקאַר, צעמאָלן אים און דער קורקאַר־שטויב מיניעט זיך אין ים־שוים.

צווישן די פעלדזן האָט זיך איינגעשניטן אַ וואַדי. נאָר אין ווינטער, אין די גרויסע רעגנס שטורמען דאָ געל־רויטלעכע שטראָמען. איצט איז

ער אויסגעטריקנט. ווייט, אויפן האָריזאָנט. האַרט ביי דעם וואַדי, זעט מען אָן דאָס קליינע אַראַבישע דערפל; ווייס־ליימיקע הייזער אַרום אַ מעטשעט.

די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ ליגן האַלב־פאַרזונקענע ביים ים־ברעג. אַ שטיק פון קורקאַר־פעלדז ווי די צעעפנטע פליגל פון אַן אָדלער מיט אַ שאַרף־געעפנטן שנאָבל וואַכט איבער די חורבות. שטיינערנע ווענט, בלאָקן געהאַקטע, וואַכטורעמס, די טויערן פון דער שטאָט און די פּאַרפעסטיקטע מויערן מיט די שיסלעכער — דאָס אַלץ ליגט אָנגעהויפט אויף איין אָרט ביים ברעג און פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג. שטיקער שטיין, מאָכיק־פאַר־וואַקסענע, שפּרייטן זיך ווייט אין ים אַריין. אין די פאַרנאַכטן זעען זיי אויס ווי לעצטע לעבן־געבליבענע קריגערס, וואָס זענען געפאַלן כורעים פאַר די זיגערישע חיילות. באַלד וועלן זיך באַווייזן די שיפן פון פרעמדן, צאָרנדיקן מלך.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זיץ איך אין קליינעם קאַפע „ימיה" ביים תל־אביבער ים־ברעג. עס איז מיר לאַנגווייליק און טרויעריק. אין מיר בושעוועט אַרום אַ הייסער מידבר־שטורעם. איך בין מקנא דעם מידבר־וואַנדערער וואָס וואַנדערט אַנטקעגן אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. ער זעט זי שעהען לאַנג. זי איז פרידלעך־שלווהדיק און אַנטפּלעקט פאַר אים גרינע פעלדער, שטילע דערפלעך און וואַסערקוואַלן. מיינע פאַטאַ־מאָרגאַנאַס זענען חורבות פון שטעט, די אויפגעריסענע איינגעווייד פון דער ערד, פייערן אויפן האָרי־זאָנט, דאָס זילבער־געבלענד פון אַ פליגל צווישן וואָלקנס און ווילדשוואָמען וואָס וואַקסן־אויס ביזן זיבעטן הימל.

איך ווענד־אָפּ מיין בליק פון ים און קוק־נאָך אַן אָריענטאַלישער שיינקייט. דאָס איז דאָך זוהאַראַ דאָס גאַסן־מיידל פון יפו. אַ שיף האָט פאַראַנקערט ניט ווייט פון האַפן. די וואַסערן זענען טונקל־בלאָ. קעלנער, נאָך אַ קאַפע! אַרום דער לאָמפּ פלאַטערן כמאַרעס באַגילדעטע פלאַטערלעך. אַ מידער זקן דרימלט ביים טישל. אַ יונג אין אַ שוואַרץ העמדל סודעט זיך מיטן קעלנער. אָפּגעבליטע אָלעאַנדערס מיט פאַרזשאַווערטע בלעטער. צוויי געאָרעמטע פרויען אויף דער גרענעץ פון אַלטקייט, מיט נאַקעטע אָרעמס בלאָ־געאָדערטע, די פּנימער געפאַרבטע און דאָך אַנטפּלעקן זיך די קנייטשן ווי נעצן באַגילדעטע. קליינוווקסיקע תימנישע דינסטמיידלעך אויף הויכע קנאַפּל. דער רויך פון שאַשליק און דער אָטעם פון ים וואָס מען שפּירט פון אים דעם ריח פון וואַסער־געוויקסן, פון די שטאָטישע אָפּפלוס־קאַנאַלן, פון טויטע פיש און פונעם ליימבראָך וואָס וואַלגערט זיך ביים יפוער ברעג.

מײַנע פּאַטאַ־מאָרגאַנאַס זענען פֿאַרשװוּנדן. אַ לױב דיר, אַלמעכטיקער! איצט בין איך אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. איך װעל אַהײמגײן און טראַכטן װעגן דעם ירקון װאָס פֿאַלט אַרײַן אין ים, װעגן די חורבות פֿון אַפּאָלאָניאַ, װעגן דער שיף װאָס װאַרט אַ פֿאַראַנקערטע ביז דעם זונאױפֿגאַנג אַז זי זאָל קענען אַרײַנפֿאָרן אין האַפֿן. איך װעל זען אין חלום זוהאַראַן און זי באַדױערן, מאָרגן װעל איך װאַרטן אױף איר און אַז זי װעט פֿאַרבײַגײן װעל איך אָפּװענדן מײַן בליק.

איך זוך אין אַלטע ספֿרים די באַשרײַבונג פֿון דעם ײשוב בײַם ים דרומדיק פֿון קיסריה, װאָס מען האָט אים גערופֿן אַפּאָלאָניאַ. איך נישטער אַרום אין אַלע ביבליאָטעקן און געפֿין נאָר געצײלטע שורות. קײנער קען מיר ניט דערצײלן פֿאַר װאָס די װאַכטורעמס און די מױערן זענען געפֿאַלן פֿון דעם הױכן שטײנערנעם ברעג צופֿוסנס פֿון ים. קײנער קען מיר ניט זאָגן פֿאַר װאָס די טױערן ליגן צעשאָטענע און פֿאַר װאָס די חורבות װערן באַװאַכט פֿון אַ מעכטיקן שטײנערנעם אָדלער מיט צעשפּרײטע פֿליגל. איך װעל זיך קײן מאָל נישט דערװיסן פֿאַר װאָס די שטײנער פֿון דער פֿעסטונג זענען צעװאָרפֿן געװאָרן איבער דעם פֿלאַכן ים אַזש ביזן האָריזאָנט.

אײן מאָל האָב איך ניט װײַט פֿון אַראַבישן דערפֿל, אין װאַדי, געטראָפֿן אַן אַלטן מאַן. ער האָט גענישטערט צװישן די דערנער, אַרײַנגעקוקט אין די שטײנער־שפּאַלטן. דאָס װײַסע שטרײַפֿן־קלײד האָט געליכטיקט אין דעם פֿאַרנאַכט און דאָס פֿײַפֿן פֿון אַ פֿלײט האָט זיך צונױפֿגעגאָסן מיט אַ פֿײגל־צװיטשערײַ און װײַטן גערױש פֿון די ים־כװאַליעס.

— זקן, װאָס זוכסטו?

די פֿלײט איז שטיל געװאָרן, אַ פּנים אײַנגעשרומפּן װי אַ פֿײַגנבלאַט ערבֿ דעם יורה האָט מיך באַטראַכט.

— איך זוך דעם שװאַרצן נחש מיטן זילבערנעם רוקן.

ער האָט מיר אָנגעװיזן אױף אַן אָפֿן קײשל געפֿלאָכטן פֿון הושענא־ריטלעך:

— דער שװאַרצער נחש װערט פֿאַרכישופֿט פֿון מײַן חליל. די קלאַנגען באַצװינגען אים. איך װעל אים אַרײַנכישופֿן אין קײשל. דעם שטילסטן געפֿיף פֿון מײַן פֿלײט הערט ער. אַפֿילו װען ער איז אױף צענדליקער מײלן. איך בין זיכער אַז ער אײַלט איצט צו מיר. אַװדאי האָט ער שטרױכלונגען אױפֿן װעג.

עס איז ניט אַ מאָל — ווען אַלץ איז דאָ געווען פּאַרווילדעוועט. איצט דאַרף ער זיך דורכגליטשן דורך אַספאַלטענע שאָסייען, דורך יישובים דורך פּרדסים. עס איז פאַר אים אַ סכנותדיקער וועג. דערפאַר דויערט עס אַזוי לאַנג.

ווידער האָט דער זקן צוגעלייגט דעם חליל צו די פייכטע ליפּן און זיינע פינגער האָבן באַרירט די פלייט־עפענונגען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך הער דאָס לוישן פון אַ קוואַל צווישן פעלדזן און דעם לאָקנדיקן געצוויטשער פון סטייעס פייגל אין די גראָזן.

— אַכט יאָר האָט זיך אויפגעהאַלטן מיט מיר אַ שלאַנג. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די מערק אין יפו, אויף די פלעצער פון לוד, אין די הייף פון אַלטן ירושלים מיט מיין קיישל און מיט דער שלאַנג. איך האָב זי מיטן חליל געכישופט; זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געוויקלט זיך ווי אין טאַנץ און לוסטיק געצישעט מיט דעם גיפט־צינגל. זי האָט זיך געוויקלט אויף מיינע הענט, אויף מיין האַלדז און צוגעלייגט דעם קאָפּ צו מיין האַריקער ברוסט. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך געבראַכט פון מאַרק אַ ווייב. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די געסלעך פון יפו אַ באַרוועסע און היימלאָזע. זי האָט געבראַכט אומגליק מיט זיך ווייל דריי טעג צייט האָט די שלאַנג ניט געוואָלט פאַלגן מיין פלייט. זי איז געלעגן אַ פאַרקנוילטע אין קיישל און בייז געצישעט. זי האָט ניט געוואָלט אָנרירן די שפּייז וואָס איך האָב איר געגעבן. איך האָב מער ניט געהאַט מיט וואָס צו גיין אויף די יאַרידן. איך האָב געמיינט אַז זי איז שלאָף. אויף דער דריטער נאַכט האָב איך געהערט אַ וויסט געשריי. מיין ווייב איז געלעגן אויף דעם געלעגער און געוויקלט זיך פון ווייטיק. דער נחש האָט זי צעביסן און איז נעלם געוואָרן. איך בין אַרויס צו דער שוועל מיט מיין חליל און אָנגעהויבן צו שפּילן. די קלאַנגען זענען אָבער אויסגעמישט געוואָרן מיט די געשרייען פון דעם ווייב. איך מוז צוריקרופן די שלאַנג. זי איז מיין ברויטגעבער — האָב איך געזאָגט און ווידער געשפּילט. אַזוי ביז זונאויפגאַנג. איך האָב געזוכט מיט מיין בליק אין דעם גערטנדל, לעבן דעם גדר, אָנגעשטרענגט מיין געהער און נישט אויפגעהערט שפּילן אויפן חליל. זי איז מער נישט צוריקגעקומען. פאַר טאָג ווען איך בין אַריין אין חדר איז מיין ווייב געלעגן טויט. אַ האַלבן טאָג האָב איך באַוויינט מיין שלאַנג און מיין ווייב. איצט איז מוסטאַפא געבליבן אָן ברויט. מוסטאַפא וועט ווערן אַ בעטלער. ער וועט זיך אַרומדרייען מיט אַ ליידיק קיישל. ער וועט אויסשטרעקן בעטלערהענט. איך

בין אַוועק צום עלטסטן פון דאָרף און דערציילט אים וועגן מיין אומגליק. האָט ער געשיקט שוטרים. מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין אַ באַוואַכטן. „דו האָסט אומגעבראַכט די אַלטע פּאַטימאַ וואָס איר טאָכטער הייסט זוהאַראַ! דו האָסט אַנגערייצט די שלאַנג אַז זי זאָל זי טייטן". אַ חודש בין איך געזעסן אין דער תפיסה. מען האָט מיר דערלויבט צו נעמען מיט זיך דאָס לײדיקע קײשל און דעם חליל. איצט זוך איך ווידער די שוואַרצע שלאַנג מיט דעם זילבערנעם רוקן. אַן אַלטער שוטה בין איך, דאָס איז וואַרהאַפטיק. איך האָב עובר געווען אויף די רייד פון מיין פאָטער, אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל ער האָבן, אַז צוויי שלאַנגען טאָרן זיך נישט געפינען אונטער איין דאַך...

תמיד ווען איך קום אין די פאַרנאַכטן צו די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ, הער איך דעם כישוף־ניגון פון אַ חליל. אַ גאַנצן זומער האָב איך מוסטאַפאַן נישט געטראָפן. איך האָב זיך געחידושט: פון וואַנען זענען דאָס די חליל־טענער?

עס איז מיר באַשערט געווען צו באַגעגענען נאָך איין מאָל דעם זקן. ער האָט געטראָגן דאָס קײשל אויף זיין אָרעם און דער חליל איז געווען פאַרשטעקט אין בוזעם. זאָל איך אים פרעגן וועגן דער שלאַנג? ניין, זי וועט סיי ווי קיין מאָל נישט צוריקקומען ווייל דער פלייט־ניגון איז מער נישט געלייטערט. די טענער זענען פאַלשע. זינט יענע טעג און נעכט אין תפיסה און זינט זיין שפּילן האָט זיך צונויפגעפלאָכטן מיט די הילפסרופן פון דער שלאַנג־צעביסענער אַלטער פאַטימאַ.

— פאַר וואָס וואַגלסטו אַרום, יונגער מענטש, אויף די זעלביקע שטעגלעך, שוין אַ גאַנץ יאָר?

— עס איז מיר לאַנגווייליק און טרויעריק. — האָב איך געענטפערט.

דעם זקנס פנים איז ווי פאַרייַנגערט געוואָרן. די ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן.

— קען דען זיין לאַנגווייליק אַ מענטשן אויף דער פרייער וועלט?

— זי איז נישטיק די וועלט מיינע. איך בין פאַרשקלאַפט צו קלייגלעכקייטן פון טאָג. אַ שפּינגוועבעס פאַרפּלאָנטערט מיך. איך זע יעדן טאָג די פאַרשטויבטע פיקוסן, די אַספאַלט־אַלעען און דערנאָך וואַנדער איך לענג אויס דעם ים־ברעג ביז די הורבות פון אַפּאָלאָניאַ און אַז איך קום אַהיים פאַל איך אַוועק אַ מידער און עס אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר מיינע פייערדיקע פאַטאַ־מאָרגאַנאַס. איך בין מיד און אָנמעכטיק זיי זיך אַנטקעגנצושטעלן.

אַלץ וואָס רינגלט מיך אַרום פירט מיך צוריק צו יענע וויסטע היימען. מיר זענען אָבער ליבער די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ. זינט איך האָב דיך דאָ באַגעגנט זענען זיי פאַרהילט אין ניגון פון דיין חליל. איצט איז אויך דיין חליל פאַראומרייניקט געוואָרן. איך הער דאָס רופן פון דער אַלטער פאַטימאַ.

ער איז בייז געוואָרן אויף מיר פאַר דערמאָנען פאַטימאַס נאָמען און האָט געוואָלט אַוועקגיין.

— אַלע אומגליקן קומען פון שלאַנגען.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַפּאָלאָניאַ און געזאָגט: די פאַרוויסטעניש איז געקומען צוליב אַ נחש.

מוסטאַפאַ האָט מיר געוויזן אַן אויסגעקרימט פּנים פון סאַרקאַזם און פאַראַכטונג. די ציין האָבן בייז געבלענדט און זיין קול איז געוואָרן דין און שאַרף.

— דריי מאָל איז אויפגעבויט געוואָרן אַפּאָלאָניאַ. ביים דריטן מאָל איז זי פאַרטיליקט געוואָרן צוליב אַ פרוי. זעסט דעם טונקל־בלאָען אָרעם? דאָס איז דער האַפן פון אַלטן יפו. קוק לאַנג אויף דעם ים־האָריזאָנט, וועסטו דערזען דעם מאַסט פון אַ פאַרזונקענער שיף. אָט דאָרט, נאָך די צוואָרפענע פעלדזן. זעסט דאָס וויגנדיקע זילבערנע רעשטל פון אַן אַלטער שיף? ניין, זי וויגט זיך נישט, דאָס וויגן זיך די כוואַליעס. די שיף איז פאַרזונקען שוין דורות לאַנג.

יאָ, איך זע דאָס אַלץ וואָס דו ווייזט מיר.

— ביים דריטן מאָל ווען די חורבות זענען דאָ אויפגעבויט געוואָרן און לענג אויס דעם פעלדזיקן ברעג האָבן זיך געוויקלט די מויערן פון אַפּאָלאָניאַ, האָט דאָ געהערשט אַ שייך. זיין ברודער האָט געקיניגט אין אַלטן יפו. אַללאַ האָט אָנגעצונדן אַ שינאה אין זייערע הערצער. ער האָט דערמיט געוואָלט שטראָפן די זינדיקע. עס האָט געזאָלט אויסברעכן אַ קריג ווייל די פישער־שיפלעך זענען דערטרונקען געוואָרן, ווייל מען האָט פאַרכאַפּט קעמלען מיט לאַדונגען. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן יאָרן. דאָס ווייב פון דעם שייך פון באַנייטן אַפּאָלאָניאַ האָט זיך איבערגעטאָן פאַר אַ פרעמדער וואַנדערין און איז אַוועק צים הערשער פון יפו. זי האָט געוואָלט איינשטעלן פרידן צווישן די ברידער. אָנשטאָט פרידן האָט זיך דאָס האַרץ פון די ברידער צעפלאַקערט מיט נאָך מער שנאה, ווארעם ער האָט זיך פאַרליבט אין דער ווונדער־שיינער פרעמדער וואַנדערין און זי האָט אים אַנטפּלעקט איר אָפּשטאַם. דעמאָלט האָט ער געשיקט אַ געהיימען שליח צו דערמאָרדן זיין ברודער.

מ׳האָט אים געטויט אויף זיין געלעגער. דאָס פאָלק האָט געזאָגט אַז דאָס האָט אים דערמאָרדעט דאָס אייגענע ווייב, וואָרעם זי איז אין געהיים געגאַנגען צום פיינד און דאָרט געלעבט אַ צייט אין זיין האַרעם. דאָרט, ווו עס דערהייבט זיך דער פעלדז ווי אַן אָדלער, דאָרט איז זי פאַרשטיינערט געוואָרן פון אייגענעם פאָלק. יענער מאַסט איז פון דער קעניגלעכער שיף, די געפאַנצערטע און באַוואָפנטע וואָס האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגן. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַללאַס צאָרן און אַן ערד־ציטערניש האָט אַיינגע־וואַלגערט די מויערן, די וואַכטורעמס און די טויערן זענען אויפגעבראָכן געוואָרן. אפילו דער ים איז אַוועק פון ברעג און עס איז געוואָרן אַ וויסטיק שטיינערנע פלאַך. אויך יפו איז פאַרוויסט געוואָרן און דורות שפּעטער האָט זי זיך אויפגעבויט. די חורבות זענען שוין מער נישט אויפגעבויט געוואָרן. זיי זענען געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. גאָטס צאָרן איז נאָך נישט איינגע־שטילט. דעם שייכס ווייב איז געווען פאַלש. וואָרעם זי האָט געוואָלט ווערן די קעניגין פון צוויי קעניגרייכן. דער גן-עדן איז פוסט זינט גאָט האָט פאַרטריבן אדם און חוהן. אַפּאָלאָניאַ איז זינט דער ערד־ציטערניש פאַרוויסט, און חרוב איז מיין ליימען הייזל. צעשטערט איז דער ניגון פון מיין חליל זינט יענער נאַכט מיט דער אַלטער מויד פאַטימאַ. די שוואַרצע כישוף־שלאַנג וועט זיך שוין קיין מאָל מער נישט באַווייזן.

אין אַ ווינטערטאָג איז אין יפו פאָרגעקומען דער מישפּט איבער מוסטאַפאַן. דער שופט האָט אים אויפגעקלערט אַז ער וועט געמישפּט ווערן פאַר אָנרייצן זיין שלאַנג אויף פאַטימאַן בעת זי איז געשלאָפן אויף זיין געלעגער. פון דעם שלאַנגענגיפט איז זי אויסגעגאַנגען. איך האָב זיך דער־ווּוסט וועגן דעם מישפּט און בין אַוועק אין בית־המישפּט. דאָס גאַסן־מיידל זוהאַראַ איז דאָרט געזעסן מיט עפּעס אַן איבערגעוואָקסענעם יונג.

— איך בין נישט שולדיק, אדוני השופט. דאָס איז געשען קעגן מיין ווילן. צוליב מיין נאַרישקייט... איך האָב נישט געוווּסט אַז צוויי שלאַנגען טאָרן זיך נישט געפינען אונטער איין דאַך...

מען האָט אים צוגעמישפּט אַ האַלב יאָר תפיסה. עס איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל באַווייזן מוסטאפאס שולד. דאָס האַלבע יאָר תפיסה האָט ער באַקומען פאַר האָדעווען אַ גיפטיקע שלאַנג.

איך האָב געזען ווי אַ שוטר האָט אים אַרויסגעפירט פון זאַל. מוסטאַפאַ האָט מיך דערקענט. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן לעבן מיר, אַרויסגענומען פון בוזעם די פלייט און זי מיר געגעבן.

— היט זי ביז איך וועל צוריקקומען. דו קענסט שפּילן אויף דעם חליל אין די פאַרנאַכטן ווען עס איז דיר טרויעריק. פאַרכישוף נישט קיין שלאַנגען.

אויף די שפּורן פון נאַבאַטן

די קליינע אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע האָט צעשלאָגן צווי געצעלטן אַ דרייסיק מייל דרום־מיזרחדיק פון מצפה רימון. שוין צוויי וואָכן ווי זיי פאָרשן די שפּורן פון נאַבאַטישע ישובים. שטיינערנע אָנהויפּן. שערבלעך פון ליימענע כלים. סימנים פון וואַסער־קאַנאַוועס און בעקנס ווו מען האָט געזאַמלט די וואַסערן פון די רעגנס. איין בעקן האָבן זיי אַנטדעקט אין אַ נידערונג צווישן שטיינער פאַרשאָטענע מיט זאַמד. צוערשט האָבן זיי געמיינט אַז דאָס איז אַן אוראַלטער ברונעם. דאָס איז אָבער געווען אַן אונטערערדישער שטיינערנער בעקן. די וואַסערן פון וואַדי מוסאַ צעצווייגן זיך אין די ווינטערן דורך דעם נגב. זיי ריזלען מיט אימפּעט, פאַלן אַריין אין די בעקנס, פילן זיי־אָן ביזן אויג מיט אַ געל־זאַמדיק וואַסער, און אז די בעקנס ווערן איבערגעפילט, שטראָמט דער וואַסער־אָדער ווייטער ביז אַן אַנדערן באַסיין און אַזוי דערשלאָגט ער זיך צום ים התיכון.

דער עלטסטער פון דער עקספּעדיציע, עמנון גלעדי, האָט אין די אָוונטן, ביים שיין פון אַ קאַרביט־לאָמפּ, געצייכנט אויף אַ מאַפּע די אָדערן פון דעם וואַדי און לויט זיין השערה, אָנגעמערקט די ערטער ווו עס האָבן זיך געפונען די און לויט זיין השערה, אָנגעמערקט די ערטער ווו עס האָבן זיך געפונען די נאַבאַטישע דערפער. נישט אַלע ווינטערן זענען די בעקנס אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער. עס זענען געווען יאָרן פון טריקעניש. אויך די טויטע וואַדיס האָט ער דערקענט. געאָלאָגישע ענדערונגען זענען דאָ פאָרגעקומען מחמת ערד־ציטערנישן, דעמאָלט האָבן די שטראָמען געזוכט נייע געלעגערס און ישובים זענען פאַרוויסט געוואָרן פון טריקעניש.

זייט דריי טעג בושעוועט אין מידבר אַ זאַמדווינט. זיי האָבן געזוכט שוץ אין די געצעלטן, צווישן די פעלדזן. זיי האָבן פאַרהאָנגען די פּנימער מיט דורכזעעוודיקע זיידטיכער נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. דער שטויב האָט זיך אַריינבאַקומען אומעטום צוזאַמען מיט דער לופט. ער האָט זיך באַזעצט אויף די אויגן־אַפּלען, אויף דעם גומען און געברענט מיט דעם בראַנד פון טריקעניש

די ליפּן, דאָס פּנים און אפילו די הויט פון גוף. זיי האָבן באַשלאָסן איבערצו־וואַרטן דעם מידבר־ווינט און טאַקע אויפן פערטן טאָג האָט זיך דאָס וועטער געענדערט. צום זונפאַרגאַנג, ווען עס האָט אָנגעהויבן גיך צוצופאַלן די נאַכט, זענען דורכגעפלויגן סטייעס פייגל, נידעריק, אַזש מען האָט געהערט זייער געשריי. זיי האָבן זיך געמיניעט מיטן זילבער פון זייערע פליגל, „דאָס איז דער סוף פון זאַמד־שטורעם" — האָט געזאָגט עמנון. „די פייגל זאָגן אָן שטילקייט". אַרום האַלבער נאַכט איז אויפגעגאַנגען די לבנה. זי האָט אויסגעזען ווי אַן איינגעפאַלענער, פּוסטער מילך־אייטער פון אַ מידבר־ציג, און די שטערן — ווי די רויט־אָנגעדראָלענע, פאַרגלייזטע ווייסלען פון דאַרשטיקע שעפּסן.

עס איז אומהיימלעך צו בלייבן אין אַזאַ נאַכט אין מידבר. דער זאַמדשטויב האָט זיך אַריינבאַקומען אין די הויטן. עס איז שווער אַרויסצורייידן אַ וואָרט. די מידקייט האָט זיי געליימט. דאָס איז די שעה פון די מידבר־וואַנדלער, די וואָס שמוקלען כאַשיש פון יריחו ביז עזה. באַלד וועלן אויפן נאַכטיקן האָרי־זאָנט אויפטויכן סילועטן. שאָטנס וועלן אַרומהיפּן אויף דעם פלאַכלאַנד און אַוועקקייקלען זיך צו די וואַדיס.

עמנון גלעדי האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און איילק אָנגעהויבן צו שפּרייזן צו דעם דזשיפּ. דער מאָטאָר האָט זיך נישט געוואָלט אָנצינדן.

פינף זענען זיי געווען. דריי יונגע סטודענטינס און עמנונס אַ געהילף — אַן אַמעריקאַנער בחור וואָס איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין ישראל צו קרובים. ער איז שוין געווען אַ פילם־אַקטיאָר, אַ דירעקטאָר פון אַ האַנדלס־ביוראָ, אַ דאָצענט אין אַ באָסטאָנער אוניווערסיטעט. זייט עטלעכע חדשים איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אידעע צו באַזעצן זיך אין נגב. איינע פון די סטודענטינס פון אַרכעאָלאָגיע האָט אים מיטגענומען אויף עמנון גלעדיס אַ לעקציע. פון דער לאַנדווירטשאַפטס־אָפּטיילונג ביי דער סוכנות האָט מען פאַרגעשלאָגן עמנונען אַז ער זאָל צושטעלן זיין פּראָיעקט ווו אַזאַ ישוב זאָל אויפגעבויט ווערן. דעם פאָטערס האַנדלס־קאָמפּאַני וועט פינאַנסירן די אונ־טערנעמונג. דער זון האָט געשיקט לאַנגע טעלעגראַמעס קיין ניו־יאָרק. ער האָט פאַרלאַנגט געלט, פאַרלאַנגט אַ פולע אויסשטאַטונג פאַר אַ קליינער אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע. ער האָט באַשטעלט פילם־אַפּאַראַטן, עס איז אים אַפילו איינגעפאַלן איינצולאַדן איינעם פון זיינע באַקאַנטע פילם־אַקטריסעס וואָס שטאַמט פון אַ וויטן דאָרף אין אַריזאָנאַ. זי איז אַ וונדערלעכע רייטערין אויף פערד. און אַז דער מאָטאָר פון דזשיפּ האָט זיך צערוישט הייזעריק און ווידער פאַרשטילט געוואָרן, איז דאָס אַמעריקאַנער בחורל געווען זיכער אַז

מאָרגן וועט ער קויפן ביי די בעדואינער עטלעכע פערד. ער וועט דרייען אַ פילם. דאָס וועט אויפרודערן אַלעמען. ער וועט דאָ פאַרווירקלעכן אַלע זיינע חלומות. דאָס אַלץ וואָס איז אים נישט געלונגען אין זיין אַמעריקע וועט ער דאָ דערגרייכן. ער וועט ווערן אַ פילם־אַקטיאָר, ער וועט אָנפירן מיט דער אַנטוויקלונג פון אַ ישוב, אויפקויפן ערד און פאַרהידושן זיין פאָטער מיט זיינע האַנדלס־פעאיקייטן. ער וועט אַריינרייסן זיך אין דער וועלט פון וויסנ־שאַפט. צוזאַמען מיט עמנונען וועט ער פאַרעפנטלעכן אַ בוך וועגן די נאַבאַ־טישע זידלונגען אין נגב. דאָס בוך וועט דערשיינען מיט מאַפּעס, מיט פאָטאָס, מיט צייכענונגען פון די וואַדיס. ער וועט עס לאָזן איבערזעצן אין שפּראַכן. עס וועט קאַטאַלאָגירט ווערן אין אַלע אוניווערסיטעטן.

דער דזשיפּ איז געפאָרן איבער אַ נאַכטיקן סטעפּ. די רעדער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שטיינער, אויף פאַרקראַמפּטע דערנער, אויף זאַמדאָנשיטן. אין אויטאָ זענען געזעסן די דריי סטודענטינס. זיי האָבן זיך צונויפגעקנוילט און שטיל געברומט אַ מידבר־ניגון.

דער שומר פון קיבוץ האָט געטראָפן אין דער נאַכט אַריין. ערגעץ ווייט האָט מען צוויי מאָל אויסגעשאָסן. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין די פענצטער פון אַ צריף בלינצלען פייערלעך. פון דער שעפּסן־שטאַל טראָגט זיך אַ וואַרעמער ריח פון שעפּסן־מיסט און אַ געזשום ווי עס וואָלט ערגעץ נאָענט געפלאָסן אַ טייך.

צוערשט האָט עמנון מיטגענומען דעם אַמעריקאַנער פשוט מחמת היימ־לעכקייט, דערנאָך האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אַז ער איז גוט באַהאַוונט אין אַרכעאָלאָגיע און טראָגט לייכט איבער די היצן פון נגב. אָנשטאָט נאַטאַנעל האָבן אים די מיידלעך געטראָפן נייט און נתן. אַלע האָבן געמיינט אַז ער וועט דאָ בלייבן אַ צוויי דריי טעג און דערנאָך שטילערהייט צוריקפאָרן אין זיין באַקוועמען האָטעל פון תל־אביב. ער האָט אָבער אויסגעהאַלטן און אַפילו פאַרהידושט אַלעמען. אַ הויכער, ליכטיק־האָריקער מיט אַ וויגנדיקן גאַנג, מיט מוסקולירטע האָריקע פיס און לאַנגע הענט, אין אַ גרין צעכראַסטעטע העמדל — אַזאַ האָט נאַטאַנעל דאָס ערשטע מאָל באַוויזן זיך אין מצפה רימון ווו ער האָט געוואַרט אויף עמנונען. ער איז געוואָרן דורך די צוויי וואָכן ממש שוואַרץ און די געלע האָר פון זיין נישט־ראַזירטער באָרד האָבן נאָך מער אויסגעטיילט די טונקלקייט פון זיין פּנים.

נישט איין מאָל, אין די נעכט, ווען עמנון האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט

ער דערזען נאַטאַנעלן זיצן אין מיטן מידבר אוןביים שיין פון דער לבנה געלייענט אַ ספר.

אין חדר אוכל איז קיינער נישט געווען. אַרום דער לאָמפּ האָבן געראַיעט מילבן. דער נאַכט־שומר האָט אַוועקגעשטעלט די ביקס און אַ זיפּץ־געטאָן. די מיידלעך זענען אַוועק זיך וואַשן. דער דוש איז געווען אין מיטן הויף, פאַרצוימט מיט פּאַלמע־ראַגעזשעס. עס זענען דערגאַנגען צו נאַטאַנעלן מיידלשע קולות פון אונטער דעם דוש אַפּער. אַנשטאָט קיל וואַסער איז פון די רערן געריננען אַנגעוואַרעמט וואַסער, וואָרעם די רערן זענען אַנגעגליט געוואָרן פון אַ גאַנצן טאָג.

נאַטאַנעל האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם נעבעכדיקן גראָז ביים חדר־אוכל. ער איז געלעגן מיטן פּנים צו די נאַכטיקע הימלען. עס איז אויפגעגאַנגען פאַר אים דאָס פּנים פון זיידן. בראָנקס. אָפּגעריסענע רייד אויף מאַמע־לשון. אַ ווייטע דערינערונג וועגן קרובים אין פּוילן. שיפסקאַרטן וואָס זענען אָנגעקומען צו שפּעט. ברייוו אויף וועלכע מען האָט שוין נישט געקריגן קיין ענטפער. ער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען די נעמען פון פעטערס, פאַרפּלאָנטערט זיך, געוואָלט נאָכזאָגן יידישע ווערטלעך און נישט געקענט. ער האָט געוואָלט אויסוועבן דאָס געוועב פון זיין שטאַם און עס האָט זיך געריסן אַזוי ווי די זיידפעדעם אין ווינט. דאָס אַלץ איז געווען אין אים פאַרשטויסן. דער פאָטער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט ריידן וועגן די קרובים. ער ווייסט אַז אַן עלטער־זיידע איז אַנטלאָפן פון סיביר. ער איז געווען פאַרמישט אין אַ „מעשה". אַ צווייטער זיידע איז געפאָרן שטאַרבן קיין ירושלים. מיט אַ חודש צוריק האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויף דעם אַלטן בית־עולם אין ירושלים און געזוכט דעם קבר פון ר' נתן שאַפּירא. נאַטאַנעל האָט געפילט אַז ער איז געקומען אויף די שפּורן פון זיין שטאַם. ער האָט אים אָפּגעפונען דאָ, אין דער וויסטעניש פון נגב. גרויסע מידבר־שטערן, אַ ווייט געוואָי פון אַ שאַקאַל. דאָס געלעכטער פון די דריי מיידלעך וואָס וואַשן זיך אונטער די קראַנען. איינע איז שמאָל־אַקסלדיק, מיט אַ חן־פּינטל ביי דער רעכטער שליף. זי האָט נעכטן צונויפגעקלעפּט אַ קרוג פון שערבלעך. אירע פינגער זענען לאַנג, שמאָל און באַוועגלעך. אַז זי רעדט באַוועגן זיי זיך ווי זי וואָלט דיריגירט. די צווייטע איז הויך מיט אַ לאַנגן האַלדז ווי ביי אַ הירשין. דער קאָפּ איז קורץ געשאָרן און אַ שוואַרצער לאָק פאַלט איר אַראָפּ ביז די אויגן אַזוי ווי אַ פראַגע־צייכן. די דריטע איז אַ רויטהאָריקע, אַ נידעריקע, זי דערמאָנט אין די טעכטער פון אַלטן מצרים. אַזעלכער פּנימער זעט מען אויף די פּיראַמידע־צייכענונגען.

4

נאַטאַנעל האָט אַלץ צונויפגעמישט אין זיינע אייליקע מחשבות, אי דעם זיידן, אי רייד פון די עלטערן וועגן די אומגעקומענע קרובים, אי דאָס געשלעג מיט דעם פּאָרטאָ-ריקאַנער פאַרוואָס ער האָט אים גערופן „דזשו", אי די נעכט אין דער זעקסטער אַרמיי בעת די אַטאַקעס אויף דייטשלאַנד. ער האָט זיך איצט דערמאָנט אין דעם אויסגעצויגענעם פּנים פון אַ קאַצעטלער, די שיף מיט עולים אויף וועלכער אויך ער איז געקומען. ער האָט זיי געזען פון זיין קאַבינע אין דער ערשטער קלאַס. ער האָט געטראַכט וועגן די נאַבאַטן, וועגן די שלאַכטן מיט די אַראַבער אין סיני, וועגן דעם שומר וואָס האָט זיך אַוועק־געזעצט מיט דער ביקס צווישן די קני. זיצט ער נאָך אַלץ אין חדר־אוכל? פאַרוואָס איז עמנון גלעדי אַזאַ שווייגער? איז ער, נאַטאַנעל, טאַקע אַזוי לייכטזיניק ווי אַלע מיינען? ער האָט זיך אַליין געפרעגט די פראַגע און געשמייכלט. זיי וויסן נישט אַז איך שפּיל די ראָל פון אַ לייכטזיניקן אַמערי־קאַנער טוריסט. דאָס שטימט מיט זייער פאָרשטעלונג וועגן דער אַמעריקאַנער יוגנט. פאַרוואָס זאָל ער צעשטערן זייער איינרעדעניש? זיי וועלן סיפּורי אים נישט גלויבן. ווידער איז דערגאַנגען צו אים דאָס לאַכן פון די מיידלעך און דערנאָך האָט ער זיך איינגעהערט אין דער נאַכט.

דער וואַסערשטראָם איז אַ קילער. זיין גוף דערוואַכט. ער וועט נישט איינרוען אין אַזאַ נאַכט. אים האָט זיך געדאַכט אַז אַ שאָטן באַוועגט זיך אויף דעם פלאַכלאַנד און קייקלט זיך אַוועק ביז די שטעלער. ער איז אַרויס אין מידבר אַריין. ער איז געוועזן זיכער אַז די וואָס האָט נעכטן צונויפגעקלעפּט די קריג פון די שערבלעך וועט אַרויסקומען. ער האָט געוואַרט אויף איר וואָרעם אַלע מחשבות זענען צערונען געוואָרן און עס האָט דערוואַכט אין אים דער ווילן איר צו זען. זי וועט זיך באַווייזן. ער האָט געלויערט אויף אירע טריט. דאָס מוז געשען איידער די שטערן וועלן זיך אויסלעשן.

די טויב פון שכם

אַבו בן סאַלים האָט צוערשט נישט געוואָלט ענטפערן אויף די פראַגן פון שופט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די פעך־שוואַרצע האָר צעשויבערט, די הענט לאַנגע און אָפּשטייענדיקע, די אויערן פלאַמענ־דיקע, דאָס טונקל־געקעסטלטע העמד אַרויסגעלאָזט.

פון דעם זאָל זענען דערגאַנגען צו אים שעפּטשנדיקע רייד, פאַרבאָרגענע ווי דער געשאָרך פון ווינט אין נידעריקע גראָזן.

— פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון שכם? ווער האָט דיך דורכגעפירט די גרענעץ? פון וואַנען האָסטו באַקומען די פאַלשע פּאַפּירן?

— אדון השופט... איך בין נישט פון שכם... די פּאַפּירן זענען אמתע... איך בין א יהודי פון מאַראָק... יהודה בן טוב... דאָס איז מיין נאָמען, בחיי...

אויף דער פאָדערשטער באַנק איז געזעסן אַ רויטהאָריקע יונגע פרוי מיט אַ קינד אין די אָרעמס. אויף איר אַקסל איז געלעגן אַ ווייסער שאַל מיט לאַנגע זיידענע פראַנדזן.

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. איין נאַקעטע בריסט איז אָפּגע־דעקט געוואָרן און דאָס עופלה האָט זיך צעוויינט.

— וואָס ווילט איר פון מיין יהודה? באַפרייט אים...

דאָס געוויין פון קינד איז געווען אַ דינס און שאַרפס. דער ברוסט־וואָרצל איז געווען אָנגעדראָלן, טונקל־רויט און געוויגט זיך.

דער ריכטער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און עפּעס געזאָגט צום *שמש* פון בית־המשפּט.

דער געשטופּלטער *שמש* מיט דעם פּנים ווי עס וואָלט געווען אויסגע־קלאַפּט פון זשאַווער־בלעך איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי, פאַרדעקט איר ברוסט מיט דעם ראַנד פון איר שאַל און געזאָגט: — קום. דו שטערסט. ועסט וואַרטן אין דרויסן.

אַבו בן סאַלים איז אומרואיק געוואָרן. זיינע הענט האָבן געזוכט אַן

אָנשפּאַר. ער האָט אַ בליק געטאָן מיט פאַראַכטונג צום שמש, דערנאָך צום שוטר וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, אויפגעריסן מיט די ציטערנדיקע הענט דאָס העמד און אַנטפּלעקט זיין אויסטאַטואירט האַרץ. דער שופט האָט זיך איינגעקוקט אין דער טויב מיטן איילבערט־צווייגל אין שנאָבל, אין די פּרי־מיטיווע שטריכן, די טונקל־בלאָע, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרשטעלן מיט זיך דעם מבול.

— טרייבט איר נישט אַרויס, אדון השופט. איך וועל זאָגן דעם אמת. איך וויל אַז תמר זאָל הערן. גיב דאָס קינד די ברוסט, תמר, שעם זיך נישט. אַלע האָבן מיר געזויגן די מילך פון די מאַמעס ברוסט. זאָל עס שטיל ווערן.

דאָס געשאַרך אין בית־הדין איז געוואָרן העכער. די בענק האָבן געסקריפּעט ביז עס איז געוואָרן שטיל אַזש מען האָט געהערט ווי עס ציטערן די שויבן און דאָס עטעמען פון קינד בעתן זייגן.

— מיין אמתער נאָמען איז אַבו בן סאַלים. איך בין געקומען פון שכם.

— דו ביסט אַן ערבי?

— יאָ, כבוד השופט, אַן ערבי בן ערבי.

תמר האָט געווישט די טרערן. זיי זענען געריגען אויף דער ברוסט, אויף דעם קינדס ליפּעלעך.

— איך האָב גענאַרט תמרן און אַלעמען ליגן געזאָגט. איין אמת האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל שטאַרבן ביי אירע פיס. איך וועל איר קיינמאָל נישט איבערלאָזן. אַז איך וועל זיין אַ טאַטע צום קינד.

דער ריכטער האָט אים איבערגעריסן.

— פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון שכם?

— עס איז אַ גורל... מין השמים...

— ווו זענען דיינע עלטערן?

— איך האָב נאָר אַן אַלטער מאַמען. זי איז געבוירן אין רמלה. איינמאָל האָב איך געהערט פון אַן אַראַבער אין אַ שענק אַ מעשה וועגן אַ פאַרמעגן וואָס ער האָט באַהאַלטן אין רמלה אין אַ הויף, צווישן די וואָרצלען פון אַ טוט-בוים. ער האָט דאָס דערציילט פאַר עטלעכע זקנים. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. איך האָב זיך איינגעהערט אין זיין שילדערן דעם הויף, דעם אויסזען פון דעם בוים, די קרוג מיט די גאָלדשטיקלעך. איך האָב געוואָלט האָבן געלט, אַ סך געלט אויף קויפן זיך אַ ווייב, אַ שטיק ערד און פאַרלייגן זיך אַ משפּחה. עס איז שוין געווען צייט דערצו. איך בין אַוועק קיין רמלה. מיך האָט געצויגן די שטאָט פון מיין מאַמען. דאָרט איז נאָך זיכער

דאָ דאָס הויז ווו זי איז געבוירן־געוואָרן. אַזויפיל מעשיות האָב איך זיך אָנגעהערט פון איר וועגן רמלה, וועגן די גרויסע יאַרידים, וועגן די קעמלען באַצירטע מיט געהאַפּטענע טיכער, וועגן די קברים פון די אבות. איך האָב דורכגעשלייכט זיך דורך דער גרענעץ, אויסגעמיטן עטלעכע ישובים, געגנעכ־טיקט אין פּרדסים. צוויי וואָכן צייט האָב איך געאַרבעט ביי אַ מושבניק. קיין רמלה בין איך אָנגעקומען אין אַ פּאָר טאָג. איך האָב געפונען דאָס הויז און געזען דעם טוט־בוים אין הויף. עס שטימט. נאָר ווי אַזוי קומט מען צו צום אוצר? דאָרט וווינט מען. דער הויף איז תמיד פאַרמאַכט. דורכן טירל האָב איך געזען די מענטשן וואָס לעבן דאָרט. דאָס איז געווען דאָס הויז פון תמרס עלטערן. זייער שפּראַך איז מיר געווען אומבאַקאַנט. איך האָב געט־ראַכט אַז ביינאַכט וועל איך אַריבערקריכן דעם גדר און צופאַלן צו די וואָרצ־לען פון טוט. איך האָב צוגעגרייט אַ טוריע, פאַרפּעסטיקט איר און אַ האַלבן טאָג געשאַרפט איר אָן אַ קיזל־שטיין. די טוריע האָב איך געפונען נישט ווייט פון גדר אויף אַ מיסט־בערגל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געברענט ליכט אין איין חדרל. איך האָב זיך פאַרגנבעט אויף די שפּיצן פינגער און אַריינגעקוקט. דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען תמר. זי האָט געלייענט אַ בוך. די ערד אַרום טוט־בוים איז געווען האַרט. איך האָב אָנגעטראָפן אויף דיקע וואָרצלען. די טוריע האָט עטלעכע מאָל אָפּגעקלינגען אין אַן אינטערערדישן שטיין. אַ הונט האָט זיך צעבילט און אַ סטייע שאַקאַלן האָבן מיט איינמאָל אָנגעהויבן צו יאָמערן. די טיר האָט אַ סקריפּע־געטאָן, אַ פּאַס ליכט איז געפאַלן ביזן טוט. תמר איז געשטאַנען אויף דער שוועל. דאָס איז געווען אַ קילער אָוונט און זי האָט געטראָגן דעם זעלביקן ווייסן שאַל אויף אירע אַקסל. איך האָב זיך פאַרטייעט ביים שטאַם. איך האָב געזען אַז זי גייט צו דער שטאַל, דער ריח פון אַ בהמה האָט מיר אַ שלאָג־געטאָן אין די נאָזלעכער. עס האָט געשמעקט מיט מילך. איך האָב געהערט ווי עס רינט פון אַ קראַן וואַסער. איך בין אַוועק. צומאָרגנס האָב איך געקלאַפּט אין טויער. עס איז אַרויס צו מיר תמרס פאָטער. איך האָב אים געזאָגט אויף אַראַביש. „איך בין אַ גוטער אַרבעטער. איך וועל דיר אָפּרייניקן דעם גאָרטן פון דערנער. איך וועל דיר העלפן. וועסט מיר נישט דאַרפן צאָלן קיין סך”. ער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. איך האָב אים געוויזן מיין טוריע, געוויזן אים מיינע הענט. ניין — האָט ער מיר געזאָגט און פאַרמאַכט פאַר מיר דעם טויער. א חודש צייט האָב איך געאַרבעט אין אַ פּרדס. איך האָב געקויפט צוויי שעפּסן און זיי צוגעטריבן ביז צום טויער

פון תמרס הויז. „קויפט דאָס!" זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווער איך בין. „אַ יהודי פון מאַראָק. איך האָב די שעפסן געקויפט. איך דאַרף געלט". אַזוי האָבן מיר זיך באַפריינדעט. איך האָב אָנגעהויבן צו ארבעטן ביי תמרס עלטערן. איך האָב געמאַכט אַ שטאָל פאר די שעפסן. פאַרראָכטן דאָס הויז. געהאָלפן לייגן פּאַלאַטן אין די חדרים. איך האָב דורכגעגראָבן דעם טוט־בוים פון אַלע זייטן. איך האָב געזאָגט אַז מען דאַרף אַרום טוט בלומען פאַרזעצן, עס זאָל זיין שיין.

דער שופט האָט זיך איינגעהערט אין סאַלימס רייד. ער האָט עטלעכע מאָל אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ צייכן אַז ער זאָל אויפהערן, נאָר סאַלים האָט זיך מער נישט געקענט צוימען. ער האָט גערעדט אַראַביש, אַריינגעבראָקט ווערטער אין יידיש און אַז ער האָט געדאַרפט דערציילן וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש אין דער נאַכט, אויף זיין געלעגער, מיט תמר, איז ער שטיל געוואָרן און זיינע אויערן האָבן זיך אָנגעצינדן מיט אַ גליענדיק פייער. „כבוד השופט" — האָט ער שטיל געזאָגט: — „נאָך יענער נאַכט בין איך אַוועק פון דעם הויף. איך האָב געטראַכט צוריקצוגיין קיין שכם. דער אַראַבער פון דער שענק האָט אָפּגענאַרט. דאָס איז געווען אַ שיכור. ביי יעדן איינעם האָט ער געבאָרגט געלט און צוגעזאָגט אַז ער וועט צוריקגעבן צען מאָל אַזויפיל, ער האָט אַ פאַרמעגן אין רמלה. נאָך אַ חודש און נאָך צוויי חדשים און מען וועט דאָך צוריקגיין צו יענע ערטער... ער איז אַלעמען שולדיק געווען געלט ער האָט אַפילו געגעבן קבלות מיט אונטערשריפטן אַז פון אוצר וואָס ער האָט אין רמלה וועט ער צוריקצאָלן כפל כפליים. איין טאָג האָב איך געאַרבעט און צוויי טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין די אַראַבישע געסלעך פון רמלה. קיינער האָט מיך נישט געפרעגט ווער איך בין. איך האָב ליב געהאַט צו גיין אין קולנוע און פאַרברענגען מיט יידישע בחורים פון מאַראָק. איינמאָל האָט מיך אויפגעזוכט תמר. זי איז געקומען אַ פאַרוויינטע און מיר געזאָגט: „איך וועל האָבן פון דיר אַ קינד. וואָס וועט יעצט זיין?" גוט, האָב איך געזאָגט, איך בלייב, איך וועל נישט אַוועקגיין פון רמלה. „כבוד השופט!" — האָט אַבו בן סאַלים אויסגערופן: „דאָס איז דער אמת. וואָס איז איך אַן אונטערשייד אויב איך בין אַבו בן סאַלים אָדער יהודה בן טוב? איך קען שווערן ביי דעם קינד, ביי אַללה אַז איך בין אַן איש טוב, אַן איש ישר. איך בין נישט קיין יהודי, איז דאָס אַ זינד?"

— עס איז אַ זינד צו זאָגן ליגנט. דו האָסט נישט אָנגעגעבן דיין אמתן

נאָמען. דו האָסט נישט קיין שום פּאַפּירן. דו ביסט אַדורך די גרענעץ. אפשר האָסטו געהאַט זינד אויף זיך אין שכם? אפשר האָסטו דאָרט אָפּגעטאָן אַ פּשע?

סאַלים האָט פאַר כעס און פון אומבאַהאָלפנקייט געריסן דאָס העמד אויף זיך. איצט האָט מען בולט אָנגעזען די אויסטאַטואירטע כוואַליעס פון אַ ים און אַ שיפל, אַ קליינס און נישטיקס, וואָס טרינקט זיך צווישן די וועלן און איבער דעם צעשטורעמטן ים דערהייבט זיך די אויסטאַטואירטע טויב מיט דעם איילבערט־צווייגל.

דער זאַל מיט מענטשן האָט זיך איינגעקוקט אין דער נאַקעטער ברוסט. אפילו תמר האָט געקוקט מיט שטוינונג ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערזען דאָס קליינע שיפל צווישן כוואַליעס און די טויב מיט דעם צווייגל וואָס שוועבט איבער אַן אָקעאַן.

דאָס געשריי פון דער מעווע

אין די פאַרנאַכטן, ווען איך הער דעם רוף פון דער מעווע, גיי איך אַרויס אויפן באַלקאָן און זוך דעם יונגן בחור, וואָס שטייט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו די הויכע שטאָקן.

שוין דריי טעג ווי איך האָב נישט געהערט דעם פאַרוויגנדיקן מעווע־רוף. איך האָב נישט געקענט איינזיצן אין די פאַרנאַכט־שעהען ביי מיין טיש. עס האָט מיר עפּעס געפעלט. מיין טאָג איז נישט געווען שלימותדיק.

אפשר איז עוזיאל נישט געקומען פון דער מיליטער־מחנה ווייל מען גיט אים נישט קיין חופש?

איז אריאלה אין דער היים?

יאָ, אריאלה איז אין דער היים.

האָבן זיי זיך צעקריגט? וועל איך מער נישט הערן איר ענטפער, וואָס דערמאָנט מיר אין טרילען פון אַ יונג, נאָר־וואָס באַפליגלט פייגעלע, וואָס עפנט דאָס ערשטע מאָל די פליגל צום פלי?

מיט וואָס וועל איך אויספילן די דאָזיקע אָונטיקע שעהען?

זאָל איך אויפמישן אַ פאַרגעסן בוך און לאַנג בלעטערן געל־געוואָרענע בלעטער?

זאָל איך אפשר זוכן אין מיין שופלאָד צווישן דעם אנהויף פון אַלטע בריוו?

דאָס וועט מיך מיד מאַכן.

דער מעווע־רוף פון עוזיאלן צו אַ פענצטער אין מיין גאַס און דער ענטפער פון אריאלה דערפרייען מיך תמיד. זיי לייזן מיך אויס. איך וואַרט אויף דעם אַזוי ווי מען וואַרט אין אַ חאַמסיניקער נאַכט אויפן גוטן קילן ווינטל פון ים.

אַז איך זע נישט דעם יונגן ליכטיק־האָריקן בחור ביים נידעריקן גרינעם גדר ווילט זיך מיר טרייסטן אריאלה.

ווי אַזוי?

אפשר זאָל איך אַ רוף־טאָן ווי אַ מעווע?

אין דער שטילקייט חזר איך איבער דעם רוף און איך פיל אַ פאַרבאָר־גענע פרייד.

און אַז איך האָב דערהערט נאָך דריי טעג, דעם באַנייטן מעווע-רוף, בין איך אין געאייל אַרויס אויף דעם באַלקאָן.

דאָס מאָל האָב איך נישט געוואַרט לעבן די גאַרדינען אין שאָטן, ביז עס וועלן אַ פלאַטער־טאָן דעם מיידלס האָר אין פענצטער און זי וועט אָפּענטפערן אויף דעם רוף מיט איר טרילען.

עוזיאל שמייכלט צו מיר;

אָ, דער נייגעריקער שכן מיט די גרויע האָר. דאָס האָט אים ווייזט אויס פאַרוויילט, ווייל איך בין פריער דערשינען אויף זיין רוף ווי אריאלה.

— עוזי! — שריי איך צו אים מיט פאַרוואורף — דו ביסט דריי טעג נישט געווען.

— זקן, אַתה חברהמאַן...

אָט איז שוין אריאלה. איך קען שוין צוריקגיין צו מיין שרייב־טיש. איך שפּיגל זיך אין די שויבן. „זקן"? איך זע מיינע גרויע האָר. „אתה חברהמאַן"?...

דער סאַברישער זאָג באַדייט אַז איך בין פאַר אים כמעט אַ היימישער. אַז כ'פאַרשטיי אַן ענין.

באַלד וועט אַ פלאַטער־טאָן די מעווע, דאָס טרילען וועט אויפהערן און אין דער לופט וועלן שוועבן יונג־צעעפנטע פליגל.

און איך — איך וועל מיט מיינע פינגער באַרירן די האַרטע ערד פון די בלומען־טעפּ אויפן באַלקאָן און זיי אָנטרינקען מיט קיל וואַסער.

עס איז אַ גוטער טאָג, היינט. אריאלה איז געווען אַזוי צעשמייכלט. זי האָט געפאָכעט צו אים מיט ביידע הענט און אין פאַרנאַכטיקן ליכט האָבן געלויכטן אירע פינגער.

די ערד פון מיינע בלומען־טעפּ איז דאַרשטיק און זאַפּט איין דאָס וואַסער.

איך גיי פאַמעלעך אויף די טרעפּ אַ געזעטיקטער אין מיין נייגער, אַ באַרואיקטער.

די פרייד פון די יונגע גיט זיך מיר איבער. איך אָטעם טיף און שפּאַציר ביזן ראָג אין די פוסטריט פון די יונגע.

צומאָרגנס האָבן די שויבן אַ ציטער־געטאָן און איך האָב דערהערט אַ שווערן גערויש פון אַן עראָפּלאַן.

כ'בין אַרויס און געזען דעם זילבער־שטרייף וואָס עס האָט געלאָזן נאָך זיך אַ ווייטער קוים־אָנזעעוודיקער עראָפּלאַן.

דער זילבער־שטרייף איז געוואַקסן מיט אַן אומגעוויינטלעכער שנעל־קייט. ער האָט שוין צעטיילט דעם הימל אויף צוויי גלייכע חלקים.

— דאָס איז עוזי! עוזיאל! — האָט גערופן צו מיר אריאלה — דאָס איז עוזי!

איך האָב דערפילט די פאַרבינדונג פון דעם מיידל אין פענצטער מיטן פאַרגייענדיקן טונקעלן פינטל אויפן הימל. דער זילבער־שטרייף פאַרבינדט זיי.

אריאלה האָט געוואַרט ביז דער דזשעט־שטרייף איז צעשווימען געוואָרן, דעמאָלט האָט זי צוגעמאַכט דאָס פענצטער.

פאַרנאַכט.

איך וואַרט אומגעדולדיק אויפן מעווע־רוף. אוי, דו זקן, פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומגעדולדיק? פאַרוואָס שפּרייזסטו איבערן צימער און טוסט תפילה, אַז דו זאָלסט דערהערן דעם רוף פון אומבאַקאַנטן העל־האָריקן, ליכטיק־אויגיקן עוזיאל?

פארוואָס ביסטו אַזוי אומרואיק אין דער אָוונטיקער שעה?

איז דאָס דיין נישט־אויסגעלעבט לעבן, וואָס דו האָסט אָנגעהאָנגען אויף אַן אַנדערן? אָ, דו האָסט זיך אין דעם פאַרפלאָנטערט אַזוי ווי אַ מידער וואָלקן, וואָס קען זיך מער נישט האַלטן אין די הימלען און נידערט אַראָפּ מיט זיין וואָלקנשן גוף אויף אַ צאַרטער טאָפּאָליע?

ניין.

מיך שרעקט עפּעס.

זייט איך האָב דערהערט דעם געיאָמער פון מיינע שויבן, ווען עס האָט זיך געריסן אין די הימלען אַריין עוזיאלס עראָפּלאַן און איך האָב דערזען דעם זילבער־גרויען רויך־שלייער, איז מיין געהער נאָך מער צוגעשפּיצט געוואָרן צום מעווע־רוף.

זיי געבענטשט פלאַטערדיקער פויגל איבערן צעוויגטן ים!
דרייסטער, דרייסטער, צעעפן דיינע פליגל, דו אריאלה! — — —
ווידער דער מעווע־רוף.

איך שמייכל צו זיך אַליין און בין זיכער, אַז זיין רוף האָט היינט עפּעס פון יענע ווייטע הימלען, אין וועלכע איך און אריאלה האָבן היינט געבלאָנ־דזשעט מיט די אויגן.

ווען איך דערזע דעם יונגן בחור אין די פאַרנאַכטן פריי איך זיך, פאַרוואָס? ווייל ער האָט באַהערשט די הימלען איבער מיין קאָפּ און טראָגט איצט זייער רייַנקייט אין זיינע אויגן? און אפשר דערפאַר, וואָס מיין שרעק איז צעשווומען געוואָרן אַזוי ווי דער רויך־שטרייף בעת עוזיאל האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד לעבן גרינעם גדר?

דער מעווע־רוף זאָגט מיר אָן, אַז עס איז רואיק אויף אונדזערע גרענעצן.

איך בעט גאָט, אַז די טעג, וואָס וועלן קומען, זאָלן זיין אַזוי ווי די טעג וואָס פאַרגייען.

איך טו תפילה, אַז אריאלה זאָל זיך באַווייזן אין פענצטער און איך זאָל זען דעם יונגן בחור אין די פאַרנאַכטן.

עס זענען געקומען אומרואיקע טעג.

אַ שווערער עראָפּלאַנען־גערויש איז געהאָנגען איבער דער שטאָט. מענטשן האָבן געקוקט אין די הימלען אַריין און נישט געקענט אַנטדעקן פון וואַנען דער גערויש קומט. ערגעץ־ווו הויך אין אַ רויך־נעפּל האָבן זיך אַוודאי געטראָגן עראָפּלאַנען.

אומזיסט האָב איך געוואַרט אויף עוזיאלן.

אין איינע פון די פאַרנאַכטן האָב איך דערהערט אַ געוויין, אַזאַ דיך־צעצויגן געוויין פון אריאלהס פענצטער.

איך האָב גלייך אַלץ פאַרשטאַנען.

ווי אַזוי איז דאָס געשען?

ווען?

נעכטן?

— יאָ. נעכטן — האָט מיר געזאָגט עוזיאלס אַ חבר — עוזיאל האָט אַראָפּגעשלאָגן אַ מיצרישן עראָפּלאַן, אַ „מיג". די לופט־שלאַכט איז פאָרגעקומען איבערן ים. דערנאָך האָט זיך עוזיאל פאַרקערעוועט צו זיין באַזע. עטלעכע עראָפּלאַנען פון פיינט האָבן אים באַשאָסן. ער האָט געמאַכט דרייסטע מאַנעוורען צו צעטומלען דעם פיינט. איבערגעקערט זיך דריי מאָל, אויפגעהויבן זיך און אַראָפּגעלאָזט זיך ווי אַ שטיין. מיר זענען געשטאַנען די גאַנצע

צייט מיט אים אין פאַרבינדונג. „האַלאָ, האַלאָ, איך בין אַרויס פון פיינדס באַשיס־ספערע, אָקעי". — האָט ער געזאָגט אין זיין ראַדיאָ־טרייבל אַריין. „שלום". עוזיאל האָט זיך האַסטיק אַ קער־געטאָן צום ים מיט אײן פליגל. דער ים איז געלעגן אַזאַ רואיקער ווי אַ ליכטיקער שפּיגל. איינצלנע לייכטע וואָלקנס האָבן זיך אין אים געשפּיגלט. „איך האָב פאַר זיך אַ פרייען ליכטיקן הימל" — האָט ער געזאָגט. „איצט הייב איך זיך אויף ווי אַ מעווע אין הימל אַריין". דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. דערנאָך האָט זיך דער עראָפּלאַן אַ שליידער־געטאָן מיט דעם רעכטן פליגל גלייך אין ים אַריין. מיר זענען פאַרציטערט געוואָרן. דאָס איז געווען דער סוף.

— פאַרוואָס ? פאַרוואָס ? — האָב איך אויסגערופן.

— דאָס איז געווען אַ פאַטאַלער טעות — האָט געזאָגט עוזיאלס חבר.

— עוזיאל האָט געמיינט, אַז דער רואיקער בלאָער ים־פלאַך און די לייכטע וואָלקנס אין אים, אַז דאָס איז דער הימל.

אין די פאַרנאַכטן גיי איך צום ים־ברעג, כדי צו הערן דאָס רופן פון די מעוועס.

די יאַשטשערקע

— ווי אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן ?

אַן אָנגעגנעם שטיל קול. אַ ווייסקייט פון כאַלאַט. טונקעלע ברילן פאַרלאָ־פענע מיט אַ דורכזעעוודיקער מאַטקייט און באַוועגלעכע לאַנגע פינגער אויף אַ ווייסן טיש, ווי זיי וואָלטן באַרירט קלאַווישן. פאַר וואָס איז אַזוי שטיל ? פאַר וואָס דערגייען נישט צו מיר די קלאַוויר־טענער ?

— איר שפּילט גוט קלאַוויר.

דער מענטש אין ווייסן האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט און אומרואיק געפרעגט :

— איר הערט דען איצט שפּילן קלאַוויר ?

— דאָס איז געווען אַ גרויסע יאַשטשערקע. זי איז געשטאַנען אויף דעם שטיינערנעם פּלויט, דעם גרוי־צעשפּאָלטענעם, מיט אַן אָפן מויל. די אונטערשטע טייל פון מויל און דער בויך האָבן זיך משונהדיק באַוועגט. זי האָט אויסגעזעען ווי אַ פאַרבאַקענע ווונד — אַזאַ קאָליר האָט זי געהאַט...

— איר ענטפערט מיר נישט אויף די פראַגן — האָט געזאָגט דער מאַן אין ווייסן צו אַ שוואַרץ־צעשויבערטן יונגן מענטש מיט געדיכטע צונויפגעוואַקסענע ברעמען.

— ניין. איך הער נישט שפּילן קלאַוויר. דאָס האָבן אייערע באַוועגלעכע פינגער מיך געמאַכט טראַכטן וועגן דעם. איך ווייס נישט פאַר וואָס איך האָב דאָס אייך געזאָגט.

— פאַר וואָס האָט איר מיר דערציילט וועגן דער יאַשטשערקע ?

— איך קען זי נישט פאַרגעסן.

דער יונגער מענטש איז געזעסן אויף אַ לעדערנעם פאָטעל. ביידע הענט אויף די קני, די אַקסל אייַנגעצויגן, די שטערן־ווינקלען טיפע מיט דינינקע בלאָע אָדערן אָנגעדראָלענע, באַוועגלעכע, די ליפּן בלייך, מיט אַ הויט אַ געפּלאַצטער. די קינבאַקן פאַרשפּיצט און ראָז ווי זיי וואָלטן געפלאַמט.

— אייער נאָמען איז וויקטאָר ?

דער יונגער מענטש האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און געקוקט אומבאַוועגלעך אויף די שטיינערנע קוואַדראַטן פון דיל.

— מיר איז גאָרנישט. איך פיל זיך געזונט. איך ווייס נישט פאַר וואָס איך בין געקומען צו אייך. איך בעט ביי אייך נאָר אַ מיטל קעגן שלאָפלאָזיקייט. איר ווייסט, דאָקטאָר, וואָס דאָס באַדייט שלאָפלאָזיקייט אין די לאַנגע נעכט מיטן געוואָי פון די שאַקאַלן און די פאַרהוילענע נאַכט־קולות פון פייגל בעת שלאַנגען וויקלען זיך אויף שטאַמען צו פייגל־נעסטן. די שטאָרבנדיקע פּרדסים אויסגעמישט מיט דעם עכאָ פון אַ וויסטער קאַנאָנאַדע פון באָמבאַרדירער. מען האָט זיי אין מיין אָפּטייל גערופן „די רעווענידקע אָקסן"...

— איר זענט געווען אויפן פראָנט?

— יאָ.

— פאַרוואונדיקט?

— עס איז פאַרהיילט שוין צוועלף יאָר.

— ווייזט מיר דעם צייכן פון דער וווּנד.

וויקטאָר איז אויפגעשטאַנען און צעקנעפּלט דאָס העמד. זיין ברוסט, אַ האָריק־באַוואָקסענע, אַן איינגעפאַלענע האָט זיך רעגלמעסיק באַוועגט. דער דאָקטאָר האָט געפירט צוויי פינגער אויף די טונקל־בלאָלעכע שראָמצייכנס. זיי האָבן געהאַט די קאָנטורן פון אַ יאָשטשערקע מיט אַ ברייטצעעפנט מויל, מיט צוויי פאָדערשטע פיס וואָס קלאַמערן זיך אָן דער פלאַכקייט פון דער ברוסט.

וויקטאָר האָט אָנגעהויבן שטיל צו ריידן:

— אַ וואָך צייט האָט אָנגעהאַלטן דער חאַמסין. דער הייסער ווינט איז געקומען כוואַליעסווייז פון דרום. די קאַקטוסן האָבן פאַרלאָרן די מאַטעליכטיקייט פון די בלעטער. זיי האָבן זיך איינגעשרומפּן און דערמאָנט אין אויסגעשטרעקטע הענט פון בעטלערס. אַ הייס און ביטער געוויקסנשטויב, אַ צעמאָלנס און דורכגעברענטס האָט זיך באַזעצט אויף די וויעס, דעם גומען, און געמאַכט ביטער דעם ביסן ברויט וואָס דו האָסט געגעסן. דער ריח פון טריקעניש האָט דערמאָנט אין חורבות, אין שייטערן פאַרלאָשענע און אין שטיינער צעשפּאָלטענע. די נאָזלעכער האָבן געגליט ווי דו וואָלסט געעטעמט פייער.

— איך בעט אייך, רעדט! — האָט דער דאָקטאָר ווי באַפוילן.

— דעם ערשטן טאָג פון חאַמסין בין איך אויפגעשפּרונגען פון געלעגער

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו ליכטיקן. פון צפון-זייט האָט זיך געשפּרייט דער קאַקטוס־גדר. ער איז איצט געווען זילבערדיק־גרין, מיאוס, מיט אומגעלומפּערטע קעפּ. נישט איין מאָל, אין די נעכט, האָב איך פון צווישן די סאַברעס געהערט דאָס געציש פון אַ שלאַנג און אַ פאַרצווייפלט פּישטשע־ריי פון אַ טורקלטויב. ביי נאַכט האָב איך געעפנט דאָס איבערשטע פענצטערל פון מיין חדר וואָס גייט אַרויס אויף צפון. מיר האָט פאַרפעלט לופט. די פּאַלמע־בלעטער באַוועגן זיך אפילו נישט. בלויז די דערנער וויגן זיך. זעט אויס אַז דאָס איז אַ נידעריקער ווינט וואָס קייקלט זיך איבער דער ערדפלאַך. דער געדיכטער קאַקטוסצוים פאַרשטעלט דעם ווינט. איך וועל דעם צוים אויסהאַקן, איז מיר איינגעפאַלן. ווען עס האָט קוים אָנגעהויבן צו גרויען האָב איך אויסגעזוכט די האַק און אָנגעהויבן זי צו שאַרפן. איך האָב פאַרפעס־טיקט דעם הילצערנעם שטעקן אין דער טוריע און געפּרוווט איר שטאָלענע שאַרפקייט. דער שליפשטיין האָט אָפּגעקלונגען אין דעם פאַרטאָג און צוריק־געבראַכט מיר אַן עכאָ ווי אַ ווייט כאַאָטיש גלאָקן־קלינגעריי. איז דאָס אפשר דער גלאָק פון שריפות? אפשר ברענט דער אייקאַליפּטוס־וואַלד פון מקווה־ישראל? אפשר האָבן זיך צעפלאַקערט די דערנער אין די בערג פון יהודה? נייך. מקווה ברענט נישט. זי איז נאָך אַלץ פאַרהילט אין דעם נעפּלדיקן אָטעם פון חאַמסין. דאָס ליכט אין די הרי־יהודה קומט פון דער אויפגייענדיקער זון.

דער סאַברע־גדר איז פאַרשאָטנט. טויזנטער קעפּ שטעכיקע זילבער־נאָדלען, שטאַמען פון קופּער פאַרלאָשענעם מיט שטרייפן ליכטיקע, מיט רינגען. אָרעמס געשטרעקטע און פאַרגליווערטע ווי אין אַ פייערקאַמף. אַ הידרע אַ טויזנטקעפּיקע. איך וועל זי אויסהאַקן! די האַק האָט זיך לייכט אַריינגעשניטן אין דעם פלייש פון סאַברעשטאַם. אַ געלע פליסקייט האָט באַדעקט דעם שטאָל. די געלקייט האָט מיך געעקלט. איך האָב דערפילט דעם אָנקום פון אַ כוח וואָס איך האָב אים שוין מער נישט געקענט צוימען. שטיקער סאַברע־גדר זענען געפאַלן און איך האָב אַפילו נישט געהערט דעם הילך פון זייער פאַלן, וואָרעם זיי זענען געלעגן מיט די שאַרפע נאָדלען איינגעשטאָכן אין דער האַרטער ערד. די שטילקייט האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב יעדעס מאָל, בעת אַ פאַרמעסט מיט דער האַק, אויפגעריסן די שטילקייט מיט מיין סאָפּען. איך האָב פון צייט צו צייט געגנוצט די טוריע, דאָס איז נאָר געשען דעמאָלט ווען עס איז מיר שווער געווען צוצוקומען צו די הויפּטשטאַמען. עטלעכע מאָל זענען געפאַלן אויף מיר קאַקטוסבלעטער. זיי האָבן זיך איינגעשטאָכן אין מיין גוף און כ'האָב דערפילט אַ ווייטיק, אַ

ווילד־שטעכעדיקן ווייטיק ווי עס וואָלט מיך געטראָפן אַ פייל אַ פּאַרסמטע, ווי אַ ווילדע בין וואָלט מיך אַ ביס געטאָן.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען איז שוין אַ טייל פון דעם קאַקטוסצוים געלעגן אויף דער ערד. מיין פּנים איז געווען פאַרדעקט מיט אַ געלן שטויב. דער גומען האָט געברענט. די אויגן־ווייעס האָבן זיך געקלעפּט און איך האָב זיי געווישט מיט מיינע הענט. ריטשקעס שוויס זענען געראָנען אויף מיין רוקן, אויף מיין ברוסט. זיי האָבן מיך געבריט. איך האָב נישט געקענט מער אָטעמען, נישט שלינגען. עטלעכע מאָל בין איך אַוועק פון גדר און געבליבן שטיין ביי דער שטיינערנער ברונע. איך האָב אַריינגעקוקט אין דער קילער אָפּגרונטיקער טונקלעניש און דערפילט אַן אויסטערלישע דערלייכטערונג, וואָס איז געקומען פון קאָפּשווינדל. כ׳האָב זיך געקלאַמערט אין שטיין פון דער ברונע, ווייל איך האָב געשפירט אַז די ערד גליטשט זיך אַוועק פון אונטער מיינע פיס.

מיטאָגצייט האָב איך נישט געקענט אַראָפּשלינגען דאָס ביסן ברויט. אַ וויסטע אומגעדולד האָט מיך געטריבן פון אָרט צו אָרט און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס מאָלצייט האָב איך ווידער גענומען שלייפן די האַק און אַ לאָז־געטאָן זיך צום פאַרווילדעוועטן צוים. איך האָב געגלויבט אַז ווען ער וועט ליגן ביי מיינע פיס וועט קומען דאָס קילע צפון־ווינטל. עס וועט אַן אָטעם־טאָן מיט פרישקייט און איך וועל באַפרייט ווערן פון עפּעס שווערס און דריקנדיקס. מיין גאָרטן וועט פאַרגרעסערט ווערן מיט צען שפּאַן און אין די ווינטן וועלן מער נישט אַרומשוועבן די שטעכיקע הערלעך פון די סאַברע־פּירות און נישט די יאַשטשערקעס וואָס זייער הויט איז ווי פון די ווונדן...

ווען די זון האָט אָנגעהויבן צו נידערן זענען שוין די סאַברעס געווען אויסגעהאַקט. איצט האָב איך געניצט די טוריע אויף אָפּצורייניקן דאָס פּעלד פון דעם אָנהויף און אַוועקפירן די אויסגעהאַקטע קאַקטוסן אין וואַדי. אין האָב געוווּסט אַז יעדעס בלאַט וועט זיך דערנאָך איינהעקלען אין דער ערד און שלאָגן וואָרצלען. אויך אין וואַדי וועט דער קאַקטוס נישט שטאַרבן. עס וועט ווערן, מיט יאָרן שפּעטער, אַ קאַקטוס־געקנויל. אפילו די ווילדע וואַסערשטראָמען וואָס ריזלען דאָרט אין די ווינטערס וועלן נישט קענען אונטערשווענקען די סאַברעס. דאָרט וועלן די וואַסערן צונויפזאַמלען דעם אָנהויף פון וואָרצלען, פון דערנער און גרייניקטע לויפן צום ים.

צענדליקער מאָל האָב איך געמאַכט דעם וועג הין־און־צוריק צום וואַדי.

איך האָב זיך איינגעשפּאַנט אין שטריק און געשלעפּט דורך דער פּאַרוויל־דעניש פון די שכנותדיקע גערטנער שטיקער פון אויסגעהאַקטן צוים.

אין אָוונט בין איך אַוועקגעפאַלן מיד און מאַט אויף דער ערד פון מיין חדר. איך האָב גערוט אויף דער ראַגאָזשע פון פּאַלמע־געפלעכט און שטאַר געקוקט פאַר זיך. לאַנג האָב איך נישט געקענט רוען, וואָרעם אַ נישט־געענטער אימפּעט האָט מיך יעדעס מאָל אַ טראָג־געטאָן צום הויף.

די היץ האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. מיר האָט זיך געדוכט אַז מיין אָנמאַכט קומט פון רוען צווישן די ווענט פון מיין חדרל. די לעכצנדיקע ערד האָט מיך טרויעריק געמאַכט. איך האָב ערשט איצט באַנומען פאַר וואָס די גערעטעניש אין מיין גאָרטן איז אַזאַ קליינע. דאָס נעמט זיך פון דער שיפקייט פון דעם באָדן. די וואַסערן ווערן נישט איינגעזאַפּט נאָר זיי רינען־אָפּ צום וואַדי. איך האָב גענומען דעם רידל און געוואָלט אויסגלייכן נאָר איין שפּאַן ערד, נישט מער. די האַרטע ערד האָט נישט נאָכגעגעבן. ווידער איז געקו־מען דאָס געקלאַנג ווי איך וואָלט אָנגעשלאָגן אין קופּער. איך האָב זיך איינגעהערט צי עס וועט קומען אַן עכאָ. עס איז שטיל אין גאַנץ אָוונטיקער וועלט. מיינע שלייפן דריקן מיך ווי עמעצער וואָלט מיר אָנגעטאָן אַ דערנער־קרוין, אַן ענגע און שטעכיקע. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטןביים ליכט פון דער האַמסיניקער לבנה. איך מוז אויסגלייכן מיין גאָרטן, אַראָפּשניידן מיטן רידל די בערגלעך אַז די ערד זאָל ווערן פלאַך ווי אַ טיש, דעמאָלט וועלן זיך די ווינטערדיקע וואַסערן האַלטן אויף דער איבערפלאַך און די ערד וועט זיין אַ געזעטיקטע. די שטראָמען וועלן נישט אַוועקטראָגן דעם פּרוכטיקן שיכט ערד און נישט די באַמיסטיקונג וואָס איך שפּרייט דאָ אין פרילינג און אין האַרבסט.

די מידקייט איז געווען פאַר מיר אַן אויסלייזערישע וואָרעם איך האָב זיך באַפרייט פון שלייפן־געקלעם, איך האָב נאָר געשפּירט דעם ווייטיק אין די געלענקען און דער ווייטיק האָט מיך געמאַכט רואיק.

איך האָב געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. עטלעכע מאָל האָבן זיך שאָטנס דורכגעגליטשט פאַרביי מיינע פיס. איך האָב געוווסט אַז דאָס זענען די גיפטיקע שלאַנגען וואָס האַלטן זיך אויף אין דעם קאַקטוסצוים. איך האָב געשליידערט אויף זיי מיין רידל און נישט געטראָפן. איין מאָל איז דערגאַנגען צו מיר דאָס אָפּגעהאַקטע געוויין פון אַ סאָווע און אונדזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן. זי איז געזעסן אויף אַ צווייג ממש איבער מיין קאָפּ. אַזוי נאָענט אַז איך האָב געשפּיגלט מיינע אויגן אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן־

רינגען. אַ פּחד האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן נאָר עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. איך האָב געשטעלט וואַקלדיקע טריט. עטלעכע מאָל בין איך געפאַלן. ניין, איך האָב זיך אַליין אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און מיט האַנטפלאַכן געריסן שטיקער, געוואָלט זיי צעקרישלען, אויסגלייכן. פאר וואָס ליג איך אין מיטן פעלד? — האָב איך זיך אַליין געחידושט. איך האָב דערזען אַז עס ליכטיקט. עס קומט אַ נייער טאָג. די היץ איז איצט אַריין אין מיר. איך אָטעם פייער און אַז מיין בליק איז געפאַלן אויף דעם שטיינערנעם צוים איז געשטאַנען די גרויסע יאַשטשערקע. זי האָט געהאָט אַ גרוי־צעעפנט מויל און דער אונטערטער טייל האָט זיך משונהדיק באַוועגט.

וואָס ווייטער איז געשען ווייס איך נישט. איך האָב זיך געפונען אויף מיין בעט. לעבן מיר איז געזעסן דער זקן עזריה, דער שיקמה־קליבער און האָט מיר געגעבן צו טרינקען אַ קיל און זיסלעך געטראַנק, אַ היילנדיק שיקמה־געטראַנק. איך האָב זיך געבעטן ביי עזריהן: וואַרף אַיין דעם שטיינערנעם צוים. וואַרף אים אַיין. עס איז געקומען די שכנטע פרידאָווע און פאַרבראָכן די הענט: „אוי, דאָס איז אַז מען איז אַליין". זי האָט זיך אַ חנדל-געטאָן צו מיר און געוואָרט אַז איך זאָל קוקן אויף איר שרייענדיק־געפּארבט פּנים, אויף דעם ברוסט־וועגל און אויף די קני וואָס זי האָט אַנטפּעלקט בעת זי האָט זיך געזעצט לעבן מיין בעט.

— דאָקטאָר, מיר איז גאַרנישט. איך וויל מער נישט זען די יאַשטשער־קע אויף דעם שטיינערנעם צוים.

אין דעם אויפנעם־צימער אין געווען וווּנדערלעך שטיל. דעם דאָקטערס פינגער האָבן ווידער אַ מאָל באַרירט דעם שראַם אויף וויקטאָרס ברוסט.

— איר האָט געזאָגט אַז עס איז פאַרהיילט, שוין צוועלף יאָר? — האָט אים געפרעגט דער דאָקטער.

וויקטאָר האָט אַ שאָקל־געטאָן דעם קאָפּ און געפּרוווט שמייכלען. דער צימער איז אָבער פול געוואָרן מיט טרויער פון דעם אויפגעצווונגענעם לאַכן.

דער דאָקטער איז געשטאַנען לאַנג ביים פענצטער און נאָכגעקוקט וויקטאָרס טריט. צו ערשט זענען זיי געווען וואַקלדיקע, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעגלמעסיק צו שפּאַנען לענג אויס דער פּוסטער זוניקער גאַס.

די מאָזאַיִק פון אשקלון

זילבערדיק־גרין איז דער ים ביי אַשקלון. פאַר טאָג מיניען זיינע פאָספאַר־אָדערן מיט דעם געהיימען ליכט וואָס קומט פון די ים־טיפענישן און די אַרויסשטאַרנדיקע שטיינערנע זיילן פון הויכן ברעג זעען אויס ווי אָרעמס געשטרעקטע צו די ים־וייטענישן.

איך האָב אויסגעטאָן די שיך און גיי דאָ אַרום אַ באָרוועסער. עס איז גוט צו שפּירן די קילקייט פון דעם פאַרטאָגיקן ים-ברעג. פון צפון קומט אַ מילד ווינטל און טראָגט דעם ריח פון בליענדיקע פּרדסים. דאָס איז אוודאי פון שרון. ווו זענען די קליינע פישער־זעגלען? זיי וואָלטן איצט געשפּאַנט געוואָרן פון פאַרטאָגיקן צפון־ווינט און די ווייסקייט וואָלט זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט אין גאָטס ליכטיקן פאַר טאָג.

דרומדיק פון אשקלון הייבט זיך אָן דער עזה־פּאַס. אפשר אַ דריי מייל. די פישער האָבן מורא אַרויסצולאָזן זיך אין די נעכט צו די דרום־ברעגעס. אַ ווינט אַן אומגעריכטער קען פאַרטראָגן זייערע שיפלעך צו די אַראַבישע וואַך־פּאָסטנס. זיי וואַרטן תמיד אויף דעם דרום־ווינט.

איך בין מיד געוואָרן פון די מירמל־זיילן, פון די געהאַקטע בלאָק־שטיי־נער, פון די אַלטע שטיין־ברונעמער מיט די טויזנט־יאָריקע פאַרקראַמפטע שטאַמען פון איילבירטן און סיקאַמאָרן און פון די שטיינערנע פיגורן וואָס אַלע זענען זיי מיט פלאַך־אָפּגעהאַקטער פּנימער. איך האָב שעהען־לאַנג געקוקט אויף זייערע געפאַלבטע מירמל־קליידער, אויף די שטיין־ברוסטן וואָס שפּאַרן אַרויס פון הינטער די שטיינערנע טיכער, אויף די אָרנאַמענטן פון די זיילן־קעפּ. איך האָב געטישטערט אין ליימיק־צעקנאָטענער ערד וואָס איז פול מיט שפּליטערס פון קרוגן און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט ערשט נעכטן האָט מען זיי געבראַכט פון די טעפּערייען, אָט-אָ די שערבלעך, און זיי געשפּרייט אויף די פעלדער, געמאַכט פון זיי וואַל־צוימען איינצוהאַלטן די פרילינגדיקע און הארבסטיקע וואַסער־שטראָמען, מען האָט מיט די

שערבלעך געפּלאַסטערט די גריבער און זיי דערנאָך אָנגעפּילט מיט וואַסער פאַר די גערטנער.

איצט בין איך איינער אַליין ביים פּאַרטאַגיקן ים־ברעג. די וועלט האָט אָפּגעקערט איר פּנים פון מיר. די ווייטקייט שלייערט זיך אין אַ נעפּל. פון דרום לויערט אַ סכּנה. פון צפון קומט שוין מער נישט דער ריח פון בליענדיקע פּרדסים. עס גייט אויף אַן אומברחמנותדיקע זון. דאָס געהיימע ליכט פון דער ים־טיפעניש איז געווען נישט מער ווי מיינס אַן אויסטראַכטעניש. דער אמת איז די שרעק וואָס לויערט דאָ. באַלד וועט זיך אַ מיניע־טאָן עפּעס שאַרפס, עפּעס טונקלס אויף דער איבערפלאַך פון ים־האָריזאָנט און וועט נעלם ווערן. איז דאָס נישט אַן אויסשפּיר־שפּיל פון יענער זייט?

איך שטיי אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צום פעלדזיקן ברעג. איבער מיר הויערן די אַרויסשטאַרנדיקע זיילן. טייל זענען פון שטיין און טייל פון אַ טונקל־ברוין אייזן. אפשר זענען דאָס זיילן פון בראַנדז? זיי האָבן אַמאָל געפּעסטיקט דעם ברעג פון האָפן. וויפל דורות זענען שוין פאַרביי? דער ים־פלאַך איז געזונקען ביז ער האָט אַנטפּלעקט פאַר די פעלדזן זיין זאַמדיקן אָפּגרונט. איצט שטיי איך דאָרט וווּ עס איז געווען מיט צוואַנציק דורות צוריק אַן אָפּגרונט. מיר לעבן אין אַן אָפּגרונט — האָב איך זיך אַליין געזאָגט און געגומען זוכן אַ וועגל אין דעם פעלדזיקן ברעג דורך וועלכן איך זאָל קענען קלעטערן אַרויף וווּ עס האָבן זיך אַמאָל געפונען די גערטנער פון אור־אַלטן אַשקלון.

ווי אַ שאָטן איז ער אויסגעוואַקסן פאַר מיר, אַזוי שטיל און אויסגעלאָשן געקוקט אויף מיר מיט פאַרשטיינערטע ווייסלעך.

זיין פּנים איז געווען טונקל ווי אַלט זילבער וואָס איז אויף ס'ניי געהאַמערט געוואָרן. די האָר געקרייזלט אין גרויסע שוואַרצע קנוילן. דאָס העמד אַרויסגעלאָזט, פייכט, ווי עס וואָלט געוועבט געוואָרן מיט די גרין־מאַטע ים־פעדעם. אפילו דער האָר־אָנוווקס אויף זיין צעכראַסטעטער ברוסט האָט דערמאָנט אין דער מאַכיקער גרינקייט פון ים־שטיינער.

— אדוני, האָסט נישט געזען אַ זעגל-שיפל, מיט גרין-פאָספאָרדיק, אָנגעצויגענע לייוונטן? — האָט ער מיך געפרעגט.

— ניין.

ער האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף דעם שטערן ווי אַ דעכל און איינגעקוקט זיך אין דער ים־ווייט.

זיינע פינגער זענען געווען לאַנגע, מיט ליכטיקע קנעכלעך. איך האָב זיך געחידושט אויף דער גראַציעזקייט פון זיינע באַוועגונגען.

— זעט אויס אַז אויך היינט וועט דאָס שיפל נישט אָנקומען — האָט ער גערעדט ווי צו זיך. — האָ־האָ, מען טאָר דאָס געדולד נישט פאַרלירן, עס וועט אָנקומען. שוין טויזנט יאָר ווי איך וואַרט... וואָס איז דען טויזנט יאָר? קוק אויף די שטיינער, זיי געדענקען דאָך דעם בראשית...

ער האָט געלאַכט און זיין געלעכטער האָט מיך אויפגעמינטערט. איך האָב באַוואונדערט זיין פלינקייט בעת ער איז געשפּרונגען פון איין געהאַקט שטיינערן שטיגל אויפן צווייטן און נישט געקענט אָפּחידושן זיך פון זיין אויסטערלישער שיינקייט. עס איז גוט געווען צו טרעפן אין דעם פרימאָרגן דעם פישער־יונג און הערן זיין געלעכטער.

איך בין נישט אַוועק צו די אור־אַלטע גערטנער פון אַשקלון. זיי זענען פאַרוואָרלאָזט. די שטיינערנע וואַסער־קאַריטעס לעכצן שוין צוויי טויזנט יאָר נאָך די קילע שטראָמען פון ברונעם־וואַסער. די בעקנס זענען פאַרשאָטן געוואָרן מיט דעם זאַלץ־שטויב פון ים. ווילדגראָזן מיט גרויסע אויסגעלאָשענע פאַרטריקנטע שטערן־בלומען, באַזעצט מיט טויטע פּערלמוטערנע שנעקעס. זיי זעען אויס, די ווייס־מאַטע פּערלמוטערנע שנעקעס ווי די אויגן פון מידבר־פייגל וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט. מיך האָט גערופן די שטילקייט פון דעם ים־שפּיגל.

איך וועל נאָך אַ מאָל פאַרוואַרפן מיין פאָדעם, אפשר וועט מיר דאָך געלונגען צו פאַנגען אַ פיש. כ'האָב געמאַכט אַ פעטליע איבער דעם שאַרפן האַק פון דעם פאָדעם, דאָרט וווּ עס איז צוגעפעסטיקט די בליי מיטן האָקן. איך האָב אויסגעזוכט אַ קיילעכיקן שטיין, די גרייס פון דריי פינגער, איינגע־פאַסט אים אין דער פעטליע און אים אַ שליידער־געטאָן וויט אין ים אַריין. דער שפּיגלפלאַך האָט זיך לאַנג געקרייזט אין זילבער־רינגען ביז זיי זענען דערגאַנגען צו מיר. איך בין אַריין אין ים און אָנגעהויבן גיין פאָרויס. דער פאָדעם איז אָנגעצויגן געוואָרן אַזוי שטאַרק אַזש ער האָט מיר איינגעשניטן די פינגער. אין דער זעלבער רגע האָט זיך באַוויזן דרומדיק פון מיר אַ טונקל זעגל־שיף.

פון דעם היכן ברעג האָט עמעצער גערופן. דאָס איז דער אויסטערלישער פאַרשויך. ער איז אייליק געשפּרונגען דורך די געשלענגלטע פעלדז־שטעגלעך און מיט רגעס שפּעטער האָב איך געזען ווי זיין שאָטן ווערט צעריסן פון די אויפגערודערטע ברעג־וואַסערן.

— זעסט דעם זעגל?

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער האָט ער גערופן, פּאַטשנדיק מיט די הענט.

— זיי קומען־אָן, אָט באַלד וועלן זיי דערגרייכן דעם זילבער־גרינעם שטרייף און דאַן וועט עס געשען.

דער פּאָדעם איז לויז געוואָרן. איך בין אַרויס צום ברעג און אַוועקגעזעצט זיך אויפן זאַמד. זיי שפּילן זיך היינט מיט מיר, די פיש. יעדעס מאָל, ווען איך פאַרוואַרף מיין פּאָדעם, פיל איך ווי אַ גרויסער פיש ציט דעם האַקן און ווי נאָר איך פּרווו וויקלען דעם פּאָדעם אויף מיין אָרעם ווערט דער פיש נעלם.

— וואָס וועט געשען? — האָב איך געפרעגט.

— כאַ־כאַ־כאַ. איך זע אַז דו ביסט אַ פרעמדער. דו ביסט דאָס ערשטע מאָל אין אַלטן אַשקלון. קענסט אפילו נישט די פיש פון אונדזער ים. עס איז געוועזן איין רגע וואָס האָט געקערט צו דיר. ווען דו וואָלטסט דעמאָלט אַ ציי געטאָן דעם פּאָדעם, וואָלט זיך איצט געזילבערט אויפן ברעג אַ פיש אפשר פון פינף קילאָ. דו האָסט די רגע פאַרלאָרן. האָסט איר נישט אונטערגעשיידט פון די אַנדערע רגעס.

ער האָט פּלוצעם אויפגעהערט ריידן און זיינע ליפּן האָבן געציטערט. די גרינקייט פון זיין צעכראַסטערטער ברוסט האָט זיך געלאָשן. דער יונג האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן פייכטן זאַמד, פאַרלייגט די הענט אויף די קני און שטאַר געקוקט פאַר זיך.

פאַרנאַכט, אין די געסלעך פון אַלטן אַשקלון איז ער צוגעקומען צו מיר.

— מאָרגן וועט דאָס שיפל קומען. פאַר זון־אויפגאַנג. וועסט זיין ביים ברעג?...

— ניין.

— דו וועסט פאַנגען אַ זעלטענעם פיש. אדוני, שטעל מיר אַ גלאָז אַראַק וועל איך דיר אַנטפּלעקן אַ סוד.

ער האָט די ווערטער געשעפּטשעט צו מיר אויפן אויער. די פאַרקוי־פּערין פון שאַשליק, מיט די רויטע גרויסע הענט פאַרבלוטיקטע פון די שטיקער רוי פליייש, מיט די געפאַרבטע אויף רויט לאַק־נעגל, האָט אַ ווונק־געטאָן צו מיר און דעם גראָבן פינגער צוגעלייגט צו איר שטערן. זי האָט דעם פינגער געדרייט און אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

מיר זענען אַרײַן אין אַ שענק. דער סופיט איז געלעגן ממש אויף די קעפּ. ביי אַ נידעריק טישל זענען געשטאַנען געבויגן ביז אין דער העלפט, עטלעכע מענטשן. איך האָב געזען נאָר די הענט מיט פינגער צעשפּרייטע און געלע שטיינדלעך געוואָרפענע אויף דעם טישל. אַ צעוואַקסענער פאַרשוין האָט מיט שפּאָט מיך באַטראַכט און יעדן איינעם אַ שטויס־געטאָן מיט זיין אַראָפּגעלאָזטן אַקסל. די מענטשן האָבן זיך אויף אַ רגע אויסגעקערעוועט צו מיר און אַריינגעשמייכלט אין דעם נעפּל, וואָס האָט זיך געקנוילט אַרום טישל.

— היי, סאַלים, דאָס שפּיל איז נאָך נישט געקומען? — האָט דער פאַרשוין מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן אַקסל געפרעגט.

— דו הייסט סאַלים? ווילסט אַראַק? גוט, איך שטעל! — יאָ, כאַוואַ־דזשאַ! — האָב איך מעשה היימישער אויסגערופן. — צוויי אַראַק!

סאַלים האָט אַ שמעק־געטאָן צום גלאָז און דערנאָך טועם געווען.

— דו האָסט געהערט וועגן דער הייל וואָס מען האָט איר אַנטדעקט מיט אַ יאָר צוריק? שוין לאַנגע יאָרן ווי איך בין יעדעס מאָל אַוועק אין דער הייל און געצינדן חלבנע ליכט און ביי דער שיין באַוואונדערט די שטיינערנע מאָזאַאיק. איינמאָל האָב איך זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. זי איז געקומען אויף דעם שפּיל אין זעלביקן טאָג ווען די אַראַבער זענען פון דאַנען אַנטלאָפן. עס איז געוואָרן אַ יידישע מדינה. איך בין נישט אַנטלאָפן מיט די אַראַבער. פאַרוואָס? מיין מאַמע איז געווען אַ יידישע, פון צפת. אַ טרויעריקע ליבע מיט אַן אַראַבער האָט איר אהער געבראַכט. סאַלים איז מיין נאָמען. אין בין געבליבן איינער אַליין אין אַלטן אַשקלון ווען די מענטשן פון הגנה זענען דאָ אַריין. איך האָב זיי געזאָגט: מיין מאַמע איז געווען אַ יידישע און איך בין אַ יהודי. זיי האָבן מיר געגעבן ברויט און ווייַן. ביינאַכט זענען זיי אַוועק פון דער שטאָט. „פּאָר טאָג וועלן מיר צוריקקומען" — האָט מיר געזאָגט דער עלטסטער. איך בין געווען דער איינציקער לעבעדיקער מענטש דאָ, וואָרעם זיי זענען אַוועק קיין באר־שבע. אין דער נאַכט בין איך אַוועק צום ים. ווען איך בין אַדורכגעגאַנגען דאָס אָרט ווו עס געפינען זיך די שטיינערנע זיילן און די אור־אַלטע דענקמעלער, האָב איך דערזען אַז פון דעם שטיין אַנטפּעלקן זיך פאַר מיר די פּנימער. אַ קול האָט זיך געטראָגן פון אַ זייל: מיר האָבן אַנטפּלעקט פאַר דיר די פּנימער ווייל דו ביסט דער איינציקער יורש פון אונדזער רום און גרויסקייט. מיר האָבן טויזנטער יאָר אָפּגעוועגדעט אונדזערע פּנימער פון די זינדיקע. איצט קענען מיר זיי

אַנטפּלעקן. זע, קוק אויף אונדז! איך בין געפֿאַלן אויף די קני. די זיילן זענען געווען באַלויכטן מיט אַ וווּנדערלעך לבֿנה־ליכט. דעמאָלט האָב איך דערהערט טריט. ביים ברעג איז געשטאַנען אַ זעגל־שיפֿל. עס האָט מיר אויסגעזען ליכטיק־גרין. זי איז געקומען צו מיר און געזאָגט: סאַלים, גוט וואָס דו ביסט מיר אַנטקעגן־געגאַנגען. מיר מוזן אָנקומען צו דער צייט, איידער עס לעשט זיך דאָס ליכט פֿון דער לבֿנה. אַזוי האָט זי מיר געזאָגט. אַ שעה צייט בין איך געגאַנגען לעבן איר אַ שווייגנדיקער. דאָרט ווו עס וואַקסט דער טאַמאַריסק ליגט אַ שטיין. זי האָט זיך איינגעבויגן, באַרירט דעם שטיין און ער האָט זיך אַליין אַוועקגעקייקלט. איך האָב דערזען אַ הייל. פֿון דאָרט האָט געשפּאַרט אַ ליכטיקייט. קום. איך האָב געוואָלט צושליסן די אויגן און נישט געקענט. די מאָזאַיִק האָט געלויכטן. איך האָב דערזען ווי די מזלות באַוועגן זיך און אַרום די מזלות, דער גוף פֿון דער בתולה אין חוהס בגדים. איר נאַקעטקייט איז געווען באַצירט מיט רינגען און קרעלן. די לאַנגע האָר פֿון אירע צעפּ, די צעפּלאָכטענע, האָבן געגלאַנצט.

סאַלים איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט צוגעטראָגן דאָס גלאָז אַראַק און מיט איין זופּ אויסגעטרונקען. זיינע פֿינגער האָבן באַרירט מיין אָרעם. איך האָב געפֿילט אַז זיי גליען. ער איז איצט געווען ווי מחוץ פֿון דער שענק — ער האָט קיינעם נישט געזען, קיינעם נישט, נאָר די נאַקעטקייט פֿון דער בתולה. אַ פֿייכטקייט האָט באַשלאָגן זיין פּנים. שווייס־טראָפּנס האָבן אויסגעשלאָגן אויף דעם שטערן און די ליפּן האָבן זיך געזילבערט פֿון דעם הייסן אָטעם.

— סאַלים, ווו האַלטסטו שוין? — האָט געפֿרעגט דער שענקער — ביי די צעפּ די צעפּלאָכטענע? אָדער בעת זי פֿירט דיך צום טאַמאַריסק און דער שטיין קייקלט זיך אַליין אַוועק פֿון דעם הייל? כאַ־כאַ־כאַ...

עטלעכע פֿאַרשוינען האָבן געלאַכט מיט אַ געהויל ווי דונערן וואָלטן זיך געקייקלט.

סאַלים איז אויפֿגעשפּרונגען. אַ שוים האָט געשלאָגן פֿון מויל. מיט פֿאַרביילטע פֿויסטן האָט ער זיך געשלאָגן אין דער נאַקעטער ברוסט.

— איך וועל מער נישט איבערטרעטן דיין שוועל! איך וועל נישט פֿירן קיין פֿרעמדע מענטשן אַז זיי זאָלן באַשטעלן פֿאַר מיר אַראַק. תּמיד מישסטו זיך אַריין. דו צעשטערסט דעם אמת וואָס איך דערצייל אַלעמען!

זאָג! ווער האָט דערפירט דעם אַרכעאָלאָג פּאַראַיאָרן צו דער הייל? זאָג! יהודים! נעמט זיך אָן מיין עוולה! איך שווער ביים אַלעם הייליקן אַז איר זאָלט ענטפערן! איר מוזט ענטפערן!

מיט איין שטויס איז איבערגעקערט געוואָרן דאָס טישל. דיביינדלעך זענען געפאַלן אויף דער ערד און געלעגן מיט די ווייסע פינטעלעך אַרויף. עמעצער האָט מיר געזאָגט: עס איז אמת אַז סאַלים האָט אָנגעוויזן אויף דער הייל. דאָרט האָט מען אַנטדעקט די מאָזאיק און אויך עטלעכע אַלטע וויין־קרוגן מיט אַ פּעכער פון פּימסן־האָלץ.

— זאָגט פון וואַנען האָב איך געוווּסט וועגן דער הייל? פון וואַנען? אַ מלאַך פון די הימלען האָט מיר דעם סוד אַנטפּלעקט? ניין. זי איז עס געווען! פאַר טאָג האָב איך איר באַגלייט צום שיפל. איך האָב געזען ווי זי דערוויטערט זיך. „היט די הייל. איך וועל צוריקקומען מיט דעם זעלביקן וועג. נאָר געדענק סאַלים, זאָלסט בלייבן אַזוי ערלעך און אַזוי ריין ווי דו ביסט. טו מעשים טובים און דעמאָלט וועל איך זיך באַווייזן. דאָס וועט געשען בקרוב. זאָלסט אָבער נישט פאַרפעלן מיך צו באַגעגענען. וואַרט אויף מיר ביי דעם אַלטן האַפן". איר זענט אומגלויביקע, זינדיקע. פאַר מיר האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלע שטיינערנע פּנימער און פאַר אייך באַהאַלטן זיי אין טיפן שטיין־אינגעווייד זייער אָנבליק... שקר און געמיינקייט האָבן איבער אייך די שליטה. איר דערלאָזט נישט אַז זי זאָל צוריק קומען. איר...

זיינע פויסטן האָבן זיך צעעפנט. סאַלים האָט פאַרלייגט די הענט ווי צו אַ תפילה און שטיל אַרויס פון דער שענק. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף מיר. איך בין לאַנג געזעסן ביים גלאָז אַראַק און געהערט ווי עס פאַלן די ביינדלעך אויף דעם נידעריקן טישל, איך האָב זיך צוגעהערט צו די הייזעריקע רייד, גערעדטע אין עברית, אין אַראַביש.

אַרום האַלבער נאַכט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער אָפענער טיר פון דער שענק אַ מויד און מיך אָפּגעמאָסטן מיט איר בליק.

— טאַלטילאַ, דער פאַרשוין וואַרט אויף דעם סוף פון סאַלימס מעשה!

— האָט אויסגערופן דער שענקער.

זי איז צוגעקומען צו מיר נאָענט. מיט איין פינגער אָנגערירט דאָס קליינע קאָרטל־טישל און אַ דריי־געטאָן זיך אויף דעם דינעם אָפּצאַס ווענלדיק ווייזט אויס, אַנטפּלעקן פאַר מיר אירע ברייטע לידקעס און אירע פיס.

— אדוני, דו וואַרטסט אויף דעם סוף פון סאַלימס מעשה? קום. איך קען זי דיר דערציילן. קום, עס איז נישט ווייט פון דאַנען...

דער ים איז אומרואיק. איך זע אויף דעם פעלדזיקן ברעג סאַלימססס סילועט. ווייט, אויפן האָריזאָנט, טונקלט זיך עפּעס. איז דאָס נישט דאָס קליינע זעגל־שיפל?

דאָס געסל פון סופר דעם משכיל

דאָרט ווו עס ענדיקט זיך די ראָטשילד־אַלייע, רעכטס, געפינט זיך אַ קליין געסל וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ סופר אַ משכיל. עס פאַלט אַריין שטיל און הכנעהדיק אין דער יחוסדיקער יהודה הלוי גאַס. מען דאַרף נאָר פינף מינוט צייט כדי אויסצוגיין די גאַנצע גאַס פון דעם משכיל. דאָ וואַקסן עטלעכע ציפּרעס־ביימער מיט אָפּגעשיילטע שטאַמען, האַלב נאַקעטע, און אויף טייל באַלקאָנען קלעטערן זילבער־גרינלעכע ווילד־קוסטעס.

די הייזער זענען נידעריקע, אַרויסגערוקטע מיט קאַנטיקע שטיין־טעראַסעס ביז דער העלפט פון טראָטואַר. אין ראָג שטייט דאָס הויז פון אַ דאָקטאָר אַרומגעצוימט מיט פאַרשטויבטע קוסטעס. דערנעבן געפינט זיך אַ קליין שולעכל ווו אויף די אייבערשטע שטאָקן לערנען ישיבה־בחורים. דאָס זענען קינדער פון די תימנער ישובים אין די הרי־יהודה: צוועלף און פופצן־יאָריקע. אין די מיטאָג־שעהען שפּילן זיי אין באַלעם אין מיט פון דער גאַס. אויפן אייבערשטן באַלקאָן שטייט אין רעקל, מיט דעם פלאַטערנ־דיקן אַרבע־כנפות, דער ראש הישיבה און דראָט מיט אַ פינגער זיינע תלמידים. עס איז מנוחה־צייט. די זקנים דרימלען ביי די אַראָפּגעלאָזטע לעדן. אין דער קעגנאיבערדיקער בעקעריי איז איצט מיטאָג־הפסקה. אַ בעקער־יונג האָט זיך אויסגעבעטעט אויף די מעל־זעק און שלאָפט אין שאָטן פון דעם וואָגן וואָס צעפירט דאָס געבעקס. די צוויי שפּייז־געוועלבלעך זענען אָפן. אויף דער שוועל פון דער יאַטקע זיצט די וויס־געפלעקטע קאַץ. דער אַלטער שניידער, ר׳ חיים, קוקט אַרויס פון זיין געוועלבל און וואַרט אַז דער באַלעם פון די ישיבה־בחורימלעך זאָל זיך אַהערקייקלען ביז זיין פענצ־טער, דעמאָלט וועט ער צורופן דעם שוואַרץ־געקרייזלטן, דין־פיסקין עזריה און אים בעטן איינצופעדעמען די נאָדל. נאָר איין נאָדל, וואָרעם די אויגן דינען נישט מער דעם אַלטן שניידער.

נאָך מיטאָג פאַרפאָרט דער נאַפט־פאַרקויפער, מיט דער רויטער פאַס. דער געקלינג פון זיין גלאָק מישט זיך אויס מיטן ניקל־געקלאַנג פון זיין געלט־טאָרבע, מיט דעם געסקריפּ פון זשאַלוזיען, מיט אַ מאַנאָטאָן געוויין פון אייזל, מיט ווייבערישע קולות און דעם געקלימפּער פון נאַפט־בלעכן.

די געגנט האָט מען אַמאָל גערופן „שכונת שפאַק". דאָ זענען געווען ווייגערטער. נישט ווייט האָט זיך געפונען אַן אַראַביש דערפל. שפּעטער האָט מען אויסגעהאַקט דעם פּרדס און געבויט הייזער. דער „אַמאָל" איז סך־הכל מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק.

איצט איז דאָס געסל אַריינגעפּרעסט צווישן נייע גאַסן, יחוסדיקע און עס ווינקען אַריבער נייע פילשטאָקיקע געביידעס. די סיקאַמאָרן און די פיקוסן פון דער ראָטשילד־אַלייע זענען הויך, האָבן זיך פאַרפלאָכטן און פאַרשטעלן די אומברחמנותדיקע זונשטראַלן.

אָרעם איז דאָס געסל פון דעם סופר. אפילו די עטלעכעביימער זוכן דאָ שוץ ביי די ראָז־געקאַלכטע בלאָק־ווענט און ביי די בלינדע פאַרמויערטע טעראַסעס.

צוויי מאָל אין טאָג גיי איך דורך דעם געסל. איך ווייס נישט וואָס עס ציט מיך אַהער. אפשר דאָס קליינע שולעכל מיט דעם גאָלד־געהאָפטענעם פּרוכת וואָס איך זע תמיד דורך דער אָפענער פראָנט־טיר? אפשר די שטענדערס פון טונקעלן האָלץ מיט די טליתים די פאַרוויקלטע? אפשר דאָס פּנים פון אַ לעצטן מתפללער? און אפשר די קינדער פון דער ישיבה — די תימנער, די איראַקער, די פּוילישע, מיט די פּיאוהלעך, מיט די קליינע קאַפּעלעך, וואָס זיי פאַרלירן אָן אויפהער? אפשר איז עס די בעקעריי מיט די זעק מעל מיט די פּוסטע פּעסער, מיט די בעקער־יונגען וואָס רופן זיך איבער אויף מאַמע־לשון מיט דער פּישער־יידענע?

תמיד, ווען איך גיי פאַרביי דערוועקט זיך אין מיר אַ שטיק פון מיין קינדהייט.

היינט האָב איך זיך פאַרהאַלטן ביי דעם אָפענעם פענצטערל פון ר' חיימען. עזריה איז אַלץ נישט געקומען איינפּעדעמען די נאָדל. ער איז שטאַרק פאַרטאָן מיט דער שפּיל.

— שלום ר' חיים, גיט מיר די נאָדל מיטן פאָדעם, איך וועל איינפּעדעמען... — האָב איך אים געזאָגט.

ער האָט מיך לאַנג באַטראַכט, פאַרראַכטן די ברילן און אונטערברומענ־דיק אַ מאַדזשעוויצער ניגון, אָנגעטרויט די נאָדל.

צו דער פישער־קראָם פירן עטלעכע הילצערנע שטיגלעך. זי געפינט זיך נישט ווייט פון דער בעקעריי. די פאַרקויפערין איז אַ יידענע מיט אַ ברייט פנים און גרויסע נאַסע הענט. זי טראָגט אַ טונקעלע קאָפּ־פאַטשיילע, אַ גרויען כאַלאַט און שווערע שיך. נישט איינמאָל איז דערגאַנגען צו מיר איר קול. אַ הייזעריק רופן וואָס האָט זיך געריסן ווי די שלעכט־געפלאָכטענע פישער־נעצן. אויף די טרעפּ פון דער קראָם איז געזעסן אַן אויסגעבלייכטער פאַרשוין אין אַ צעפּאָרענעם פּאַנאַמע־היט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פיש וואָס איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן אויף דער טריקעניש. טייל טעג האָב איך דעם פאַרשוין נישט געזען אויף די טרעפּ. ער איז געזעסן אין דעם געוועלבל אויף אַ נידעריק בענקל.

דאָס איז דער פישערקעס מאַן.

זי איז די אישת חיל. נעבעך אַ קראַנקער מאַן. עטלעכע מאָל האָב איך איר געזען גיין דורך דעם געסל. אירע טריט האָבן אָפּגעהילכט. זי האָט הייזעריק גערעדט צו די פאַרבייגייער און אויך עפּעס געזאָגט צו מיר. איך האָב איר נישט פאַרשטאַנען. איך האָב איר אָבער דערקענט: זי האָט מיר דערמאָנט די פישער־ווייבער פון די וואַרשעווער האַלעס.

טיילמאָל האָב איך געזען זיצן אויף די טרעפּן איר טאָכטער: אַ צעוואַק־סענע גרעלע מויד מיט גרויסע צעפּ, אַ פּיעגעוואַטע. זי האָט געפירט אַ ליבע מיט איינעם פון די בעקער־געזעלן.

דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט דער שניידער ר׳ חיים, בעת איך האָב אים איינגעפעדעמט די נאָדלען.

אין אַ תמוז־טאָג, מיטאָג־צייט, בעת איך האָב זיך פאַרהאַלטן ביים אַלטן שניידער און געוואַרט אַז ער זאָל מיר געבן די נאָדל־פאָדעם, האָב איך דער־הערט אַ יאָמעריי וואָס איז געקומען פון דער פיש־קראָם.

איך האָב געזען ווי די פישער־יידענע האָט אויסגעטאָן דעם גרויען כאַלאַט, דעם באַפלעקטן מיט בלום פון פיש און אײַליק אָנגעהויבן צו גיין דורך דעם געסל. נאָך איר איז געגאַנגען די טאָכטער, אָפּגערוקט עטלעכע טריט. די צעפּ צעפלאָכטן, די הענט צעשפּרייט איז די טאָכטער געגאַנגען אַ שוויַיגנ־דיקע, אַ פאַרשעמטע. דאָס געיאָמער פון דער פישערקע איז געוואָרן

שטאַרקער. לעדן האָבן זיך צעפּראַלט, זשאַלוזיען האָבן זיך אויפגעהויבן. די ווייסגעפּלעקטע קאַץ איז געלאָפן פאָרויס און זיך איינגעקנוילט ביי דער שוועל פון שולעכל.

די פישער־יידענע איז צו ביז דער טיר פון בית־תפילה, פאַרראַכטן דאָס קאַפּיטיכל און געקוקט אויף דעם פרוכת. דאָס האָט געדויערט אפשר עטלעכע רגעס. זי האָט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט אַ לאָז־געטאָן צום אָרון־קודש און אויפגעהויבן די הענט.

די שיפּן פון די פיש אויף אירע פינגער האָבן שעמערירט אין דעם זונשטראַל וואָס האָט זיך דאָ אַריינבאַקומען פון די אָפענע טירן און פענצטער. דאָס זענען אוודאי געווען שיפּן פון אַלטע קאַרפּן.

די טאָכטער האָט אויסגעשריגן: — מאַמע, שאַ־שטילער.

די זון־פּיעגעס אויף איר מיידלשן פּנים האָבן זיך אָנגעצונדן. זי איז געבליבן אַ פאַרשעמטע ביי דער שוועל.

פון דער שול זענען דערגאַנגען די געשרייען פון דער יידענע.

— דו וועסט עס מיר נישט אָפּטאָן! דו הערסט! וועסט נישט לאָזן מיך אויף הפקר צוזאַמען מיט דעם טעכטערל! פאַרוואָס ווילסטו איר מאַכן פאַר אַ יתומה? פאַ־אַ־אַ־ארוואָ־אָ־אָס? ענטפער, רבונו של עולם! דו האָסט זיך צוגעוווינט צו שווייגן, נישט צו ענטפערן! האָסט אונדז אַלעמען געלאָזט אויף הפקר! מיר וועסטו יאָ ענטפערן! זייט יאָרן גיב איך ליכט אין שול־אַריין... איך האָב אים שוין נישט איינמאָל אַרויסגעריסן פון מלך־המוות הענט... הערסט, רבונו של עולם, דו וועסט עס מיר נישט אָפּטאָן! ניין!...

זי איז געשטאַנען אַ דראָענדיקע. עטלעכע מאָל האָבן זיך אירע פינגער פאַרשלאָסן אין אַ צאַרנדיקן קולאַק. ווייזט אויס אַז די יידענע האָט זיך געכאַפּט אויף איר בייזקייט און אויפן דראָענדיקן טאָן, וואָרעם זי האָט אָנגעהויבן כליפּען און שלאָגן זיך מיט פויסטן אין האַרץ אַריין:

— זינדיק און שולדיק בין איך... פאַרגיב מיר... און דאָך, רבונו של עולם, וועסטו נישט אָפּטאָן אַזאַ זאַך... ניין.

זי איז מיט איינמאָל שטיל געוואָרן, אויסגעווישט מיטן פאַרטעך די טרערן, פאַרלייגט די הענט אונטער די באַקעס און איז צוריקגעגאַנגען צו דער פישער־קראָם. זי איז דאָס מאָל געגאַנגען אַ באַרואיקטע, אַ זיכערע אַז זי האָט דאָך עפּעס אויפגעטאָן. די טאָכטער איז איר נאָכגעגאַנגען און געפּלאָכטן די געלע צעפּ.

אין די טעג פון שבע איז די קראָם געווען פאַרמאַכט. דריי חדשים שפּעטער איז שוין אויף די טרעפּלעך געזעסן אַ באָבערדלטער יונגערמאַן אין ברילן. דאָס איז געווען איינער פון די דאַווענער אין שולעכל, דער וואָס איז תמיד געבליבן ביזן האַלבן טאָג אין טלית. דאָס איז דער פישערקעס צווייטער מאַן.

— א ווילערנער. ער זיצט מיט אַן אָפן תהילמל אויף די טרעפּלעך. — די געלע טאָכטער איז אַוועק מיטן בעקער־געזעלן. — האָט מיר געזאָגט ר' חיים, בעת איך האָב אים איינגעפעדעמט די נאָדל.

שטיל איז אין געסל פון דעם העברעאישן סופר דעם משכיל. אַלטע ווייַנשטאָק־וואָרצלען, לאַנג־שוין אויסגעהאַקטע, זענען דאָך געבליבן אין דער ערד. טיילמאָל שפּראָצט אַרויס אַ ווייַנטרויב־צווייַג אין אַ הייפל און זעלטן ווער עס ווייס, אַז דאָס וויל דער אומגעקומענער ווייַנשטאָק נישט שטאַרבן, ער לעבט אין פאַרבאָרגעניש און ווען עס קומט זיין צייט שפּאַלט ער די האַרטע ערד פון די הייף און עפנט זיינע בלעטער.

מיט די אײגענע הענט

מיט צען יאָר צוריק, אין ישׂראל, ביים אָוונטיקן ברעג פון תּל־אביבער ים, האָט מיך אַ ייִד אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „אדוני, איך קען אײַך... אַנטשולדיקט מיר וואָס איך ווענד זיך צו אײַך... באַלד וועט צופאַלן די נאַכט, וואָרעם דאָ זענען די שקיעות אַזעלכע קורצע אַז אײדער מען קוקט זיך אום איז שוין פינצטער... איך מוז אָבער ריידן, ווײַל הײַנט איז עפּעס געשען מיט מיר"...

— ווער זענט איר? — האָב איך געפרעגט. — וואָס האָט פּאַסירט מיט אײַך?

— איר ווילט מיך אויסהערן? איר וועט האָבן געדולד?

— יאָ — האָב איך געזאָגט און דערבײַ געטראַכט, אַז באַלד וועט זיך אָנהייבן אַ פאַרפּלאָנטערטע מעשׂה מיט אַ סך פּרטים נישט־וויכטיקע, מיט ארומרעדענישן און אַריינפירן.

איך האָב געקוקט אויף אַן עלטערן מענטש אין אַ צעכראַסטעטע ווײַס העמדל, אַ געקאַרבטער שטערן, אַראָפּגעלאָזטע ברעמען און אַ קאָפּ וואָס האַלט אין גרוי־ווערן.

— איך קען ריידן מיט אײַך באַדינג: איר זאָלט דאָס נישט באַשרײַבן. בשום־אופן נישט באַשרײַבן. איר זאָלט אפילו נישט איבערדערציילן. גיט מיר אײַער האַנט און זאָגט דאָס צו.

איך האָב געוואָלט אַוועקגיין און נישט געקענט. דער שאַרפער טאָן פון די ווערטער, די מאָנענדיקע בליקן און די אויסגעשטרעקטע האַנט האָבן מיך באַצווינגען.

— אין צען יאָר אַרום וועט איר קענען שרײַבן און ריידן וועגן דעם געשפרעך, נישט פריער. קיין איין טאָג נישט פריער. און דאָס אויף אַ תּנאי: נישט אָנרופן קיין נאָמען און נישט דאָס אָרט פון דער פּאַסירונג.

איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט און דערפילט די פרעמדע ציטערנדיקע פינגער.

— עס איז היינט אַ חאַמסין — האָב איך איבערגעריסן דאָס שווייגן. — אַ שווערער חאַמסין, נאָר דאָ, ביים ים־ברעג, פילט מען נישט די חמימה.

איך וואָלט נאָך אוודאי גערעדט וועגן דער חמימה, וועגן דער היץ ווען נישט זיין כמעט בייזער זאָג: איך בעט אייך, הערט מיינע רייד.

מיר זענען געבליבן שטיין מיטן פּנים צו דער יפוער ים-בוכטע. דער פרעמדער ייד האָט געקוקט צום ים און אָנגעהויבן:

— איך בין אַריין אין 18-טן יאַנואר, 1944, מיטן סאָוועטישן מיליטער אין אַ קליין שטעטל ביים טייך האָרין. דאָרט האָבן געלעבט אַמאָל איבער דריי טויזנט יידן. אַמאָל? דער אַמאָל איז געווען בסך־הכל מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק ווען איך האָב דאָס שטעטל באַטראַטן. איצט האָב איך געטראָפן חורבות. אוקראַאינער מיט פנימער פאַרוואַקסענע, מיט אויגן שטעכיקע, האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט פון זייערע הייזער. איך בין געווען אַ יונגער אָפיציר. אין איינע פון די נעכט האָבן מיר געכאַפּט אין וואַלד אַ גרופּע אוקראַאינער, די וואָס האָבן געמאָרדעט יידן, רוסן און פּאָליאַקן. זיי האָבן נישט געוואָלט לייגן דאָס געווער. די העלפער פון די דייטשן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קעמפער פאַר אַ זעלבשטענדיק אוקראַינע. מיין פונקציע איז געווען אויסצופאַרשן זייער ראָל. די אומשולדיקע, און די וואָס האָבן צוגעזאָגט זייער מיטאַרבעט מיט דער רויטער אַרמיי, האָבן מיר אַמנעסטירט. אויף איינעם איז געווען אַן אָנווייזונג פון אַן אַלטער אוקראַאינערין אַז ער האָט אויסגעמאָרדעט נישט ווייט פון דער מיל אַ יידישע משפּחה. ער האָט די אויסבאַהאַלטענע יידן; אַ פאָטער, אַ מוטער און עטלעכע קינדער דערשאָסן מיט זיינע אייגענע הענט.

טויט־אורטייל! איז געווען מיין פאַרלאַנג פון גאַרניזאָן־שעף. ער האָט דעם אורטייל באַשטעטיקט. איך וועל אים אויספירן! האָב איך באַשלאָסן. איך! איר וועט זיך פרעגן פאַרוואָס איך? ווייל אַזוי האָב איך געוואָלט. איך האָב געפילט אַז נקמה דאַרפן מיר נעמען מיט די אייגענע הענט.

פאַר טאָג. איך האָב געהערט די קלעפּ פון דער תליה וואָס מען האָט געגרייט פאַר דריי געסטאַפּאָ־העלפער. מיטאַמאָל קלאַפּט מען אין מיין טיר. אַ שטיל ציטערדיק קלאַפּן. אין דער טיר איז געשטאַנען דער וואַך־סאָלדאַט און מיר געמאָלדן: אַ פרוי דרייט זיך אַרום מיט אַ פאַרוויקלט פּעקל אויף די הענט און וויל מיט דיר ריידן. עס איז דאָך אַזוי פרי. זאָל איך איר אַריינלאָזן?

דער פרעמדער האָט איבערגעריסן דאָס ריידן און מיר געפרעגט:

— האָט איר אַ פּאַפּיראָס? — ניין, האָב איך געענטפערט. — איך רייכער נישט. — אַנטשולדיקט, איך רייכער אויך נישט. איך ווייס נישט פאַרוואָס מיר איז איינגעפאַלן צו בעטן ביי אייך אַ פּאַפּיראָס? אפשר דערפאַר ווייל אויך דעמאָלט, האָב איך געבעטן אַ ציגאַר ביי דעם וועכטער. דעמאָלט האָב איך גערייכערט. איר זעט, ווי אַזוי מען קען איבערגעטראָגן ווערן אין אַ פאַרגאַנגענער צייט און פאַרגעסן זיך? איך האָב טאָקע חשק צו רייכערן...

— קומט, מיר קאָנען באַקומען פּאַפּיראָסן דאָ נישט ווייט.

ער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס ווענדן זיך צו מיר וועגן אַ פּאַפּיראָס איז נישט געווען מער ווי אַן אָטעם־פויזע. דאָס איז אפשר דערפון וואָס ס'קומט אים אָן שווער דאָס ריידן.

— די פרוי איז געווען יונג, אויף דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קינד פון אַ פּאָר חדשים. זי האָט געטראָגן אַ קורץ שעפּסן־פּעלצל, דער קאָפּ פאַרהילט אין אַ טונקל־וואָלענעם שאַל. דאָס איז אַ יידישע טאָכטער, איז מיר גלייך איינגעפאַלן און נישט וואַרטנדיק אויף אירע רייד האָב איך געזאָגט אויף יידיש: זעצט אייך. וואַרעמט אייך אָן ביים אייזערנעם אייוועלע. איר שטאַמט פון דעם שטעטל? זי האָט נישט גערעדט, נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ אויפוויקלענדיק דערביי די פּאַטשיילע. אַ ליכטיק פּנימל וואָס איז באַלויכטן געוואָרן פון אויוון־פייער. און אומגעריכט איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אפילו דאָס פּיצל קינד האָט געוויינט. איך האָב עס אַרויסגענומען פון אירע הענט, אָוועקגעלייגט אויף מיין קישן און אַריינגערופן איינעם פון דעם וואַך־פּאָסטן. שטעלט דעם סאַמאָוואַר! ברענג מיר מילך פאַרן קינד! „מען דאַרף נישט" — האָט געזאָגט אויף יידיש די פרוי. „איך האָב איצט אַלץ וואָס איך דאַרף". „איך בין געקומען צו אייך בעטן אַז איר זאָלט נישט אומברענגען דעם פאָטער פון דעם דאָזיקן קינד".

איך האָב אויפגעציטערט. אומברענגען דעם פאָטער פון דעם קינד? וואָס פאַלט אייך איין? מיינע אויגן קוקן אויס אויף צו באַגעגענען אַ ייד. וואָס איז מיט אייך? איר פיבערט? אייער פּנים איז פייערדיק. אייערע אויגן זענען פול מיט טרערן. ווו איז אייער מאַן? ווו איז ער? איך וועל אים העלפן.

— ער איז נישט מיין מאַן... ער איז דער פאָטער פון מיין קינד...

— ברענגט אים צו מיר. זאָל ער תיכף קומען. איך וועל זען וואָס מען קען טאָן.

— ער קען נישט. ער איז אַרעסטירט. באַלד וועט ער זיך וויגן אויף דער תליה.

איך בין אויפגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג און אַ זעץ־געטאָן מיט די פויסטן אין טיש.

— אַרויס! איך וויל אייך נישט זען! ווי וואַגט איר קומען אָננעמען זיך פאַר אַ מערדער? אַרויס!

זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, פאַרוויקלט עס אין שאַל און געגאַנגען צו דער טיר. איך האָב איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— ווער איז דער פאָטער פון קינד, זיין נאָמען זאָגט מיר?

— אומאַניוק.

— קיין זאַך וועט אים נישט אָפּראַטעווען פון דער תליה! — האָב איך אויסגערופן מיט כעס. עס זענען דאָ עדות אַז ער האָט דערמאָרדעט אַ גאַנצע יידישע משפחה לעבן דער מיל. ער האָט זיי אַרויסגענאַרט פון באַהעלטעניש. ביים מאָרד זענען אפילו נישט געווען קיין נאַציס. ער האָט דאָס געטאָן מיט זיינע אייגענע הענט. ער האָט זיך דערנאָך באַטייליקט אין נאָך רציחות.

— איך ווייס וואָס עס איז געשען אין דער באַהעלטעניש ביי דער מיל. איך בין דאָרט געווען... ער האָט דערשאָסן אַלעמען אַחוץ מיך... דעם טאַטן, די מאַמען, די שוועסטער און די ברידער... מיך, די עלטסטע פון דער משפחה האָט ער געלאָזט... דערנאָך האָט ער מיך גענומען פאַר אַ ווייב... איך האָב געלעבט אין זיין הויז... ער איז דער פאָטער פון קינד... מיינע עלטערן וואָלטן סיווי אומגעקומען... ער האָט מיר געזאָגט אַז די דייטשן זענען געקומען אויף די שפּורן... אַז די דייטשן וועלן זיי פּייניקן... אַז די דייטשן וועלן אַלעמען טרייבן נאַקעטע צו די גריבער... אז עס איז נישטאָ קיין רעטונג... איין דערלייזונג איז פאַראַן... שטאַרבן... ער איז געווען דערנאָך גוט צום קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן... איך בין אומגליקלעך... ביי מיינע אַכצן יאָר אומגליקלעך... איך וויל שטאַרבן...

נישט ווילנדיק האָב איך געגלעט די הענטלעך פון קינד און איך האָב געציטערט.

— הענגט אים נישט. זאָל ער זיצן אין טורמע. הענגט אים נישט...

איך האָב ברייט געעפנט די טיר און איר געגעבן אַ צייכן אַז זי זאָל אַוועק. איך האָב אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און נישט דערטרינקענדיק בין איך אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז אַ פּראַסטיקער פּרימאָרגן. די תּליה מיט די דריי פּעטליעס איז שוין גרייט. די לאַסטמאַשין מיט די דריי פּאַר־משפּטע איז שוין אָנגעקומען. וואַלד־יונגען מיט פּרצופים פון רויבער. דרייפּאַכיקע מערדער וואָס האָבן צוערשט אָנגעהויבן זייער מאָרד־קאַריערע מיט מאָרדן יידן, דערנאָך, אַז עס זענען שוין קיין יידן נישט געווען, האָבן זיי געמאָרדעט פּאָליאַקן, דערנאָך האָבן זיי געשאָסן אויף רוסן, און צום סוף אויף אייגענע ברידער אוקראַינער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצושטעלן דעם לעצטן שעפּס. דער ערשטער איז צוגעפירט געוואָרן צו דער פּעטליע אומאַניוק. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין דעם פּנים און געוואָלט דערקענען עפּעס אַ צייכן פון ענלעכקייט צום קינד און נישט געפונען. דאָס האָט מיך געפרייט. „איך וויל אים הענגען!" האָב איך געזאָגט דעם עלטסטן. אַז איך האָב באַרירט זיין האַלדז איז מיר אויסגעקומען אַז איך ריר־אָן אַ גליטשיקע שלאַנג. דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט. אומאַניוק האָט זיך אַ וויגגעטאָן אין דער לופטן און אין דער רגע האָב איך דערהערט אַן אָפּגעהאַקטן כליפּ פון אַ פרוי. זי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון אַ צעשטערט הויז און געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט.

— קומט, — האָב איך געזאָגט און איר געפירט ביי דער האַנט. — איך פאָר היינט אַוועק קיין ראַוונע וועל איך אייך מיטנעמען. דאָרט זענען פאַראַן יידן, דאָ זענט איר איינע אַליין.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָב איך צוגעגעבן: — זייט נישט בייז אויף מיר פאַר מיינע געשרייען היינט פאַר טאָג. איך בעט ביי אייך אַנטשולדיקונג. מיט אומאַניוקן האָט געמוזט געשען דאָס וואָס עס איז געשען.

קיין ראַוונע זענען מיר געפאָרן שווייגנדיקע. איבער צוויי שעה האָט געדויערט דער וועג פון קנאַפּע פערציק קילאָמעטער. עטלעכע מאָל זענען מיר באַשאָסן געוואָרן פון אומאַניוקס חברים וואָס גראַסירן נאָך אַלץ אַרום אויף די וועגן. איך האָב איר געגעבן געלט, אָנגעזאָגט אַז זי זאָל היטן דאָס קינד, וואָס זי וואָלט זיכער ווי אַ מאַמע סיוע געטאָן, נאָר איך האָב דערמיט געוואָלט געבן צו פילן אַז דאָס עופהלע איז מיר אייגן און איז ריין ווי אַלע קינדער. מער האָב איך די פרוי מיטן קינד נישט געזען.

ערשט מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָבן מיר זיך באַגעגנט אין יפו. אין איינע פון די געסלעך. אַ פרוי האָט מיך אָפּגעשטעלט: אַנטשולדיקט, איר זענט מיר אַזוי קענטלעך. יאָ, דאָס איז זי. „אייער ייִנגעלע איז שוין זיכער אַ

גרויסער בחור?" די פרוי האָט אומרואיק געשעפּטשעט: אָ, גאָט, איר זענט דער ייִד, דער רוסישער אָפיציר, פון יענעם שטעטעלע אין וואָלין?

דער מענטש איז געוואָרן שטיל. עס איז שוין נאַכט. אַ טונקעלע שיף שווימט אויפן האָריזאָנט. באַלד וועט זיך צעשרייען אַ שיפּסירענע. יפו איז באַלויכטן פון הונדערטער ליכט נאָר זיי דערגרייכן נישט צו דעם ים־ברעג.

דאַכט זיך אַז דער מענטש האָט מיר שוין אַלץ דערציילט פון דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע. איך האָב צו אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט און אין געאייל אָנגעהויבן זיך צו דערווייטערן.

— איין רגע... איך וויל אייך נאָך עפּעס זאָגן...

איך האָב אים לאַנג באַטראַכט. נאָר שפּעטנס אומרואיקע האָב איך געזען ווי־מלען אויף זיין פּנים.

— איך בין היינט געוועזן אין יפו... מען האָט מיך איינגעלאַדן צו דער בר־מצוה פון יענעם ייִנגעלע... די מוטער האָט שוין אַ מאַן... זי האָט מיך גערופן „דער קרוב". איך בין געוועזן אין שול און געהערט ווי מען האָט דאָס קינד אויפגערופן צו דער תורה. צוויי מענטשן האָבן געוויינט אין שול, די מאַמע און איך... איך, וואָס האָב מיט מיינע אייגענע הענט אויפגעהאָנגען דעם וואָס איז געוועזן זיין טאַטע... אויך מיר האָט מען אויפגערופן אין שול... איך האָב נישט געקאָנט זאָגן די ברכה. עס האָט מיך געשטיקט אין האַלדז. איך גיי שוין אַזוי אַרום שעהען ביים ברעג פון ים און גראָד זענט איר מיר אַנטקעגן־געקומען. איך האָב זיך געמוזט אויסריידן. איצט איז מיר לייכטער. קוקט אויף מיינע הענט! זיי האָבן דעמאָלט אָנגעטאָן מיט נקמה־פרייד די די שטריק אויף זיין האַלדז. מיינט איר אַז מיר קענען נקמה־נעמען? ווי אויסגעמישט עס איז דאָס בלוט פון קרבן און פון פּאַרטיזאַנער? איך בין זיכער אַז איצט, ווען איר וועט דריקן מיין האַנט, וועט אייך אַ ציטער דורכגיין.

דער מענטש איז אַוועק. איך האָב אים געטראָפן עטלעכע מאָל אויף די גאַסן פון תל־אביב. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט נאָר בלויז אַ שאָקל־געטאָן דעם קאָפּ און אייליק פאַרבייגעגאַנגען.

מיט צען יאָר שפּעטער נאָך דער אָוונטיקער באַגעגעניש. איך זיץ אין אַ קאַפע אין פּאַריז און קוק אויף די מענטשן וואָס טראָגן אין זייערע פּנימער אַזויפיל ליכט, פרייד. עס איז זומער. בליענדיקע אַלייען מיט קאַשטאַן־ביימער.

יאָ! היינט ביינאַכט ווערט צען יאָר ווי דער ייד האָט מיר דערציילט די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע.

ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: אין צען יאָר אַרום וועט איר קענען שרייבן און ריידן וועגן דעם, נישט פריער. איך האָב מיין צוזאָג געהאַלטן.

אַרום מיר טרינקען מענטשן קאַווע און איך זיץ און שרייב אייליק מיינע שורות. איך שרייב זיי מיט צער, מיט טרויער און מיט אַ פינקלדיקער טרער.

די באַגעגעניש אין רמת־גן

— אַנטשולדיקט... דאַכט זיך אַז איך קען איך... ערגעץ ווו האָבן מיר זיך באַגעגנט...

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט נייגער, דערנאָך מיט פאַרדאַכט.

— אביבהלע, קום — האָט זי געזאָגט צום מיידעלע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן פאַר מיר אונטער דער גרויסער בלאָער איינקויף־טאַש.

דאָס איז געווען אין אַ הייסן תמוז־פרימאָרגן אין רמת־גן. עס איז איצט די שעה ווען מאַמעס פירן די קינדער אין גן־ילדים און אויפן וועג מאַכן זיי דעם איינקויף.

אַ פרוי אין די סוף דרייסיקער. אַ שוואַרצהאַריקע. געדיכטע ברעמען און דינע וויברירנדיקע קנייטשן ביי די שלייפן. זיי האָבן אויסגעזען ווי ליכטשטראַלן וואָס קומען פון אירע טונקעלע אויגן.

זי איז אַוועק נישט ענטפערנדיק מיר קיין וואָרט. איך האָב זיך גע־פילט שולדיק און געוואָלט מיט עפּעס פאַרריכטן מיין טעות. איך האָב איר נישט נאָכגעקוקט, האַסטיק אויסגעקערעוועט זיך מיטן רוקן און געעפנט די פרימאָרגן־צייטונג.

מיין אויטאָבוס פאַרשפּעטיקט זיך היינט. איך בין געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אָן דעם עמוד פון דער סטאַציע און געבלעטערט די צייטונג.

איך געדענק דאָך דאָס פנים. איך מאַך נישט קיין טעות. און אפשר? ניין. איך האָב זי באַגעגנט. דאָס איז געווען מיט אַ צען יאָר צוריק. זי איז דאָס. פאַר וואָס האָב איך זי ביז איצט נישט געזען? שוין צוויי יאָר נעם איך יעדן פרימאָרגן דעם אויטאָ. זי וווינט אַוודאי נישט ווייט פון דאַנען. עס וועט היינט זיין אַ חאַמסין. די לופט איז נאָך אָפּגעקילט פון דער נאַכט. וואָס פאַר אַ נייס איז פאַראַן אין דער צייטונג? איך האָב זיך געכאַפּט אַז איך ווייס נישט וואָס עס שטייט אין דער צייטונג. גרויסע שרייענדיקע ווער־טער. איך קוק אויף זיי און לייען זיי נישט. שוין אַ האַלבע שעה ווי איך

קוק אַזוי מיט אויפגעריסענע אויגן. איך האָב די ציַיטונג איינגעקניַיטשט און אַריַינגעלייגט אין מיַין טאַש.

די אומבאַקאַנטע פרוי גייט צוריק פון קינדער־גאָרטן. אביבהלע שפּילט זיך איצט מיט די קינדער. זי טראָגט די שווערע איינקויף־טאַש און איין אַקסל איז עטוואָס נידעריקער. זי האָט אין זיך די פּרימאָרגן־פרישקייט פון אַ בליִענדיקן אָלעאַנדער. איך לאַך צו זיך. ניין, איך מוז איר אויפקלערן. זאָל זי נישט מיינען אַז איך האָב געהאַט כוונות סתם צו פאַרהאַלטן אַן אומבאַקאַנטע. איך וויל נישט אַז זי זאָל מיך חושד זיין אין פאַרהאַלטן אַ פרוי אין גאַס אויף אַזאַ פּרימיטיוון אופן.

— נעמט נישט פאַר שלעכטס וואָס איך שטעל אייך אָפּ דאָס צווייטע מאָל. איך וואָלט דאָס נישט געטאָן ווען איר גייט נישט פאַרביי גראָד איצט, בעת איך וואַרט אויף מיַין אויטאָבוס. איך קען אייך.

די ווערטער האָב איך געזאָגט מיט אַ מין צודרינגלעכקייט און זי־כערקייט וואָס האָט מיך אַליין פאַרחידושט.

זי האָט אַראָפּגעשטעלט אויפן טראָטואַר איר איינקויף־טאַש און שטום געקוקט אויף מיר.

— איך בין דורכגעגאַנגען אוקראַינע מיט דער סאָוועטישער אַרמיי. ערגעץ אין אַ וואָלינער שטעטל האָב איך אייך געטראָפן. דאָס איז געווען אַן איינמאָליקע באַגעגעניש. געדענקט איר נישט אַ רוסישן זעלנער וואָס האָט צו אייך גערעדט יידיש? דערמאָנט איר זיך נישט אייערע אַ נאַכט־נסיעה מיט צוויי באַוואָפנטע זעלנער אויף אַ לאַסטוואָגן?

זי האָט פאַרבראָכן די הענט. אירע ליפּן האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן.

— איך קען אייך נישט. איך וויל אייך נישט קענען! — האָט זי אויס־געשריגן.

דער אויטאָ איז ענדלעך אָנגעקומען. איך בין דאָס מאָל געווען דאַנק־באַר דעם שאָפער וואָס האָט מיך אויסגעלייזט.

גראָד איר בייזקייט און דאָס געשריי האָט מיך איבערצייַגט אַז דאָס איז זי.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטריבן פון מיינע מחשבות יענע נאַכט־איבערלעבעניש אין דעם וואָלינער שטעטל. איך האָב דאָס נישט געוואָלט מער געדענקען. וואָס פאַר אַ נאַרישער נייגער האָט מיך געצוווּנגען אָפּצו־שטעלן די פרוי? צו וואָס האָב איך געדאַרפט אַרויסרופן פאַר איר יענע

טעג? ניין. עס איז נישט געווען נאָר נייגער. עס איז געווען עפּעס אַ פּאַר־באַרגענער ווילן אַרויסצושטעלן זיך מיט אַ נאַרישער גדלות, מיט מיינע נאָבעלע מעשים. אויב איך האָב עפּעס געטאָן גוטס דעמאָלט, צעשטער איך דאָס איצט. ניין, נישט איך צעשטער, נאָר איך האָב ממש געטראָטן מיט די פיס, אָט מיט די סאָלדאַטיש־באַשטיוולטע פיס, אַ מענטש וואָס איז אַרויס פון אַ זומפּ און צוגעקומען צו אַ ברעג.

דעם אַנדערן פרימאָרגן האָב איך זי געטראָפן ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. זי איז געווען געקליידט אין טונקעלן. די בלאָע איינקויף־טאַש האָב איך נישט באַמערקט. זעט אויס אַז זי פאָרט אין שטאָט אַריין. ווען מיר נעמען דעם זעלביקן אויטאָ? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. איך האָב זיך נישט געגריסט צו איר. זי איז צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

— איך וואַרט אויף אייך שוין אַ שעה צייט. איך האָב נישט געוווסט גענוי ווען איר פאָרט מיטן אויטאָבוס. איך מוז מיט אייך רעדן. אפשר בין איך געווען נעכטן צו שטרענג צו אייך? עס איז נישט מיין שולד. דאָס איז גיכער אייער שולד! קומט! — האָט זי מיר ווי באַפוילן.

איך בין איר נאָכגעגאַנגען.

זי האָט מיך דורכגעפירט דורך עטלעכע געסלעך. אויף די קליינע באַלקאָנען האָט מען געשטויבט טעפּעכער, אַרויסגעהאָנגען צו לופטערן קליידער. די מילך־פאַרקויפערס זענען שוין צוריקגעפאָרן מיט ליידיקע קאַ־נען. זי איז געגאַנגען פאָרויס און ווען איך האָב געפּרוווט אויסגלייכן זיך מיט איר אין גאַנג, האָט זי נאָך איילִיקער געמאַכט אירע טריט.

מיר זענען אַריין אין שטאָטישן פּאַרק. איר שווייגן האָט מיך באַ־אומרואיקט. איך האָב געפילט אַז עפּעס וועט געשען און איך האָב זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר איר.

זי האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. איר פּנים האָט געפלאַמט.

— מעקט אויס פון אייער זכרון יענע נאַכט אין וואַלין. פאַרגעסט דאָס. די וואָס איר האָט זי דעמאָלט באַגעגנט איז טויט. זי עקזיסטירט מער נישט. איצט לעבט אַן אַנדערע, זי וווינט נישט ווייט פון דאַנען אין אַן אייגענער ווילע מיט אַ גאָרטן. איר מאַן איז אַ בוי־אינזשעניר. זי האָט צוויי קינדער, איין מיידעלע פון זעקס יאָר און אַ יינגעלער פון דריי. נישט נאָר די קינדער זענען דאָ געבוירן געוואָרן, נאָר אויך איך בין דאָ אויפגעשטאַנען תחית־המתים. נאָך וואָס האָט איר זיך ווידער באַוויזן? וואָס ווילט איר פון מיר?

געדענקט, מיר קענען זיך נישט. מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געטראָפן. עס איז געווען אַ וויסטער מיראַזש.

— יאָ, עס איז געווען אַ נישט־רעאַלע געשעעניש. אַ חלום וואָס איך האָב אים געחלומט און אין דער זעלביקער צייט האָט איר אים אויך גע־חלומט. אַנטשולדיקט — האָב איך געזאָגט — איך האָב ווירקלעך געמאַכט אַ טעות. נישט איר זענט דאָס.

קעגן מיין ווילן האָב איך אַ שמייכל געטאָן. איך האָב דערמיט געוואָלט ווייזן אַז איך נעם נישט דעם אינצידענט ערנסט, וווייזט אויס אַז מיין שמייכל האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון סאַרקאַזם. זי איז געוואָרן אין כעס. איך האָב געפילט — אַז זי פאַראַכט מיך.

— איר ווילט אָבער נישט אַז יענע וואָס איר האָט באַגעגנט זאָל זיין טויט. עס וואָלט צעשטערט די לעגענדע פון אייער אויפטו. איר ווילט צו־ריק אויפלעבן מיין שאַנד צוליב אייער נישטיקן עגאָיזם, אַז איר זאָלט זיך קענען אַליין לויבן. איך פאַראַכט אייך. איר זענט דאָך געקומען מאָנען אַ חוב! איר וואָלט זיכער זיך געוווּנטשן אַז איך זאָל ריידן צו אייך גוטע, העפלעכע רייד, פול מיט דאַנקבאַרקייט, אַז איך זאָל אייך פאַרבעטן אין מיין הויז, פאָרשטעלן פאַר מיין מאַן און אים זאָגן: דאָס איז מיינס אַ ווייטער פריינד, אַ קרוב וואָס האָט מיך באַגעגנט אין די שווערע צייטן. איר וואָלט געקושט מיינע קינדער, העפלעך זיך פאַרנייגט ביים אַוועקגיין און גע־ווען שטאָלץ און גליקלעך אויף אייער אויפטו... גייט נישט אַוועק. זייט נישט קיין פּחדן. האָט מוט אויסצוהערן ביזן סוף.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אומבאַקוועמער באַנק געמאַכט פון אייקאַליפּטוס־צווייגן. זי איז איצט געווען רואיק. איר פּנים האָט מער נישט געפלאַמט, עס איז געווען בלייך. די אייבערשטע ליפּ איז געווען באַזעצט מיט קליינע טראָפּנס שווייס.

— ווען איר האָט מיך באַגעגנט בין איך אַלט געווען צוואַנציק יאָר. דריי יאָר האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, ביי פּויערים. אַן אוקראַינער האָט מיך פאַרגוואַלדיקט אין וואַלד און געלאָזן אויפן שניי. ביינאַכט איז ער געקומען מיט ברויט, מיט וואַרעמע מילך און מיך געפירט צו זיך אַהיים. איך האָב געלעבט מיט אים ביז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן. זיינס אַ חבר האָט אים דערשאָסן. „דו וועסט איצט זיין מיין געליבטע“ — האָט מיר דער חבר געזאָגט. „ער וואָלגערט זיך לעבן דער וואַלד־אָזערע“. איך האָב גע־ווינט. איך בין געווען אַכצן יאָר אַלט. „פיר מיך צו דער אָזערע“ — האָב

איך געזאָגט. מיר זענען געגאַנגען ביי נאַכט. גרויסע שטערן און אַ פולע לבנה. יאָ. דאָס איז געווען אַפּאַנאַסיעווו. כאָטש ער האָט מיר שלעכטס געטאָן האָב איך אים ליב געהאַט. הריצקאָ האָט מיר געזאָגט: איך וועל דיך ראַטעווען, זשידיווקאַ, און נישט וויט פון דעם טויטן האָט ער מיך געשליידערט אויף דער קאַלטער וואַלדערד. איך האָב געלעבט אין זיין הויז, אין אַ באַהעלטעניש. יעדן זונטיק האָט ער געמאַכט הוליאַנקעס. איך האָב געמוזט קומען און זינגען פאַר זיי. דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן מיט הריצקאָס וואַלד־חברים. איך האָב געמוזט, זיי האָבן מיך געצוווּנגען. הריצקאָ איז נעלם געוואָרן. איך בין געבליבן אויף הפקר. ווען עס זענען אַריין די ערשטע סאָוועטישע אָפּטיילן בין איך אַרויס אין מיטן פון דער דאָרפגאַס מיט אַ געשריי: נעמט מיך פון דאַנען אַוועק! ראַטעוועט מיך! איך בין אַ יידישקע! אַ רוסישער אָפיציר האָט מיך געפירט אין אַ קליינעם שטעטל אַריין, באַזעצט מיך אין אַ באַקוועמער דירה. ער איז געקומען אויף דער צווייטער נאַכט מיט בראָנפן, מיט אַ סך עסן. פאַר טאָג איז ער אַוועק. וואָלאָדיאַ איז געווען זיין נאָמען. ער איז מער נישט צוריקגעקומען. מען זאָגט אַז זיין קבר געפינט זיךביים האַרין. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן קומען וואָלאָדיאָס חברים. ער האָט עמעצן געשיקט מיט אַ בריוול פון הינטער ראָוונע. זיי זענען געווען תמיד שיכור און אויך איך האָב אָנגעהויבן טרינקען. דערנאָך זענען זיי געקומען איינצלוויז — „ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט?" — האָט מיך איינער געפרעגט. איך האָב געלאַכט אין שיכרות. — „האָסט געלעבט מיט די דייטשן, מיט די אוקראַיִנישע באַנדיטן". איך האָב געוויינט, געשריגן, געלאַכט און געזאָגט: עס איז מיר אַלץ איינס. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן אַ יונגער אָפיציר, אַ רוסישער, מיט פּאַרפּרעסטע ליפּן, מיט פּעך־שוואַרצע האָר וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן טיף אין לינקן שטערן־ווינקל. ער האָט גערעדט צו מיר יידיש און אַז כ'האָב דערהערט דעם קלאַנג פון דעם לשון האָב איך געוואָלט וויינען. איך האָב שוין אָבער מער נישט געהאַט קיין טרערן: ער האָט נישט געוואָלט טרינקען מיט מיר און איז אַוועק. אין מיטן דער נאַכט איז פאַרפאָרן אַ לאַסט־מאַשין. עס זענען אַריין צוויי רוסישע זעלנער. איך האָב געהערט זייערע שווערע טריט אויפן גאַנעק און דערנאָך דערזען דעם בלענדיקן ליכט פון זייערע לאַמטערנס.

— בירגערין, טו זיך אָן. קום, ביסט אַרעסטירט.

איך בין געשטאַנען אין נאַכטהעמד און געשריגן. — פאַר וואָס? עס האָט נישט געהאָלפן. צען מינוט האָבן זיי מיר געגעבן. זיי זענען געווען

שטרענג און שוויגנדיק. איך בין געזעסן אויף דער אָפענער לאַסטמאַשין צווישן די צוויי זעלנער. אַ שעה צייט זענען מיר געפאָרן. איך האָב דער־קענט דעם וועג קיין ראָוונע. זיי וועלן מיך נישט הרגענען — האָב איך גע־ווסט. אויב דאָס וואָלטן געווען איבערגעטאָענע „באַנדעראָווצעס" וואָלטן זיי מיך תיכף דערשאָסן. איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר ביים אַריינפאָרן קיין ראָוונע, ווען איך האָב דערזען די ערשטע דאָרפישע הייזער פון דער פאָרשטאָט, האָב איך אָנגעהויבן צו יאָמערן. אפשר איז דאָס געווען די דער־מאָנונג פון מיין קינדהייט, פון מיינע עלטערן, וואָס זענען אין דער שטאָט אומגעקומען ?

די לאַסטמאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג. דאָס טירל פון שאָפער האָט זיך האַסטיק געעפנט און עס איז אַרויפגעשפרונגען אויפן הינטערשטן טייל פון אויטאָ אַ מיליטער־מאַן. איך האָב דערזען אַז די צוויי זעלנער האָבן זיך אויפגעשטעלט פאַר אים. איך האָב אים גלייך דערקענט אין דעם גראָען פרימאָרגן. דאָס איז געווען דער יונגער אָפיציר וואָס האָט גערעדט צו מיר יידיש.

— שרעקט איך נישט. עס וועט איך קיין שלעכטס נישט געשען. איר זענט פריי. מען וועט שאַפן פאַר איך אַן אָרט ווו צו וווינען צווישן יידן, וואָרעם אין ראָוונע זענען דאָ אַ דרייסיק יידישע משפחות. איך וועל איך פירן צו אַן עלטערער יידישער פרוי. איר וועט ביי איר וווינען. געדענקט. אויב איר וועט צוריקקומען אין דעם שטעטל אַריין און פירן אַזאַ לעבן ווי איר האָט געפירט וועט איר אומקומען. דאָ בלייבט און שפּעטער, ווען עס וועט מעגלעך זיין, וועט איר גיין ווייטער, מיט די יידן... איך בין געלעגן איינגעקנוילט און מיט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט .איך האָב גע־טראַכט : זאָלן זיי טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן. עס איז מיר אַלץ איינס.

איך האָב באַקומען אַן אייזערן בעט אין אַ האַלב־צעשטערט אָרעם שטיבל צוזאַמען מיט נאָך אַ פרוי. עטלעכע מאָל האָט מען מיר געבראַכט געלט און עסנוואַרג. איך האָב געוווסט אַז דאָס שיקט מיר יענער שוואַרץ־האָריקער וואָס האָט גערעדט צו מיר יידיש. איצט האָט איר זיך ווידער באַוויזן. איך ווייס אַז דאָס זענט איר. זאָגט מיר צו וואָס ? נאָך וואָס האָט איר ווידער אויפגעטויכט פון דער פאַרגעסנהייט ? איז דאָס נייגער ? איז דאָס אפשר... ניין. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. גייט אַוועק. אַ גוטן איך... אַלץ וואָס איר האָט געהערט איז אַן אויסטראַכטעניש. עס איז ליגן, עס איז אַ טעות. איך האָב אָנגעהויבן מיין לעבן איצט, דאָ, אין מיין היים,

מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער. פאַרגעסט און לאָזט מיך אויך פאַר־געסן.

זי איז אַוועק און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

איך האָב צו זיך געזאָגט: — דאָס אַלץ איז געווען אַ מיראַזש, אַ חלום אין מיטן טאָג אין רמת־גן. עס איז אַ וויסטע אויסטראַכטעניש. עס איז נישט אמת.

די פאַרמאַכטע טיר

אין אַ תמוז־טאָג אויף רחוב אַרלזורוב אין תל־אביב, אין די נאָך־מיטאָג שעהען, ווען די גאַס איז כמעט ליידיק, וואָרעם די משרדים זענען שוין געשלאָסן און די מענטשן רוען איצט אין די היימען ביי אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, כדי מילד צו מאַכן די שאַרפע זונליכט, האָב איך באַמערקט אין ראָג פון אַ האַלב־פאַרבויטער גאַס אַ פרוי. זי איז געשטאַנען ווי אַ פאַרלוירענע און נישט געוווּסט וווהין צו גיין. עס איז ממש נישט געווען וועמען צו פרעגן אויף דעם נאָמען פון אַ ניי געסל אין דער סביבה. איינער פון די בוי־אַרבעטער איז אַראָפּ פון דער רושטאָוואַניע, אַ פאַרשמירטער אין צעמענט און קאַלך. ער האָט באַדויערט וואָס ער קען נישט דאָס דאָזיקע געסל. דאָס איז געווען אַ תימנער מיט אַ גוטמוטיק פנים. „חבל גברת, לא... לא... חבל״...

איך בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען און דערקענט אַז די פרוי איז געקומען פון ווייט, אוודאי פון לוד אָדער רמלה. איך האָב דאָס דערקענט לויט אירע קליידער, לויט די שווערע פאַרשטויבענע שיך. זי איז געווען נישט יונג און נישט אַלט. אַ פול פנים מיט ציטערנדיקע ליפּן, אויפן קאָפּ אַ טונקל טיכל און אין האַנט אַ טאַש פון אָפּגעבליאַקעוועטן לעדער.

— סליחה, אפשר ווייסט איר ווו עס איז אָטאָ די גאַס ? — און איידער זי האָט נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן די פראַגע, האָט זי מיר אויסגעשטרעקט אַ פּאַפּירל ווו עס איז געווען אָנגעשריבן דער אַדרעס.

איר יידיש האָט אויסגעגעבן איר אָפּשטאַם — דאָס איז געווען אַ יידיש וועלכן מען האָט גערעדט אין וואָלין. די חמימה איז געווען אַ גרויסע און איך האָב נישט געוואָלט איר לאָזן אַרומבלאָנקען צווישן נישט־פאַרענדיקטע געביידעס. איך האָב געוווּסט אַז די געסלעך אַרום דער רחבותדיקער אַרלזורוב גאַס עקסיסטירן דערווייל בלויז אין די פּלענער און אין די מאַפּעס פון די אינזשענירן און אַז די געביידעס וואַקסן דאָ אויס כאַאָטיש, צעוואָרפן, איינע אָפּגערוקט פון דער אַנדערער, און ערשט ווען ס'רוב הייזער וועלן אויפגע־

בויט ווערן וועט זיך אַנטפּלעקן די שיינקייט פון דער נייער צפון־געגנט פון תל־אביב. „רחוב פומפּדיתה״ עקסיסטירט און איך וועל דאָס געסל געפינען.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיקע, אויסגעמיטן די בוי-פּלעצער, אַדורכ־געשניטן פאַרצוימונגען און געזוכט דאָס קליינע געסל.

— איר זענט פון וואַלין ? — האָב איך איר געפרעגט לשם העפלעכקייט.

איך האָב געוואָלט דורך דער פראַגע אַרויסווייזן אַ צייכן פון אויפמערק־זאַמקייט און געבן איר דורך דעם צו פאַרשטיין אַז דאָס אַרומדרייען זיך מיט איר איבער דער נישט־פאַרבויטער געגנט איז נישט פאַר מיר אַן אָפּקומעניש נאָר אז איך האָב ווירקלעך אַן אינטערעס איר צו העלפן.

— כ׳ווייס שוין אַליין נישט פון וואַנען איך בין... דאַכט זיך אז איך בין פון שטיין...

איר קול איז געווען אַ טרויעריקס. זי האָט עטלעכע מאָל אַ קרעכץ געטאָן.

איך האָב איר דערקענט. עס איז נישט געווען פאַר מיר קיין ספק אַז איך האָב פאַר זיך אַ פרוי פון וואָלינער שטעטל אַלעקסאַנדריע. איך האָב איר דערקענט ווייל אין דעם שטעטל איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען עטלעכע חדשים שוין נאָך דער מלחמה. זי איז לעבן־געבליבן אין די וועלדער צוזאַמען מיט איר מאַן, אַ שניידער. ער האָט מיר אַפילו גענייט אַ קורטקע פון ברוינעם פויערישן געוואַנט.

— אוי, איר זענט דאָס ? פאַרוואָס האָב איך אייך נישט דערקענט ? מיין קאָפּ איז אַזוי פאַרדרייט אַז איך דערקען נישט קיין מענטשן — האָט זי געזאָגט.

— וואָס מאַכט אייער מאַן ? — האָב איך געפרעגט.

— וועלכער ? דער וואָס האָט גענייט פאַר אייך די קורטקע ? ער איז געשטאָרבן אין וואַגאָן בעת מיר האָבן פאַרלאָזט פוילן... איך האָב דערנאָך חתונה געהאַט... איר פאַרשטייט ? מען קען דען בלייבן אַליין ? איך ווין אין יפו. מיין צווייטער מאַן האָט אַ פיש־קראָם.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַלטן סיקאַמאָר און געזוכט שאָטן. איך האָב דערקענט אַז זי איז מיד און איר פּנים איז פייכט פון שווייס. עס איז אָבער נישט געווען נאָר טראָפּנס שווייס, נאָר טרערן. זי זאָט שטום געוויינט.

איך האָב איר געוואָלט איבערלאָזן און אַוועקגיין. ווייסעך וואָס, זוכן אין אַזאַ היץ, אין די הייסטע שעהען פון טאָג אַ גאַס וואָס עקסיסטירט נאָך נישט

און וואָס די קאָמיסיע פאַר געבן נעמען נייע גאַסן ביי דער תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געוואָלט אַרויסווייזן איר למדנות און געגעבן אַזאַ נאָמען ווי „פומפדיתה". דערווייל האָט דאָס דאָזיקע נישט־עקזיסטירנדיקע געסל אפשר צוויי הייזער און די הייזער טראָגן שוין די נומערן ווי עס וואָלטן דאָ געשטאַנען הונדערטער פאַרטיקע הייזער. גיי זוך זיי אין דעם רחובותדיקן טייל, וואָס איז פול מיט ציגל, מיט בלאָקן, מיט אייזנס און בערג זאַמד.

איך האָב אָבער נישט געקענט אַוועקגיין, בפרט איצט, ווען פאַר מיר איז געשטאַנען די פרוי מיט אויגן פול מיט טרערן.

— איר ווייסט פאַרוואָס איך זוך דאָס געסל? דאָרט האָט זיך אַריינגעקליבן עמעצער וואָס קען מיר אָפּגעבן אַ גרוס. איך מוז זיך זען מיט די מענטשן וואָס וווינען דאָרט. עס איז געקומען צו פאָרן פון רוסלאַנד אַ יונגע פרוי. עמעצער האָט מיר צו וויסן געטאָן אַז מיין טאָכטער לעבט. אַז זי איז דאָ אין ישראל. איך האָב אַ געפיל אַז איך וועל איר דאָ טרעפן.

— איך פאַרשטיי אייך נישט. אייער טאָכטער איז דאָ אין ישראל און איר דאַרפט איר זוכן? זי וואָלט דאָך אייך געקומען זען, ווי איז עס מעגלעך?

— האָב איר איר געפרעגט.

— אויב זי לעבט און זי איז אין ישראל וועט זי מיך נישט וועלן זען. איך גיי און זוך דעם אַדרעס, בעט גאָט אַז זי זאָל עס טאַקע זיין, מיין חנהלע, און דאָך האָב איך מורא פאַר דער באַגעגעניש מיט איר. איך האָב מורא. זי איז גערעכט וואָס איך ווייס נישט ביז איצט איר אַדרעס. ניין, חנהלע וואָלט נישט נקמה־גענומען אָן איר מאַמע. חנהלע איז געווען אַ גאָלדן קינד.

די פרוי האָט געווישט מיטן ראַנד פון קאָפּ־טיכל דעם שוויס פון פנים און שטיל גערעדט:

— דאָס איז געווען האַרבסט, אין יאָר 1942. די דייטשן האָבן דורכגעפירט די ערשטע שחיטה אין אונדזער שטעטל. עס איז שוין געווען נאָך דעם פּאָגראָם פון די אוקראַינער. איך מיט מיין מאַן און מיטן קינד אויף דער האַנט זענען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. חנהלע איז אַלט געווען פינף יאָר. מיין מאַן איז פון תמיד אָן געווען אַ שוואַכער, אַ קראַנקער. איך האָב געטראָגן חנהלען אויף די הענט. ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ כוטאָר האָבן זיך צוזאַמענגענומען די גויאים און אָנגעהויבן אונדז יאָגן. זיי זענען שוין געווען נישט ווייט. איך האָב שוין געהערט זייערע געשרייען. דעמאָלט האָב איך פאַרלאָרן מיין מאַן. ער האָט זיך אָבער אין אַ יאָר שפּעטער אָפּגעפונען. די פויערים האָבן אים נישט געהרגעט, ווייל ער איז געווען

איינער פון די בעסטע פעלצן־נייער. זיי האָבן אים געדאַרפט. איך בין געלאָפן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פרויען דורך וואַלד־שטעגלעך און געהערט ווי זיי דערנענטערן זיך. דאָס איז מיין סוף. איך קום אום. עטלעכע מאָל האָט מען געשאָסן און דעמאָלט איז געשען עפּעס וואָס איך קען ביז היינט צו טאָג נישט פאַרשטיין און נישט באַנעמען: איך האָב אַוועקגעוואָרפן מיין חנהלען. איך געדענק איר געשריי. אין אירע הענטלעך איז געבליבן אַ טייל פון מיין וואָלענעם שאַל — אַזוי האָט זי זיך געקלאַמערט אין מיר. איך בין געלאָפן דורכן וואַלד, אַריינגעלאָפן אין אַ זומפּ־פעלד און דאָרט אָפּגעלעגן עטלעכע טעג. איך האָב זיך גענערט מיט גראָז. אין די נעכט בין איך געגאַנגען זוכן חנהלען און איר נישט געפונען.

איך האָב אַוועקגעבויגן מיין קאָפּ און לאַנג געקוקט אויף דעם אַלטן סיקאַמאָר מיט די מעכטיקע צווייגן. די ווילדפּייגן זענען שוין געלעגן אָפּגעשיטע און קופּערנע פליגן האָבן מיט אַ געזשומעריי זיך פאַרבייגעטראָגן און עס האָט זיך געדאַכט פון דער זשומעריי, אַז די היץ ווערט נאָך שטאַרקער און נאָך אומדערטרעגלעכער. איך ווייס נישט פאַרוואָס אין דער רגע האָב איך געמומען טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן אַלטן בוים וואָס שטייט שוין דאָ אוודאי הונדערטער יאָרן און וועט אין איינע פון די טעג אַרויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דער בוים ווייס שוין וועגן דעם שווערן אורטייל וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף אים — אַן אורטייל פון פאַרלענדונג, און אַן זיינע וואָכן זענען געציילטע. איך האָב דערקענט אַז דער גזר פון פאַרטיליקונג איז אים באַקאַנט און אַז ער נעמט אים אָן מיט שטילן אַרויסרוף צו הימלען. די סיקאַמאָר־בלעטער זענען געווען האַלב פאַרוועלקט און די צווייגן־שפּיצן האָבן שוין געוויאַנעט. מען האָט אַרויסגעזען זייער נאַקעטקייט. אַיין צווייג איז שוין געווען אַן אָפּגעשטאָרבענער. דער בוים וועט פרייוויליק שטאַרבן איידער די שווערע טראַקטאָרן וועלן זיך נאָך דערנענטערן צו אים.

פאַרוואָס האָב איך אין די דאָזיקע רגעס, ווען פאַר מיר איז געשטאַנען די וואָלינער פרוי און דערציילט מיר וועגן איר צער, וועגן יענעם געיעג אין די וועלדער און וועגן דעם קליינעם מיידעלע וואָס האָט אַ געשריי־געטאָן: „מאַ ־ ־ אַ ־ אַ“ און נישט געקענט פאַרענדיקן דאָס וואָרט „מאַמע“ און אין אירע קינדערישע הענטלעך איז געבליבן אַ טייל פון דער מאַמעס שאַל, געטראַכט וועגן סיקאַמאָר?

פאַרוואָס האָב איך אָפּגעוואָגדן נישט נאָר מיין פּנים פון דער פרוי, נאָר אויך פון דער דאָזיקער טראַגעדיע און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ בוים וואָס מען וועט אים אויסהאַקן, פון אַ בוים, וואָס איך רייד זיך איין אַז ער באַגייט פריער זעלבסטמאָרד איידער די שאַרפע זעגן וועלן אים אונטער־שניידן און דער בוים־ריז, וואָס האָט פאַרדעקט אַ האַלבן הימל, וועט פאַלן און זיין גאַנצע נישטיקייט וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר די פרייע פייגל וואָס פליען דאָ פאַרביי אין די פאַרנאַכטן און אין די פאַרטאָגן?

— איר פאַרשטייט, חנה׳לע לעבט! מען האָט מיר דאָס געזאָגט נאָך מיט יאָרן צוריק. איך האָב אַפילו באַקומען אַ בריוו פון וואָלין. אַ גויע האָט מיר געשריבן אַז מיין טאָכטער געפינט זיך אין ראָוונע, אַז אַ פויערטע האָט איר געפינען אין וואַלד און איר גענומען צו זיך און דערנאָך האָט מען איר איבער־געשיקט קיין ראָוונע. זי דאַרף שוין אַלט זיין פינף און צוואַנציק יאָר. איך האָב נישט קיין רו און אין די נעכט זע איך איר. זי איז דאָ. מען זאָגט אַז זי איז געקומען קיין ישראל. נעכטן האָט מען מיר געגעבן די אַדרעס. מען זאָגט מיר אַז דאָרט קען איך געפינען אַ מענטש וואָס ווייסט וועגן איר. איך גיי און מיינע פיס ברעכן זיך מיר אונטער. מיר דאַכט זיך אַז איך וועל טרעפן חנהלען. זי איז עס. מען האָט מיר נישט געוואָלט אָנזאָגן אַז זי איז דאָ אויף דער אַדרעס ווייל מען האָט מורא אַז איך וועל אויפגערודערט ווערן. זאָגט מיר, ווי אַזוי וועט מיך מיין טאָכטער באַגעגנען? וועט זי מיר פאַרגעבן די זינד? וועט מיר גאָט פאַרגעבן? פאַרוואָס שוויגט איר? איך פאַרשטיי אַז חנה׳לע וויל מיך נישט זען! אַז זי באַהאַלט זיך אויס פאַר מיר. איך בעט אייך, גייט איר פריער אַריין אין דעם הויז, איך וועל וואַרטן אין דרויסן. רעד זיך דורך מיט חנהלען. דערציילט איר וועגן מיינע ליידן. בעט רחמים ביי איר אין מיין נאָמען. ניין, אפשר איז בעסער אַז איר זאָלט נאָר אַ קוק־טאָן אויב זי איז עס. איר וועט זי דערקענען, ווייל זי איז ענלעך געווען צו אַ ליכטיק מלאכל. צוויי בלאָנדע צעפּלעך פאַרפלאָכטענע און פאַרבונדענע מיט אַ בלאָע לענטע. גרויסע ליכטיקע אויגן, גרינע ווי פריש גראָז ביי אַ קוואַל. וואָס רייד איך? עס זענען דאָך שוין אַדורך אַזויפיל יאָרן. זי זעט אוודאי אויס אַנדערש. זי איז איצט געקליידט אין אַ ליכטיק זומער־קליידל און טראָגט שוין אוודאי נישט קיין צעפּ...

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיקע און צוגעקומען צו אַן איינזאַם גרויס

הויז אַרום וועלכן עס האָבן זיך געוואַלגערט בוי־בלאָקן און אַלערליי אָפּפאַל פון בוי־מאַטעריאַלן.

— דאָ איז עס. דאָס איז רחוב פּומפּדיתה. דאָס איז ס'הויז — האָב איך געזאָגט צו דער פרוי.

זי איז געגאַנגען אויף די פראַנטיקע טרעפּ מיט וואַקלדיקע טריט. איך האָב איר נאָכגעקוקט ביז זי איז אַריין אין קאָרידאָר. און אַז זי איז נעלם געוואָרן, האָב איך האַסטיק אָנגעהויבן צו לויפן. איך האָב געוואָלט וואָס שטעלער אַוועק פון דאַנען. ביים סיקאַמאָר־בוים האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אַ פאַרטייעטער געוואַרט. איך האָב אפילו נישט געוווּסט פאַרוואָס איך וואַרט. ערשט מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָב איך ווידער אַ מאָל באַמערקט די דאָזיקע פרוי. זי איז צוריקגעגאַנגען. עס איז מיר קלאָר געוואָרן אַז מיין נייגער איז אויסגעמישט מיט פּחד און מיט א ווילן וואָס שנעלער אָפּצוטרייסלען זיך פון דער דאָזיקער באַגעגעניש און פון גאַנצן געשפּרעך מיט דער פרוי.

— די טיר איז פאַרמאַכט. איך האָב לאַנג געקלאַפּט. איך וועל מאָרגן ווידער קומען — האָט זי געזאָגט און איך האָב דערקענט ווי עס צאַפּלען־אויף פייערלעך פון שגעון.

דער קוואַל פון מאַריאַ מאַגדאַלענאַ

דער וועג פון קרית שמואל צום כנרת פירט באַרג־אַראָפּ. פון דער רעכטער זייט שפּרייט זיך טבריה. עטלעכע נייע האָטעל־געביידעס מיט יונג־פאַרפלאַנצטע ציפּרעס־ביימלעך ביים ראַנד פון געוויקלטן שאָסיי. דערנאָך קנוילן זיך די אַלטע הייזער געבויטע פון טונקעלן, געהאַקטן שטיין ביז זיי דערגרייכן די רוימישע מויערן פון דער אַלטשטאָט, די האַלב־צעשאָטענע, וואָס סטערטשען ווי פאַרגעסענע מצבות. דאָס גרין צופוסנס פון די מויערן איז יונג, פריש ווי עס וואָלט געצויגן די זאַפטן פון נאָענטן קוואַל.

איך האָב פאַרקערעוועט אויף לינקס, דורכגעשניטן אַ שטיינפעלד און עטלעכע מאָל חידושדיק געקוקט אויף שטיינער־אָנהויפן. אפשר האָב איך צופעליק אַנטדעקט אַן אַלטן מזבח? אפשר אַ הייל איז דאָ פאַרבאָרגן און עס איז גענוג נאָר אָפּצורוקן דעם גרויסן פלאַכן שטיין וואָס ליגט דאָ אויבן־אויף?

איך בייג זיך איין, פּרווו לייענען די קריצן אין שטיין און לאַך צו זיך אַליין. דאָס זענען דאָך צייכנס פון פאַלן, בעת אַ מעכטיקע האַנט האָט געשליידערט דעם שטיין פון די בערג. מ׳יך נעמט אַרום אַ ווילן צו רירן דעם פלאַכן שטיין פון אָרט. ער איז אָבער טיף איינגעגראָבן אין דער שטיינערנער ערד.

די באַנאַנע־פעלדער ליגן נידעריק, ממש ביים ברעג פון כנרת. קעגן איבער שאָטנט מיט קילקייט דער רוסישער גאָרטן, איך גיי אייליק דורך אַ שטיין־געהאַקטן שטעגל, שפּרינג פון איין שפּליטערשטיין צום אַנדערן און דערגרייך מיין באַליבט אָרט ווו איך כאַפּ פיש יעדן פאַרנאַכט.

מיין פריינד, דער טבריהער פישעריונג עוזיאל, האָט מיר אַנומלט געזאָגט: די וואַרעמע קוואַלן וואָס שלאָגן אַרויס פון צווישן די פעלדזן אין רוסישן גאָרטן זענען מילדע, אָן שוועבל, די וואַסערן פליסן אַריין אין כנרת און אַהער קומען די פיש. זיי האַלטן זיך אויף אין דעם ווינקל פון כנרת

בעת זיי האָדעווען זייער יונגוואַרג, ערשט אַרום תּמוז גייען זיי פון דאַנען אַוועק מיט זייער נאָכוווקס אין די ווייטקייטן פון כּנרת. דאָרט ווו דער וואַסערשטריף איז אַזאַ געפּאַלבטער מחמת דער ירדן וואָס שווימט אַריין אין כּנרת מישט זיך נישט אויס מיט די וואַסערן נאָר ער האַלט אויף זיין אייגענעם שטראָם.

געגוי, ווען די זון האָט זיך געזעצט אויף דער פלאַך פון די וואַסערן און עס האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן דער אָוונט, האָב איך צונויפגעוויקלט מיין ווענדקע און בין אַוועק צו די דריי זקנות פון רוסישן מאָנאַסטיר. די אַלטע פּעלאַגעיאַ האָט מיר געזאָגט: — דו קומסט תּמיד צו דער צייט.

איך האָב איר אָוועקגעגעבן די געפאַנגענע פיש.

— ווילסט אפשר וואַרטן, וועל איך דיך מכבד זיין מיט דיינע פיש? איך וועל זיי אָפּפּרעגלען.

איין מאָל האָט זי מיר געזאָגט:

— איך בין שוין דאָ זעכציק יאָר. מיין מאַן איז געווען אַ פּאָליציי-עלטסטער אין וואַרשע. מיר שטאַמען פון יעליזאַוועטגראַד. ער איז דערהרגעט געוואָרן בעת אַ דעמאָנסטראַציע אויפן טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע.

— מיין פאָטער איז געווען צווישן די דעמאָנסטראַנטן — האָב איך שטיל געזאָגט — איך ווייס דאָס. עס איז טאַקע זעכציק יאָר. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ דורכגעשאָסענער האַנט.

זינט יענעם שמועס זענען מיר געוואָרן באַפריינדט.

— ווילסט זען דעם וואַסערקוואַל פון מאַריאַ מאַגדאַלענאַ?

איך בין געגאַנגען מיט איר ביז צום גאָרטן. צווישן שטיינער האָב איך דערזען אַ דורכזעעוודיקן קוואַל. אויפן דנאָ פון קוואַל — דאָס פּנים פון דער הייליקער מאַריאַ. עס איז געווען אויסגעלייגט פון קליינע מאָזאַיק־שטיינער.

— דאָ האָט זיך געבאָדן די הייליקע מאַריאַ... דערפאַר האָבן מיר דאָ אויפגעשטעלט די קליינע צערקווע. זינט דער רעוואָלוציע זענען מיר פאַר־איינזאַמט... די רוסישע וועלט האָט פאַרגעסן אין אונדז... ערשט מיט צוויי יאָר צוריק איז געקומען אַ יונגער אַרכיערײ, פון לענינגראַד...

מיר האָבן גערעדט רוסיש. איך האָב זיך געחידושט: ווי אַזוי האָט די אַלטע אויפגעהאַלטן דעם זעלטן־שיינעם קלאַנג פון איר לשון? אפשר איז דאָס געשען אין יענע יאָרן ווען רוסישע פּילגרימען פלעגן קומען צופוס קיין ירושלים און אויך באַזוכן טבריה?

— גראַף טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן אַ ווונדערלעכע דערציילונג וועגן רוסישע פּילגרימען אין נצרת און אין ירושלים... וועגן אַן אויסטערלישער זעונג... — האָב איך געזאָגט.

— דער אַנטיכריסט טאָלסטאָי ? — האָט זי מיך געפרעגט.

ניין, זי איז נישט בייז געוואָרן אויף מיר. שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי יעדן פאַרנאַכט קום איך צו גאַסט צו דער אַלטיטשקער מיט די פיש פון כנרת וואָס איך פאַנג זיי.

די אַנדערע צוויי מאַנאַכינס זענען תמיד באַשעפטיקט אין גאָרטן. עס איז די צייט פון באַוואַסערן די באַנאַנע־ביימער און פון אונטערגראָבן די וויינשטאָקן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, בעת איך האָב געכאַפּט פיש, איז צוגעפאָרן ביז צום וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט לעבן מיר, אַ טונקעלער אויטאָ. איך האָב דערקענט אַז דאָס איז איינער פון די „אונאַ"־אָפיצירן. אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אין האַלב־מיליטערישע קליידער, האָט זיך דערנענ־טערט און שטיל מיך באַגריסט : „גוד מאָנינג, סער"...

איך האָב געענטפערט מיט אַ שמייכל. דעם פאַרנאַכט האָב איך געהאַט אַ גוטן פאַנג. איך האָב אַרויסגעצויגן אַ גרויסן פיש, אַוודאי פון אַ קילאָ. עוזיאל רופט די פיש „דג משה רבינו".

איך האָב דערהערט אַ פרויאיש רופן. דער פרעמדער האָט אויסגעע־קערעוועט דעם קאָפּ און געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט. נעבן דעם אויטאָ איז געשטאַנען אַ פרוי אין אַ רויטן באַד־קאָסטיום. זי האָט אויסגעזען צו זיין שיין. איך האָב איר אַ ווילע נאָכגעקוקט. זי איז געגאַנגען דורך די שטיינער און פאַרקערעוועט צום רוסישן גאָרטן, דאָרט האָט זי זיך אַראָפּ־געלאָזט צום קוואַל פון מאַריאַ מאַגדאַלענאַ.

איך האָב בשום־אופן נישט געקענט אַראָפּנעמען פון האָקן דעם גע־פאַנגענעם פיש. זיינע פליספּעדערן זענען געווען שאַרפע און כ'האָב אַפילו נישט געשפּירט ווי זיי שטעכן זיך איין אין מיינע הענט. ערשט ווען איך האָב נאָך אַ מאָל פאַרוואָרפן דעם פאָדעם האָב איך דערזען אַז מיינע הענט בלוטיקן און איך האָב אָנגעהויבן צו שפּירן אַ ווייטיק.

די כנרת־וואַסערן זענען מילד. איך האָב געוואַשן די הענט און ווי־דער אַ מאָל אַ שמייכל געטאָן צום פרעמדן. זיין פּנים איז געווען געווענדט

צו יענער זייט. ער האָט געקוקט אויף מיר, נאָר מיך נישט געזען ווי איך וואָלט דאָ בכלל נישט געווען.

עס איז מיר געוואָרן אומבאַקוועם. איך האָב אים עפּעס געוואָלט זאָגן און נישט געוווּסט וואָס. אפשר וועגן די שטעכיקע פיש וואָס איז נישט כדאי זיי צו פאַנגען. זיי זענען שיין, די אויגן האָבן אַ גאָלדרינג און די שופּן זענען ווי קופּער.

די פרוי גייט שוין צוריק. זי רופט נישט. אירע טריט זענען פאַמעלע־כע. זי איז איצט געהילט אין אַ שוואַרצן זיידענעם כאַלאַט. ער פלאַטערט אין ווינט און אַנטפּלעקט די ליניעס פון איר קערפּער.

— גוד ביי, סער... — האָט דער פרעמדער געזאָגט.

ער ווינט. איך דערקען דאָס לויטן צוקן פון די אַקסלען. יאָ. דאָס גע־וויין איז אַ הילכיקס. איך לויף צו אים און בלייב דאָך שטיין. ניין. איך וועל סיי ווי נישט קענען אים העלפן.

ער האָט גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט נישט געזאָגט צו דער פרוי. שווייגנדיק האָבן זיי צוגעהאַקט דאָס טירל און דער עלעגאַנטער שוואַרצער אויטאָ איז אַוועק.

דעם פאַרנאַכט האָב איך געהאַט אַ רייכן פישפאַנג. די אַלטיטשקע מאַנאַכין האָט מיך פאַרהאַלטן אויף אַוונטעסן.

— פאַרזוכט כאָטש איין מאָל פון אייערע פיש.

איך בין געבליבן.

— דו ווייסט ווער איז די פרוי, וואָס איז געקומען זיך באָדן אין קוואַל?

— ניין. — האָב איך געענטפערט.

— דאָס איז אַ געוועזענע גאַסנפרוי פון אַמסטערדאַם. ער האָט זי באַקענט בעת דער מלחמה אין יענעם געסל ביים האַפן ווו יעדעס ווינקל איז אַ שאַנדהויז. יעדעס מאָל קומט זי זיך באָדן אין דעם הייליקן קוואַל פון מאַריאַ מאַגדאַלענאַ. צו ערשט האָב איך נישט געוואָלט דערלויבן וואָ־רעם הייליק איז דער קוואַל, ערשט ווען איר מאַן האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זיין גרויסער ליבע צו איר, האָב איך באַשלאָסן אַז דאָס וועט נישט זיין קיין זינד. איך פיל אַז די הייליקע איז גליקלעך...

מיין וועג פון כנרת פירט איצט באַרג אַרויף. די אַלטע מויערן, די צעשאָטענע, ווארפן לאַנגע פיאָלעטע שאָטנס.

צו וואָס דאַרפסטו זוכן אין אַלטן שטיין די צייכנס פון אַמאָל? וואָס וועסטו דאָרט אַנטדעקן? קלייב צוזאַמען די קליינע זעאונגען פון איין טאָג, שטעל זיי צוזאַמען אַזוי ווי דער מייסטער שטעלט צונויף אַ מאָזאַיִק און עס וועט זיך דיר אַנטפּלעקן דאָס אייביקע נישט־געענדערטע פּנים פון אונדזער וועלט.

דער שוואַרצער מלך און די טורקלטויב פון שרון

דער שוואַרצער מלך האָט זיך אַ שטיק צייט אַרומגעדרייט אין יפו און נישט געוווסט צו וואָס מען נעמט זיך. ווערן אַ טרעגער אין פּאָרט? העלפן די פישער־יונגען? אָדער אַרבעטן אין גרויסן הויף, וואָס איז פול מיט אַלט אייזנוואַרג? ער איז געווען איבער אַ וואָך צייט אין רמלה, אין לוד, און ווידעראַמאָל צוריקגעקומען קיין יפו. די נעכט איז ער איבערגעשלאָפן אין אַ געוועלב פון ירקות, וואָס זיינס אַ שטאָטישער האָט געהאַט קעגנאיבער דעם זייגער־טורעם. ער האָט פיינט געהאַט דעם ים, די ריחות פון דעם ברעג, די מאָטאָר־שיפלעך, די פלעקן פון אויל אויף די וואַסערן, די קולות פון טרעגער, דאָס געראויש פון לאַסטוועגענער און די אָנגעגליטע בעטאָן־ברעגן. דער גרויסער הויף מיט ברוך־אייזן פון אדון ארציאלי האָט אים געמאַכט געפאַלן און טרויעריק. זשאַווער, סמאָלע־בלעכן, שאַרבנס פון מאַשינען און אַ נידעריק מענטשל, אַ קיילעכדיקס, וואָס האָט אים באַלד אָנגעהויבן דוצן.

דער שוואַרצער מלך איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל פון מאַזאָוויע. אים האָט געצויגן צו פלאַכלאַנד, צו פּאַשע־פעלדער. ער האָט אויסגעמאָסטן יינגלווייז אַלע וועגן און שטעגן מיט די פלינצקער פערד־סוחרים. איצט איז ער שוין מער נישט שוואַרץ־געקרייזלט, נאָר גרוילעך געל, אַזוי ווי גראָז ביי די ראַנדן פון די וועגן נאָך אַ שריפה.

די באַגעגעניש מיט יוסף צאלח גמליאלי האָט אים געבראַכט אי גליק און אי אומגליק, וואָרעם אַ דאַנק דעם תימנער יוסף האָט ער זיך באַזעצט אויף אַ שטיק ערד נישט ווייט פון אַבו־כביר און גענומען זיך אַ ווייב — און אומגליק דערפאַר, וואָס ער איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן מיט דער משטרה און געהאַט אויסצושטיין די בזיונות פון איינעם וואָס ווערט געפירט אונטער אַ שמירה צום שופט.

אין אַ פאַרנאַכט, בעת דער שוואַרצער מלך האָט אָפּגעלאָדנט דעם

ברוך־אייזן פון יוספוס וואָגן, איז ער איבערראַשט געוואָרן צו הערן ווי אַזוי דער תימנער קריגט זיך מיטן אדון ארציאלי אויף מאַמע־לשון יידיש, און פאַרבראָקט נאָך דערצו מיט היימישע קללות, עכט סלאַווישע.

פון דער רגע אָן איז אים יוסוף צאלח געוואָרן נאָענט. דער שווארצער מלך האָט געפּעטשלט דאָס פערד, געגלעט דעם קאַרק, אַרויפגעלייגט זיין שווערע דלאָניע אויפן באַלעגאַלע. זיי זענען דערנאָך געזעסן אין שענק, ביי גלעזלעך אַראַק, און דער שווארצער מלך האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, וואָרעם עס איז אים געווען גוט צו רעדן פאַר איינעם וואָס איז געבוירן גע־וואָרן אין דעם לאַנד. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַז ער רעדט צו עמעצן וואָס איז אים נאָענט, און דורך דעם שמועס, פאַרקניפּט זיך דער שווארצער מלך מיט די פרעמדע גאַסן און וועגן, מיט דעם אויסטערלישן יפו, די איינגעזע־סענע מענטשן און אַפילו מיט די בעלי־חיות. און דאָס יידישע לשון, כאָטש אויסגעמישט מיט לשון־קודש ווערטער און מיט אַראַביש, האָט געקלינגען אין יוספוס מויל אייגן. דאָס איז דאָך געווען פאַרן שווארצן מלך די איינציקע שפּראַך אויף וועלכער ער האָט געקענט ריידן — און ער האָט גערעדט שטיל, הייזעריק, ווייל דאָס קול האָט זיך אים געבראָכן פון צער און געפּאַלנקייט.

— זעסט מיינע ידידים? זיי קענען שפּאַנען פערד און צוימען די ווילדסטע אָקסן. אַז איך האָב דערזען דיין פערד האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט צו יענע צייטן ווען איך האָב אַזעלכע פערד געטריבן פון פלינצק קיין דאַנציק. איך וועל דאָ אויסגיין צווישן דעם אייזנוואַרג. נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן. בולגאַרן און טערקן, אַראַבער און היימישע פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך שוין אַריבערגעצויגן קיין תל־אביב און ווילן נישט געדענקען מער אין שווארצן מלך. אויף דער שיף האָט די דינסטמויד זעלדע געשוואָרן אַז מיר וועלן פאַרלייגן אַ באַלעבאַטישקייט און לעבן אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, איז זי באַלד אויסגעריסן געוואָרן אויף דער ערשטער וואָך, ווי נאָר מיר זענען געקומען אין לאַנד אַריין. אַ יונג פון די לאַגערן, וואָס איז געקומען פריער פאַר אונדז אין יפו, האָט דאָ געעפנט אַ בעקעריי און זי איז אַוועק פון מיר. איצט לעבט זי מיטן בעקער. איך שלאָף אין אַ פינצטער געוועלב און פאַר טאָג מוז איך זיך אַרויסטראָגן מיט מיין שעניק. זעסט וואָס עס איז געוואָרן פון שווארצן מלך? אַ שלעפּער! דערצו נאָך האָב איך נישט קיין לשון. כ'בין ווי אַ שטומע בהמה.

יוסוף צאַלח האָט געזען ווי דער יונג ווישט די טרערן. זייערע בליקן האָבן זיך צונויפגעטראָפן און דער איבערגעוואַקסענער יונג האָט זיך

פֿאַרשעמט פֿאַר דער שוואַכקייט זיינער. ער איז אויפֿגעשפּרונגען און גענומען אומהיימלעך לאַכן. ער האָט געקלימפּערט מיט די לעצטע מטבעות און נישט דערלאָזט אז דער תימנער זאָל צאָלן פֿאַר דער פֿלאַש אַראַק וואָס זיי האָבן צוזאַמען אויסגעטרונקען. ער איז שוין געווען שיכור בעת עס האָט אים אַ שפּאַר־געטאָן ביים האַרץ און אין סאַמע ראָג פֿון גאַס אָנגעהויבן שרייען: —
דער שוואַרצער מלך וועט נאָך ווידער זיין דאָס וואָס ער איז געווען! די וועלט גייט נישט אונטער! איך וועל נאָך שפּאַנען פֿערד און האָבן מיין אייגנס אַ ווייב און קינדער!

דאָס געשריי האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. עס איז אויסגעגאַנגען אַזוי אומגעריכט ווי אומגעריכט עס איז אויסגעבראָכן. דער תימנער האָט דעם יונג צוגעפֿירט צום פֿינצטערן געוועלב. עס איז שוין אָבער געווען געשלאָסן אויף עטלעכע אייזערנע פֿרענטן.

— לאָז מיך דאָ יוסוף, איך וועל שוין איבערנעכטיקן אויף די שטיגלעך. ס'איז אַ וואַרעמע נאַכט.

דער שוואַרצער מלך האָט זיך איינגעקוקט אין די ליכטיקע שטערן און עס איז אים אויסגעקומען אַז ער איז נישט איבער די פֿערציק, נאָר אַ יונגער פֿערד־טרייבער, אַז די צייט האָט איבער אים נישט קיין שליטה. מען דאַרף אָנהויבן אויף ס'ניי. אויף ס'ניי שפּאַנען!...

צומאָרגנס זענען ביידע אַוועק קיין אבו־כביר, וואָס געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון יפֿו. יוסוף האָט אים געוויזן אַ פֿאַרלאָזטע אַראַבישע חורבה.

— שטעל אַריין אַ טיר, מאַך לעדן און הענג־אָן אַ שלאָס. עס וועט זיין דיינס. אין דעם לאַנד נעמט מען. די אַראַבער זענען אַטלאָפֿן. וואַרט נישט ביז מען וועט דיך רופֿן. קיינער וועט דיך פֿון דאַנען נישט פֿאַרטרייבן. פֿאַרצוים אַ שטיק ערד, כל זמן אַ צווייטער האָט דאָס נישט געטאָן פֿאַר דיר.

אין זעלביקן טאָג האָט דער תימנער געבראַכט אויף זיין וואָגן דעם שוואַרצן מלכס אייזערן בעט, דעם שעניק וואָס ער האָט געהאַט אין דעם געוועלב פֿון ירקות.

עטלעכע וואָכן איז ער געווען אין איין שרעק אַז אָט וועט מען אים פֿון דאַנען אַרויסוואַרפֿן. עס איז אים אויסגעקומען אַז דער נידעריקער, אייביק שמייכלדיקער יוסוף צלאַח, טרייבט פֿון אים שפּאַס. דער שוואַרצער מלך האָט זיך געשראָקן פֿאַר די פֿאַרשווינען מיט לעדערנע פֿאָרטפֿעלן, פֿאַר די שוטרים וואָס פֿלעגן זיך אָפּט אָפּשטעלן נישט ווייט פֿון זיין ליימענער כאַטע. דער פּחד איז אָבער פֿאַרגאַנגען ווען אין איין טאָג זענען געקומען צוויי

אַרבעטער און אים אָנגעזאָגט אַז בקרוב וועלן זיי אין דעם הויף אַריינפירן אַ וואַסער־רער.

און אין יענע טעג ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינען די באַוואַ־סערטע בייטן ביי דער חורבה אין אבו־כביר, איז פאַרפאָרן יוסף צאַלח און אַרויסגעלייגט זיין פּלאַן:

— אַחי מלך השחור, הער וואָס עס וועט דיר זאָגן יוסף צאַלח גמליאלי. הער מיט קאָפּ, וואָרעם איך זאָג דיר אַז אָן אַ ווייב ווערסטו גאָרנישט אויפטאָן. און קריגן אַ ווייב אין דעם לאַנד איז נישט אַזוי לייכט. אַ ווייב איז ווי אַ טורקלטויב פון די פעלדער פון שרון. מען דאַרף איר קענען אַריינבאַקומען אין דיין הויף און דערנאָך וועט זי פאַרהיימישט ווערן און בלייבן ביי דיר. אין דעם דערפל מולדת, וואָס געפינט זיך אַ מייל דריי פון דאַנען, וווינט מיינס אַ ווייטער קרוב עובדיהו זאַראַי מיט זיין טאָכטער. און כאָטש ער איז מיינס אַ שטיקל קרוב, זאָג איך דיר אַז ער איז אַ כלב בן כלבים, און ער האָט דערפירט דערצו אַז די טאָכטער זיינע איז פאַרזעסן געוואָרן ביז גראָען צאָפּ. ער האָט אויף איר אַ שליטה וואָרעם עס איז אַ פאַרשווין מיט אַ יד חזקה. איצט איז ער אין אַ קלעם; זיין פערד איז געפאַלן און די שטיינער וואָס פרעסן איילבירטן, דרייען זיך נישט מער. נעכטן איז ער געוועזן אין יפו זוכן אַ פערד. איך וועל קריגן אַ פערד ביי אַן אַראַבער און דו וועסט דאָס פערד אַוועקפירן צו עובדיהו און אַז ער וועט דיך פרעגן דעם פּרייז, זאָלסטו תיכף נישט ענטפערן, נאָר אים געבן צו פאַרשטיין אַז דו גיסט דאָס פערד אויף עטלעכע טעג. וועסט זיך אָן עצה טאָן מיט דיין יידיש, וואָרעם ער פאַרשטייט אַ ביסל דיין לשון, און אויב ער וועט נישט אַלץ פאַרשטיין, וועט מען רופן דעם שכן. נאָך די דריי טעג זאָלסטו זאָגן אַז דו האָסט דיין אייגנס אַ נחלה אין אַבו כביר און אַז דו דאַרפסט אַ ווייב. זאָג אים גלייך: גיב מיר דיין טאָכטער און איך וויל נישט ביי דיר קיין געלט פאַרן פערד. אַ טויש פאַר אַ טויש.

דער שוואַרצער מלך האָט נישט געקענט באַנעמען די אויסטערלישע רייד. עפּעס איז אים אויסגעקומען קרום דער ענין. וואָס הייסט ער גיט מיר אַ פערד אָן געלט? און ווי אַזוי שלאָגט מען אָן אַזאַ טויש?

און איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו שטעלן פראַגן איז אים דער תימנער פאַרויסגעלאָפן.

— וועגן פערד זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. מיר וועלן עס שוין צוריק אַרויסבאַקומען פון דעם כלב שבכלבים. פאַרלאָז זיך אויף מיינע ידידים. עס

איז טאַקע אַ כיטרעקייט וואָס איך זאָג דיר. אָבער דער סוף וועט דאָך זיין אַן ערלעכער. זהבה, זיין טאָכטער, וועט ווערן דיין ווייב און זי וועט נישט דאַרפן האָרוועץ פאַרן אַלטן און בלייבן אַ מויד דאָס גאַנצע לעבן.

יוסף צאלח האָט זיך געהאַט זיין חשבון ביי דער גאַנצער געשיכטע. מיט יאָרן צוריק האָט ער זיך געשדכנט צו עובדיהוס טאָכטער. ער האָט געפירט מיט איר אַ ליבע און זיי האָבן זיך אָפט געטראָפן אין פינצטערן שטיבל ביי דעם אַראַבער חסאַן סאַלים, וואָס האָלט די שענק ביים נמל יפו. יוסף צאלח האָט געהאַט אויסצושטיין צרות פון עובדיהו ביז עס איז אים נמאס געוואָרן ,און אפשר איז עס געווען די שולד פון דער רויטהאָריקער אַשכינזישער מויד, וואָס איז צוגעפאַלן צו אים מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט פאַרוואָרפן זיין ערשטע געליבטע? פון דעמאָלט-אָן איז זיין האַרץ נישט רואיק. ער איז עס דער שולדיקער וואָס די מויד פאַרזיצט, ווייל זי וויל מער נישט קומען אין שטאָט אַריין, און זי איז געוואָרן נאָך געהאַרכזאַמער צו איר פאָטער. אַזוי ווי דער מלך השחור איז אַ שטילער יונג, איז איצט געקומען די שעה, אַז יוסף זאָל פאַרריכטן פאַר גאָט זיין חטא.

עס זענען געקומען שטילע און פרידלעכע טעג פאַר דעם שוואַרצן מלך. ער האָט געהאַט אַ קליינע נחלה און אַ ווייב — די טאָכטער פון דעם, וואָס יוסף, זיין גוטער ברודער, האָט אָנגערופן כלב בן כלבים.

אָבער נישט באַשערט איז אים געווען די רו, ווייל אין איינעם אַ טאָג, געענוי פיר וואָכן נאָך דעם ווי עס איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה זיינע אין דעם דערפל מולדת, אונטער אַ סיקאָמאָר־בוים, ווו דער הויפּט־אונטער־פירער איז געווען יוסף מיט זיינע ידידים, האָט זיך באַוויזן אַ שוטר און אַוועקגעפירט דעם מלך השחור צום אויספאָרשער. און דאָס, וואָס ער קען זיך ביז היינט צו טאָג נישט שענקען, איז די בושה געפירט צו ווערן מיט קייטלעך אויף די הענט.

— מלך השחור! האָסט געגנבעט אַ פערד אין יפו, ביי מוחמד אַל זוהאַרי און עס פאַרקויפט צו עובדיהו זאַראַי פון דאָרף מולדת! — האָט געזאָגט דער אויספאָרשער אויף יידיש. — ביסט זיך מודה?

דער יונג האָט געווישט דעם שווייס פון פנים, אַרומגעקוקט זיך מיט חשד, מיט פאַרדראָס און דאָס יידישע לשון פון אויספאָרשער, כאָטש נישט אַלע ווערטער האָט ער פאַרשטאַנען, האָט אים געגעבן כוח און דרייסטקייט. ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן צום אויספאָרשער און געטאָן אַזוי זאָגן:

— איך בין נישט קיין גנב. איך בין טאַקע אַ פערד־יונג פון אבות אבותינו. אָבער מיר זענען געווען און געבליבן ביזן לעצטן טאָג פון לעבן אָרנטלעכע יידן. איך האָב געהערט אין יפו אַז עובדיהו האָט אַ טאָכטער, נאָר ער וועט איר לאָזן חתונה האָבן אויב מען וועט אים דערפאַר געבן אַ פערד. איך האָב אים געבראַכט אַ פערד, נישט געוואָלט קיין געלט און געלאָזט דאָס פערד ביים אים. איך בין געוואָרן זיין אָפטער גאַסט. ער האָט מיר אַליין אָנגעשלאָגן דעם טויש. איך האָב נאָר דערויף אויסגעקוקט.

דער שוואַרצער מלך האָט נאָך געוואָלט ריידן נאָר דער אויספאָרשער האָט אים איבערגעריסן.

— פון וואַנען האָסטו גענומען דאָס פערד?

דער יונג איז צעטומלט געוואָרן.

— פון וואַנען? איך האָב עס געטראָפן אויף די פעלדער פון אַבו כביר. עס איז געווען ביינאַכט. איך האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט אַ הונגעריק פערד. האָב איך דאָס פערד געפירט צו עובדיהו...

דער אויספאָרשער האָט באַנומען אַז דער שוואַרצער מלך זאָגט נישט דעם אמת און אַז ער פאַרהוילט דאָס וויכטיקסטע.

— הערט אדוני השופט. איך האָב אין מיין לעבן נישט געהאַט צו טאָן מיט משפטים. מען האָט מיך קיין מאָל נישט געפירט מיט קייטן אויף די הענט. איך האָב געוואָלט האָבן אַ ווייב און געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו פאַרלייגן מיין היים. זי איז אַ גוטע נשמה, עובדיהוס טאָכטער. פאַרמשפט מיך. איך וועל וויסן אַז איך קום אָפּ אַ שטראָף פאַר דעם וואָס איך האָב אָפּגעטאָן.

ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט אונטער אַ שמירה האָט ער דערזען זיין ווייב. זי איז געשטאַנען פאַרהילט אין אַ שוואַרצן שאַל ביז צו די אויגן, און שטיל געוויינט.

עובדיהו האָט געשריגן: — שקרן! האָסט אויסגענאַרט ביי מיר די טאָכטער!

— מלך השחור, איך וועל היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ די נחלה און אַכטונג געבן אויף דעם גאָרטן. — האָט געזאָגט זהבה.

דער שופט האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד און צוריקגערופן דעם שוטר מיטן שוואַרצן מלך.

— איך וועל דיך אַרויסלאָזן אויף דער פריי מיט דעם תנאי אַז דו וועסט אין פאַרלויף פון אַ יאָר אויסצאָלן צו עובדיהו דעם פולן באַטרעף פון אַ פערד.

ביינאַכט האָט מען געטרונקען אַראַק אין חסאַן סאַלימס שענק. עס זענען דאָרט געווען אַלע ידידים פון יוסף צאַלח גמליאלי. עס איז געקומען אפילו דער אַראַבער, מוחמד אל זוהאַרי, און אויבן־אָן איז געזעסן דער מלך השחור מיט זיין באַשערטער. דעם ערשטן כוס האָבן געטרונקען יוסף און עובדיהוס טאָכטער. „איך האָב מער גאָרנישט צו דיר, יוסף, בחיי, ווי מיר האָבן אַ פאָטער אין די הימלען". יוסף צאַלח האָט זיך געפרייט ביז טרערן. ער האָט אַרומגענומען דעם שוואַרצן מלך און געדרייט זיך אין אַ ראָד זינגענדיק תימנישע ניגונים. אַפילו די אַראַבער, מוחד אל זוהאַרי און חאַסאַן סאַלים מיט זיינע זין, האָבן זיך אַריינגעדרייט אין דעם ראָד און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט מען אויסגעליידיקט פיל פלעשער אַראַק און קאַלטן ביר. געזעגנט האָט פאַר אַלעם יוסף, וואָרעם עס איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ.

— אַחי מלך השחור, וואָס האָב איך דיר געהאַט געזאָגט פון אָנהייב אָן? געדענקסט? אָן כיטרעקייט ווערסטו קיין ווייב נישט אַריינקריגן!

דער שוואַרצער מלך האָט שוין גאָרנישט געדענקט ווייל ער איז געווען שיכור און עס איז געווען אַ גוטע שיכרות, וואָרעם ער האָט זיך געפרייט מיט דער טורקלטויב פון שרון וואָס האָט זיך אויף אָן אַמת פאַרהיימישט אין זיין הויף.

דער שטילער מענטש פון דער נביאים-גאס

די פּאַסאַזשיר־שיף „ירושלים" איז אָפּגעשווומען מיטאָגצייט. דער כרמל־באַרג איז אַ ווײַלע מיטגעשווומען, געוויגט זיך אויף דעם אַליוור־קאָליריקן ים מיטן ווײַס פון די הײַזער און זילבער־גרין פון זײַנע גערטנער.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט בײַם באָרט מיטן פּנים צום כרמל און מיטן רוקן צו די ים־ווײַטן.

— מיר שווימען שוין? — האָט עמעצער מיך געפרעגט.

איך האָב אַ ברום געטאָן, נישט אָפּרײַסנדיק דערבײַ מײַן בליק פון כרמל, כ'האָב געקוקט אָנגעשטרענגט און עקשנותדיק ווי איך וואָלט דערזען דעם באַרג צום ערשטן מאָל.

— יאָ מיר דערווײַטערן זיך פון האַפן, — האָט דער מענטש זיך אַליין געענטפערט. דאָס קול איז מיר געווען קענטלעך. ערגעץ האָב איך די שטים געהערט. איך בין מיד און דאָך זענען מײַנע טריט אַזעלכע לײַכטע. איך אָטעם אײַן די ים־לופט און פיל אַ נאַגנדיקע באַדויערונג. דאָס פּלוצעמדיקע געשריי פון דער שיף־סירענע, דאָס דעמפּיק־אָפּגעהאַקטע, האָט צעריסן דעם לעצטן קנופּ פון דער שיף מיטן האַפן. דער לאַנגער כרמל־שטריך האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און צוריק־געשווומען אויף זײַן פריערדיק אָרט.

— מיר זענען שוין אויפן אָפענעם ים.

דאָס איז ס'זעלביקע קול, איך האָב דאָך נישט געהערט קיין טריט, וואָס זאָל מיך האָבן באַגלייט צו דעם זײַטיקן באָרט־ווינקל? ווי אַזוי איז דער מענטש דערגאַנגען אַהער, אַז אָט ערשט בין איך געשטאַנען מיט אים אויף יענער זײַט שיף?

איך האָב געזוכט דעם מענטש וואָס רעדט צו מיר און אים נישט געזען, ווײַל אַ געדיכטע פּאַרע פון ווײַס־געפּאַרבטן קוימען איז נידעריק געזונקען אויף דעם דעק. דאָס איז געשען גלײַך נאָך דעם אָפּגעהאַקטן סירענע־געשריי.

אַ רגע שפּעטער האָב איך געזען אַ מענטשן, נישט ווייט פון מיר. ער איז געווען אַריבערגעבויגן איבער דעם באַריער און געקוקט אויף די צעשוימטע כוואַליעס, ווי ער וואָלט דאָרט געוואָלט זען זיין פּנים.

פאַר נאַכט בין איך געזעסן ביים בופעט, איך האָב געלייענט די אויפ־שריפטן אויף די ווייןפלעשער, געקוקט אויף די פאַרבייגייענדיקע פרויען, געשמועסט מיטן באַרמאַן, וועגן די פאַרשיידענע טעמים פון וויינען.

עמעצער דערנענטערט זיך צו מיר, איך דערקען דאָס לויט דעם שאָטן וואָס פאַלט אויף די גלעזער פון בופעט.

— איך האָב דריי מאָל געדעדט צו אייך און איר האָט מיר נישט געענטפערט. כאַ־כאַ־כאַ...

דאָס איז אַ שמייכלען וואָס איז אי גוטמוטיק, אי להכעיסדיק.

— זיצט, — האָב איך פאַרכמאַרעט געזאָגט.

— דאָ איז נישט באַקוועם.

מיר זענען אַוועק צו אַן אָפּגעזונדערט טישל. ער האָט זיך לייכט אַוועקגעזעצט און אַרויפגעלייגט די לאַנגע שמאָלע הענט אויףביידע קני. איך האָב דערזען זיין בלייך פּנים, אַ לענגלעכס, גרויע האָר און גרויסע אויסגעלאָשענע אויגן. כ׳האָב דעם מענטש ערגעץ געזען — איז מיר קלאָר געוואָרן. ווען? וווּ? אפשר האָב איך אים געזען אין האַפן?

וויפל מאָל האָב איך אַרויסגעריסן פון דעם הווה זעונגען און זיי פאַרטראָגן צו מיין ווייטן ייִנגל־עבר און אַליין זיך איינגערעדט: אָ, דאָס געשעט נישט איצט, דאָס געשעט אין יענער אור־קינדערישער פאַרגאַנגנהייט מיינער. עס איז דאָך נישט קיין רעאַליטעט, דאָס איז מיינס אַ דערינערונג, וואָס איך רעסטאַווריר דאָס איצט אַזוי בילדעריש.

ווייזט אויס, אַז דער „באַרמאַן" איז גערעכט, פון דעם קליינעם וויסקי־קאָקטייל ווערט מען גלייך בגילופין, באַזונדערס אויפן ים. בין איך שיכור?

— איר וועט טרינקען?

— ניין.

— באַרמאַן! — האָב איך אויסגערופן — גיסט אַן צוויי גלעזלעך.

דער פרעמדער האָט טרויעריק געקוקט אויף מיר.

— איך קען אייך, איך ווייס ווער איר זענט, איך האָב אייך אָפּט געזען שפּאַצירן אויף דער „גאַס פון די נביאים", איך ווייס אפילו אין וועלכן הויז איר וווינט — האָט דער מענטש געזאָגט.

איך האָב האַסטיק אַ נעם געטאָן דאָס גלאָז און עס איינגעקלעמט אין

מײנע ציטערנדיקע פינגער, די קילע, גוטע ביטערניש האָט געלאָשן די היץ פון מײַן גומען.

איך האָב צוגעשלאָסן די אויגן און זיך דערזען גײן אויף דער נביאים־גאַס אונטערן שאָטן פון די פּיקוס־בײמער. איך קלאַפּ אין מײַן טיר. אַ נאָענט פּנים פון אַ פרוי וואָס ווערט מיר פרעמדער מיט יעדן בליק אירן. מײנע אַקסלען זענען אײַנגעצויגן. הײנט אין דער פרי בין איך געגאַנגען אויף די טרעפּ, איך בין אַן אויסגעלאָשענער און שטילער תושב פון דער נביאים־גאַס. וועל איך דיך נאָך זען ? — האָט זי געפרעגט. איך האָב נישט געענטפערט. דערנאָך איז געקומען דאָס געשריי פון דער שיפסירענע און אין דאַמפנעפּל האָב איך דערזען דעם שמאָלן רוקן פון אַ געבויגענעם מענטשן.

— טרינקט — האָב איך געזאָגט.

ער האָט צוגעטראָגן די כוסע צו די ליפּן. אָ, ווי באַקאַנט עס זענען מיר זײנע באַוועגונגען !

— איך קאָן זיך אײַך נישט דערמאָנען, און דאָך... אײן רגע... איר וווינט אויך אויף מײַן גאַס ?...

— יאָ.

— אפשר האָב איך אײַך באַגעגנט אין די קילע נעכט, שפּאַצירנדיק לענגויס דער פּיקוס־אַלעע ?

— יאָ, איך האָב אויך ליב צו שפּאַצירן אין האַלבנאַכט. דעמאָלט פילט מען דאָס קילע ים־ווינטל.

— איר זענט אַ שטילער מענטש — האָב איך געזאָגט מיט שפּאָט — אפילו אויף דער שיף האָב איך נישט דערהערט אײערע טריט, איר פּלאָנטערט זיך אַרום אין נעפּלען.

— אַ שטילער מענטש ?

איך האָב דערזען אַז זײַן בלײך פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקײט.

— איר האָט אַ טעות. אַנטשולדיקט, איך זע אַז איר האָט אַ ביסל געטרונקען.

ער איז אַוועק, זײַן כוס איז געבליבן אַ כמעט נישט־גערירטער.

איך בין געזעסן אַלײן בײַם טיש, אײַנגעהערט זיך אין אַ ווײַט דזשאַז־מוזיק און געזען ווי דער אָוונט פאַלט צו.

— ביטע זיצט, איר רעדט דאָך פּויליש ? — האָב איך אײַנגעלאַדן

אַ יונגע פרוי צו מיין טישל — לאָמיר באַגעגענען דעם ערשטן פאַרנאַכט אויפן מיטל־לענדישן ים צוזאַמען.

איך שמייכלען איז אָנגענעם, איך חידוש זיך, פון וואַנען קומט צו מיר אַזאַ אויפגעבונדנקייט?

גרויסע, ברוינע אויגן, נייגער און מיטגעפיל, קאַשטאַן־האָר צעווינטיקט אויף אַ לאַנגן האַלדז. זי כאַפּט־אויף דעם פאַטעפאָן־ניגון און פון צייט צו צייט רעדט זי צו מיר מיט אָפּגעריסענע זאַצן. זי שטאַמט פון קראָקע, אויסבאַהאַלטן זיך מלחמה-צייט אויף דער אַרישער זייט. וווינט אין מאָנט־רעאַל. געווען אין ישראל אויף אַ באַזוך. „איך האָב געהאַט אַ שווערע צייט, איר פאַרשטייט? געשיידט זיך... ווילט איר זען די פאָטאָ פון מיין קוזין אין ישראל? אפשר קענט איר אים? געפעלט ער אייך?... איך פאָר קיין פאַריז. כ׳דאַרף דאָרט טרעפן אַ באַקאַנטן... ער איז אַ פּסיכיאַטער... ער וויל מיך, נאָר איך"... זי האָט אויפגעכאַפּט דעם טשאַ־טשאַ־ניגון פון דזשאַן און שטיל צוגעגעבן: „ער איז שוין אָבער געווען באַווייבט צוויי מאָל — טשאַ־טשאַ".

— היי, באַרמאַן! — רוף איך מיט כעס — גיסט אָן, אָט דאָס זעלבע געמיש וואָס איר האָט אַזוי אויסגעלויבט...

איך גיי אַ וואַקלדיקער אויף די טרעפּ און האַלט זיך אָן אין באַריער.

— ווען וועלן מיר פאַרביישווימען קרעטע? פרעגט מיך אַן עלטערער מענטש.

איך קוק אים אָן און שוויג.

— דאַכט זיך מאָרגן פרי — ענטפערט ער זיך אַליין.

ווי איינזאַם עס ווערן די פּאַסאַזשירן אויף אַ שיף. זיי ווילן ריידן, איינער זוכט אָפּ דעם אַנדערן, כדי צו האָבן אַן אָנהאַלט כאָטש אין די רייד, אין דער וועלט פון הימל און וואַסער.

עס איז שפּעט ביי נאַכט.

איך קאָן נישט איינשלאָפן אין מיין קאַבינע. דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פון מאָטאָר איז באַגלייט פון מאַנאָטאָנעם ים־געררויש.

עמעצער עפנט פּאַמעלעך די טיר. איך דערזע אַ שאָטן וואָס גליטשט זיך אויף די ווענט.

— אַנטשולדיקט, איך פיל אַז איר שלאָפט נישט. כ׳בין אייער שכן, מיר קענען זיך דאָך. איר וועט אפשר פאַררייכערן?

— אַ דאַנק! איך רייכער נישט.

— איר זענט אפשר אין כעס, וואָס איך בין אַוועק פון אייער טישל אָן אַ וואָרט און נישט געטרונקען דעם ווײַן?

— איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף אייער אַוועקגיין.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער מענטש געזאָגט. נאָך אַ ווײַלע שוויַיגן איז ער אומרואיק געוואָרן און געפרעגט מיך אויף ס׳ניי. — איר זענט נישט אין כעס אויף מיר? דאָס איז גוט. איר זענט נישט קיין קליינלעכער מענטש. אָ, עס איז היינט אַ הייסע נאַכט, אַ חאַמסין אויפן ים...

די מידקייט האָט מיך געפּענטעט. כ׳בין גלייכגילטיק געוואָרן צום נאַכטיקן ים־גערויש און צו דעם געבראָכענעם מענטשישן שאָטן אויף די שיפע קאַבינע־ווענט.

אַלץ איז מיר פּלוצעם געוואָרן ווייט און פרעמד. איך אַליין בין צו זיך פרעמד און איך טראַכט: ווער זענען דאָס די צוויי מענטשן אין דער פינצ־טערער קאַבינע? איינער זיצט שטיל און הכנעהדיק און דער צווייטער דרימלט אויפן בעט. ווי רופט מען דעם געמיש פון וויינען, וואָס כ׳האָב געטרונקען אין באַר? דאַכט זיך, „די רויטע מערי״... וועט דאָס יידישע מיידל פון קראָקע, פון מאָנטרעאָל, וואָס פאָרט קיין פּאַריז, ווידער שמייכלען צו מיר? טשאַ־טשאַ־טשאַ...

איך פאַרבייס די ליפּן און שטראָף זיך: זע, ווי נישטיק דו ביסט און אויסגעהוילט. דאָס איז דיין אמתער פרצוף. פאַר וואָס האָב איך צוגעקלאַפּט די טיר אויף דער „נביאים־גאַס״ און אויסגעקערוועט זיך מיטן רוקן צו איר? פאַר וואָס האָב איך זיך לאַנגע נעכט אַרומגעדרייט אין די שאָטנס פון פיקוסן און סיקאַמאָרן און צעדריוולט מיין אָרעמען נעכטן אַזוי ווי מען צעדריוולט אַן אַלטן טעפּעך און פון די פעדעם האָב איך געוואָלט פלעכטן נייע נישט־געשטויגענע, קאָלירקע געוועבן?

— יאָ, ס׳איז אַ חאַמסין אויפן ים, — האָב איך געזאָגט.

דער מענטש האָט זיך דערפרייט מיט מיינע רייד. ער איז נאָענט צוגעקומען צו מיר און אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון בעט.

— איר האָט מיך היינט אָנגערופן „אַ שטילער מענטש״ און געזאָגט אַז כ׳פלאָנטער זיך אַרום אין נעפּלען. איך וועל אייך מיין נאָמען נישט אָנרופן. דאָס וועט אייך סיי ווי גאָרנישט זאָגן. אַגב, איר זענט דאָך אַפילו נישט פאַראינטערעסירט צו וויסן מיין נאָמען. איך בין נאָר אַייערער אַ שכן, אייערער אַ באַגלייטער. גוט, רופט מיך „שטילער מענטש״, רופט מיך „מיין

שכן", דאָס איז זייער צוגעפּאַסט פאַר מיר. איך האָב היינט געזאָגט אַז כ'קען אייך. יאָ, איך קען אַייך גוט. איך ווייס, אַז איר זענט אַ שרייבער. איך האָב געלייענט אַייערע ביכער. נישט נאָר וואָס כ'האָב זיי געלייענט נאָר איך האָב אַ סך מאָל באַגלייט אייער העלד פון בוך און אויך אַייך, איך בין געווען אַזוי ווי אַייער שאָטן.

ווידער האָט זיך אַריינגעריסן דאָס פּאַטעפּאָן־געזאַנג אין מיין קאַבינע און איך האָב נישט געקאָנט אונטערשיידן צי דאָס איז רעאַל אָדער דאָס געשעעט, מחמת איך האָב אַרויסגערופן אין מיין געדעכעניש די יונגע פרוי פון בופּעט.

— וווּנדערט זיך נישט, יעדער מענטש האָט זיין שטילן באַגלייטער, אַ כמעט נישט־זעעוודיקן. ער פאַרפאָלגט נישט, ער רעדט נישט צו אים. טייל מאָל ווערט דער באַגלייטער נעלם — דעמאָלט באַפאַלט דעם מענטש אַן איינזאַמקייט און ער הייבט אָן בלאָנדזשען. איצט, אויפן ים, צווישן הימל און וואַסער, האָב איך אייך געטראָפן אויג אויף אויג. דאָ זענען אַנדערע געזעצן ווי אויף דער ערד. מיר געפינען זיך אויף אַ שווימענדיקן אינדזל און עס איז נישטאָ פאַר קיינעם פון אונדז קיין אַנטרינונג. אונדזער ביידנס וועלט איז געוואָרן אַזוי קליין און אַזוי ענג, אַז מיר מוזן דאָס ערשטע, און אפשר דאָס לעצטע, מאָל איבערברעכן דאָס שווייגן.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך וויל גאָרנישט פון אייך, גאָרנישט. איך וויל נאָר שמועסן מיט אייך. וואָלט איר דעם דאָזיקן שמועס אַליין געפירט ,מיט זיך וואָלט איך ווייטער געשוויגן, ,נאָר איר טוט דאָס נישט. איך ווייס דאָס אויף זיכער. איך קען אַייערע ווערק, איך זע ווי איר שילדערט אייער לעבן, ווי איר דערציילט וועגן אייערע טעג און נעכט. נאָר איך איינער קען דאָס קאָנפראָנטירן. איך איינער...

— איר קענט דאָס נישט, ווייל איך אַליין ווייס שוין נישט אָפּצוטיילן אמת פון מיראַזש. אַלץ איז אַזוי פאַרקניפּט. און צו וואָס איז דאָס דען נייטיק? האָב איך אים געפרעגט.

— פאַר אייער חשבון־הנפש, איר ווילט אָבער נישט אַריינקוקן אין אייגענעם פּנים. איר האָט נישט קיין מוט און קיין כוח צו זען זיך אַזאָ, ווי איר זענט אין דער ווירקלעכקייט. כאָטש איר רעדט תמיד וועגן זיך זענט

איר פֿאַרהוילן. אין דער נאַכט, אויף דער שיף „ירושלים" וויל איך אייך העלפֿן אַטפּלעקן אייער אמתדיק פּנים.

איך האָב זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט און דערפֿילט דעם הייסן אָטעם פֿון מיין שכן.

— לאָזט מיך אַליין, איך וויל אַרויסגיין אויפֿן דעק, פֿאַר וואָס שטייט איר־צו צו מיר? גראָד אין אַזאַ נאַכט? איך בין מיד, כ'האָב אפשר צו פֿיל געטרונקען. קאָן מען נישט עפֿענען דאָס קיילעכיקע קאַבינע־פֿענצטערל? ניין, די כוואַליעס פּאַטשן דאָך אין דעם טונקעלן גלאָז און מיר וואָלטן פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון וואַסערן.

איך האָב אָבער שוין נישט געהאַט קיין אייגענעם ווילן און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דער וואַנט, האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם שווער געוואָרענעם קאָפּ אויף מיין ברוסט.

דער מענטש איז אויפֿגעשפּרונגען.

דאָס איז זיין ערשטער נצחון, האָב איך געטראַכט. אַ גלייכגילט איז מיך באַפֿאַלן. די רייד פֿון שכן זענען געקומען צוזאַמען מיט די כוואַליעס, זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם פֿינצטערן שיפֿפֿענצטערל.

ער האָט צו מיר שטיל גערעדט:

— איך געדענק אייערע לעצטע טעג אין וואַרשע, בעת דעם דייטשישן איבערפֿאַל, די שווערע עראָפּלאַנען־באָמבאַדירונג. מיר האָבן זיך געטראָפֿן אין זעלבן שוצקעלער אויף קאַרמעליצקע־גאַס. איר זענט געוואָרן אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי. דייטשן האָבן אייך געפֿאַנגען, פֿאַרנאַכט, עטלעכע און צוואַנציק געפֿאַנגענע סאָלדאַטן באַוואַכטע פֿון דייטשן. איין ייד צווישן די געפֿאַנגענע פּוילישע זעלנער ערגעץ ביי אָקענטשע... אַן אַלטע פּוילישע פּרוי ווײנט פֿאַר אַ דייטשישן אָפֿיציר: „לאָזט איבערגעבן דאָס פּעקעלע מיין זון". דער דייטש באַוויליקט. זי שטייט אַנטקעגן די געפֿאַנגענע פּאַליאַקן און ווייס נישט וועמען צו געבן דאָס פּעקעלע. און מיט אַ מאָל אירע אויגן באַגעגענען דיך. די אַלטע פּוילישע פּרוי רופֿט אויס: דאָס איז מיין זון! דו האָסט גלייכגילטיק גענומען דאָס קליינע קלומעקל און עס אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס. אין מיטן נאַכט, ווען איר האָט געוואַרט אויף לאַסטוועגענער, אַז זיי זאָלן אייך ערגעץ־ווייט אַוועקפֿירן, האָסטו געעפֿנט דאָס קלומעקל און דערזען, אַז דאָס זענען ציווילקליידער. האָסט זיי אָנגעטאָן בגנבה, אין די מינוטן ווען דער שיינוואַרפֿער פֿון די וועכטער איז הויך געהאַנגען איבער דיר ווי אַ חלף.

דערנאָך האָסטו זיך איינגעקנוילט און געדרימלט. פּאָר טאָג, בעת מען האָט געלאָדנט די געפאַנגענע, ביסטו אַוועקגעשטופּט געוואָרן פון אַ דייטשן סאָלדאַט פון דער ריי. ציווילער, וואָס טוסטו דאָ? ער אַט דיר דער־לאַנגט מיט דער קאָלבע פון דער ביקס. האָסט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דיינע געפאַנגענע און ביסט אַוועק. געדענקסט דאָס? געדענקסט דאָס פּנים פון דער אַלטער קריסטלעכער פרוי אין שוואַרצן?

— יאָ... יאָ... — האָב איך געשטאַמלט — יאָ...

— און דאָך האָסטו קיין מאָל נישט געוואָלט דערמאָנען דיין נעלם־ווערן אין יענעם פאַרטאָג. פאַר וואָס? דו שווייגסט? ווילסט נישט ענטפערן? כאַ־כאַ־כאַ — געדענקסט? ביסט געשטאַנען אויף דער שוועל פון דיין היים אין וואַרשע און דיין מאַמע האָט צו דיר געזאָגט „לאָז מיך נישט איבער אַליין", און דיין יינגסטער ברודער האָט דיך געבעטן, „נעם מיך מיט" — האָסטו צוגעקלאַפּט די טיר און געטראָגן זיך איבער די מלחמה־וועגן, איבער שטעט וואָס האָבן נאָר־וואָס קאַפּיטולירט פאַרן דייטש און ביסט דערלאָפן אַליין קיין רוסלאַנד — — —

— פּייניק מיך נישט — האָב איך זיך געבעטן.

— דאָס איז נישט קיין פּייניקונג, מען דאַרף וועגן דעם ריידן אָפן. עס איז שוין צייט דערויף.

— איך האָב אַנדערש נישט געקענט... ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די געפאַנגענע אין מיינע פרעמדע ציווילקליידער, אַטאָ די אויסטערלישע, וואָס די אומבאַקאַנטע זקנה האָט מיר געשאָנקען, בין איך געוועזן אויסגעפּילט מיט פּחד. כ'האָב געמיינט, אַז אַט עפּנט דער דייטשער וועכטער אַ פייער אויף מיר... ווויהין האָב איך געקאָנט מיטנעמען מיין מאַמע און מיין ברודער, אַז כ'בין געלאָפן איבער הפקרדיקע מלחמה־וועגן? נאָר זיך האָב איך געקאָנט אויסשטעלן אויף געפאַרן... נאָר זיך אַליין...

— פאַרטיידיק זיך נישט. דו באַשולדיקסט זיך דאָך אַליין, צו וואָס דאָס פאַרטיידיקן זיך? איך ווייס, אַז דאָס איז נאָר אַ לפנימדיק פאַרטיידיקן זיך. דו ביסט נישט פּעאיק דערצו. דו האָסט קיין מאָל נישט פאַרטיידיקט נישט דיין לעבן און נישט די לעבנס פון די, וואָס זענען דיר נאָענט געוועזן.

— עס איז אַ ליגן.

— אַ ליגן זאָגסטו? נוץ נישט קיין שאַרפע ווערטער, דערמאָן זיך יענע מינוטן ווען דיין האַלדז איז געווען איינגעקלעמט אין די צוויי הענט פון

יענעם שרעקלעכן מענטשן, ערגעץ אין אַ בלינד ווינקל פון אַ הינטער־מאַסקווער וואָקזאַל.

— שוויג — האָב איך געשעפּטשעט און ווידער דערפילט יענע קנאָכיקע פינגער, דעם ריח פון וואַרצלען און דעם וואָלפישן אָטעם. כ׳האָב דערזען די רויט־געאָדערטע ווייסלען פון שמאָלע זומפּיקע אויגן.

— עס איז געווען אין יאָר 1943. ווינטער. דו ביסט אַראָפּגעשפּרונגען פון מיליטערישן עשאַלאָן און אין דיינע הענט האָט געקלימפּערט דאָס בלע־כענע קעסעלע. ביסט געלאָפן אָנגעמען קיפּיאַטאָק. אַן אַלטער מאַן, אַ באַן־אַרבעטער האָט מיט אַ האַמער אויסגעפּרוווט די רעדער. — ווו איז דער קיפּיאַטאָק? האָסטו אים געפרעגט, ער האָט דיר נישט געענטפערט, נאָר געגעבן אַ צייכן דו זאָלסט צוריקגיין אין דיין וואַגאָן. דו ביסט אָבער געלאָפן פאָרויס. עמעצער איז דיר נאָכגעלאָפן און געזאָגט: גיי רעכטס, ביסט געלאָפן רעכטס, דערנאָך איז אויסגעוואַקסן אַ צווייטער מענטש און געזאָגט: הינטער יענעם צוים זענען דאָ די קראַנען פון הייסן וואַסער. דו ביסט געווען הונגעריק און דאָרשטיק, האָסט געטראָגן אַ שינעל און אַז דו ביסט צוגעקומען צום הילצערנעם צוים, האָט דיך אַ מענטש אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און איינגע־קלאַמערט דיין האַלדז אין זיינע הענט. האָסט נישט געקענט אָטעמען. עמעצער האָט אויפגעהויבן איבער דיר אַ מעסער. דאָס איז דער סוף — האָסטו ווי באַשלאָסן — האָסט נישט געשריגן, האָסט זיך נישט געווערט. דאָס קעסעלע איז געפאַלן אויפן שניי, דו האָסט אַראָפּגעלאָזן די הענט. יאָ, שרייען האָסטו שוין נישט געקאָנט, דיינע גלידער זענען מיט איין מאָל געליימט געוואָרן, בלויז דיינע אויגן האָבן דערוואַכט. זיי זענען געוואָרן גרויס און אויפגעלויכטן אַזוי ווי ליכט וואָס גיבן אַ לעצטן פלאַם־אויף מיטן לויטערסטן פייער ערב־פאַרגיין. וואָס האָבן אויסגעדריקט דיינע אויגן? הכנעה, געבעט, געפאַלנקייט, גלייכגילט, כעס, פרייד, דאַנקבאַרקייט, האָפענונג. די גרויסע שווייס טראָפּנס אויף דיין פּנים האָבן אויך זיך צעלויכטן ווי רובינען. — און מיט אַ מאָל איז געשען דאָס אומגלייבלעכע, די פאַרקראַמפּטע וואַרצלען אויף דיין האַלדז זענען לויז געוואָרן. דו האָסט געאָטעמט פראָסט און דעם ריח פון טויט. דער מענטש האָט דיך אָפּגעשטויסן פון זיך. — „האָסט מזל", האָט ער צו דיר געזאָגט הייזעריק. דער אַנדערער האָט אַריינגעלייגט דאָס מעסער אין בוזעם־קעשענע און דו האָסט זיך פּאַמעלעך איינגעבייגן, אויפגעהויבן דאָס קעסעלע און געזאָגט צו די צוויי מענטשן — — —

איך האָב זיך אַ לאָז־געטאָן אויף דעם שטילן מענטש וואָס פאַרפאָלגט מיך אויף דער שיף.

— איך וויל נישט וויסן וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט, איך וויל נישט... איך וויל אַלץ פאַרגעסן. פאַר וואָס פּלאָנטערט איר זיך אַרום אין מיין נעכטן? גייט אַרויס פון דאַנען. לאָזט מיך אַליין!...

מיינע הענט האָבן געזוכט אין דער פינצטערניש און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט אָנרירן דעם „שטילן מענטש" אין מיין קאַבינע. איז ער שוין אַוועק? אפשר זאָל איך אָנצידן דאָס ליכט? ווו איז דער עלעקטרע־קנאָפּ? כ'האָב געטאַפּט אין דער פינצטערניש און כ'האָב בשום אופן נישט געקאָנט געפינען דאָס אָרט ווו עס דאַרף זיין דער עלעקטרע־אָנצינדער.

ווידער האָב איך דערהערט זיין קול:

— דו האָסט געזאָגט צו די צוויי מענטשן, אַ דאַנק... אַ דאַנק...

טרערן שטייען מיר אין די אויגן און אין האַלדז איז מיר ענג געוואָרן.

— יאָ... עס איז אמת, איך האָב געזאָגט: אַ דאַנק.

ער איז פאַרטרוילעך צוגעקומען צו מיר און זיינע רייד זענען זיך צונויפגעפאַלן מיטן רעגולערן פּאַטשן פון די כוואַליעס אין דעם פענצטערל.

— ווען דו ביסט אַריין אין וואַגאָן איז דיר נאָכגעגאַנגען דער זקן, דער באַנוועכטער, ער האָט אויסגעווישט די צעשפּאָלטענע ברילן־גלעזער, איבערגעצלמט זיך, און שטיל געזאָגט: לויב גאָט, יונגער זעלנער, דו ביסט גערעטעוועט געוואָרן דורך אַ נס. צי ווייסטו אַז דו ביסט געווען אין די הענט פון די באַנדיטן. יעדן טאָג דערמאָרדעט מען דאָ אויף דעם שטילן וואָקזאַל עטלעכע זעלנער פון די פאַרבייפאָרנדיקע עשאַלאָנען און מען באַרויבט זיי, פאַר אַ שינעל און פאַר סאָלדאַטישע שיך קריגן זיי ברויט. נאַטשאַלסטוואָ איז אַ שטילער שותף. לויב גאָט.

— דו האָסט דעם זקן גלייכגילטיק אויסגעהערט און דערביי אַרויסגע־וויקלט פון אַ קליין זעקעלע האַרטן ברויט און אים געקייט. דיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: אַ דאַנק...

— רייד, איך וועל זיך נישט ווערן, דו ביסט באַפאַלן אַ מידן מענטשן, אַן אויפגערודערטן פון איבערלעבענישן. דו האָסט געזען מיך טרינקען וויין און דו נוצט אויס די געלעגנהייט. דאָס פאַרשאַפט דיר, שכן מיינער, שטילער מענטש, אַ הנאה.

— ניין, דאָס איז נישט קיין הנאה. איך בין דיין נאָענטסטער מענטש. עס טוט מיר וויי, דערפאַר רייד איך צו דיר. איך ווייס אַז דו ליידסט. איך האָב

דיך נישט איין מאָל געזען הכנעהדיק בייגן דעם קאָפּ פאַר באַשטיוולטע פאַרשוינען. האָסטו געשעפּטשעט מיט ציטערנדיקע ליפּן לויברייד. און אַז דו ביסט געקומען אין דער פרייער וועלט אַריין, האָסטו דעם פחד און די הכנעה מער שוין נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך, עס איז געוואָרן אַ טייל פון דיין לעבן. ציטערסט־אויף ווען מען רופט אָן דיין נאָמען, יעדער קלאַפּ אין דיין טיר רייסט אויף דיינע אָדערן. יעדער בריוו וואָס דו באַקומסט מאַכט דיך נערוועז און דו רייסט אים אויף מיט ציטערנדיקע פייכטע פינגער. דו גאַרסט צו זען מענטשן און אַז דו קומסט צו זיי — זיצסטו אַ פאַרשלאָסענער. דו האָסט ליב פריינד און דאָך ביסטו צו זיי פול מיט אומצוטרוי, ווייל דו געטרויסט אויך זיך אַליין נישט. דו קענסט נישט געפינען דיין אָרט אונטער אונדזערע ליכטיקע הימלען. דו ביסט תמיד אין דערוואַרטונג אַז עפּעס בייזס און שלעכטס וועט געשען. יאָ, דו שרעקסט זיך נאָך אַלץ פאַר יענעם פנימלאָזן אומבאַקאַנטן פאַרשוין וואָס וועט ווידער אין איינעם פון די טעג איינקלאַמערן זיינע שטייפע פינגער אַרום דיין האַלדז און אין יעדן פרעמדן בוזעם געפינט זיך דאָס בלאַנקנדיקע מעסער. אין די נעכט אָטעמסטו אַיין יענעם פראָסטיקן טויטהויך, כאַפּסט זיך אויף אין אַנגסטן און געדענקסט נישט און פאַרשטייסט נישט פון וואַנען קומט דער נאַכטקאָשמאַר.

דו קענסט נאָך אַלץ נישט אַוועקגיין פון יענער שוועל פון דיין היים, און עס לויפט דיר נאָך דיין מאַמעס רוף „לאָז מיך נישט איבער" און דיין ברודערס געבעט. דו טראָגסט נאָך אַלץ יענע אָפּגעטראָגענע געשאָנקענע קליידער, וואָס אַן אַלטיטשקע פרוי האָט דיר געגעבן ווען דו ביסט געווען אין דייטשישע הענט. דו לויפסט נאָך איצט מיט דעם איינגעבויגענעם רוקן, מיט די צונויפגעצויגענע אַקסל, אַזוי ווי ביסט געלאָפן אין יענעם קאַפּיטור־לירנדיקן וואַרשע. אויך איצט האָסטו זיך אויסגעקערוועט מיטן רוקן און דו גייסט ערגעץ אַוועק. נאָר איך האָב געוווסט, אַז עס וועט געשען. דו ביסט תמיד אַן אַוועקגייער, ביסט אָבער נישט קיין אָנקומער. זיי רואיק, איך וועל דיך נישט איבערלאָזן. איך וועל דיך באַגלייטן ווייל איך ווייס, אַז דו וועסט צוריקקומען. דו מוזסט צוריקקומען — — —

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גוט ליכטיק. איך בין אַרויס אויפן דעק. אַ בלאָ־זילבערנע ים־ווייט. איך בין איינער אַליין אויפן דעק. זעט אויס, אַז עס איז נאָך פרי. אַ מאַטראָס איז פאַרבייגעגאַנגען, זיין פנים איז פריש, ברוין, קופּערדיק. איך אָטעם אַיין טיף די ים־לופט.

— מיר שווימען שוין?
— מיר דערוווייטערן זיך פון האַפן?
— מיר זענען שוין אין אָפענעם ים?

האָט דען מיך עמעצער נעכטן געפרעגט? איז עס געווען אַ מיראַזש? ניין, נישט קיין מיראַזש. דאָס האָב איך אַליין גערעדט צו זיך.

רעאַל איז נאָר דער „באַרמאַן" און דער גוטער קילער געמיש פון עטלעכע וויינען. רעאַל איז די „רויטע מערי" און אמתדיק איז דאָס יונגע מיידל מיט די קאַשטאַן־האָר און די מוזיק וואָס די הילכערס ווען באַלד צעטראָגן איבער דער וויגנדיקער שיף.

— קומט צו מיין טישל! — האָב איך זי ווידער גערופן. — עס זענען גרייט צוויי פולע כוסות. איר פאָרט קיין פּאַריז?... טשאַ־טשאַ־טשאַ... איר וועט דאָרטן טרעפן אייער... טשאַ־טשאַ־טשאַ... וואָס האָט איר באַשלאָסן אין דער נאַכט? כאַ־כאַ־כאַ...

איך האָב מיט שרעק זיך דערמאָנט אַז מיין געלעכטער איז ווי אַן איבערחזרונג פון יענעם נאַכט־געלעכטער, וואָס איך האָב איין מאָל נאָר דערהערט פון מיין „שטילן מענטש" — דעם שכן.

— בלייבט מיט מיר ביים טישל — האָב איך צו איר געזאָגט — איר וועט מיך אויסלייזן פון מיינעם אַ לאַנגווייליקן שכן. ער לאָזט מיך נישט רוען. זעט ווי ליכטיק עס איז היינט דער ים, אַזוי ווי געשליפענער בורשטין.

די אייז־קריע

די אייז־קריע

איך בין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון דער רוסישער כאַטע און געזאָגט:

— מיך האָט געשיקט אַקים פּראָסטאָווילין.

אַ פויערטע מיט אַ ברייט מאָנגאָליש פּנים און נאָכהענגענדיקע קינבאַקן האָט געקוקט אויף מיר מיט נייגער. איר טונקעלער סאַראַפאַן מיט די ליכטיקע קרוזשעוועס, דער ריח פון קין, דער שיפער אָפּשיין פון פייער אין אויוון, די ברוינע סאַסנע־קלעצער פון די ווענט און דאָס קליינע קאַנעצל אין ווינקל ביי די פאַרטונקלטע פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס — דאָס אַלץ איז מיר שוין געווען באַקאַנט. די פויערטע האָט טרויעריק געשאָקלט דעם קאָפּ ווי זי וואָלט מיך באַדויערט.

איך האָב אינסטינקטיוו באַטראַכט מיינע הענט, געקוקט אויף מיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, אויף די שטיוול פול מיט שניי און ליימערד.

— אַקים פּראָסטאָווילין... פון דאָרפס־סאָוועט... — האָב איך נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט. — איך האָב געבראַכט פון טענגושיי מיין פרוי... זי וועט די נאַכט געבוירן... זי איז אין דאָרף־שפּיטאָל... קען איך דאָ נעכטיקן? אַקים האָט מיך געשיקט צו אייך...

זי האָט מיר שווייגנדיק אָנגעוויזן די הילצערנע באַנק און איז אַרויס. איך האָב איר נאָכגעקוקט. איר וויגנדיקער גאַנג, דער אויפגעהויבענער ראַנד פון סאַראַפאַן ביי די לידקעס, די שיין־געפלאָכטענע לאַפּטשעס — דאָס אַלץ האָט איר געמאַכט ווי יונגער. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט אַ בינט היי און עס געשפּרייט אויף דער באַנק. איך האָב דערזען אירע געקנייטשטע שלייפן, אומרואיקע, ציטערנדיקע.

איז דאָס געווען מחמת דער אוונט איז צוגעפאַלן מיט איין מאָל, אָדער די מידקייט פון מיינע אויגן וועלכע האָבן געזען אַ גאַנצן טאָג נאָר שניי און שניי און דעם רוקן פון מיין פערד? זאָל דאָס זיין די סיבה פאַרוואָס מיר האָט

זיך געדוכט אַז די פּויערטע שפּרייט נישט דעם שמעקעדיקן היי נאָר טונקעלע שאָטנס און איך וועל באַלד אַוועקלייגן מיין מידן גוף אין די שאָטנס אַריין?

— יעוודאָכאַ סטעפּאַנאָוונאַ, איך דאַנק איך... נאָר די ביינער אויסרוען... מיין פּערד איז געזונקען אין שנייען ביזן בויך... כ׳בין אַרויסגעפּאָרן פּאַר טאָג און ערשט אָנגעקומען... אין גאַנצן צען וויאָרסט... אַזאַ זאַוויערוכע...

איך האָב געוואָרט אַז יעוודאָכא זאָל עפּעס זאָגן, זאָל כאָטש אַ ברום־טאָן ווי אַ צייכן פון היימישקייט. זי האָט געשוויגן.

— ווער ווייסט וואָס פון אַזאַ נסיעה קען אַרויסקומען?

מיינע ווערטער זענען געבליבן אָן אַן ענטפער. איך האָב געהערט אירע טריט אין טשולאַן, כ׳האָב געזען ווי דאָס פייער אין אויוון לעשט זיך. זי איז אַ שווייגנדיקע צוגעגאַנגען צום איקאָנע־ווינקל און זיך איבערגעצלמט און איך האָב דערהערט צום ערשטן מאָל, איר קול. דאָס זענען געווען הייזעריקע, צעריסענע רייד. זיי זענען איבערגעגאַנגען אין אַ שעפּטשעריי. דערנאָך איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון. איך האָב דאָס דערקענט לויט דעם שאָטן וואָס איז געפאַלן אויף די קליינע בלויע שייבלעך.

ערגעץ וויט ווײנט אַ שעפּסיכע. מיר דאַכט זיך אַז איך הער דאָס געהויל פון א וואָלף. אין מיר בושעוועט נאָך אַרום דער שניישטורעם. איך פיל אים אין מיין אָטעם און עס קומט מיר אויס אַז איך בין אַ קנויל פון שניי און ליים וואָס וועט באַלד צעטייען. די שטעכיקע שניי־פּעדעם, וואָס האָבן געשטאָכן מיינע אויגן, קניפּן זיך איצט צוזאַמען און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּראָסטיקן געוועב. איך לויף אַנטקעגן דעם שפּינגעוועב מיט איינגעצויגענע אַקסל, אַביסל זייטיק און וויל דורכרייסן זיך דורך דעם שפּינגעוועב און קען נישט.

איך האָב פאַרשלאָסן די אויגן און אַריבערגעצויגן דעם מאַנטל מיינעם אויף מיין פּנים.

איך הער אַ קרעכצן וואָס קומט פון אונטער אַן אייז־קריע.

ווער טרינקט זיך? וועל איך קענען אויפרייסן דעם אייזפּאַנצער מיט די נאַקעטע הענט? איך רוף עמעצן. חלום איך אָדער איך בין וואַך און הער דאָס קרעכצעריי? איך בין אָנמעכטיק. כ׳קען נישט אויפשליסן מיינע אויגן. זיי טוען מיר ווי פון דער שניי־ווייסקייט. אָ, זיי זענען דאָך אָפן. איך וויל אויפהייבן מיינע הענט וואָס זינקען אין שניי. דעם פּערדס רוקן איז באַדעקט מיט אַ זילבערנעם פראָסט.

ווער רעדט אין דער כאָטע?

איך הער אַ שמועס פון צוויי מענטשן. עס רעדט אַ הייזעריקער און יעדעס מאָל מישט זיך אַריין אין געשפּרעך אַ פּרויען־שטים.

איך שטרענג־אָן מיין געהער. דאָס געשפּרעך איז רעאַל, עס איז נישט קיין חלום. איצט קען איך שוין באַוועגן מיט די הענט. מיינע אויגן זענען אָפן.

מיט אַ מאָל אַ קלאַפּעריי אין דער טיר.

— עפנט! עפנט!

איך וויל זיך אויפזעצן און קען נישט. זאָל איך אָנצינדן ליכט? איך זוך אין דער שטאָק־פינצטערניש די טאַש פון מיין מאַנטל און קען איר נישט געפונען. איך דערמאָן זיך אַז די טאַשן זענען פאַרנייט ווייל זיי זענען געווען צעריסן און דער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן אין זיי.

— עפנט! איך וועל אויפברעכן די טיר!

אַ פאַרטייעטע שטילקייט. עמעצער באַוועגט זיך אויפן אויוון. ווידער שאָטנס אין פענצטערל.

פּלוצעם דערהער איך יעוודאָכעס פאַרשטיקט שעפּטשען איבער מיין געלעגער: — אַ גאָט, זיי זענען געקומען. אָ, האָספּאָדי...

דאָס שעפּטשעריי האָט געדויערט נאָר איין אויגנבליק ווייל דאָס קלאַפּעריי אין דער טיר האָט זיך באַנייט. כ'האָב געהערט ווי פויסטן שלאָגן אין דער טיר.

אַ שנייווינט האָט זיך אַריינגעריסן. די טיר איז אויפגעבראָכן געוואָרן. בייזע צישערייען און פאַרשטיקטע קולות צוזאַמען מיט דער נאַכטיקער וויוגע האָבן זיך אויסגעמישט.

דאָס בלאָלעכע ליכט פון די שייבלעך איז אויסגעגאַנגען און איך בין געזונקען אין אַ תהום.

— גוטע מענטשן, הרגעט נישט... האָספּאָדי... זע, ער האָט אויפגעהויבן די האַק... האָספּאָדי...

דאָס זענען געווען יעוודאָכאַס רייד. עס איז מיר מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן אַז די פרעמדע זענען געקומען אויספירן אַ מאָרד. וויפל זענען זיי? באַשטיוולטע פאַרשוינען טרעטן הילכיק אין דער כאַטע. איך הער ווי זיי שליידערן־אום דעם טיש. פאַרדעמפטע רייד ווי די טעמפּע ציין פון אַ זעג וואָס שניידן זיך איין אין אַ דעמב.

— ראַטע־ע־ע־ווּעט!

אַ פֿאַרשטיקט ווייט רופֿן. ניין, עס איז נישט ווייט. עס איז פֿון אַ מענטשן וואָס ווערט געוואָרגן.

איך הער ווי דער ווינט וויגט די טיר. אַ רגע און עס וועט זיין נאָך אַלעמען. דאָס איז די רגע פֿון דער אויפֿגעהויבענער האַק. באַלד וועט זי זיך אַראָפּלאָזן. איך קען מער נישט אָטעמען. מיינע הענט זענען געליימט. מיר דאַכט זיך אַז איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. ניין, דאָס איז די סקריפּעריי פֿון דער טיר. דאָס איז דער שניי־שטורעם. דאָס איז דער שעפּס וואָס ווערט פֿאַרציקט פֿון וואָלף...

— אַ־אַ־אַ־

איך האָב זיך דורכגעריסן דורך דעם פּראָסטיקן געוועב פֿון דיינע אייז־פֿעדעם און דערפֿילט מיינע הענט. איך וויל לויפֿן אין דער פֿינצטערניש אַריין. איך וויל מיט די פֿויסטן צעשלאָגן די פֿאַרפֿרוירענע שייבלעך און אויפֿוועקן די דרימלענדיקע כאַטעס.

ניין, ניין. עס איז שוין סיי־ווי אַלץ געענדיקט. עס איז שוין שפּעט. קנויל זיך איין. שווייג. גראָב איין דיין מידן קאָפּ אין פֿרישן היי. הער־אויף צו אָטעמען. דאָס וואָס איז געשען אין דער כאַטע איז אַ טייל פֿון שטורעם. ווערסט סיי־ווי נישט האָבן איבער אים קיין שום שליטה. פֿאַרדעק דיין מידן גוף מיטן מאַנטל און טו תּפֿילה. בעט נישט ביים אַלמעכטיקן נאָר דאַנק אים און לויב אים וואָס ער שענקט דיר נישטיקע רגעס לעבן, וואָס די האַק איז נאָך נישט אַראָפּגעפֿאַלן אויף דיר. דו ביסט נישטיק. דו ביסט ווי אַן אייז־קריע וואָס טראָגט זיך איבער פֿינצטערע וואַסערן. פֿאַר דיינע אויגן ווערן קריעס צעריסן אַן אייז־ברעגן, זיי שלאָגן זיך־אָן אין אימפּעטיקן געלויף און צעשפּליטערן זיך אַזוי ווי קרישטאָל־וואָזעס געשליידערטע אויף מירמלנע טרעפּ. דו ביסט אַן אייז־קריע. נישט מער ווי אַן אייז־קריע. לויב גאָט וואָס דו שווימסט רואיק. כוואַליעס טראָגן דיך, צעברויזטע שטראָמען און הערסט דעם געקראַך פֿון אייז. דו ביסט אָנמאַכטיק. דו ביסט אַליין אַ שפּליטער. צי אין דיינע אַקסל, האַלט־איין דעם אָטעם ווייל אַן אייז־קריע ביסטו...

עפּעס שווערס איז געפֿאַלן אויף דעם דיל און זיך געקייקלט. אַ פֿאַרשטיקט אָטעמען. די הייזעריקע רייד דערוויטערן זיך.

עס איז שוין אַוודאי נאָך אַלעמען. יעוודאָכאַ סטעפּאַנאָוונאַ איר דערמאָר־דעט געוואָרן.

די טיר וויגט זיך און דאָס זשאַווערדיקע סקריפּעריי דערמאָנט מיך אין

מיין נאָנטן דאָרף ווו איך האָב מיין קליין שטיבל, איך דערמאָן זיך אין צעריסענעם געשפּאַן פון מיין פערד וואָס איז געזונקען אין שניי. וואָס טו איך אין דער דאָזיקער כאַטע? פאַרוואָס האָב איך אַ גאַנצן טאָג געראַנגלט זיך מיט דער שניי־זאַווייע?

אָ, מיין ניי־געבוירן קינד.

איך ציטער־אויף. גאָט! עס איז זיכער געקומען אויף דער וועלט אין דער זעלביקער רגע ווען די האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פויערטע.

דאָס טויט־געשריי פון יעוודאָכאַן און דאָס געשריי פון ניי־געבוירנס, אין דער נאַכט פון שניישטורעם, האָט זיך אויסגעמישט...

איך האָב זיך אויפגעזעצט און אַראָפּגעלאָזט מיינע פיס אויף דער קאַלטער, פּראָסטיקער פּאָדלאָגע. דער ווינט איז שאַרף ווי אַ קינזשאַל.

ווידער דאָס וואָלפישע געהויל. די שעפּס איז שוין פאַרצוקט.

איך וועל אַרויסלויפן פון דער כאַטע און אָנטרעפן צווי ברענענדיקע וועלפישע אויגן. עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין אָנטרינונג. איך וועל דאָ בלייבן. ניין, דו טאָרסט דאָ נישט בלייבן! אַנטלויף! אַנטלויף! מען וועט דיך באַשולדיקן אין אויספירן דעם מאָרד! לויף צום קליינעם דאָרף־שפּיטאָל און דערוויס זיך אויב דאָס איז אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל? לויף איידער עס ווערט ליכטיק. מען וועט דיך בינדן. פויערים וועלן דיך שלעפּן איבער שנייאיקע פעלדער אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין, צום אויספאָרשער...

מיין געהער איז אָנגעשטרענגט. אפשר וועט דערגיין צו מיינע אויערן אַן אָטעמען? ניין. עס איז שטיל. איך הייב־אָן צו זען אַ טונקעלן קנויל אין מיטן שטוב. איך זוך מיינע קליידער. אפשר האָב איך שוועבעלעך? מיר דאַכט זיך אַז אין אויוון זענען נאָך געבליבן פונקען. איך דערקען דאָס קוים־אָנזעעוודיקע צאַנקעריי אויף די איקאָנע־שייבלעך. עס איז אָבער אַזוי נישטיק ווי דאָס ליכט פון אַ גליווערעמל.

— איך? איך?... ווי אַזוי קענט איר דאָס זאָגן? ווי אַזוי?...

כ׳רעד צו עמעצן מיט אַ בעטנדיק קול. — איך? אָ, גאָט, זאָגט דאָס נישט...

דאָס זענען מיינע פאַרטיידיקונגס־ווערטער וועלכע איך גרייט זיי צו אָדער איך רייד טאַקע צו אַ שטרענגן מענטש.

און אפשר בין איך דער שולדיקער? שולדיק ווייל איך בין נישט מער ווי אַן אייז־קריע.

די שייבלעך בלאָען שוין. דער ערשטער אויפשפּראָץ פון פיאָלעט אויף פּראָסטיקע, פּוכיק־אָנגעהויכטע גלעזער.

איך האָב זיך אַ ריס־געטאָן פון דער שלאָף־באַנק, אַריבערגעשפּרונגען דעם שוואַרצן פלעק אויפן דיל און מיט איין אָטעם געבליבן־שטיין אין מיט פון דער דאָרפישער גאַס.

עס זענען געבליבן נאָך מיר טונקעלע שפּורן אין שניי. זיי האָבן געפירט פון דער אָרעמער כאַטע. דאָס זענען געווען די איינציקע טריט און דאָס האָט מיך געשראָקן.

— די איינציקע טריט — האָב איך געשפּטשעט. — די טריט פון די אומבאַקאַנטע מיט דער האַק, זענען פאַרשנייט. נאָר מיינע פּיס־אָפּדרוקן זענען בולט. זענען דאָס נישט קיין בלוט־שפּורן?

— זאָל איך שרייען? ניין. אפשר לויפן צום ניי־געבוירענעם?

וואָס זאָל איך טאָן? איך מוז לויפן. איך בין נישט מער ווי אַ שטיק אייז, א שנייבאַל וואָס ווערט געטראָגן פון שטראָמען.

לויף!

ווער באַפעלט דאָס מיר? איז דאָס דער פּחד וואָס פּאַכעט איבער מיר מיט אַן אָקסענער בייטש?

פון די קוימענס שרויפן זיך אין די הימלען אַריין דינע רויכלעך. איך לויף איבער דער דאָרפס־גאַס. מיינע שפּורן יאָגן מיך נאָך און איך קען זיך פון זיי נישט אָפּרייסן. איך בין אַליין אין דעם טונקעלן ערב־טאָג אין דעם דאָרף.

אַ געל־קראַנק ליכט פון אַ פענצטער. איך קלאַפּ אין אַ לאָדן. קיינער ענטפערט מיר נישט. אָט זענען די טרעפּלעך פון אַ גאַנעק. איך שטעל אַיילִיקע טריט. כ'רייס־אויף אַ טיר און בלייב שטיין אין דער מיט פון אַ באַלויכטענער כאַטע. אַ נאַפטלאָמפּ וואַרפט אַ קיילעכדיקן ראָד אויף דעם סופיט. ביים טיש זיצן פויערים. איך דערקען אָקים פּראָסטאָווילינען — דעם ברייטאָקסלדיקן באָרדיקן דאָרפס־עלטסטן. לעבן אים זיצן נאָך פויערים. איך שטיי אין דער מיט פון דער כאַטע און וויל שרייען. אָנשטאָט אַ געשריי קומען אַרויס פאַרשטיקטע רייד.

— יעוודאָכאַ... דאָרט ווו איר האָט מיך געשיקט נעכטיקן... יעוודאָכאַ סטעפּאַנאָוונאַ... זי איז אין דער נאַכט דערמאָרדעט געוואָרן...

אַקים האָט זיך איבערגעקוקט מיט די מענטשן ביים טיש און געזאָגט מיט אַ מיד און פאַרשלאָפן קול.

— שרעק זיך נישט, פרעמדער... זע דיין הולך... ביסט דאָך אָן אַ הוט, פול מיט היי...

— איך האָב געהערט אַ בייז געשריי... סטעפּאַנאָוואַ האָט זיך געראַנגלט... זיי זענען געווען דאַכט זיך צוויי אָדער דריי...

דער דאָרפס־עלטסטער איז אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

— קום צום טיש. זעץ דיך. וועסט טרינקען אַ טעפּל טיי פון סאַמאָוואָר.

מיינע הענט ציטערן. איך קען נישט אָננעמען דאָס טעפּל.

— איך בין אומשולדיק!

אַקים האָט רואיק געזופּט די טיי און צווישן איין שלונג און דעם אַנדערן גערעדט:

— כ'האָב דיר נעכטן פאַרגעסן צו זאָגן אַז די יעוודאָכאַ האָט אַזעלכע נאַכט־אָנפאַלן... דאָס איז פון אירע קינדער־יאָרן. זי האָט איבערגעלעבט אַן איבערפאַל פון טאָטערן ווו עס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן איר משפּחה. פון דעמאָלס־אָן באַפאַלן איר אין די נעכט אַזעלכע קאָשמאַרן. זי חזרט איבער דעם אָנפאַל מיט אַלע פּרטים נאַכט־נאָך־נאַכט... זיי נישט בייז. איך האָב דיר דאָס פאַרגעסן צו זאָגן. זי האָט געהאַט דריי מענער און אַלע דריי זענען פון איר אַנטלאָפן. זיי קענען נישט אויסהאַלטן אירע נאַכט־משוגעתן. ביי טאָג איז זי נאָרמאַל...

איך בין געגאַנגען איבער דער גאַס און געזען ווי דער שניי פאַרשיט מיינע שפּורן וואָס פירן צו יעוודאָכאַס כאַטע. מיין שרעק איז צערונען געוואָרן צוזאַמען מיט דער פינצטערניש, נאָר עפּעס פון דער אייז־קריע איז שוין געבליבן אין מיר.

דער מוזשיק קוזמאַ

דער שטורעם איז אויסגעבראָכן אין שניט־צייט. צוערשט זענען געקומען די רעגנס; שיפּע, שטראָמיקע, ווי פון די הימלען וואָלט געשפּאַרט אַ וואַסער־פאַל, דערנאָך האָט אַ קלאַפּ־געטאָן אַ האָגל; שטיקער אײז און קנוילן שניי ווי די טויבן־אייער די גרייס. אין דער דריטער נאַכט איז געקומען דער ווינט.

— ער וועט צעטרייבן די כמאַרעס. ס'איז צום גוטן.

— צום גוטן, זאָגסטו? ער וועט איינלייגן די תבואה־פעלדער.

— ער וועט אַרויסשלאָגן די קערנער פון די זאַנגען.

— מ'וועט דערנאָך דאַרפן אַרומגיין מיט טאַרבעס אויף די פעלדער און צונויפקלייבן די קערנער...

— דער שניט איז סיי־ווי אַ פאַרשפּעטיקטער. אַז ס'זענען גאָר קיין מוזשיקעס נישטאָ אין דאָרף.

— עך, די מלחמה... דאָרט הרגעט מען אויס דעם יונגן נאַראָד און דו, גאָספּאָדי, ווילסט אונדז מיט הונגער זאַמאָרען...

— זינדיק נישט, סטאַרוכע...

אַ ווערבע־בוים איז אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. ביי מיקיש־קינען איז דער טויער איינגעפאַלן. ביי סטאַפּיכען האָט זיך געזעצט דער שייער אפשר אויף אַן אַרשין, וואָרעם דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. די בהמה רעוועט שוין זייט עטלעכע שעה. ער האָט איר אַריינגעפירט אין דער כאַטע. דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן די שינדל־דעכער, צעטראָגן די שטרוי פון די סטאָגעס. דער היי־שניט וועט פאַרלאָרן גיין.

— אַ גאַנצן זומער זענען קיין אמתע אַרבעטער נישט געווען. קענען דען ווייבער ריכטיק לייגן סטאָגעס? פאַרשטייען זיי זיך אויף דער מוזשיצקער אַרבעט?

זיי זענען געשטאַנען ביי די פאַרלאָשענע איקאָנע־לעמפּלעך, געקוקט

אויף די שייבלעך פון די פענצטער, די גרויע, וואָס זענען יעדער רגע פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ זילבער־ליכט פון דעם רעגן־שטראָם.

פאר טאָג האָט געקלאַפּט אין די טירן דער קאָלכאָזנער בריגאַדיר:

— צום קאָלכאָזנעם הויף!

דער שטורעם איז שוין געווען איינגעשטילט. מען האָט געדאַרפט פאַרריכטן די שאָדנס. ווער וועט דען דאָס טאָן? די זקנים אָדער דאָס יונג־וואַרג, די פּופּצן־זעכצן יאָריקע?

אין דער שטורעם־נאַכט איז איינגעפאַלן קוזמאַס הויז. פאַרטאָג זענען אַריין עטלעכע זקנים און אַראָפּגענומען דעם געליימטן קוזמאַ פון אויוון. די באַלקן־בעלקעס זענען געווען אונטערגעבראָכן, די ווענט צעשאָטן און דער קוימען איז געלעגן אין מיטן פון דער חורבה.

זיי האָבן אים אַרויסגעטראָגן אין הויף אַריין, אויסגעבעט די נאַסע ערד מיט שטרוי און אַוועקגעלייגט. היינט וועט נישט רעגענען — האָט עמעצער געזאָגט.

קוזמאַ איז געבליבן אַליין. זיין צעדרייט ווייב האָט מען שוין אפילו נישט געצווונגען צו גיין אַרבעטן אין קאָלכאָז. זי איז נישט צו לייט און נישט צו גאָט. אַ גאַנצן טאָג מורמלט זי עפּעס אויף מאָרדוויניש און נישטערט מיט די קאָטשערעס אין פּוסטן אויוון.

— פאַרשאָלטענע, וווהין האָבן דיך די שדים פאַרשלעפּט?

נאָך די געשרייען און קללות פלעגט זי זיך אַוועקשטעלן צו פוסנס פון געליימטן מאַן מיט דער קאָטשערע אין די הענט.

אַרום מיטאָג־צייט האָט זי צעלייגט אַ פייער און אָפּגעקאָכט עפּעס וואַרעמס פאַר איר קאַליקע.

ער האָט געגעסן די געדיכטע קאַשע, פאַרטרונקען מיט אַ שעפער קאַלטע וואַסער און באַטראַכט זיין איינגעפאַלענע כאַטע.

זייט פופצן יאָר איז ער געליימט. מיט די הענט באַוועגט ער. ער קען שניצן לעפל פון האָלץ, פלעכטן לאַפּטשעס פון ליפּע־רינדל, נאָר שטעלן אַ טריט איז אים אוממעגלעך. זיי זענען ווי איינגעטריקנט געוואָרן, די פיס. דער קאָפּ איז אים געוואָרן גרויס ווי אַן אַרבוז און הויל, וואָרעם די האָר זענען אים אויסגעקראָכן פון קאָפּ און די הויט האָט באַקומען אַ טאַבאַק־קאָליר. אפילו זיין לשון איז ווי פון אַ הוילעניש אַרויס.

עס האָבן זיך ווידער געשטעלט זוניקע טעג. קינד און קייט איז איצט

אויפֿן היישניט. ווער וועט דען געדענקען דעם געליימטן קוזמאַ? וואָס וועט געשען ווען עס וועלן ווידער קומען די רעגנס?

אין איינע פֿון די פֿאַרנאַכטן איז דאָס דאָרף צונויפֿגעלאָפֿן זען דעם וווּנדער: דער געליימטער קוזמאַ באַוועגט זיך אַליין. ער קריכט אויף די הענט. שטעלט זיך־אויף, האַלט זיך אָן ביי די צעשאָטענע געהילצער און אין זיינע אויגן גליט אַ פֿייערל. ער שטייט, גאָט איינציקער! ער שטייט! קרומע, אויסגעטרוקנטע פֿיס ווי די בעטלער־שטעקנס. באַלד וועט ער פֿאַלן מיט זיין קורצן און שווערן גוף, באַלד וועט זיך זיין מעכטיקער גרויסער גאָלער קאָפּ אָנשלאָגן אָן געהילץ און וועט צעשפּליטערט ווערן ווי גלאָז.

עס איז געשען דאָס וואָס קיינער האָט נישט פֿאָרויסגעזען: קוזמאָ האָט אַ גאַנצע נאַכט געשאַרפֿט זיין האַק וואָס ער האָט איר שוין פֿופֿצן יאָר נישט געהאַלטן אין די הענט, אָפּגעריבן דעם ראָסט, פֿאַרראַכטן די שטשערבן, פֿאַרראָכטן די זעג, אויסגעקלאָפּט די ציינער פֿון דער זעג. פֿאַר טאָג האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. די סאָסנע־קלעצער זענען געווען אונטער־געפֿוילט ביי די עקן, דאָרט ווו זיי האָבן זיך געפֿלאָכטן. ער האָט זיי קורצער געמאַכט. די ערשטע טעג איז ער געקראָכן אויף אַלע פֿיר, דערנאָך איז ער שוין אַפֿילו אַליין געשטאַנען אויף די שטעקן־פֿיס. יעדעס מאָל האָט ער זיך אָפּגערוט, שווער געסאַפּעט און פֿון זיין מויל און פֿון די נאָז־לעכער האָט געשלאָגן אַ געדיכטע־פּאַרע.

דאָס וועט זיין אַ פּיצעלע שטיבעלע, נאָר אַ בעט וועט דאָרט קענען שטיין און אַ קליינער אויוון.

עס וועט זיין אַזוי גרויס ווי אַ פּויערישע באָד.

ווו וועט ער דען באַקומען נייע געהילצער? ער האָט קיין ברירה נישט. מען קען אויסלעבן די געליימטע יאָרן אין אַזאַ שטיבל אויך.

טייל מאָל פֿלעגט קומען אָן אַלטער שכן און וועלן קוזמאַן העלפֿן ביים אונטערהייבן די בעלקעס, ביים אַרויפֿלייגן זיי אויף די קיילעכיקע האַק־אויסשניטן.

די פֿויערטעס האָבן זיך תמיד געצלמט ווען זיי זענען פֿאַרבייגעגאַנגען קוזמאָס הויז. עס איז גאָטס נס. די אַלטע מאַריאַ האָט זיך אַפֿילו געשוואָרן אַז זי זעט אין האַלבערנאַכט צוויי ווייסע פֿליגל. זיי נידערן פֿון הימל. די פֿליגל האָבן אים אַוודאי געבראַכט היילונג.

— וואָס פֿאַלט דיר אַיין, מאַריוכאַ? אַזויפֿיל געזונטע מוזשיקעס שטאַרבן

אין די אָקאָפּעס און מיליאָנען ליגן אויף די פעלדער צעקאַליעטשעטע. אַלע מלאָכים זענען איצט שטאַרק באַשעפטיקט און דער אַלמעכטיקער וועט אין מלחמה־צייט נישט אומקוקן זיך אויף עפּעס אַ מוזשיק וואָס איז שוין געלייִמט פופצן יאָר און איז סיי־ווי אַ יענערוועלטיקער...

— עך, פאַרשאָלטענער, האָסט שוין אויפגעהערט גלייבן אפילו אין גאָטס וווּנדער...

און דאָך האָט דאָס דאָרף באַטראַכט קוזמאַס שטיין אויף די פיס פאַר אַ נס.

נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל איז קוזמאַס הויז געוועזן פּאַרטיק.

ווידער איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, אַזאַ ווי בעת דעם שניט, צוערשט זענען געקומען רגנס. עס האָט געשפּאַרט פון די הימלען ווי אַ וואַסערפאַל. דערנאָך האָט אַ קלאַפּ־געטאָן אַ האָגל, די גרייס ווי די טויבן־אייער.

קוזמא איז אַרויסגעקראָכן אויפן אויוון, אַ קוש־געטאָן די איקאָנע און געמורמלט זיין נאַכט־תפילה.

אין דער דאָזיקער נאַכט, די ערשטע אין זיין קליין הילצערן שטיבל, די גרויס פון אַ באָד, איז ער אויסגעגאַנגען.

ווי נאָר עס איז וואַרעם־געוואָרן דער אויוון און עס איז אויסגעגאַנגען דאָס פייער אין דער הרובע איז אויך אויסגעגאַנגען דער פויער קוזמאַ.

מחשבות ביי אַן אונטעגעשניטענער יונגער סאָסנע

די תליה איז געווען געמאַכט פון פריש־אָפּגעזעגטע סאָסנע־ביימער, צוויי שטאַמען פון אַוודאי צוואַנציק־יאָריקע ביימער. זיי זענען געווען פול מיט סענקען, מיט אונטערגעבראָכענע, סטערטשענדיקע שפּיצן פון צווייגן. די קלעצער זענען געווען איינגעגראָבן אין דער ערד. אויף די ערד איז געווען פריש, טונקלברוין אַזש ביז שוואַרצקייט. עכטע אוקראַינער שוואַרצערד. איבער די צוויי שטאַמען איז געווען פאַרלייגט אַ דראָנג מיט אַ פּעטליע.

די תליה איז געשטאַנען נישט ווייט פון אַ מאַכיק־גרינעם פּלויט. פאַרנט האָט מען געזען די נעפּלדיקע בלאָקייט פון אַ וואַלד. די פעלדער האָבן שוין אַנטפּלעקט אַ פרישע גרינקייט, כאָטש עס זענען נאָך געווען צעשפּרייט, אין די נידערונגען, שנייאינדזלען.

נידעריקע אוקראַינישע כאַטעס מיט שינדלדעכער, מיט גרויען שטרוי, מיט זשאַווערבלעך. ווענט געקאַלכטע אויף בלאָ. דער מאַרק איז מיט קאַ־לוזשעס. הילצערנע בריקלעך איבער אַ גרין־שליימיקער קאַנאַווע. קליינע פענצטערלעך, איינגעפאַלענע ביז דער פייכטער ערד. סקריפּנדיקע טיר־לעך. צעשאָטענע פעלדשטיינער, הויקערדיקע וואָס פירן צו דער צערקווע.

ביי דער תליה זאַמלען זיך זקנים. זיי שטייען אַנגעשפּאַרט מיטן רוקן צום פּלויט. מיטן ברייטן וועג, וואָס פירט פון גרויסן דאָרף פּוסטאָמיטי, זענען אַנגעקומען עטלעכע לאַסטמאַשינען. אַ טאַנק רוישט אומהיימלעך. ער באַ־וועגט זיך נישט מיטן וועג, נאָר ביים ראַנד פון די אַקערפעלדער און צע־מאַרשטשעט די קוסטעס, צעטרעט אַ שטיק פון אַ צוים, וואַרפט אום אַ ריי קאַרשנביימלעך און שלעפּט־מיט אַ קנויל שטעכיקע דראָטן פון עמעצנס אַ גאָרטן.

זיין שטאָלענער געוואַי איז אומהיימלעך וואָרעם עס האָט נישט קיין עכאָ. עס ווערט איינגעזונקען אין דער פייכטער און נאָכגיביקער ערד און די נעפּלווייטן די באַוועלדערטע נעמען אויף דאָס וואָיען פון טאַנק אַן פּחד,

מיט אַ צולהכעיסדיקער גלייכגילט. דאָס איז נישט ווי אין די שטעט ווו עס יאָמערן־אויף אַלע פענצטער ווו עס טרייסלען זיך די הייזער, דער שטיינערנער ברוק צעשפּאַלט זיך און די מויערן קרישלען זיך אונטער זיינע שטאָלענע רעדער.

פון די לאַסטוועגענער זענען אַראָפּגעשפּרונגען באַוואָפנטע סאָלדאַטן. זיי גייען אייליק צו דער תליה.

איך שטיי צווישן די פויערים. זיי קוקן אויף מיר מיט חשד. אַ פרעמ־דער? אין אַ מיליטערישן שינעל? ווער האָט אים אַהערגעשיקט? דאָס שוויגן פון די פויערים איז אָנגעדראָלן. באַלד וועט עפּעס געשען. זיי וועלן פאַלן אויף די קני מיט אַ געיאָמער, מיט אַ געשריי. איך זע ווי זיי דער־ווייטערן זיך פון מיר צו ערשט מיט די בליקן און דערנאָך דריקן זיי זיך צוזאַמען אין איין געקנויל. איך בין פאַר זיי איינער פון דער „סאָוועטס־קער וולאַסט״. איך בין דאָך אין אַ רוסישן שינעל.

אין לאַסט־מאַשין איז צוגעפאָרן האַרט צו דער תליה, אַריינגעפאָרן אין תליה־טויער. אַ יונגער אוקראַאינער, אַוודאי אַזוי אַלט ווי דער סאָסנע־שטאַם אויף וועלכן ער וועט באַלד הענגען, אין אַ ליכטיק שעפּסנפּעלצל, שטייט אין מיט פון דער פּלאַטפאָרם. אַרום באַוועגן זיך רוסישע זעלנער. איך זע ווי זיי פאַרבינדן אים די הענט, ווי מען טוט אים אָן די פּעטליע. איך דערהער זיין קורץ אָפּגעהאַקט געשריי: „כאַ־אַ־אַי־ זשי־י־־וו־ע״...

איינער פון די סאָלדאַטן דערלאַנגט אים מיט דער פויסט אין פּנים אַריין. אַ שמאָל ריטשקעלע בלוט. מיר דאַכט זיך אַז זיין פּנים איז גע־שפּאָלטן געוואָרן.

מיט אַ מאָל האָט זיך די לאַסטמאַשין אַ ריס־געטאָן פון אָרט און איז אַוועק, מאַכנדיק אַ קרייז אַרום דער תליה. דער געהאָנגענער האָט זיך צע־וויגט און דער דראָנג צוזאַמען מיט די שטאַמען פון דער תליה האָבן זיך מיטגעוויגט.

די פויערים האָבן זיך געצלמט. איך האָב געוואָלט אָפּווענדן מיין בליק פון דער תליה, נאָר עפּעס אַ כוח האָט מיך געצוווּנגען צו בלייבן דאָ ביזן סוף. דער טאַנק איז צוגעקומען נאָענט צו דער תליה און פון אייבערשטן טירל איז אַרויס אַן עלטערער רוסישער קאַפּיטאַן. ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט איפן טאַנקטורעם. זיינע באַוועגונגען זענען געווען רואיקע, גע־מאָסטענע. ער האָט אַ קעם געטאָן זיין טונקעלע באָרד מיט די פינגער פון איין האַנט און די צווייטע האַנט אַריינגעשטעקט אין בוזעם. עס איז געוואָרן

אומגעווײנטלעך שטיל. אַפּילו דער געהאָנגענער האָט זיך איצט קוים גע־וויגט. מיר האָבן געוואַרט אויף עפּעס און איך האָב געפּילט אַז דער באַ־בערדלטער אויפן טאַנק וואַרט אויך אויף עפּעס. און אויסטערליש, ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער האָנען־געקריי, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: איצט, ווען דער האָנען־געקריי וועט זיך ענדיקן וועט ער אָנהייבן ריידן. זעט אויס אַז איך בין געווען גערעכט, ווייל תיכף ווי עס איז שטיל געוואָרן דאָס האָנען־געקריי, וואָס איז געקומען פון דער אַנדערער זייט מאָכיקן פלויט, האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם אַ ראָל פּאַפּיר, אויסגעשטרעקט דעם רעכטן פוס פאָרויס, אויפגעהויבן דעם ראָל פּאַפּיר הויך און מיט דער צווייטער האַנט אים צעוויקלט.

זיין קול האָט אָפּגעהילכט שאַרף ווי דער מעטאַל־געקלאַפּ. מיר האָט זיך געדאַכט אַז באַלד וועלן זיך צעשאַלן טראָמפּייטן, און עס וועט זיך אָנ־הייבן אַ ווירבל־פּויקעריי.

דער גאַנצער געשטעל פון דעם קאַפּיטאַן מיט דער באָרד אויף דעם טאַנק, קעגן איבער דער תליה האָט מיך אַוועקגעפירט ערגעץ ווייט. אין אַ געמעל האָב איך עפּעס ענלעכס שוין געזען. עס האָט מיך דערמאָנט אין די גרויסע ספּעקטאַקלען וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין רוימישע אַמ־פיטעאַטערס. ווי אַלץ חזרט זיך איבער! ווי אַזוי קומט דאָס צו אַ מיליטע־רישן ריכטער נאָכצוקאָפּירן ממש די געשיכטע? אין יעדן ריר זיינעם, אין דעם קול, אין דער צעוויקלטער פּאַפּיר־מגילה, האָב איך דערקענט אַז די וועלט פירט זיך פון קדמונים אַזוי. אַלץ איז נאַטירלעך — אַזוי ווי עס בליעןביימער, אַזוי בליען אויף תליות. אַלץ איז אומשטערבלעך. עס זענען שטענדיק דאָ קרייציקערס און געקרייציקטע.

איך בין געווען אַוודאי לאַנג פאַרזונקען אין מיינע מחשבות און נישט געהערט ווי די דאָרפישע איינוווינער זענען אַוועק צו זייערע היימען. איך האָב נישט געהערט ווי די לאַסטוועגענער זענען אַוועק. איך האָב נאָר דערשפּירט עמעצנס אַ האַנט אויף מיין אַקסל.

— איך זע אַז דו טרויערסט נאָך אים... ס'איז דיר אַ שאָד?... כאַ־כאַ־כאַ...

לעבן מיר איז געשטאַנען דער עלטערער קאַפּיטאַן.

— אַ שאָד? — האָב איך חידושדיק איבערגעפרעגט. — איך ווייס וואָס די פאַנאַטישע יונגע אוקראַאינער האָבן אָפּגעטאָן. אַ משוגעת האָט אַרומגעכאַפּט דאָס דאָזיקע פאָלק. זיי האָבן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע דערקלערט קריג, די יידן, די פּאָליאַקן, די רוסן און ווען זיי האָבן געזען אַז

די דייטשן פֿאַרשפּילן האָבן זיי בדעה געהאַט צו האַלטן מלחמה אויך מיט די דייטשן. זיי האָבן געמאָרדעט די אייגענע ברידער, אוקראַינער. ווער ווייס וויפיל די באַנדעס פון באַנדעראַ און פון בולבאַ האָבן אויסגעמאָרדעט? הונדערטער טויזנטער... אפשר אַ מיליאָן... און דאָך, זאָג איך דיר, קאַפּיטאַן, עס איז אַ געמיינע וועלט... איך האָב אויפגעשטעלט דעם קאַלנער, און געוואָלט אַוועקגיין. ווייסעך וואָס? איך קען נאָך אָנהויבן פילאָסאָפירן און אַריינטראַכטן און מיט עפּעס זיך אַרויסכאַפּן. זאָל עס דער טייוול נעמען. וואָס איז נקמה? אויפגעהאָנגען אַ דאָרפישן בחור און דערביי אונטערגעזעגנט צוויי וווּנדערלעך שיינע סאָסנע־ביימער? קען מען נקמה נעמען פאַר דעם אַלעם וואָס מיינע אויגן האָבן געזען? עס איז נישטיק.

— קום, מיר וועלן אויסטרינקען.

איך בין אים שטיל נאָכגעגאַנגען. מיר זענען געזעסן ביי אַ הילצערנעם טיש, אַ נאַקעטן און אָפּגעקלאַפּט זיך מיט די גלעזער, דערנאָך פאַרביסן שוואַרצן ברויט.

— קאַפּיטאַן, איר האָט וווּנדערלעך געלייענט דעם אורטייל פון הויכן מיליטערישן געריכט. איך האָב געפילט אַז איר לעבט דאָס אַלץ איבער. עס האָט מיר דערמאָנט אין דעם אַמאָל — אַנטשולדיקט, איר זענט פון באַרוף אַ יוריסט, אַ ריכטער, אָדער דאָס האָט מען אייך באַשטימט צו דער דאָזיקער פונקציע? זייט נישט בייז וואָס איך פרעג אייך, — וואָס איז אייער פּראָפעסיע אין ציוויל־לעבן?

ער האָט זיך נישט געאיילט מיטן ענטפער. צו ערשט האָט ער אויסגעטרונקען דאָס גלאָז בראָנפן ביזן דנאָ און געזאָגט:

— איך בין אַן אַקטיאָר.

ווייסע ווינדלען

אין דער אָפֿענער טיר פֿון וואַגאָן איז געשטאַנען אַן איבערגעוואַקסענע, רויטהאָריקע מויד און געשריגן:

— אַר־אַ־אַ־נטשי־י־י־ק!

דער עשאַלאָן איז שוין געגאַנגען פֿאָרויס, אָפּגעהאַלטן זיך אַ ווײַלע און ווידער אָנגעהויבן צו רירן זיך פֿון אָרט.

— אַראַנטשיק...

דער ווינט האָט געוואָרפֿן סנאָפּעס קוטשעראַווע רויטע האָר אויף איר פּנים, אויף איר האַלדז. זי איז געשטאַנען מיט אַן עטוואָס פֿאַרשפּיצטן בויך, און די גרויסע לויזע בריסט האָבן זיך ריטמיש געוויגט.

— שריי נישט. ער וועט מער נישט צוריקקומען. עס איז אומזיסט — האָט עמעצער אין ווינקל פֿון וואַגאָן געזאָגט מיט אַ הייזעריק קול.

זי איז אָפּגעשפּרונגען פֿון דער טיר און האַסטיק אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני אין אַ ווינקל פֿון דער נאַרע, דאָרט וווּ עס איז געלעגן דער אומ־באַקאַנטער.

— זאָגט מיר, וואָס איז געשען? פֿון וואַנען ווייסט איר דאָס?

ער האָט דערפֿילט דעם ריח פֿון אירע פֿליישיקע הענט. זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען און אַ שטויס געטאָן פֿון זיך.

— פֿאַר וואָס איז ער אַנטלאָפֿן?

— דו ביסט געווען פֿאַר אים ווי אַ שטיין אויפֿן האַלדז.

— ער האָט דיר דאָס געזאָגט?

— יאָ.

— ווו וועט זיך שטעלן דער צוג? איך וועל אַראָפּ ביי דער ערשטער סטאַציע. ביין, איך וועל אַראָפּשפּרינגען. דאָס איז ליגן, וואָס דו זאָגסט מיר. עס איז ליגן.

זי האָט ביטער געוויינט. אירע הענט האָבן אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ

און אים געוויגט. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעגלייכט און מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אויף די שפּעט־האַרבסטיקע פעלדער, אויף דער אוקראַיִנישער לאַנדשאַפט. זי האָט געזען דאָס בעריאָזע־וועלדל און די ווייס־קייט פון די שטאַמען האָט איר דערמאָנט אין ווינדלען צעהאַנגענע אין פעלד.

עס איז שוין דער דריטער חודש. אויפן בריסקער וואָקזאַל. פּוילן איז געפאַלן. די היימען זענען הפקר. פון גאַמבין איז זי געלאָפן. אין איינער פון יענע נעכט, אויפן בריסקער וואָקזאַל, האָט זיך דערנענטערט צו איר אַן איבערגעוואָקסענער יונג פון ווישעגראַד. אַ פּעגעוואַטער מיט אַן אַד־לער־נאָז. ער האָט געטראָגן שיך פון אַ פוטבאָליסט און אַ לעדערנע קורט־קע פון אַ יונגן קצב־געזעל.

— עס איז אייַנען קאַלט? — און איידער זי האָט נאָך געענטפערט האָט ער אויסגעטאָן די קורטקע, — דעקט זיך צו...

זי איז דעמאָלט געווען אַליין. די מענטשן פון איר שטאָט, מיט וועמען זי איז געלאָפן, זענען ערגעץ געבליבן. ביז אין האַלבער נאַכט איז דער יונג מיט די פּעגעס געזעסן אין אַ זייט און האָט שטיל געפּייפט. ער איז געווען אין אַ געקעסטלט לייבל, שטייף־אָנגעצויגן אויף זיין לייב. אין לבנה־ליכט האָט זי געזען די מוסקלען פון זיינע הענט. נאָך האַלבער נאַכט האָט אַ וואָיע־געטאָן אַ ווינט. דער יונג האָט אויפגעהערט פייפן און זיך איינגע־קאָרטשעט.

— עס וועט אפשר גוט זיין פאַרביידן — האָט זי געזאָגט. דער יונג האָט זיך דערנענטערט צו איר, שטיל, ווי אַ קאַץ. דאָס פייכטע גראָז פון וואָקזאַל־גערטנדל דאָס אויסגעטראָטענע האָט געשמעקט מיט פריען האַרבסט. ער האָט זי אַרומגענומען נאָר זי האָט געזאָגט: „דאָס נישט" און איינגע־פלאָכטן אירע שטייפע פינגער אין זיינע, פאַרפלאָנטערט זיי אַזוי ווי עס פלאָנטערן זיך צווייגן. אירע פינגער זענען געווען שטייף ביז ווייטיק און איר אָטעם הייס אַזש עס האָט אים געבריט, די האַרטע, נישט־ראַזירטע הויט פון פּנים. לאַנג האָט זי געהאַלטן געפּאַנגען זיינע פינגער מיט אַזאַ כּוח אַז ער האָט אַזש געוואָלט שרייען פאַר ווייטיק, נאָר ער האָט זיך גע־שעמט. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַוועקגיין. — ווייסעך וואָס, האָט ער זיך געטראַכט, עפּעס אַ ווילדע, נישט־געזאָטלטע קאָבילע. ער האָט נישט געקענט אַרויסוויקלען זיך פון אירע הענט. און עס איז געשען. זי האָט

טיף אָפּגעעטעמט, מיט אַ פֿאַרדעמפּטן געוואַי, און אַלע אירע גלידער זענען לויז געוואָרן. קום... קום... — האָט זי געשעפּטשעט.

עס איז שוין דריי חדשים. קיינער באַמערקט נאָך נישט ווי איר בויך ווערט פֿולער. דריי חדשים האָט ער איר צוגעטראָגן דאָס וואָס ער האָט נאָר געקענט איינשאַפֿן אין וועג. עס האָט איר פֿון קיין פֿויגלמילך נישט געפֿעלט. אַנומלט האָט ער געבראַכט אַ לעבעדיקן אינדיק, ביי די רעלסן צעלייגט אַ פֿייער און אים געבראָטן.

זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן. מען וועט קומען צוריק אַהיים. אירע ברידערלעך וועלן דעם אַראָנטשיק שוין אויפֿזוכן. זיי וועלן נישט לאָזן פֿאַר־שעמען דעם בהמה־סוחרס טאָכטער. זיי וועלן אים אַ טויטן ברענגען צו דער חופּה.

אַראָנטשיקס אָרט אין וואַגאָן, וואָס איז געלאָפֿן קיין דאַנבאַס, איז גע־ווען ליידיק. די מויד איז געזעסן מיט פֿאַרלייגטע פּיס, דעם קאָפּ אַריינגע־נומען אין די הענט און שטיל געוויינט.

אַראָנטשיקס חבר, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן איינגעהילט אין זיין מאַנטל, האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איבערשפּאַנענדיק די שלאָפֿנדיקע און דרימלענדיקע אין וואַגאָן, איז ער צוגעקומען צו דער מויד.

— הערט אויף,, וויינט נישט... איך ווייס אַפֿילו נישט אייער נאָ־מען... ווי רופֿט מען אייך?

— וואָס גייט ער אייך אָן? — האָט זי געפֿרעגט מיט כעס. — און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי געענטפֿערט: — מיין נאָמען איז מייטע.

— זאָרגט אייך נישט, איר וועט נישט פֿאַרלירן גיין... מיר פֿאָרן אויף אַרבעט... דאַנבאַס איז רייך... איר וועט אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל ווי אַ פֿלעגערין... איר וועט טרעפֿן דאָרט נייע מענטשן... עס איז בעסער אַז אַראָנטשיק איז איצט אַוועק... ערגער וואָלט געווען ווען ער לאָזט אייך איבער מיט אַ פּיצלס אויף די הענט... איר זענט דאָך צווישן אייגענע... איך בין נישט ווייט פֿון גאָמבין... מיין טאַטע איז אַ זשיכלינער...

ער האָט לאַנג גערעדט, ביז דעם גרויען פֿאַרטאָג.

דער עשאַלאָן איז געלאָפֿן דורך די אוקראַיִנישע ברויטסטעפּעס, דורך קאָזאַקישע סטאַנציעס, דורך שטעט וואָס זעען אויס ווי גרויסע דערפֿער. ער איז געלאָפֿן מיט אַ וויסט פּייפֿעריי און געפֿירט די אַנטלאָפֿענע פֿון אָקופּירטן פּוילן צו אַ נייַ לעבן אין די קוילן־שאָכטעס.

צו ערשט האָט זי איינגעקלעמט דעם פרעמדנס פינגער וואָס האָבן זיך געצויגן צו איר. איינגעקלעמט מיט כעס, מיט דער פאַרביטערונג וואָס איז געבליבן אין איר נאָך אַראָנטשיקס נעלם ווערן. דער מענטש מיטן היי־זעריקן קול איז איצט געלעגן אויף אַראָנטשיקס אָרט, געראַנגלט זיך שטום ביז אירע הענט האָבן נאָכגעלאָזט.

אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך דער צוג פאַרהאַלטן אין פרייען פעלד. די סעמאַפאָרן זענען געווען פאַרמאַכט. דער פרעמדער האָט גענומען דאָס קעסעלע און איז געגאַנגען זוכן וואַסער.

דער צוג האָט גערירט. ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

מייטע איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון וואַגאָן און נישט געוווסט אַפילו זיין נאָמען. זי האָט זיך דערפילט דערלייכטערט. אָנשטאָט דעם כעס אויף אַראָנטשיקן האָט זי איצט געפילט אַ כעס צום גאַנצן מע־נערישן מין. זי האָט אויף אַ קול געציילט די חדשים, פאַרבייגנדיק יע־דעס מאָל אַן אַנדער פינגער פון דער האַנט ביז עס איז געוואָרן אַ פויסט.

זי האָט ווידער אַ מאָל אַ קוק־געטאָן און אָנגעטראָפן אויף ס'ביי אַ בע־ריאָזעווען וואַלד און ווידער האָט זיך איר געדאַכט אַז זי זעט צעהאָנגענע ווייסע ווינדלען.

דער אַפּטייקער פון בערלין

די געשיכטע האָט מיר דערציילט מיינער אַ פריינד אין די חאַמסין־נעכט ביים ים־המלך, ביי סדום:

דאָס איז געשען סוף אַפּריל 1945 אין אַ בערלינער פאַרשטאָט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן געדרוישט רוסישע טאַנקן פאַר טאָג איז אָנגעקומען מיין אָפּטייל. די שטאָט־טייל האָט ווינציק געליטן פון די באָמבאַרדירונגען; אָפּגעריסענע גזימסן. פלאַקאַטן מיטן האַקן־קרייצן. ביי די ווענט שאַרן זיך עטלעכע דייטשישע פרויען אין שוואַרצע קליידער. קליינע פּאַטראָל־גרופּן מאַשירן אין מיט פון דער גאַס. זיי שוויגן און די פּנימער זענען אָנגעשטרענגט פון אַן אומגעוויינטלעכן ערנסט. ערגעץ נאָענט גייט נאָך אָן אַ העפּטיק שיסעריי. דער טאָג איז אַ זוניקער, אַ פרילינגדיקער. ווידער אַ פּאַטראָל. דאָס מאָל פירן זיי דייטשן, וויזט אויס געפאַנגענע. אַ דייטשישע פרוי בלייבט שטיין ביים ראָג, קוקט זיך איין אין די געפאַנגענע און שעפּטשעט עפּעס צו זיך.

מיין אויפגאַבע איז אויפצוזוכן עטלעכע געביידעס און זיי רעקוויזירן פאַרן שטאַב פון דער דיוויזיע. איך גיי מיט זיכערע טריט איבער די בערלינער גאַסן און מיך באַגלייטן דריי סאָלדאַטן. איך גיי ווי איך וואָלט שוין דאָ אַמאָל געווען. די מאַפּע פון דעם שטאָט־פערטל איז צעוויקלט און איך באַטראַכט אַ ריזיק הויז אין ראָג. זעט אויס אַז דאָ איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון אַ האַנדלס־געזעלשאַפט. הייסט דאָס איך האָב געפונען דאָס וואָס איך האָב געדאַרפט. איך פאַרצייכן דעם נאָמען פון דער גאַס און נומער פון הויז. דערנאָך נעם איך אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר ווו עס איז אָפּגעדרוקט מיט גרויסע שוואַרצע אותיות אויף רוסיש, אַז דער אָביעקט איז רעזערווירט פאַר דער דיוויזיע פון דער אַרמיי און דערנעבן אויך אויף דייטש אַ קורצער און לאַקאָנישער צושריפט: פאַר איבערטרעטן דעם אָביעקט אָן אַ דערלויבעניש דראָט דערשאָסן צו ווערן אויפן אָרט.

איך שטעל־אָפּ פאַרבייגייער און וויל מיט זיי שמועסן און אַז איך רייד צו זיי האָב איך פאַרדראָס אויף זיך אַליין. איך וואָרט אפילו נישט אויף קיין

ענטפּער און גיי ווייטער. אַרום מיטאָג־צייט דאַרף איך זיך מעלדן אין מיין אָפּטיילונג. איך האָב נאָך צייט. מיינע באַגלייטער זענען פול מיט נייגער. פאַרוואָס זעט מען נאָר אַלטע פרויען?

אַן אַלטיטשקע איז געבליבן לעבן מיר שטיין. זי האָט אַ מילד און גוט פּנים. איך גריס זיך צו איר און זאָג: גנעדיקע פראַו, זאָגן זי מיר: בין איך דער ערשטער רוסישער זעלנער וואָס איר באַגעגנט? איך זע אַז איר באַט־ראַכט מיך אַזוי נייגעריק. האָבן זי קיינע אַנגסט, אַלטע דוישטע פראַו, קיינע אַנגסט...

— יאַוואָל, הער רוסע. דער ערשטער וואָס איך באַגעגן...

— דאַן מוז איך אייך זאָגן אַז איז בין יודע... גייען זי צו האַוזע און דערציילן זי אַלע אייערע נאָכבאַרן דאָס דעם ערשטן רוססע וואָס זי האָבן בעגעגנט וואַר איין יודע... כאַ־כאַ־כאַ... — לאַך איך הויך.

מיינע באַגלייטער האָבן דערוויל פאַררייכערט און צוגעהערט זיך צו די רייד מיינע מיט הנאה כאָטש זיי האָבן קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

— איך זוך יודן. פיללייכט קענען זי מיר צייגן וואָ עס איז איין יודישעס האַוז... וואָ וואָהנט איין יודע?

זי האָט מיך נאָך אַ מאָל באַטראַכט און שטיל געזאָגט: — גייען זי די צווייטע גאַס, רעכטס, דאָס דריטע הויז ווו עס איז איין אַפּטייק. דער אַפּטייקער...

איך קלאַפּ אין אַ טיר, עס עפנט מיר אַ מאַן מיט ווילהעלמישע וואָנצעס.

— קיינע אַנגסט — זאָג איך צו אים. — איך בין יודע.

ער איז צוריקגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן און עפּעס געשטאַמלט. פון אַ זייטיקע טיר איז אַרויס אַ יונגע פרוי און טרויעריק געשמייכלט צו מיר.

— זינד זי איין יודין?

אירע ליפּן ציטערן. — יאַוואָל, הער רוסע... האַלב־יודין... — האָט זי גלייך צוגעגעבן ווי זי וואָלט געוואָלט זיך פאַרזיכערן אויב עס איז אויך ביי די רוסן געפערלעך צו זיין אַ ייד. — האַלב־יודין נאָר פון דער מוטער...

נישט וואַרטנדיק אויף דער איינלאַדונג בין איך אַריין אין גרויסן צימער. פאַרוואָס איך האָב נישט געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג און אַליין אַריין אין הויז, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין. איך האָב דאָס געטאָן אינסטינקט־טיוו מחמת אַ נייגער, אַ ווילן צו זיין נאָענט צו אַ געראַטעוועטן ייד, זאָל זיין צו אַ האַלבן ייד. מיר האָבן זיך ברייט צעזעצט אין די שווערע טונקעלע פאָטעלן. איך האָב באַטראַכט די שוואַרצע רעמען פון בילדער מיט די

אונטערגעשאָסענע פייגל, די הירשן־הערנער מיט דעם אויסגעשטאָפּטן הירשן־קאָפּ, וואָס איז געהאָנגען איבער די ברייטע טירן.

— ווער איז דער אַלטער מאַן?

— דאָס איז מיין... — זי האָט זיך אַרומגעקוקט, טיף אָפּגעעטעמט און צוגעגעבן: — ער איז אין נעכסטן צימער... דאָס איז אַ מידער און אַלטער מענטש... מיט וואָס קען איך אייך דינען?... הערן רוסע...

— ווער איז דער אַלטער? — האָב איך שטרענג געפרעגט.

— דאָס איז מיין מאַן. — האָט די יונגע פרוי געענטפערט.

— ווו איז אייער מוטער?

— זי איז אומגעקומען אין טערעזיענשטאַט... זי ווייסן דאָך, מיין הער, אַז אַלע יודן האָט מען נאָך טערעזיענשטאַט און אושוויץ געשיקט...

— מיט וואָס קענען מיר אייך העלפן? איך בין גרייט צו טאָן פאַר אייך וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין. מאָרגן וועל איך אייך באַזאָרגן ברויט און קאַווע. איך בין אַ ייד. איר זענט די ערשטע יידישע פרוי וואָס איך באַגעגן. אַ האַלב־יודין, דאָס איז פאַר מיר דאָס זעלבע. מיר זענען נישט קיין ראַסיסטן. מאָרגן וועל איך קומען... אַ גוטן...

זי האָט שטיל געענטפערט אויף מיין געזעגענונג און נישט אויסגעדריקט צופרידנקייט פון מיין הילפס־אָנבאָט. איך האָב ערשט איצט דערזען אַז איר פּנים איז גרוי און כאָטש איר יונגקייט — געקנייטשט אַרום די שלייפן. איך האָב אויסגעשטרעקט אַ האַנט און דערפילט אַז אירע פינגער זענען קיל און ציטערנדיק.

— קומט! — האָב איך אויסגערופן צו די זעלנער: מיר זענען געגאַנגען מיט הילכיקע טריט אויף די שטיינערנע טרעפּ פון הויז. אויף די אונטערשטע שטיגן האָב איך זיך צונויפגעשטויסן מיט אַ זקנה. זי האָט געזאָגט דעם „גריס גאָט, הער רוסע" און מיך אָנגענומען ביים אָרעם.

— זי זינד יודע? — האָט מיך די זקנה געפרעגט — פאַרוואָס האָבן זי באַזוכט דאָס דאָזיקע הויז? איך ווייס אַז איר זענט געווען ביים אַפּטייקער. עס איז אַ זינד צו גיין צום אַפּטייקער. ער איז אַ גאָט־פאַרשאָלטענער מענטש. איך בין אַ גלויביקע און איך זאָג אייך דאָס. ער האָט זיין פרוי אַרויסגעגעבן צו די נאַציס ווייל זי איז געווען אַ יודין. ער האָט איר איבערגעגעבן אין זייערע הענט און דעם גאַנצן קריג האָט ער געלעבט מיט דער טאָכטער. ער האָט געלעבט מיט איר ווי אַ מאַן מיט אַ פרוי. ביז איצט לעבט ער מיט איר און זי איז געוואָרן נאָך דער דעפּאָרטאַציע פון זיין ווייב — זיין פרוי. ער

האָט אָפּיציעל געהייראַט די טאָכטער פון זיין יידישער פרוי. די גאַנצע שטראַסע ווייס דאָס...

מיינע רוסישע סאָלדאַטן האָבן נישט געוואַרט ביז די אַלטיטשקע וועט ענדיקן. יעפּים, דער פויער פון וויאַזמאַ, האָט זיך געבעטן ביי מיר: — זאָג, וואָס דערציילט די אַלטע. איך פיל אַז עס איז וויכטיק. זאָג. זאָג — האָבן זיך געבעטן די צוויי ניזשני־נאָוואָגראָדער פויערים.

איך האָב זיי איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט.

— קום צוריק — האָט אויסגערופן יעפּים, איך מוז זען דעם גערמאַניעץ.

מיר האָבן ווידער אָנגעקלאַפּט און עס איז אַרויסגעקומען די יונגע פרוי.

— אַנטשולדיקט. עס טוט מיר לייד וואָס איך באַאומרואיק אייך, נאָר איר מוזט אַרויסבעטן פון אַנדערן צימער אייער אַלטן מאַן.

און איידער זי האָט נאָך באַוויזן צו רירן זיך פון אָרט האָט יעפּים צעפּראַלט די אינעווייניקסטע טיר און אַ געשריי געטאָן:

— העי, גערמאַניעץ, דאַוואַי, ביסטרעי!

דער אַפּטייקער איז געבליבן שטיין אין דער טיר און פאַרקנעפּלט די פּעטליעס פון קורצן שלאָפראָק.

— ווער איז דער אַלטער מענטש? — האָב איך געפרעגט דער פרוי.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט. איך האָב געפילט אַז זי וועט אויסברעכן אין אַ היסטעריש געוויין. זי האָט אָבער נישט געוויינט. מיין פראַגע איז געבליבן אין חלל.

— ווער איז די פרוי? — האָב איך געפרעגט דעם אַלטן.

— דאָס איז מיין פראַו. — האָט ער געענטפערט.

איך האָב מיט דעם אויטאָמאַט אַ זעץ־געטאָן אין דעמבענעם טיש און הויך אויסגערופן: — ווער איז דיזע פראַו? — אַזוי ווי איך וואָלט נישט דערהערט זיין פריערדיקן ענטפער.

— איך האָב אינען שוין געזאָגט; מיין פראַו.

— עס איז אַ ליגנט! דאָס איז דאָך אייער טאָכטער! איך ווייס אַלץ.

— ווהין האָט איר פאַרשיקט די מוטער פון דער יונגער פרוי?

דער אַלטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר און אָנגעהויבן ריידן הויך. איין וואָרט האָט זיך צונויפגעפּלאָנטערט מיטן צווייטן און עס איז אַרויסגעקומען כאַאָטיש פּלוידעריי.

— איז דאָס אייער פאָטער? — האָב איך אָנגענומען די פרוי ביי די

הענט און אַריינגעקוקט איר טיף אין די גרויסע פאַרווייַנטע אויגן.

זי האָט דערפילט די שטרענגקייט פון מיין קול און די שאַרפקייט מיט וועלכער איך האָב די פראַגע געשטעלט.

— יאָ, דאָס איז מיין פאָטער... ער איז געווען מיין פאָטער... איצט איז ער מיין מאַן... לאָזט אים צו־רו... איך בעט אייך... לאָזט אים... איך בין אַליין... איינע אַליין... די גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען.

דאָס איז אָבער שוין נישט געווען קיין ריידן נאָר אַ לאַנג און אויסגעצויגן געוויין.

— פאַרוואָס דערציילסטו אונדז נישט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם הויז? דערצייל!

דאָס איז שוין נישט געווען קיין געבעט פון די פראָנט־חברים מיינע נאָר ממש אַ באַפעל.

מיר זענען געשטאַנען אין ראָג, ווו עס קרייצן זיך פיר גאַסן, אין בערלין. סוף אַפּריל, 1945, געוויקלט טאַבאַק אין פאַפּיראָסן־פּאַפּיר. איך האָב צו זיי געזאָגט: — דער אַלטער האָט געהאַט אַ פרוי, אַ יידישקע, האָט ער איר אויסגעגעבן. זי איז אומגעקומען אין אַ לאַגער און דער טאָכטער וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין פרוי, האָט ער געצוווּנגען אַז זי זאָל לעבן מיט אים און ווערן זיין ווייב.

יעפים האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגענומען דעם אויטאָמאַט פון אַקסל און געזאָגט:

— וואַרט אויף מיר, איך קום אין צוויי מינוטן אַרום צוריק.

ער איז אַריין אין טויער. עס איז געוואָרן אומגעוויינטלעך שטיל. אַ שווערער לאַסטוואָגן, אַ געפּאַנצערטער, איז דורכגעפאָרן און יעדער איינער פון אונדז האָט געהאַט פאַרדראָס פאַרוואָס דער לאַסטוואָגן רוישט אַזוי לאַנג. מיר האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און אויף עפּעס געוואַרט. און אַז מיר האָבן דערהערט אַ קורצע און פאַרטויבטע סעריע פון אויטאָמאַט האָבן מיר טיף־איינגעצויגן דעם רויך פון די ציגאַרן. יעפים איז געקומען און אַ שווייגנדיקער און געוואָלט פאַרוויקלען אַ ציגאַר. איך האָב אָבער געזען אַז זיינע הענט ציטערן. ער האָט אַראָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאַט אויף דער ערד און זיך איינגעקוקט אין די פענצטער פון דער פאַרטונקלטער געביידע. די יונגע פרוי איז אַרויסגעלאָפן פון טויער אַ צעשויבערטע.

— לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען. עס איז אַזוי אומהיימלעך — האָב איך געזאָגט.

דאָס געלעכטער פון די הימלען

מיר זענען געפאָרן דורך דער הענג־בריק פון סידנעי, זי האָט מיך געלאָקט פון דער ווייטנס מיט איר אויסטערלישער שיינקייט. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז זי הענגט אויף זילבערנע נעפּלען. אונדזער אויטאָ האָט זיך געשלענגלט אויף געפּלאַסטערטע שאָסייען פון וועלכע מען האָט געזען אין דער נידער די שטילע איינגוסן פון אָקעאַן מיט די ווייסע זעגלען און גרינ־בערגיקע ברעגן. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער ווייט און אומגעריכט האָב איך געפילט אַז מיר זענען אויף דער בריק וואָס האָט מיך געכישופט פון דער ערשטער רגע אָן ווי איך בין אָנגעקומען קיין סידנעי.

ווידער גאַסן ברייטע, מיט גרויסע געשעפטן. רויטע ליכט ביי ראָגן ווו עס זאַמלען זיך אויטאָס. ענדלעך זענען מיר אַרויס פון שטאָט און פאַרקער־וועג אויף מזרח. דער ציל איז — דער מידבר. דערגרייכן דאָס טויטע האַרץ פון אויסטראַליע. איך פאָר מיט אַ מענטש וואָס קען גוט דעם וועג. ער האָט שוין עטלעכע מאָל דורכגעשניטן די וויסטענישן מיט זיינע שווערע לאַסט־מאַשינען וואָס האָבן דערגרייכט אַזש ביז דער שטאָט דאַרווין. דאָס איז געווען מיט אַ פּופצן יאָר צוריק, בעת ער איז געקומען פון די דייטשישע לאַגערן און זיין פּראָפעסיע איז געווען א שאָפער וואָס פירט צעמענט פון די פאַבריקן. איצט איז ער אַן אייגנטימער פון אַ צענדליק קאַמיאָנען און עס אַרבעטן ביי אים שאָפערן.

אונדזער נסיעה איז אויסגערעכנט אויף פינף טעג.

די לאַנדשאַפט בייט זיך שנעל. אָט לויפן מיר דורך אַ באַרגיקע געגנט, באַזעצט מיט נידעריקע קוסטעס און נידעריקע פאַרקראָמפּטע טאַמאַריסקן און אָט זענען מיר אַריין אין אַן אייקאַליפּט־וואַלד. דער שאָסיי ליגט הויך, מיר זעען נאָר די שפּיצן פון די אייקאַליפּטן און אַז איך בייג זיך אַרויס פון אויטאָ — טונקלט זיך אַ תהום און אין תהום — אַן אייקאַליפּט־וואַלד. אַ קאָנגורו שטייט זיך געמיטלעך ביים זייט פון שאָסיי, די קורצע אייבערשטע

צוויי פיסלעך אויפגעהויבן. „זי בעט אַ טרעמפּ!" — לאַכט מיין באַקאַנטער. ער איז אָנהייב פון די פּערציקער. עטוואָס גרוי ביי די שלייפן און עטלעכע זילבער־פאָסן צווישן די פעך־שוואַרצע האָר. איך קוק אויף זיינע הענט וואָס האַלטן דעם ראָד און דערקען אין זיי די געניטשאַפט פון אַ גוטן שאָפער און מעכאַניקער.

אַרום מיטאָג־צייט זענען מיר אַריין אין אַ פלאַכלאַנד. מען האָט נאָר געזען די ווייטע האָריזאָנטן, די נאַקעטע אַרום און אַרום. עס איז דאָרט גאָרנישט געווען אויסער דעם שאָסיי וואָס איז מיט אַ צייט צוריק געפלאַסטערט געוואָרן. אַ ברוין־גרין גראָז. ליימיק־גרויע ערד. פאַרטריקנטע קוסטעס, נידעריקע און פאַרוויאַנעט בליעכץ פון אַ קורץ־אָטעמדיקן פרילינג.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טונקלען האָבן מיר דערגרייכט צו אַ שעפּסן־פערמע. אַן אויסטראַליער אין אַ ברייטן פילצערנעם הוט וואָס איז אים געהאָנגען אויף דער פּלייצע האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיין שאָפער. איך האָב געקוקט אויף די לאַנגע שאָפּעס. געזען די הילצערנע צוימען ווהין מען פאַרטרייבט די שעפּסן, די וואַסער־קאַלוזשעס, די צעבראָכענע אויטאָס, דעם אָנהויף פון רעדער, אָפּאָנעס, פון אייזן און זשאַווער־בלעך. עס איז דאָ נישט געוואַקסן קיין אייןביימל. דער ווינט האָט געטריבן נידעריק די שטויב־וואָלקנס וואָס האָבן זיך געמיניעט מיט אַ קופּער־גאָלדיקן קאָליר.

מיר האָבן זיך געוואַשן ביי די קראַנען און דערנאָך, ביי לאַנגע טישן, צוזאַמען מיט די פאַסטעכער, געגעסן מאָלצייט. אויף אַ דראָט, אונטער אַן אויסגעצאַנגענעם שייטער איז געהאָנגען אַ שעפּס. מען האָט מיר געגעבן אַ לאַנג מעסער און אַ גאָפּל און איך האָב זיך אָפּגעשניטן אַ שטיק שעפּסן־פלייש. עס האָט געשמעקט מיט דעם ריח פון אייקאַליפּטן, מיט רויך, מיט פאַרבאַקן בלוט און מיט ביטערניש פון מידבר־שטויב. מיר האָבן דערנאָך געטרינקען אַ ווין וואָס האָט געקילט די געבליטן און זענען אַוועק צו דעם אויסגעטרוקנטן אָדער פון אַ טייך. אין דער רעגן־צייט שטראָמען דאָ וואַסערן. דאָס זענען די גאָלד־אָדערן. אַז עס ווערט גוט פינסטער קענסטו זען ווי דער גאָלד־שטויב פינקלט פון דער טריקעניש אַרויס.

— לאָמיר וואַרטן ביז עס וועט פינצטער ווערן — האָט מיר געזאָגט דער באַקאַנטער.

מיר זענען געזעסן שווייגנדיקע און געקוקט ווי אויף מערב פאַרגייט דאָס לעצטע ביסל ליכט.

— וווּ זענען די שעפּסן? — האָב איך געפרעגט.

— זיי זענען ווייט פון דאַנען. אויף צענדליקער קילאָמעטער. מען טרייבט זיי אַהער נאָר אין דער צייט ווען מען דאַרף שערן די וואָל.

ווירקלעך, ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און אַ פינצטערניש האָט אַרומגענומען דעם סטעפּ, אַטאָ די ערשטע פינצטערניש וואָס איז שאַרפער ווי די מיטנגאַכטיקע, האָב איך דערזען ווי עס מיניען גאָלד־שטויבלעך אין דעם אויסגעטרוקנטן געלעגער פון דעם טייך־אָדער.

מיך האָט דאָס גאָלד געלאָקט און איך האָב געוואָלט עס באַרירן מיט מיינע פינגער.

איך האָב געהערט אונטער מיין רוקן דאָס געלעכטער פון מיין באַקאַנטן.

אין מיין האַנט האָב איך געהאַלטן אַ הויפן זאַמד און עס איז אַרויסגע־רונען פון מיין פויסט. ווי נאָר איך האָב גענומען די גאָלד־שפּליטערס אין האַנט אַריין האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין זאַמד.

ער איז געזעסן אויף דער ערד, נישט ווייט פון מיר און הילכיק געלאַכט. זיין געלעכטער איז געווען הייזעריק, עס האָט אָפּגעשלאָגן זיך אין די נאַכטיקע האָריזאָנטן און עס איז צוריקגעקומען. איך האָב עס געהערט לאַנג נאָך דעם ווי ער האָט שוין געהאַט אויפגעהערט צו לאַכן. כ'האָב באַמערקט אַז אויך ער הערט זיך איין אין געלעכטער און געשפּירט אַז דער עכאָ פון אייגענעם געלעכטער מאַכט אים טרויעריק.

אַרום האַלבער נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך בין אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ ווייסט געלעכטער, אַ שפּאָטיש, אַ ציניש וואָס האָט געהאַלטן אין איין דערוויטערן זיך און אין אַ דערנענטערן. עס איז געקומען פון הויך ווי די הימלען וואָלטן געלאַכט מיט אַ שגעון־געלעכטער.

עס איז מיר געווען הייס און איך האָב נישט געקענט מער רואיק איינליגן אויף דעם האַרטן געלעגער פון די שאָף־פּיטערער. איך בין אַרויס פון דעם אומהיימלעכן באַראַק און געזען ווי אויף דעם הימל, צווישן דורכזע־עוודיקע זילבער־נעפּלען, פלאַטערן פייגל. דאָס געלעכטער קומט פון די פייגל. זיי לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק, ממש איבער די דעכער פון די פערמע־שטאַלן און הייבן זיך צוריק אויף. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם מידבר. די ערד האָט איצט געלויכטן פון דעם ליכט וואָס איז דורך איר איינגעזאַפּט געוואָרן אַ גאַנצן טאָג. די פלאַכקייט פון די אָפענע שטחים האָט מיך געכישופט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז די האָריזאָנטן זענען אַזוי נאָענט, ממש מיט די הענט צו דערגרייכן, נענטער ווי ביי טאָג. איך האָב אָנגעהויבן צו שפּאַנען אַליין אין דער וויסטעניש. איך האָב געוואָלט אַרויסרייסן זיך פון די עטלעכע

נידעריקע וואָלקנס, די ליכטיקע, ווו עס פלאַטערן אַרום די פייגל וואָס לאַכן מיטן שגעון־געלעכטער. איך האָב געטראַכט, אַז אַ הונדערט מעטער פון דאַנען וועל איך מער נישט האָבן איבערן קאָפּ די שוואַרצע נאַכט־פייגל און איך וועל קענען רואיק דערוואַרטן זיך דעם זון־אויפגאַנג.

ווען איך בין דערגאַנגען צו די נידעריקע גראָז־קוסטעס האָב איך ווידער דערזען דעם טרוקענעם אָדער פון אַ וואַסער־געלעגער. ער האָט אַ לויכט־געטאָן מיט דעם ליכטיקן שטויב און מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס איז דער באַגילדעטער מילך־וועג וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון די הימלען אויף אונדזער ערד.

אומגעריכט האָט זיך אויסגעוויקלט אַ שאָטן און איך האָב דערהערט שטילע רייד.

— איך האָב אייך נישט געוואָלט וועקן... איך האָב געוווסט אַז איר וועט זיך אויפכאַפּן, אַראָפּ פון געלעגער און אַוועקוואַנדען אַהער ביז דעם אויסגעטרוקנטן געלעגער פון אַ וואַסער־אָדער. דאָס געלעכטער פון די פייגל האָט אייך אויפגערודערט? איר האָט געוואָלט אַנטלויפן פון די פייגל וואָס נאָך האַלבער נאַכט פלאַטערן זיי איבער דער פערמע? ווי נאָר זיי דערזען אַ מענטש, לויפן זיי אָן, קרייזן איבער אים הויך, לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק און פאַנגען־אָן דאָס שפּאָטישע געלעכטער וואָס מאַכט שוידערן...

און איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, זענען אָנגעפלויגן צוויי פייגל, דורכגעשניטן די טונקל־בלאָקייט מיט אַ שוואַרצן שימער און פון די הימלען איז דערגאַנגען דאָס גוט־באַקאַנטע לאַכן זייערס.

— קומט, לאָמיר שפּאַצירן — האָב איך געזאָגט.

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דעם ערדישן מילך־וועג. ער האָט זיך געשלענגלט, אָפּטמאָל אין אַ קרייז, אין האַלב־קרייזן. טייל מאָל איז זיין געלעגער געווען ווי אַ שליף, ווי אַ פעטליע פון אַ תליה. מיר האָבן זיך געדרייט אין דעם קרייז אַזוי לאַנג ביז מיר זענען אַרויס צו דעם אָפענעם שאָסיי וואָס ליגט אויף דער זעלביקער פלאַך ווי דער מידבר און זעט איצט אויס ווי דער שאַרף פון אַ שטאָלענעם מעסער.

מיין פריינד האָט עקשנותדיק געשוויגן. איך האָב עטלעכע מאָל עפּעס געזאָגט מחמת היימלעכקייט, נאָר מיינע ווערטער זענען נישט דערגאַנגען צו אים. איך האָב געזען ווי ער צעקנעפּלט זיין העמד און ווישט די שוויים־טראָפּנס פון שטערן.

— קומט, מיר וועלן צוריקגיין — האָב איך געזאָגט.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן און מיך שטום באַטראַכט.

ווידער דאָס שפּאָט־געלעכטער פון די הימלען. איך האָב צוגעלייגט די הענט צו די אויערן און זיך איינגעבויגן.

— איך האָב אייך איינגעלאַדן צו באַזוכן דעם מידבר ווייל איך וויל מיט אייך ריידן... איך מוז דעם געשפּרעך מיט אייך האָבן דאָ, אין דער וויסטעניש... עמעצן מוז איך דאָך דאָס דערציילן... איך האָב זיך לאַנג געגרייט דערצו... איר וועט מיר אויסהערן... פרעגט מיך נישט פאַרוואָס דווקא דאָ, אין מידבר... עס וועט אייך קלאָר ווערן פון מיינע רייד פאַרוואָס דאָ... בעת איך האָב געזען ווי איר וואַנדערט אַוועק אין מידבר אַריין און איר גייט גראָד אין דער ריכטונג ווו דאָס איז געשען, איז פאַר מיר נישט געווען קיין שום ספק אַז איך מוז היינט דאָס אייך דערציילן, אין דער ערשטער נאַכט פון אונדזער נסיעה...

ער האָט אויפגעהויבן אַ צאָרנדיק פּנים צו די פייגל און געטייטלט צום הימל מיט אַ פינגער.

— זיי זענען געווען די עדות פון יענער באַגעגעניש. מיר דוכט זיך אַז זייט יענער נאַכט איז זייער געלעכטער געוואָרן נאָך שפּאָטישער, נאָך שגעונדיקער...

איך האָב געשוויגן און מיין שווייגן איז פול געווען מיט מחשבות וואָס האָבן זיך בליץ־שנעל געביטן: אַ פרוי וואָס איז פון אים אַוועק? אַ געליבטע? דער פאַראַט פון אַ חבר? אַ קאַטאַסטראָפע? אַ רויב־אָנפאַל אין טויטן האַרץ פון אויסטראַליע? זכרונות פון לאַגער? און אפשר איז אים דאָ באַפאַלן די מיטנגנאַכטיקע שעה פון חאַלוצינאַציע?...

— בלייבט שטיין! — האָט ער אויסגערופן.

איך האָב אים שטיל באַטראַכט. כ'האָב געזוכט אין זיין בליק דאָס פאַרכישופטע, דאָס נאַכטיקע, דעם אָפּשיין פון די ליכטיקע האָריזאָנטן. איך האָב אָבער גאָרנישט באַמערקט אַחוץ קנייטשן אַרום די שלייפן און די מידקייט פון אַ מענטש נאָך האַלבער נאַכט.

— דאָס איז געשען דאָ, אויף דער פערמע. עס איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון מיין קומען קיין אויסטראַליע. איך בין געווען אין די דייטשע לאַגערן. נאָך דער באַפרייאונג האָט מיר אַ ווייטער קרוב געשיקט אַ פּערמיט... אין די „אונרא־לאַגערן" האָב איך זיך אויסגעלערנט זיין אַ מעכאַניקער פון אויטאָס און אַ שאָפער. כ'האָב געפירט טראָקס אויף דעם וועג און בין אָפט פאַרביי־

געפאָרן דורך דער שעפּסן־פערמע. עס איז געווען אַזאַ שלאָפלאָזע נאַכט ווי היינט... צוויי לאַסט־אויטאָס געלאָדענע מיט בוי־מאַטעריאַל זענען געשטאַנען ביי דער זייט פון וועג. איך בין אַרויס פון מיין אויטאָ. אין הויף האָט זיך שוין געבראָטן דער שעפּס. דער אַלטער פערמער האָט אַ צוגאָב־פּרנסה: ער פאַרדינגט נאַכטלעגער פאַר די שאָפערן און גרייט צו ווײַן מיט געבראָטענע שעפּסן. ער האָט מיר געגעבן אַ מעסער מיט אַ גאָפּל און כ'האָב זיך אַוועקגע־זעצט ביים שייטער. דאָרט זענען שוין געזעסן צוויי פאַרשוינען. דאָס זענען געווען די שאָפערן פון די אויטאָס. זיי זענען דאָ, זעט אויס, אויך געבליבן אויף נאַכט. איך בין געווען מיד און נישט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין געשפּרעכן. כ'בין געזעסן אין אַ זייט און געזען ווי דער שייטער באַלייכט זייערע הענט און זייערע פּנימער. מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט זייער לשון: זיי האָבן גערעדט צווישן זיך דייטש. עפּעס האָט מיך אַ צי־געטאָן צום פייער. איך האָב זיך דערנענטערט צום הענגענדיקן שעפּס און גענומען שניידן אַ שטיק פלייש. איך האָב אים דערקענט: דאָס איז געווען סעפּ בוטקע... דער דייטשישער אויפזעער אין מיין לאַגער... סעפּ... דאָס געשפּענסט... איך האָב אונטערגעוואָרפן שטיקער האָלץ... דער פלאַם איז אויפגעשפּרונגען... איך האָב ס'גאַנצע האָלץ וואָס איז נאָר געלעגן ביים שייטער געשליידערט אין פייער אַריין... די פּנימער פון די צוויי פאַרשוינען האָבן זיך אויסגעוויקלט פון אַלע שאָטנס... איצט האָב איך גוט געזען סעפּן. ער איז עלטער געוואָרן... דאָס איז ער... און פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף ענגליש און איז באַלד אַריבער אין דייטש... העי, קערל, דאָנערוועטער! דו ווערסט דאָך פאַרברענען אויף קויל דעם שעפּס! וואַרום אַזאַ פייער?!!! אין דעם געשריי האָט ער זיך אַנטפּלעקט פולשטענדיק. עס איז מיר מער נישט געווען קיין ספק אַז ער איז עס. ער! דאָס זעלביקע געשריי! אַ פּנים קען זיך ענדערן אָבער קיינמאָל נישט דאָס געשריי! ער איז עס! באַלד נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געוווּסט אַז סעפּ שטאַמט פון נידערבייערן, אַז זיין היימשטאָט האָט געהייסן פאַלקענשטיין. איך האָב אויסגעפונען אַ חבר פון לאַגער און מיר זענען געפאָרן קיין פאַלקענשטיין. עס איז פיר שעה מיט דער באַן פון מינכן... מיר האָבן אויסגעזוכט דאָס הויז פון סעפּ בוטקע... אַ וואָך צייט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין דער שטאָט. מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז סעפּ לעבט. ביינאַכט האָבן מיר געחלומט ווי אַזוי נקמה צו נעמען. ער איז אָבער מער נישט געווען אין שטאָט. איצט האָב איך אים אַנטדעקט... איך קען גוט זיין פּרצוף... מיר האָבן דעמאָלט געהאַט צונויפגעקליבן זיינע פאָטאָס... אין

דער שטורמיוגנט... דער פּאַנצן־טרעגער... דער רייכס־סאָלדאַט... סעפּ מיט זיין באַשערטע... סעפּ מיט קאַמעראַדן... איצט זיצט ער ביים פייער און האַלט אין זיין האַנט אַ שטיק שעפּסן־פלייש... ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען צעוואַרפן דאָס פייער... געטראָטן דאָס פייער מיט די שטיוול און געשאָלטן... איך האָב געשוויגן... בלויז די פייגל האָבן שגעונדיק געלאַכט... אַ גאַנצע נאַכט בין איך אַרומגעגאַנגען איבער דער פערמע. איך בין אַרויס אין מידבר אַריין... געגאַנגען ביז אַלץ איז נעלם געוואָרן; די פערמע, די לאַסט־מאַשינען, די נידעריקע קוסטעס. דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן לויפן צוריק. איך בין אָנגעקומען ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו גרויען. פּאַרטאָג זענען ביידע דייטשן אַרויס פון דעם באַראַק. סעפּ האָט אָנגעצונדן זיין מאָטאָר און געפאָרן אין מידבר אַריין. דער צווייטער דייטש איז צוריק געפאָרן קיין סידנעי...

מיין פריינד האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. איך בין געשטאַנען קעגן־איבער אים און גערולדיק געוואַרט.

איך האָב געוווּסט אַז די דאָזיקע באַגעגעניש האָט זיך נישט געענדיקט אַזוי אידיליש. איך האָב שוין אָנגעהויבן צוצוטראַכן דעם סוף פון דער געשיכטע. און אפשר איז בכלל קיין סוף נישט געווען? אפשר איז דאָס די איבערלעבעניש וואָס דריקט אים?

— אָט דאָ ווו איר זיצט, דאָ האָב איך אים מיט די רעדער פון מיין קאַמיאָן צעטראָטן, דאָ, אויף דעם אָרט!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האַסטיק אָפּגעשפּרונגען פון פּלאַץ. — דאָ איז עס געשען! איך האָב אים אָנגעיאָגט מיט מיין לאַסט־וואָגן, אַ קער־געטאָן זיך אין דער ברייט פון שאָסיי און אָפּגעשטעלט די מאַשין. דער דייטש האָט געזאָטן פון רוגזה. „העי דו שטאַמסט פון פאַלקענשטיין, פון בידער־בייערן? דיין נאָמען איז סעפּ? ענטפער!" איך האָב נישט געהערט זיין ענטפער ווייל ער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר און עס האָט זיך דערהערט אַ וויסט־געררויש און געבראַזג פון די בלעכן. „סעפּ! אַרויס פון וואָגן! אַרויס!" איך האָב אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון טאַש און געשריגן: „ראַוס פון וואָגן! ראַוס! איך וועל שיסן! ראַוס!" ער איז אַרויס פון דער מאַשין און אויפגעהויבן ביידע הענט אין דער הייך. „איך האָב ניקס... קיין געלט..." „העי סעפּ איך זוך דיך שוין יאָרן־לאַנג! געדענקסט מיך פון לאַגער! דו, וואָס האָסט פּאַרפייניקט הונדערטער מיינע קאַמעראַדן! סעפּ, עס איז געקומען די צייט פון באַצאָלונג!"

איך האָב געזען ווי ער ווערט קלײן, נישטיק, בײגט זיך, אײן דרײען און ווי אַ קאַץ איז ער אַ שפּרונג־געטאָן אויף צוריק און אַנגעהויבן לויפן. איך האָב אים נאָכגעיאָגט מיט דער מאַשין. מיט אײן האַנט האָב איך געקערוועט דאָס ראָד און מיט דער אַנדערער האָב איך געצילט אויף אים. ער איז געלאָפן אַ פּופציק מעטער מיטן שאָסײ. עס האָט געדויערט ביז איך האָב געלאָזט די מאַשין אין אַ שנעלערן גאַנג און אַז איך האָב אים שוין געהאָט דערגרײכט האָט ער זיך פאַרקערוועט און געלאָפן זיג־זאַגיש אין מידבר אַרײן. איך בין אים נאָכגעפאָרן. די לאַסט־מאַשין איז געשפּרונגען, אויסגעבויגן זיך און עטלעכע מאָל האָב איך געמײנט אַז אָט־אָט וועט זי זיך איבערקערווען. סעפּ איז געלאָפן שנעל. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרײט. איך האָב אויס־געשאָסן אויף אים איבערצושרעקן. איך האָב אָבער געוווּסט אַז סעפּ מוז אומקומען. איך וועל אים צעטרעטן מיט די שווערע טאָפּל־רעדער. איך וויל אים דערשעפּן ביזן סוף. נײן, ער וועט נישט אומקומען דורך אַ קויל. ער וועט אומקומען אַזוי ווי עס איז אומגעקומען מײן יונגסטער ברודער ווען ער האָט פאַרפּײניקט אין דער שטײן־האַקערײ שלײדערנדיק אויף אים שטײנער. איך ווײס דאָס פון די וואָס האָבן דאָס געזען! נײן, נישט מיט קײן קויל... „העי, סעפּ! דײן ענדע איז געקומען! לויף סעפּ! לויף שנעלער! דו וועסט פגרן! די שפּאַט־פײגל וועלן לאַכן... האַ־האַ־האַ!" — האָב איך געשריגן. מײנע קולות האָבן זיך געטראָגן איבערן מידבר און האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געשרײ פון סעפּן, מיטן גערויש פון דער מאַשין. ווידער האָט ער זיך אַרויסגעפּלאָנטערט ממש פון הינטער די רעדער. ער האָט זיך געוואָלט אָנכאַפּן אָן דער מאַשין, אײנקלאַמערן זיך אין דער טיר. איך האָב אים מיט דעם הענטל פון רעוואָלווער געשלאָגן איבער זײנע פינגער און זײ האָבן אָנגעהויבן צו בלוטיקן. ער האָט זײ אָוועקגענומען און איז געפאַלן לעבן אויטאָ, אין אַ זײט פון די פאָדערשטע רעדער. איך האָב ווידער אַ מאָל אויסגעשאָסן. ער האָט זיך געקאָרטשעט ווי אַ וואָרעם וואָס אַ שאַרפער אַקער וואַרפט אַרויס פון דער ערד אויף דעם ליכט פון טאָג. ער האָט מיט די הענט צוגעהאַלטן זײן קאָפּ, אַרומגענומען זײן גוף און ווען איך האָב זיך אַ ריס־געטאָן פאָרויס כדי צו קענען מאַכן אַ קרײז און אים כאַפּן מיט די רעדער — האָט ער זיך ווידער אויפגעשטעלט. ער האָט דערשפּירט, זעט אויס, אַז ער איז נישט געטראָפן געוואָרן פון קײן קויל, אַז ער גײט נישט אָפּ אין בלוט, אַז ער לעבט — און ער איז ווידער געלאָפן. „האַ־האַ!" — האָב איך געשריגן, „האַ־האַ!" דער מידבר האָט דרײפאַכיק אָפּגעענטפערט. ווי

לאַנג וועט עס אַזוי דויערן ? — האָב איך געטראַכט. עס איז מיר געבליבן אַ לעצטע קויל. איך האָב איר געהאַלטן טייער. ניין. נישט סתם שיסן אין דער לופט אַריין. ניין, סעפּ איז ווידער געפאַלן. מיין אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן אין אימפּעט. שטיקער ערד האָבן זיך אָפּגעריסן און געפלויגן אויף צענדליקער מעטער די הויך. אַ וואָלקן־שטויב אויסגעמישט מיט רויך. און עס איז געשען ממש אומגעריכט, סעפּ האָט זיך אויפגעהויבן און דערזען אַז אויף דעם שאָסיי, נישט ווייט, אַן ערך צען מינוט לויפן, שטייט זיין לאַסט־מאַשין און ער האָט אָנגעהויבן לויפן אין אַ גלייכער ליניע צו זיין וואָגן. איך האָב געלאָזט מיין מאַשין מיט אַ שנעלקייט פון הונדערט קילאָמעטער און מיט דער גאַנצער רוגזה אַרויפגעפאָרן אויף סטעפּן. די פאָדערשטע רעדער זענען אַריבער אים. איך האָב געפילט די ווייכקייט פון זיין גוף לויט דעם אויפצאַפּל, דערנאָך זענען אַריבער די צווייפאַכיקע אונטערשטע רעדער. איך האָב אויפגעריסן דאָס טירל מיט איין שטויס, אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און געזען ווי סעפּ ליגט מיט אַן איינגעגראָבן פּנים, אין דער מידבר־ערד. עס איז אַריין אין דער ערד און איז אַ זייט פון צעפלאַטשיקטן שאַרבן האָט זיך געטונקלט זיין בלוט, אַן אויסגעמישטס מיט מאַרך און זאַמד. — — —

— אַזוי ווי דעמאָלט פלאַטערן די שפּאַט־פייגל. זיי האָבן געקרייזט אַרום סעפּן, אַרום מיר און שגעונדיק געלאַכט. איך בין אויף דעם וועג שוין לאַנג נישט געפאָרן. איך האָב געמוזט עמעצן דערציילן די געשיכטע. איר דאַרפט דאָס וויסן. עס איז מיר לייכטער. מיר דאַכט זיך אַז איך האָב זיך באַפרייט פון עפּעס, איך האָב לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ מעגלעכקייט אויסצורעדן זיך. איר פאַרשטייט, איך וואָלט אפשר נישט נקמה־גענומען ווען ער שרייט נישט ביים שייטער מיט דעם זעלביקן געשריי... איך וואָלט אים איבערגעגעבן צו דער מאַכט פון דעם לאַנד... מען וואָלט אים סיי ווי גאָרנישט געטאָן... ער וואָלט אָפּגעקומען מיט עפּעס אַ שטראָף... פאַרוואָס האָט ער ביים שייטער ? — — — ניין, איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב אַזוי — — — איך וועל נישט בלייבן אין אויסטראַליע. איך קען נישט פאַרטראָגן דאָס געלעכטער פון די פייגל — — — עס איז שפּאָט, אַ וויסטער שפּאָט איבער דעם מין מענטש. — — —

ווען מיר זענען צוריקגעפֿאָרן פֿון אויסטראַליעס מידבר, פֿון דעם טויטן האַרץ אירן, איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. די העננ־בריק האָט איצט אויס־געזען ווי זי וואָלט געשוועבט צוזאַמען מיט אונדז איבער אַ תהום.

אַ מענטש אין אַ וואָלקן פון שטויב

— איז עמעצער לעבן־געבליבן פון דיין משפחה?

ער האָט אָוועקגעשטעלט די שווערע קופלע ביר, אַראָפּגעלאָזט די הענט און געשוויגן. מען האָט נאָר געהערט ווי די בייערן ציבעקן די פּיי־קעס ביי די לאַנגע הילצערנע טישן.

שוין צוויי טעג ווי איך געפין זיך אין דעם קליינעם דייטשן שטעטל ווירט. מיינער אַ פריינד פון דער אַמעריקאַנער באַזעצונגס־מאַכט האָט זיין זיצאָרט אין ווירט. איך בין זיין גאַסט. איצט זענען זיינע אַמט־שעהן, האָב איך צייט אַרומצובלאָנקען איבער דעם שטעטל, און אַזוי וואַנדערנדיק אי־בער די האַלב־שטאָטישע און האַלב־דאָרפישע געסלעך האָב איך זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ יונגן יידישן בחור.

— עמך? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט חשד, דערנאָך מיט נייגער און צום סוף מיט פאַרטרויאונג.

— איר האָט דאָלאַרן? איר ווילט טוישן? איר זענט אַן אַמעריקאַנער?

זעט אויס אַז מיין העל־גרינער מיליטעריש־געשניטענער אַנצוג האָט מיך געמאַכט אין זיינע אויגן פאַר איינעם פון די „אונראַ"־ באַאַמטע.

— ניין — האָב איך געענטפערט און געוואָלט אַוועקגיין. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם יונגן מענטש. ער איז אודאי נישט מער ווי צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. אַ ברוינלעך פּנים, שוואַרץ־געקרייזלטע האָר און שאַרפע פּנים־שטריכן.

— איך שטאַם פון וואָלין... זענט איר נישט פון אונדזערע געגנטן?

— און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין פון קאָרעץ.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און געזאָגט:

— איך קען קאָרעץ? זענט איר אפשר דאָרט געוועזן?

מיר זענען אַריין אין דער ביר־שענק. מען האָט געדאַרפט אַראָפּגיין עטלעכע טרעפּ. עס איז דאָ טונקל, דער רויך פון די פּייקעס קנוילט זיך

צווישן די מאַסיווע בעלקעס פון סופיט. אַ דייטשקע מיט אַ שמאַנט־פּנים, מיט נאַקעטע, קורצע הענט האָט אַוועקגעשטעלט ברוינע קופּליעס און גע־עפנט די דעקלעך.

— מיר האָבן געוווינט אין מאַרק. מיין פאָטער איז געווען דער האָלץ־סוחר...

— איך האָב אים געקענט — האָב איך שטיל געזאָגט. איך געדענק דיינע שוועסטער. איך בין געווען אַ לערער אין אַ שכנותדיק שטעטל לוד־וויפּאָל.

— איז עמעצער לעבן־געבליבן פון דיין משפּחה ? — האָב איך ווידער אַ מאָל געפרעגט.

— פאַרוואָס פייניקט איר מיך מיט דער פראַגע ? איר ווייסט דאָך סיי ווי אַלץ.

— יאָ, איך ווייס אַלץ.

ער איז אויפגעשפּרונגען.

— וואָס ווייסט איר ?

איך האָב אים באַטראַכט מיט חידוש, מיט באַדויערן; פאַרוואָס האָב איך זיך אַריינגעלאָזט אין דעם שמועס ? כ׳האָב געוואָלט פאַרריכטן דאָס וואָס איך האָב שלעכטס געטאָן מיט מיין פראַגע און נישט געוווּסט ווי אַזוי.

— איר האָט געזאָגט אַז איר ווייסט אַלץ און איצט שווייגט איר. איר ווילט נישט וואַרפן קיין באַשולדיקונגען אין פּנים אַריין, אַזוי ווי אַנדערע טוען דאָס. מען האָט איך שוין זיכער דערציילט וועגן מיר. איך ווייס אַז איר זענט דער פריינד פון דעם אַמעריקאַנער ייד וואָס איז דאָ דער עלטס־טער. ער האָט אייך געזאָגט אָדער עמעצער אַנדערש ?

איך האָב נישט באַנומען אין וואָס עס גייט. עס איז מיר געווען אומ־קלאָר זיין אויפרעגונג און נישט פאַרשטאַנען אין וואָס מען באַשולדיקט אים.

— איר האָט דאָך מיך אָפּגעשטעלט כדי צו פאַרפירן אַ שמועס. איך האָב געמיינט אַז איר ווילט מיט מיר ריידן וועגן דער דייטשקע מיט וועל־כער איך לעב און וואָס איז געוואָרן מיין ווייב. איך זע אַז איר זענט נישט אינפאָרמירט. מען האָט אייך נאָך נישט געזאָגט. סיי ווי וועט איר דאָס וויסן. זי איז נישט נאָר אַ דייטשין, זי איז די טאָכטער פון אַן עס־עס־מאַן וואָס ווערט געזוכט דורך דער באַזעצונגס־מאַכט. אייער חבר איז שוין פיל מאָל

געווען אין אונדזער הויז. מען האָט שוין געמאַכט רעוויזיעס. איך האָב אים געקענט אָטאָ דעם עס־עס־מאַן, ווילי האַנטקע...

איך האָב באַצאָלט פאַרן ביר און אַרויס פון דער שענק נישט זאָגנ־דיק קיין וואָרט דעם יונגן מענטש. עס זענען מיר געבליבן דריי פריי שעה ביז מיין פריינד וועט קומען מיט זיין מיליטערישן דזשיפ. איך בין אַוועק צו די בערג. זיי האָבן זיך דערהויבן מיט איין מאָל, אויף יענער זייט פלויט. נידעריקע נאָדל־קוסטעס, ליכטיק־זאַמדיקע פלעקן. אַ געפלאָס־טערטער שאָסיי, אַ שמאָלער, און רויטציגלדיקע כוטאָרן פאַרהילטע אין גרינס.

דער וואָלינער האָט מיך אָנגעיאָגט אויף אַ מאָטאָר־ראָד.

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! — האָב איך אויסגערופן.

ער האָט אַ שליידער־געטאָן דעם מאָטאָר־ראָד אין זאַמד אַריין. זיין פּנים האָט געפלאַמט נאָר די ליפּן זענען געווען בלייך און האָבן געציטערט.

— הערט מיך אויס... איך וויל אייך זאָגן דאָס וואָס איך האָב ביז איצט קיינעם נישט געזאָגט... עמעצער דאַרף דאָך וויסן דעם אמת... פאַר־שטויסט מיך נישט ווייל איך בין אומשולדיק...

ער איז געזעסן אויפן גראָז, געריסן שטיקער וואָרצל, געמאַרשטשעט גרעזלעך צווישן די פינגער און גערעדט:

— האַנטקע איז געווען דער קאָמענדאַנט פון אונדזער שטעטל. איך בין געווען זיין שיק־יינגל, זיין באַדינער, ווייל איך האָב געקענט דייטש.

איך פלעג טראָגן פּאַקעטן וואָס ער פלעגט זייער אָפט שיקן צו זיין משפּחה. „עלפרידאַ האַנטקע. ווירט... נידערבייערן אונד אבערפאַלץ". איך האָב זיי באַזאָרגט פון דעם פּאָסט־אַמט. פיל מאָל האָב איך אייגנהענטיק געשריבן די אַדרעסן אויף די פּאַקעטן. איך בין געבליבן איינער אַליין. די עלטערן זע־נען דערמאָרדעט געוואָרן. די יידן זענען פאַרפייניקט געוואָרן. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן. נישט איין מאָל האָב איך שטילערהייט איבערגעחזרט דעם אַדרעס: עלפרידאַ האַנטקע. ווירט... צוויי חברים זענען מיר געווען. ביידע לעבן־געבליבענע, מיר זענען געפאָרן נקמה נעמען אָן דעם עסעסמאַן ווילי האַנטקע. באַלד נאָך דער באַפרייאונג איז עס געווען. מיר זענען אַדורך דער פוילישער גרענעץ, אויפגעהאַלטן זיך אין אונרא־לאַגערן פון עסטרייך ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין נידערבייערן אין אָבערפאַלץ. אין ווירט האָב איך אויסגעפונען דאָס הויז פון די האַנטקעס. ער איז נישט געווען. איך האָב זיך דערוווּסט אַז ער לעבט ערגעץ און ער ווערט געזוכט פון דער באַזעצונגס־

מאַכט. מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן אין אַ צימער, נישט ווייט פון די האַנט־קעס, אין אַ קליין האָטעלעכל. טעג בין איך געשטאַנען ביים פענצטער און געוווסט ווען די לאָדנס עפענען זיך, ווען זיי ווערן פאַרמאַכט. איך האָב געזען ווי די טאָכטער גייט איינקויפן, ווי די מאַמע און די טאָכטער גייען אין די זונטיקס אין דער קירכע. איך האָב געוואָלט פאַר יעדן פּרייז אַריינבאַקומען זיך אינעווייניק, אין דער וווינונג. אפשר וועל איך זיך דערוויסן דעם סוד פון זיין אויפהאַלט? איך האָב געוואָלט זען די זאַכן פון שטוב; זייערע קליי־דער און זייער צירונג, איך האָב גוט געדענקט וואָס די יידן האָבן אים געמוזט אַוועקגעבן. אַ קעסטל גאָלד האָט ער פאַרלאַנגט. מיין פאָטער האָט געטראָגן דאָס קעסטל מיט גאָלד. עס איז געווען אַ קעסטל פון טשוועקעס. מען האָט צוגענומען אַלע קדושה־רינגלעך, אַלע זייגערלעך, אַלע אויררינגלעך, אַלץ, און געטראָגן צו ווילי האַנטקע. מיין חבר האָט מער נישט געוואָלט בלייבן. „סאיז אַ משוגעת צו היטן דאָס דאָזיקע הויז אין ווירט". ער איז אַוועק. איך בין געבליבן אַליין. איין ייד אין שטעטעלע, דערנאָך זענען געקומען נאָך יידן. „אונראַ" האָט רעגולער געשיקט פּאַקעטן מיט שפּייז און איך האָב אויך באַקומען שפּייז־קאַרטן. אייער פריינד, דער אַמעריקאַנער האָט מיר באַזאָרגט פון אַלעם גוטן. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט די שכנים מיינע — די האַנט־קעס. כ'האָב זיי געשענקט „באָנען־קאַפע" און אַמעריקאַנער ציגאַרעטן. זיי האָבן מיך פאַרבעטן צו זיך. איך בין געגאַנגען און געבראַכט פאַר זיי מתנות. איך מוז זיך דערוויסן ווו איז דער מערדער פון שטעטל. ווו איז ער? ער לעבט דאָך! איך וועל אַריינדרינגען אין זיין הויז און עס פאַרברענען, נאָר פריער וועל איך עס פאַראומרייניקן. איך וויל נקמה נעמען. נקמה פאַר גע־פייניקטע עלטערן. איך האָב שוין געהאַט צוגעגרייט דעם פּלאַן פון פאַרברע־נען דאָס הויז. כ'האָב געקויפט דעם מאַטעראַד כדי צו האָבן בענזין. איך האָב שוין אַפילו געוווסט דורך וועלכער זייט איך וועל אַריין אין פּאָדער־הויז און עס אָנצינדן. איך האָב געטראַכט, אַז די בעסטע שעה וועט זיין דריי ביינאַכט. דאָס איז געווען די שעה ווען עס האָט אויפגעפּלאַקערט דער פלאַם אין אונדזער געטאָ, בעת דער לעצטער אַקציע. האָב אָבער דאָס אָפּגעלייגט טאָג נאָך טאָג. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז עס וועט אַוועק מיט דער שריפה אויך דאָס הילצערנע הויז פון שכן, און דאָרט לעבט אַ זקן, אַ גוטמוטיקער אַלטער דייטש וואָס האָט עטלעכע מאָל פאַרפירט מיט מיר שמועסן. ער איז געווען ליבקנעכטס אַ קאַמעראַד און זיינער אַ זון איז אומגעקומען אין אַ דייטשן קאָנצענטראַציע לאַגער. איך בין געוואָרן אַ גאָר אָפטער גאַסט אין

האַנטקעס הויז. אין אַ שיינעם טאָג האָט מיר די דייטשקע פאַרגעלייגט וווי־נען אין זייערס אַ צימער. איך האָב איינגעשטימט.

דער יונגער וואַלינער בחור איז שטיל געוואָרן. איך האָב געפילט אַז ער זוכט ווערטער, אַז ער וויל ווייטער ריידן און ווייס נישט ווי אַזוי זיך אויסצו־דריקן.

— איך האָב אָנגעהויבן לעבן מיט איר. זי איז געקומען אין דער ערשטער נאַכט אין מיין צימער. אַן עטלעכע פערציק־יאָריקע דייטשקע. זי איז געווען הכנעהדיק ווי אַ דינסט־מויד. וואָס חוצפּהדיקער און פרעכער איך בין גע־ווען מיט איר אַלץ מער הכנעה האָט זי אַרויסגעוויזן, ממש אַ געפאַלענער קנעכט. כאַ־כאַ־כאַ, ווילי האַנטקע, זע, איך בין מיט די שטיוול אַריין אין דיין הייליקער היים! איך וועל נאָך באַשלאָפן דיין טאָכטער אויך... דאָס איז די בעסטע נקמה... ווילי האַנטקע, דו, פאַרשוין פון דער העכערער ראַסע... זע ווי זי וואַלגערט זיך ביי מיינע פיס! כאַ־כאַ־כאַ...

זיין געלעכטער האָט אָפּגעקלינגען ווי אַ געהויל.

— אַזוי איז אַדורך אַ האַלב יאָר. די טאָכטער האָט געטראָגן פון מיר. איך האָב געזען ווי איר פּנים ענדערט זיך, ווי אַזוי עס פאַרשווינדט דאָס אומהיימלעכע, דאָס פרעמדע, דאָס אַרישע, דאָס וואָס מען האָט איינגערעדט זיי — די העכערע ראַסע, און זי הייבט אָן ווערן אייגן, מענטשלעך־ליידנדיק. איך האָב געהערט איר שטיל געוויין און דערפילט איר שרעק פאַר דעם אָנ־קומענדיקן געבורט... אויך די מוטער האָט זיך געענדערט. „איך בין אַלט פאַר דיר. עס איז געווען אַ זינד". — האָט זי מיר געזאָגט. זיי זענען געגאַנ־גען אין דער קירך יעדן טאָג. איך האָב נישט געקענט איינהערן זיך אין די שטילע שלוכצן: איך וועל דיך אָפּיציעל הייראַטן... זאָל נישט געבוירן ווערן אַן אומלעגאַל קינד. איך וויל אַז אַלע זאָלן וויסן, אַז דאָס קינד איז פון מיר. איך האָב געהאַט דערביי אַן אויסרעכענונג. עס איז מיר געגאַנגען אין דעם, אַז אַלע זאָלן וויסן, אַז די טאָכטער פון האַנטקע האָט אַ קינד פון אַ ייד. זאָל עס געשען אָפן, פאַר דעם פריסטער און פאַר אַלע איינוווינער פון ווירט! איך האָב „גענומען שלוב" אין דער קירכע. כ'בין געשטאַנען מיט פאַרביסענע ליפּן, אַ פאַרשטיינערטער און געקוקט מיט פאַרבאָרגענעם שפּאָט אויף דער גאַנצער שפּיל. נאָך דעם ווי דאָס קינד וועט געבוירן ווערן וועל איך אַוועק. זאָלן זיי האָדעווען אַ יידיש קינד! איך וועל פאַרלאָזן ווירט. און ווי אויס־טערליש און ווי אומפאַרשטענדלעך דאָס זאָל נישט זיין, האָב איך דעם פּלאַן פון אַוועקגיין אויך נישט געקענט אויספירן...

— ווו געפינט זיך ווילי האַנטקע? — האָב איך געפרעגט נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן.

אַ פויער האָט פאַרבייגעטריבן עטלעכע קו. פון ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ געָרויש פון לאַסט־וועגענער.

— כ׳ווייס נישט.

— דו ווייסט!

ער האָט אויפגעהויבן דעם מאָטאָרראָד.

— האָ־האָ, איר וועט קיינמאָל נישט וויסן ווו עס איז ווילי האַנטקע. ער האָט שוין באַקומען זיינס...

דער מאָטאָציקל האָט זיך צערוישט און זיינע רייד האָבן איבערגעשריגן דעם גערויש פון מאָטאָר:

— ווילי האַנטקע איז קאַפּוט... ווילי האַנטקע האָט באַקומען זיין שטראָף...

דער יונגער מענטש איז נעלם געוואָרן פאַרהילט אין שטויב־וואָלקן.

די הייליקע פון סדום

—זאָשאַ וועט קיין טאָג לענגער ביי אונדז נישט בלייבן! איך וואַרף אַרויס איר וואַליזע! — האָט יעזשי הויך געזאָגט צו זיין פרוי. ער איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר אַ צאָרנדיקער און געוואַרט אויף עפּעס. דער מאַנטל צעשפּילעט, דער הוט אין דער האַנט, דאָס פּנים מיט רויטע פלעקן פון אַנגסטן וואָס זענען אים באַפאַלן. און אַז דאָס ווייב האָט נישט איבערגעריסן איר שווייגן איז ער האַסטיק אַריין אין זייטיקן צימער און אַ כאַפּ געטאָן אַ גרויסן געפלאָכטענעם קיפער פון אַ ליכטיקן שטרוי און אים געטראָגן צו דער טיר. דאָס דעקל האָט זיך געעפנט און עס זענען אַרויסגעפאַלן קאָליריקע נאַכט־העמדער, זיידענע שטוב־כאַלאַטן, פאַרגעלטע פּאָטאָס און אַ פרויען־שוך אויף הויכע זילבערנע קנאַפּל.

— זי איז אַ פּראָסטיטוקע... זאָשע שטייט אין ראָג זאַכאָדניע גאַס... עס איז אַ חרפּה... שוין חדשים ווי זי וווינט אין אונדזער הויז... ווי אַזוי האָסטו געוואַגט איר אַריינצונעמען אין שטוב? דו האָסט דאָך געוווסט דערפון?

— שטעל צוריק די וואַליזע אויפן אָרט ווו זי איז געשטאַנען! זאָשאַ וועט בלייבן דאָ וווינען!

אַ שטיל קול, נאָר גראָד די שטילקייט האָט אים געליימט. יעזשי האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין פרוי מיט פאַרדאַכט. דאָס האָט געדויערט נאָר איין רגע און מיט אַ מאָל איז אים אַלץ קלאָר־געוואָרן.

— זי האָט דיך אויסבאַהאַלטן אין די נאַצי־צייטן? דו האָסט געוווינט אין איר דירה? כאַ־כאַ־כאַ.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין סאַרקאַסטישן געלעכטער און כדי אַז ער און זי זאָלן פאַרגעסן אין דעם אומהיימלעכן געלעכטער, האָט ער זיך ווידעראַמאָל צעשריגן און מיט אַלע כוחות געשלעפּט דעם אָפענעם קיפער צו דער טיר, דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן צונויפצונעמען די זאַכן וואָס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. איין בילדל האָט

אים פאַרזזידושט: דאָס איז געווען אַ קליינע פּאַטאַ פון אַ ייד. עס איז אים אויסגעקומען אַז ער קען דעם מענטש. אַ פול פּנים, געדיכטע ברעמען, צעשמיילכטע אויגן, די הענט אָנגעשפּאַרט אָן אַן אונטערגעשניטענעם בוים, דאָס ליצעפּעטישע היטל נאָ באַקיער. דאָס איז געווען אַ פּאַטאַ פון אַ מענטש אין די אָנהייב פון פערציק.

— דיין פּאָטער? — האָט ער געפרעגט.

— זאָלסט שוין צוריקשטעלן אַלץ אויפן אָרט!

די פרוי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און איר פאַרמאַכט.

— איך וועל נישט לאָזן אַרויסוואַרפן אירע זאַכן! שלאָג מיך! איך וועל זיך פון אָרט נישט רירן!

— בלייב מיט איר אין אײַן הויז. איך גיי.

— גיי! — זי האָט צעפּראַלט די טיר. — גיי!

— אָהאָ איצט פאַרשטיי איך אַלץ.

ווידער איז ער אויסגעבראָכן אין זיין סאַרקאַסטישן געלעכטער. ער האָט זיך אויסגעמישט, זיין געלעכטער, וואָס איז געווען הילכיק און שאַרף מיט איר געוויין.

איר פּאָטער איז געווען אַ קצב פון די וואַרשעווער האַליעס. ווען מען האָט אָפּגעשלאָסן די געטאָ איז זי אַלט געווען פערצן יאָר. צווי שוואַרצע צעפּלעך פאַרבונדענע מיט גרינע לענטעס און אַ געפּאַלבט גראַנאַט קליידעלע. דער פּאָטער: הויך, ברייט, הענט גרויסע, אָפּשטייענדיקע. די מאַמע: נידעריק, פעט, מיט אַ הייזעריק קול פון אַ גאַנצן טאָג רופן קונים צו איר געשטעל פון געפליגל אין די האַליעס. אין דער נאַכט, ווען די געטאָ איז שוין געווען באוואכט, האָט איר דער פּאָטער צוגעפירט צו דער מויער און געזאָגט: מאַניטשקע, וועסט גיין מיט ניזקע גאַס ביזן סוף, דערנאָך וועסטו פאַרקערווען רעכטס. איר נאָמען איז זאָשאַ. זאָג איר אַז די ביסט מיין טאָכטער... ווייגדער אָבאַלס קינד... ער האָט געווישט די טרערן און מיט רוגזה גערעדט: — גיי, שרעק זיך נישט... זאָלסט זיך נישט אומקוקן אין גאַס... גיי שנעל, נאָר לויפן זאָלסטו נישט... זאָשאַ איז אַ... — ער האָט איר פעסט אָנגענומען פאַר די אַקסל און דאָס קינד האָט דערזען לויכטנדיקע טרערן וואָס זענען געבליבן פאַרגליווערט. — זי נעמט אויף געסט... נו, מעגסט שוין וויסן דאָס, ביסט דערוואַקסן, טאָכטער, — זי איז אַ גאַסן־מויד, נאָר אַ האַרץ האָט זי אַ גוטס. זי וועט דיך אויסהיטן. זי וועט זען אַז דו זאָלסט לעבן־בלייבן און בלייבן ריין.

אויב נישט, און אַז איך וועל איבערלעבן, וועל איך זיך מיטן קצבישן מעסער דעם האַלדז איבערשניידן. ער האָט איר אויפגעהויבן אויף זיינע פעסטע הענט און געוואַרט ביז די טאָכטער וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער צווייטער זייט. עטלעכע מאָל איז זאָשאַ אַריין אין געטאָ. זי האָט אויפגעזוכט ווידער אָבער און אַריינגעשמוגלט שפּייז פאַר אים און זיין הויזגעזונט. דערנאָך האָט די קליינע מאַניאַ פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיט די עלטערן. זי האָט געלעבט אין אַ זייטיק צימערל און געהערט שיכורע קולות פון מענער. טייל מאָל זענען דאָס געווען דייטשן. אַניאָלעק — האָט איר זאָשאַ גערופן. שוויענטי אַניאָלעק מוי. נישט איינמאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געזען זאָשען קניען פאַר איר בעט. איין מאָל האָט זי פון דער שאַפע אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיע און איר געוויזן דער קליינער מאַניאַ. דאָס איז געווען אין דעם טאָג ווען עס האָט אָנגעהויבן צו ברענען דאָס געטאָ. „דערקענסט? אַניאָלעק, דאָס איז דיין פאָטער. ער איז געווען מיין בעסטער, מיין אויסדערוויילטסטער. דו וויינסט? מאַניטשקאַ, וויין נישט. דו ביסט שוין אַ גרויסע, ביסט שוין פופצן יאָר אַלט. איך ווייס אַז דו, זעסט אַלץ און פאַרשטייסט אַז איך בין אַ זינדיקע. הער אויף צו וויינען. אַהאַ, איך פאַרשטיי שוין פאַרוואָס דו פאַרגיסט טרערן? דאָס איז דערפאַר וואָס דיין טאַטע איז געווען מיין געליבטער? עס געפעלט דיר אפשר נישט? שעמסט דיך?"

זאָשאַ איז געווען שיכור. עמעצער האָט איר געצווונגען צו טרינקען. און דאָך האָט זי זיך געהאַלטן אויף די פיס. זי האָט געלאַכט און געוויינט. אַריינגעפאַלן אין צאָרן און מיט אַ מאָל איז אַ גוטסקייט אויסגעגאָסן געוואָרן אויף איר פּנים און אירע הענט האָבן געגלעט דעם מיידלס צעפּלעך.

— ווי נאַריש איך בין. ווער האָט געזאָגט אַז איך בין אַ זינדיקע? איך גיב יעדן איינעם דאָס ביסל פריידן וואָס ער זוכט. איך פאַרדין ערלעך מיין ברויט. גיי, זע וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס וועלט! חיות גייען אַרום אויף דיין ערד נישט קיין מענטשן. מען ראַבירט! מען מאָרדעט! מען פאַרברענט מענטשן לעבעדיקערהייט און די געפאַלענע און די זינדיקע — בין איך, די אָרעמע זאָשאַ. ווען גאָט וואָלט אַראָפּגעשיקט זיינס אַ הייליקן, וואָלט ער קיין מער ריינער אָרט אין דער הפקרדיקער שטאָט נישט געפונען ווי מיין געלע־גער. כאַ־כאַ־כאַ... דו לאַכסט, מאַניטשקאַ? לאַך מיט מיר, זאָלן זיי פּגרן, די דייטשן, און אַלע זייערע העלפער. דיין פאָטער איז געווען דער ערלעכסטער און דער בעסטער פון אַלע וואָס איך האָב געקענט. ער פלעגט קומען צו מיר יעדן פרייטיק. דאָס איז געווען זיין טאָג. איך שוואָר ביי דער הייליקער

מאַטקאַ באַסקאַ פֿון טשענסטאָכאָווער באַרג דעם ליכטיקן, אַז פֿרייטיק האָב איך קיינעם נישט אויפֿגענומען. ער איז געקומען צו מיר אַזוי עטלעכע יאָר. איך האָב געוווסט אַלע דיינע חכמות, אַלע דיינע איינפֿאַלן, איך האָב נאָכגע־זונגען אַלע לידלעך וואָס דו האָסט געזונגען פֿאַר דיין פֿאָטער. ער האָט מיר געוויזן דיינע פֿאָטאָס. וועגן דיין מאַמע האָט ער נישט גערעדט. זי איז אים די יאָרן דערגאַנגען. ביי מיר האָט ער געפֿונען ליבשאַפֿט און דו. האָ־האָ, דו וועסט פֿאַרשטיין... איך וועל דיך אָפּהיטן ווי אַן אייגן קינד. דו ביסט אַן אַניאָלעק פֿון הימל. גאָט אַליין האָט געוואָלט אַז איך זאָל קענען מיט איין מאָל געריינינקט ווערן. פֿאַר מיר וועלן זיך עפֿענען אַלע טירן פֿון די הימלען. איך וועל דיך אָפּהיטן. דו וועסט לעבן־בלייבן...

בעתן אַרויסטרייבן די באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע, אין שפּעטן זומער 1944, נאָכן אויפֿשטאַנד פֿון באָר־קאָמאַראָווסקי, זענען ביידע צעשיידט געוואָרן. מאַניאַ איז פֿאַרשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ערשט אָנהייב 1946, אין לאָדזש, האָט איר מאַניאַ דערקענט אין גאַס. זאָשאַ האָט אויסגעזען אָרעם און פֿאַרעלטערט.

— וועסט וווינען מיט מיר. איך האָב שוין אַ מאַן.

— איך פֿאַר אַוועק צו מיין משפּחה אין דאָרף. ניין. עס וועט בעסער זיין אַז איך וועל דיך מער נישט זען.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער איז זאָשאַ געקומען. זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן שטרויענעם קיפֿער און געזאָגט: — אַניאָלעק מוי, איך האָב נישט וווּ צו זיין.

מאַניאַ האָט נישט אויפֿגעהערט וויינען. די טיר איז געווען צעפּראַלט. דער קיפֿער — אין מיטן שטוב, צעעפֿנט און אין האַנט האָט זי געהאַלטן דעם פֿאָטערס פֿאָטאָגראַפֿיע. און אַז זי האָט אויפֿגעהערט וויינען האָט זי זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. זענען דאָס נישט יעזשיס טריט? זי האָט געוווסט אַז ער וועט צוריקקומען. יעזשי מוז צוריקקומען. דער שמייכל פֿון איר פֿאָטער האָט איר איצט געדרייסט. זי האָט געוואָלט נאָך אַ מאָל אַרויסרופֿן אין זכרון יענעם הויכן, געזונטן מענטש, וואָס האָט איר אויפֿגעהויבן אויף זיינע הענט ביי דעם געטאָ־מויער. מיט אַלע כּוחות האָט זי געשלעפּט דעם קיפֿער צוריק אין צימערל אַריין און אים צוריקגעשטעלט אויפֿן זעלביקן אָרט ווי ער איז געשטאַנען, דערנאָך האָט זי דאָרט אַריינגעלייגט דעם טאַטנס

בילדל און געשפּירט ווי עס גייט אויף אין איר אַ וויסטער כעס קעגן יעזשין. דאָס בלוט פון פאָטער האָט זיך צעשפּליט אין איר און זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, געשריגן צו דער אָפענער טיר אין וועלכער עס איז געשטאַנען דער מאַן:

— אויב דו מיינסט אַז איך האָב זיך פאַרקויפט אַזוי ווי אַ גאַסן־מויד קענסטו שוין גיין פון דאַנען! זאָשאַ וועט ביי אונדז בלייבן אַזוי לאַנג ווי זי וועט וועלן! איך האָב איר געזאָגט: הער אויף צו שטיין אין ראָג, נאָר זי וויל נישט לעבן אוף דיין חשבון! זי האָט אַ רעכט צו טאָן מיט זיך וואָס זי וויל! זאָשאַ איז די ערלעכסטע קריסטין וואָס איך האָב געקענט. זי האָט מיך געראַטעוועט. פאַר מיר איז זי ווי אַ מאַמע געווען.

איר געוויין איז געוואָרן הילכיקער. עס איז גוט געווען אויסצוווייגען זיך. אין דעם געוויין איז געווען פאַרבאָרגן איר כעס קעגן דעם ביטערן גורל און איר אָנמאַכט פאַרוואָס זי האָט נישט געקענט איינרעדן זאָשען אויפצוהערן מיט אירע פאַרנאַכטיקע גענג צום ראָג פון זאַכאָדינאַ גאַס. זי האָט באַדויערט וואָס איר פאָטער איז דערוויטערט געוואָרן פון איר דורך דעם בילדל וואָס זי האָט היינט ווידעראַמאָל געזען. אין אירע אויגן איז עס שוין נישט געווען דער פאָטער נאָר איינער פון די האַליעס, אַ געזונטער הויכער יונג, אַ גוטמו־טיקער, וואָס האָט געזוכט אַ ביסל פרייד ביי זאָשען. זי האָט איצט געפילט פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר צוויי מענטשן, און בײדע זענען פאַראייביקט געוואָרן אין איר זכרון: דער קצב־יונג אַבאַל און זאָשאַ.

די פאַרם אין טעקסאַס

טעקסאַסער פלאַכלאַנד. גרין־פּיאָלעט גראָז, נידעריק, געשלענגלט און אַ ברייטער שאָסיי וואָס גלאַנצט אין דער זון ווי מעטאַל מיט פלעקן פון אויל. ברוינע קי, הויקערדיקע מיט אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער זענען צע־וואָרפן איבער די פעלדער. ווייטע האָריזאָנטן, באַקעטע, מיט סילועטן פון גרויע, געקרייזלטע וואָלקנס, אומבאַוועגלעכע. בלויז דער הימל איבערן קאָפּ איז ליכטיק־בלאָ.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק און געוואָלט זען די שטעגן וואָס פירן צו די פאַרמס, געוואָלט דערזען אַ בוים, אַ שאָטן און גאָרנישט געקענט אַנטדעקן אַרום מיר. פלאַכלאַנד און ווידער אַמאָל פעלדער אין דער זון וואָס זענען צעטיילט מיט צוימען פון שטעכיקן דראָט. די צוימען ציען זיך אויף קילאָמעטערס און אין די צוימען — אומבאַוועגלעכע פי, אַלע ברוין ווי פון ציגל איבערגעברענטן.

דאָס איז טעקסאַס. אַזוי זעט אויס דער וועג פון קאָוובאָישן שטעטל ווייקאָ אויף דרום. דריי טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין ווייקאָ. איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט מחמת פאַרשיידענע סיבות. איך האָב זיך צוערשט אַליין איינגערעדט אַז איך מוז זען דאָס אמתדיקע טעקסאַס, און היות ווייקאָ ליגט סיִיווי אויפן וועג קיין יוסטאָן און גאַלוואָסטאָן, וועל איך דאָ בלייבן עטלעכע טעג און באַזוכן די פאַרם פון מיין לאַנדסמאַן. עס איז מיר געגאַנגען אין מאַכן אַ פאַרגלייך מיט דעם טעקסאַס וואָס איך האָב געקענט פון מיין פריער ייִנגלצייט. איך האָב זיך באַקענט מיט טעקסאַס דורך די אַלערליי ביכלעך און דורך די פילמען, וואָס איך האָב געזען נאָך אין מיין קליין פּויליש שטעטל. דער קאָוובאָי אויף זיין געזאָטלט פערד, די לאַססאָ וואָס ער פאַרוואָרפט איבער אַ טאַבון צעווילדעוועטע פערד. די ברייטע קאָוובאָישע קאַפּעלושן. די קאָוובאָישע שייטערס ביינאַכט אין אומענדלעך ברייטן סטעפּ...

איצט האָב איך שוין גרויע שלייפן און די מידקייט פון איבערגעלעבטע

מלחמה־יאָרן באַפאַלט מיך אָפט אומגעריכט. איך האָב איר געשפּירט בעת איך בין געשטאַנען אין אָפּענעם טראַק וואָס האָט גערוישט, געקלאַפּט מיט די בלעכן און נישט איין מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שאָפער וועט אָפּלאָזן דאָס רעדל פון לאַסט־וואָגן און מיר וועלן זיך אַ טראָג־טאָן אין פעלד אַריין, אַריבערשפּרונגען די קאַנאַווע און איבערקערן זיך מיט די רעדער אַרויף.

נעכטן האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג אין שטעטל ווייקאָ. איך בין אַרויס פון איין שענק און אַריין אין דער אַנדערער, אַרומגעשפּאַנט איבער די לאַנגע, סימעטרישע גאַסן, מיט די נידעריקע הייזער און עס האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ אומעט, אַזאַ לאַנגווייליקייט און אַזאַ אַנטוישונג, אַזש איך האָב געטרונקען איין וויסקי נאָכן אַנדערן.

אַרום מיר: קאָוובאָיען. איך קוק אויף זיי און שמייכל צו זיך אַליין סאַרקאַסטיש. דאָס זענען די העלדן פון מיין יינגלשאַפט? פאַרשווינען אין אָפּגעטראָגענע מלבושים מיט פנימער איינגעשרומפּענע, האַלב־פאַרשיכורטע, אויגן פאַרגלאָזטע, שווייגנדיקע. שענקען פאַרהילטע אין רויך פון קאָפּטשנדיקע פייקעס. די היטן, טאַקע קאָוובאָישע, נאָר צעקנייטשטע, שמוציקע; די שטיוול געניטע מיט אויזאָרן, נאָר אויסגעדרייטע, די שטריק אַרום די לענדן האָבן נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט אַז איך האָב טאַקע פאַר זיך קאָוובאָיען, נאָר דער פאַרגלייך מיט דעם וואָס איך האָב געדענקט פון מיין יוגנט איז אויסגעפאַלן אַזוי טרויעריק אַזש איך האָב זיך געפילט אָפּגענאַרט. עס איז נישט נאָר געווען אַנטוישונג, נאָר אויך אומהיימלעכקייט און שרעק, וואָרעם די מענטשן וואָס איך האָב געזען אין ווייקאָ האָבן מיך אומרואיק געמאַכט. איך האָב זיך געשראָקן פאַר זייערע הייזעריקע קורצע ווערטער, פאַר דעם קינזשאַל וואָס איז געהאַנגען אין גאַרטל, אָט נאָר אַרויסצוכאַפּן אים פון שייטל. איך בין געזעסן ביי אַ טיש און געוואָלט אויפנעמען זייערע רייד און נישט געקענט. זיי האָבן מיר נישט געשענקט דעם מינדסטן בליק און אַז איך האָב עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן אַן אַדורכגייער ביים ראָג און געפרעגט זיך אויף דער פאַרם ווהין איך וויל פאָרן, האָב איך נישט געקענט באַנעמען די פאַרשיכורטע רייד און שנעל צוריקגעצויגן זיך פון פחד וואָס עס האָט געוואָרפן אויף מיר דער קאָוובאָי.

מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס איז אין ווייקאָ געבליבן אַ שטיק צייט, איז דאָ אַן אויפקויפער פון קי. יעדן חודש קומט דאָ פאַר אַ יאַריד פון קי און פערד. טויזנטער טראַקס פאַרפאָרן און עס גייט אָן אַ האַנדל אַזוי ווי מיט

הונדערטער יאָרן צוריק. אויף אַזאַ יאַריד הערט מען נישט קיין פערד־הירזשעריי און נישט דאָס געוואָי פון קי און אָקסן, וואָרעם זיי ווערן פאַרשריגן פון אַ מעכטיקן געוואָי פון די טויזנטער לאַסטאויטאָס, פון די טראָקס וואָס פירן אויף איין מאָל צו פופציק בהמות און אַ געדרויש פון טראַקטאָרן. אין צוויי טעג אַרום האָט זיך טאָקע געדאַרפט אָנהייבן דער גרויסער יאַריד פון בהמות. די שענקען מיט די ליקער־סטאָרס וועלן דאָ פול ווערן. דורך די גאַסן וועט מען נישט קענען דורכגיין וואָרעם עס וועלן פאַרפאָרן לאַסטווועגענער, אויטאָס און עס וועלן זיך צונויפזאַמלען פאַרמערס פון דער גאַנצער געגנט.

ניין, איך וועל נישט וואַרטן אויפן יאַריד. עס וועט ווידער זיין אַן אַנטוישונג. איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיין קליינער קאָובאָישער האָטעל וועט איבערגעפילט ווערן און איבער ווייקאָ וועט זיך אויפהייבן אַ גרוי־פיאָלעטענער שטויב פון די אַלערליי וועגענער און די שענקען, געשעפטלעך פון באַקלייד און די קינאָס וועלן זיין באַלאַגערט.

איך האָב אויך אויסגערעכנט אַז אויב איך וויל זען מיין לאַנדסמאַן, דעם פאַרמער, איז גוט אַז איך זאָל שוין היינט אַרויספאָרן און נישט וואַרטן אויפן יאַריד־טאָג. ער איז זיכער אין דער היים, ווייל ער גרייט זיך צום יאַריד. צו מיין גליק האָב איך באַקענט אַ שאָפער וואָס פאָרט מיט אַ ליידיקן טראָק קיין יוסטאָן. די פאַרם „אַלבערט" געפינט זיך נישט ווייט פון דערפל וואָדסטאָק, אַן ערך דרייסיק מייל פון הויפט־ראָד. דער שאָפער וועט מאַכן אַן אומוועג און מיך אַראָפּלאָזן אין דער פאַרם. ער קען גוט די זייטן־וועגן פון הויפט־שאָסיי, ווייל נישט איין מאָל האָט ער פון דאַנען געפירט אָקסן אויפן יאַריד.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי אַ גאַזאָלין־סטאַציע. אַ נעגער איז אַרויס פון אַ בלעכענער בודע, אַ באַקלאַפּטע מיט פאַרשיידענע רעקלאַמעס און אַריינגערוקט ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס. זיין פנים האָט געהאַט דעם זעלביקן טונקל־מעטאַלענעם אויל־גלאַנץ וואָס דער אויסגעפאָרענער שאָסיי.

זיי האָבן זיך אויסגעטוישט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער וועלכע איך האָב בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין. ווען דער נעגער האָט צוגעטראָגן צוויי גרויסע קופּליעס ביר, האָט מיך דאָס ערשטע מאָל באַטראַכט מיין שאָפער. אויך איך האָב זיך איינגעקוקט אין מידן פנים פון טראָק־פירער און דערקענט אין אים דעם געמיש פון אינדיש און ווייס בלוט. איך האָב איצט אַנטדעקט אין מיין מיטטרינקער אַ סך מילדקייט.

— דזשו ? איזראַעליט ? — ער האָט אָנגעקלאַפּט זיין קופּליע אין מיינע און געשמייכלט.

— יוראָפּ ?

— יעס, מיסטער. — האָב איך געענטפערט. ער איז אָבער נישט געווען צופרידן פון מיין ענטפער און איך האָב די אומצופרידנקייט דערקענט גאָר בולט.

— אין טעקסאַס, אַז מען קלאַפּט זיך אָן מיט גלעזער ביר, רופט מען מער נישט „מיסטער". מען גייט־איבער אויף דו... איך בין דזשאָן... דער דזשינדזשי דזשאָן... — ער האָט אויסגעטאָן דעם הוט און איך האָב דערזען אַז ער איז ווירקלעך אַ דזשינדזשי — אַ רויט־האָריקער, געקרייזלטער קאָפּ ווי דראָטן פאַרזשאַווערטע און פאַרוויקלטע.

— אָקעי דזשאָן. — האָב איך הויך געזאָגט. — אין פוילן האָט מען אויף פריינדשאַפט געטרונקען נישט קיין ביר, נאָר וואָדקאַ. עכטן ספּירט, פינף און ניינציקער... איך שטעל וויסקי ! העי ! — האָב איך גערופן דעם נעגער. — נעם אַרויס די הענט פון די קעשענעס און דערלאַנג אַ פלאַש !

דזשאָנען איז געפאַלן מיין אויפגעבונדענע היימישקייט, מיין פּרעמד ענגליש און אַז איך האָב מיט איין מאָל אויסגעטרונקען אַ פול גלאָז וויסקי, האָט ער מיר אַ קלאַפּ־געטאָן איבער דער פּלייצע.

— דו טרינקסט ווי אַ רוס...

— איך בין געווען צוזאַמען מיט רוסן אין דער אַרמיי...

ער איז אויפגעשפּרונגען.

דער טראַק־שאָפער האָט אויסגעטאָן די בלוזע, צעקנעפּלט דאָס העמד און געוויזן מיר די האָריקע ברוסט.

— זעסט דעם שראַם ? דאָס איז די ווונד פון דער מלחמה. אַ שפּליטער.

מיר האָבן אוסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז און איך האָב דערפּילט אַ לייכטע שיכרות. דער נעגער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט, נישט ביי מיר און נישט ביי דזשאָנען פאַר דעם ביר און נישט פאַר דער וויסקי. ער איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט און יעדעס מאָל געקלאַפּט מיר און דזשאָנען איבער דער פּלייצע.

— ווייסט פאַרוואָס ער וויל נישט נעמען קיין געלט ? זיין זון איז אומגעקומען אין דייטשלאַנד... ער שטעלט מיר תמיד וויסקי און ביר אַז איך זאָל אים דערציילן וועגן דער מלחמה... ער קען דעם זון נישט פאַרגעסן... דו וועסט לאַנג בלייבן ביי אַלבערטן ? ווילסט אפשר פאָרן מיט מיר קיין

יוסטאָן? מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן אין עטלעכע שטעטלעך! אַ שאָד, דו האָסט מיר נישט געזאָגט אין ווייקאָ אַז ביסט געווען אין דער אַרמיי!

ער האָט געשטעלט פראַגן, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און ווייטער גערעדט. דער טראַק איז געלאָפן מיט אַ משוגענער שנעלקייט. עטלעכע מאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז מיר וועלן זיך צונויפשטויסן מיט פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָס, מיט ריזיקע לאַסט־מאַשינען, מיט ציסטערנעס.

דזשאָן איז געפאָרן אין סאַמע מיט פון שאָסיי נישט אָפּגעקערט אין אַ זייט ווען עס זענען אַנגעקומען אַנטקעגן אַנדערע טראַקס. איך האָב דערקענט אין די פּנימער פון די שאָפערס בייזקייט. עטלעכע מאָל האָט עמעצער אַרויסגעשטעלט פון פענצטערל אַ פויסט. דזשאָן האָט געלאַכט און אויסגע־שפּיגן שטיקער טאַבעק, גלייך אין דער שויב אַריין פון זיין וואָגן. גוט וואָס ביי די ראַנדן פון שאָסיי זענען נישט פאַראַן קיין ביימער און נישט קיין סטאָלבעס פון עלעקטרע און טעלעפאָן, האָב איך געטראַכט. אויף וועלכער זייט וועט זיך איבערקערן דער טראַק? איך האָב אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און זיך אַליין געזאָגט: זאָל עס דער טייוול נעמען. וואָס האָט עס מיך פאַרטראָגן אַזש ביז טעקסאַס? צו וואָס לויף איך איצט מיט אַ האַלב־שיכורן אינדיאַנער, אָט דעם רויט־האַריקן דזשאָן איבער דער וויסטעניש? איך פאָר זען אַ לאַנדסמאַן וועלכן איך האָב אין מיין פויליש שטעטל כמעט נישט געקענט. איך האָב געוווסט אַז עס איז דאָ אַ יונג מיטן נאָמען אַלבערט, אַ בהמה־סוחרס אַ זון. איין מאָל האָבן מיר געשפּילט פוטבאָל. איך אין לינקן פליגל און ער אין ריכטן פליגל פון זיין מאַנשאַפט... עס גייט מיר אָבער נישט אין אַלבערטן. איך מוז זען זיין ווייב און איר קינד. איך האָב אויסגערעכנט אַז דאָס קינד דאַרף שוין אַלט זיין דרייצן יאָר. אַלבערטס חבר איז געקומען צו מיר, ערב מיין נסיעה קיין אַמעריקע, און געגעבן מיר דעם אַדרעס פון טעקסאַס. אַ האַלבע נאַכט זענען מיר געגאַנגען לענגאויס דעם ים־ברעג אין יפו און איך האָב געהערט זיינע רייד. אין ווייקאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם נאַכט־געשפּרעך מיט מיין חבר אַלעקסאַנדער און איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט אין מיין נאָטיץ־ביכל דעם אַדרעס פון אַלבערטס פאַרם אין טעקסאַס. די לאַנגווייליקייט אין ווייקאָ, די טרויעריקע פּנימער פון די קאָוובאָיס, די מאָנאָטאָנע גאַסן מיט די שענקען, די שטויביקע לאַסט־מאַשינען, דער דריקנדיקער אומעט פון דעם טעקסאַסישן לאַנדשאַפט — אפשר דאָס אַלץ האָט געווירקט אַז איך זאָל דאָך האַלטן וואָרט און דערפילן מיין צוזאָג וואָס איך האָב געגעבן אין יפו מיין חבר אַלעקסאַנדער.

ווידער אַ גאַזאָלין און בענזין־סטאַציע. ווידער די זעלביקע בלעכן און רעקלאַמעס, ווידער אַ נעגער מיט די הענט אין די הויזנטאַשן און מיט אַן אָנגעהאָנגענער טאָרבע פּאָרנט פּאָרן געלט וואָס ער וועט באַלד ציילן. די זעלביקע אָפּגעהאַקטע רייד וואָס איך האָב זיי נישט געקענט אויפכאַפּן, דאָס זעלביקע קלאַפּן זיך איבער דער פּלייצע און טישלעך מיט קופּלעס קאַלטן ביר.

— אַלבערטס פּאַרם איז יאָרן געשטאַנען ליידיק. זי ברענגט נישט קיין מזל. די מענטשן מיידן איר אויס. יעדעס מאָל געשעט עפּעס אויף דער פּאַרם. בלויז אַלבערט האַלט זיך לאַנג... זייט דער מלחמה צווישן צפון און דרום־שטאַטן איז די פּאַרם אַ פּאַרשאָלטענע... זי וואָלט נאָך געשטאַנען ליידיק, ווען נישט דער „רעפּיודזשי אַלבערט"... ער האָט איר געקויפט שפּאָט ביליק... עס וועט זיך אָבער סיווי ענדיקן מיט אַן אומגליק...

דזשאָנס רייד האָבן מיך אומרואיק געמאַכט און איך האָב געטראַכט אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען צו רעזיגנירן פון מיין פּלאַן און אַנשטאָט פּאַרקער־ווען צום דערפל וואָדסטאָק, פאָרן מיט אים ביז יוסטאָן. איך האָב זיך געשראָקן פּאַר מיין באַזוך אין דער פּאַרם. עפּעס וועט געשען און איך וועל טראָגן די שולד. מיין באַווייזן זיך וועט אויפרודערן די שטילע פּאַרמער. אַלבערט ווייס אַז איך בין געשיקט פון אַלעקסאַנדערן. ער וועט דאָס תיכף פאַרשטיין, ווייל ווער דען האָט מיר געקענט געבן דעם אַדרעס?

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט ווייל דזשאָן האָט געיאָגט דעם טראָק און מיר זענען אַריבערגעשפּרונגען וואָדסטאָק. איך האָב געלייענט די גרויסע שילדן ביים ראַנד פון שאָסיי: דריי מייל צו דער קירך פון הייליקן... דריי און אַ האַלב מייל צו דער שענק פון קליינעם דזשעק...

אָט איז אַלבערטס פּאַרם. אַ גרויס היצלערן הויז וואָס שטייט שיף, מיט אַ בלעכענעם דאַך. צוויי שטאַלן. אַ טראַקטאָר. עטלעכע מאַשינען פּאַרזונקענע אין ווילדגראָז. אַ זילבערן־באַמאָלענער פאַס מיט טונקעלע רייפן: דאָס איז דער גאַז רעזערוואַר. האַלב־פּאַרטריקנטע ביימלעך. אַ פּעלד מיט שעפּסן און לאַנגע פּאַסן צעאַקערטע, וואָס ציען זיך אַוועק ביזן האָריזאָנט.

ביי אַ סטאָדאָלע שטייט אַ נעגער. ער איז געווען ווי אַ טייל פון שאָטן. אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן איז אַנגעקומען פון פּעלד. אין אָפּענעם פּענצטער האָט זיך באַוויזן אַ פּרוי פון אַ יאָר פינף און דרייסיק. איך בין אַרויס פון דער מאַשין, געזעגנט זיך מיט דזשאָנען און געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט צום פּענצטער.

דזשאָן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געלאָזט שטילער רוישן דעם טראַק און ערשט ווען ער האָט געזען אַז די פרוי בעט מיך אַריין אין הויז, האָט ער אַ שאָקל־געטאָן צו מיר דעם קאָפּ, האָסטיק געטריבן דעם וואָגן ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס שנעלער אַוועק פון דאַנען.

— אַלבערט וועט באַלד קומען. ער איז געפאָרן צו אַ שכן.

זי האָט גערעדט שטיל, וואָרט נאָך וואָרט, מיט אַ מאָנאָטאָן קול. אירע באַוועגונגען זענען געווען רואיקע און עס האָט אַ ווײַלע געדויערט ביז זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו מיר בעת איך האָב זיך פאַר איר פאָר־געשטעלט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי האָט נישט קיין צוטרוי צו מיר און אַז זי קען זיך נישט דעצידירן אויב איך זאָל בלייבן אין צימער וואַרטן, אָדער איך דאַרף פון דאַנען אַוועק, און אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן צוריק־צוציען צו דער אָפענער טיר, האָב איך דערקענט אויף איר פּנים פריינדלעכ־קייט.

— זיצט. אַלבערט וועט זיך פרייען. גראָד היינט איז ער אַוועק ברענגען עטלעכע שעפסן פון אַ ספּעציעלער ראַסע.

איך האָב געטרונקען קאַווע און געקוקט אין הויף אַריין. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב אויסגעמיטן איר פּנים. אין פעלד זענען אַלץ געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט די שעפסן. די רוקנס האָבן איצט געלויכטן פון דער פאַרנאַכטיקער זון. איך האָב זיך געחידושט פאַרוואָס די שעפסן זענען אַזוי אומבאַוועגלעך, צונויפגעקנוילט. אפשר איז עס די שעה ווען דער פאַסטעך דאַרף זיי פאַרטרייבן אין די שטעלער ?

— ווער האָט אייך געגעבן אונדזער אַדרעס ?

ווידער איר גרוי מאָנאָטאָן קול. יעדעס וואָרט איז אָפּגערוקט פון אַנדערן מיט אַן אָטעם־פּויזע ווי זי וואָלט זיי געציילט. איך האָב געזען ווי עס ציטערן אירע בלייכע לאַנגע פינגער און די אויסגעלאָשענע ליפּן פרוון־אויס יעדעס וואָרט וואָס זי זאָגט אַרויס. זי איז גוט געבויט, רעגולערע פּנים־שטריכן, שלאַנק, נאָר די געצווימטע באַוועגונגען און די מעלאַנכאָליע, האָט אַוועקגענומען ביי איר דאָס פרויאישע. זי האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין מיר מיט אַן איינגעשפאַרטקייט און געמאַנט אַן ענטפער אויף איר פראַגע. איך האָב דערקענט איר צודרינגלעכקייט און איר פאַרדאַכט דורך דעם ווי זי האָט עטלעכע מאָל פאַרביסן די ליפּן, און כדי די פינגער זאָלן נישט ציטערן, האָט זי זיי צוזאַמענגעשלאָסן.

ווען איך האָב דערפילט אַז לענגער שוויגן איז נישט מעגלעך און איך

דאַרף ענפערן אויף איר פראַגע, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך קום פון ווייקאָ... איך האָב דאָרט אַ באַקאַנטן... איך האָב אין יפו באַגעגנט מיינס אַ חבר... מיר דאַכט זיך אַז אַלבערט איז פאַרפאָרן מיט זיין וואָגן... אַנטשולדיקט.

איך בין אַרויס פון שטוב און אַנגעשטויסן זיך אין הויף אויפן יינגל פון אַ יאָר צוועלף, אַ ליכטיק־האָריקער, געקרייזלטער מיט אַ פּנים אַן אָפּגע־שאָטנס מיט זומער־שפּרענקעלעך. ער האָט געלאַכט צו מיר אַרויסרופעריש.

— קום צו די שעפסן. מיין פאַ האָט טראַבל מיט זיי... וויפל איך טרייב זיי נישט אין פעלד אַריין, לויפן זיי צוריק... זיי קנוילן זיך צונויף אין אַ קופּע... קום דעדי, וועסט זיי זען... דו ביסט דער וועטערינאַר?

מיר זענען געגאַנגען איילִיק דורך דעם פאַרם־הויף. איך האָב ווידער־אַמאָל זיך צונויפגעטראָפן מיטן נעגער. ער איז אַלץ געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון שייער. פאַרזשאַווערטע ציין פון אַ בראָנע, צעקרומטע מעסערס פון אַן אַקער. רעדער־רייפן. קנוילן וואָל, נאַקעטע קוסטעס און אַן איינגע־פאַלענער פּלויט. הינער האָבן גענישטערט אין פאַראַיאָריקן היי־בערגל. אויף עטלעכע ערטער האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט בעטאָן זיילן, צונויפגעגאָסענע מיט אייזן. זיי זענען געווען פאַרוואַקסן מיט אַ גרוי־זילבערנער קראָפּעווע. זעט אויס אַז מען האָט דאָ אַמאָל געהאַט פּלענער פון פאַנאַנדערבויען זיך, נייע שטאַלן, אַ ניי געמויערט הויז. מיר דאַכט זיך, אַז די פונדאַמענטן זענען נישט פאַר פי־שאָפעס, זיי זענען פּלאַנירט געוואָרן אויפצושטעלן אַ פאַבריק. אַלץ איז צעשטערט געוואָרן, איבערגעריסן געוואָרן אין דער מיט. וויפל מאָל האָט מען דאָ אָנגעהויבן איינוואָרצלען זיך? האָב איך זיך אַליין געפרעגט און געוואָלט אויסרעכענען, לויט די יאָרן וואָס זענען שוין פאַרלאָפן פון דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג. וויפל אייגנטימער האָט שוין די פאַרלאָזטע פאַרם געהאַט?

אין פענצטער איז אַלץ געשטאַנען די פרוי און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איר איז קלאָר די כוונה פון מיין באַוויזן זיך. זי פאַרשטייט אַז מיך האָט געשיקט אַלעקסאַנדער. איך האָב באַשלאָסן וואַרטן מיט איר יינגל צווישן די שעפסן, וואַרטן אַזוי לאַנג ביז עס וועט קומען אַלבערט. דאָס יינגל איז אַריין אין דער סטאַדע. ער האָט זיך נישט געקענט דורכשלאָגן קיין וועג, אַזוי צונויפגעדריקט זענען געשטאַנען די שעפסן. זיי האָבן געזוכט מיט צעעפנטע מיילער צווישן צעטראָטענעם גראָז און אַ היץ האָט געשלאָגן פון זייערע צעשפּרייטע נאָזלעכער. איר האָב געהערט פאַרדעמפטע שעפסן־

געשרייען וואָס זענען געבליבן ליגן נידעריק, ווי אונטער זייערע צעצויטלטע וואָלענע בייכער.

— די שעפּסן זענען דאָרשטיק? — האָב איך געפרעגט דאָס ייִנגל. ער איז געשטאַנען ביי אַ שעפּס און געהאַלטן מיטביידע הענט די דרייפּאַכיק־פּאַרדרייטע שעפּסן־הערנער. איך האָב געזען ווי ער בייגט זיך אַזש פון געלעכטער. איך בין צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און אָנגעוויזן אויפן ברונעם מיט דער שטיינערנער קאָרעטע, ווידער אַ ייִנגליש פאַרשייט לאַכן.

— זיי זענען נישט דאָרשטיק... די שעפּסן דאַרפן באַראַנעס... דאָס זענען בלויז נקבות... מיין טאַטע איז געפאָרן ברענגען ראַסעווע באַראַנעס... — ער האָט געבויגן זיך פון געלעכטער און די זומער־שפּרענקעלעך האָבן זיך געלאָשן מחמת אַ געזונטע רויטקייט האָט באַדעקט דעם ייִנגלס פּנים. איך האָב ווידער געטראַכט וועגן אַלעקסאַנדערן און נישט דערקענט אויף דעם ייִנגל קיין שום ענלעכקייט.

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט עמעצן לעבן זיך. דאָס איז געווען דער נעגער.

— סער, די מיסיס רופט. איר מוזט שוין גיין, סער.

די פאַרמערין איז געשטאַנען אויף די טרעפּ. זי האָט איצט געטראָגן אַ טונקל קאָפּטיכל און אירע ליפּן זענען געווען עטוואָס צונויפגעפּרעסט. איך האָב דערקענט איר כעס.

— אַלעקסאַנדער האָט אייך געגעבן מיין אַדרעס! קיין שום אַנדער מענטש האָט אייך דעם אַדרעס נישט געקענט געבן. אייער וויזיט איז נישט קיין צופאַל. איר זענט נישט סתם פאַרבלאָנדזשעט פון ווייקאָ. וואָס וויל ער?

— אַלעקסאַנדער וויל גאָרנישט.

זי האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן אויף די טרעפּ און צוגעקומען גאָר נאָענט צו מיר.

— ער האָט מיך געבעטן איך באַזוכן. אַלעקסאַנדער וויל וויסן וואָס איר מאַכט, אייער קינד. ער ווייס אַפילו נישט אויב דאָס איז אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל. אויב מיין וויזיט איז אייך אַ לאַסט, דאַן גיי איך שוין אַוועק. איך וועל אים זאָגן אַז איך האָב נישט באַזוכט אייער פאַרם.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. איר כעס און חשד איז נישט פאַרגאַנגען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי גלייבט מיר נישט.

— אַ גוטן טאָג.

איך בין אַרויס צום שאָסיי און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג צו

ווייקאָ. אפשר וועל איך כאַפּן אַ טרעמפּ? צום נעגערס גאַזאָלין־סטאַציע איז צען מייל. איך וועל זיכער דאָרט באַקומען אַ נאַכטלעגער.

איך בין אָפּגעגאַנגען אפשר אַ הונדערט מעטער ווי די פאַרמערן האָט מיך אָנגעיאָגט. זי איז אָנגעפאָרן מיט אַ פאַרשטויבטן דזשיפּ.

— אַנטלויפט נישט... איך האָב אייך נישט באַליידיקט... קומט צוריק... איך בעט אייך, רופט נישט אָן אַלעקסאַנדערס נאָמען פאַר אַלבערטן. זאָגט מיר דאָס צו... אַלעקסאַנדער האָט דאָך אייך אַלץ דערציילט. איך בין זיכער אין דעם, ער האָט אייך אַלץ געזאָגט, איר זענט דאָך זיין נאָענטסטער חבר. אייך האָט אַהערגעבראַכט נישט נאָר פריינדשאַפט צו אַלעקסאַנדערן און נישט נאָר דאָס וואָס איר ווילט אים ברענגען אַ גרוס פון זיין זון, איר זענט געקומען צוליב נייגער. איר האָט אַלץ געזען און עס דאַכט זיך אייך אַז איר ווייסט שוין. כאַ־כאַ־כאַ...

איר געלעכטער איז געווען אַ קאַלטס און האָט אויסגעגעבן דעם שפּאָט און פאַראַכטונג, נישט אַזוי צו מיר ווי צו דער גאַנצער געשיכטע מיט אַלעקסאַנדערן, מיט אַלבערטן, מיט אַלע זכרונות וואָס הענגען ווי די וואָל־קנוילן אויף די שטעכיקע צוימען פון דער שעפּסן־סטאַדע.

זי האָט אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף מיין אַקסל און האַסטיק אויסגע־דרייט מיט דער צווייטער האַנט דאָס ראָד פון דזשיפּ.

— איר ווייסט נישט דעם גאַנצן אמת. אויך אַלעקסאַנדער ווייס נישט. כאַ־כאַ־כאַ...

איר געלעכטער איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. קעגן־איבער אונדז האָט זיך באַוויזן אַ לאַסטוואָגן, אַ הויכער מיט אַ צודעק פון געלן בלעך. ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט און פון טירל איז אַרויס אַלבערט. איך האָב אים גלייך דערקענט. צוואַנציק יאָר האָב איך אים נישט געזען. איצט שטייט פאַר מיר א ברייט־פּלייצקער מיטליאָריקער מענטש מיט אַ צעגאָסן פּנים, אַ געקנייטשט.

— אַלבערט! — האָב איך אויסגערופן.

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. דאָס איז דער זעלביקער אַלבערט מיט וועמען איך האָב געשפּילט פוטבאָל אין צוויי פיינטלעכע מאַנשאַפטן.

— איך — דער לינקער אַטאַקירער אין מיין מאַנשאַפט און אַלבערט דער רעכטער אַטאַקירער אין זיין מאַנשאַפט. אַזוי אַז מיר זענען בעת די פאַרמעסטונגען געשטאַנען פּנים אל פּנים. — האָב איך גערעדט צו זיין פרוי.

בעת אַלבערט האָט געעפנט די אונטערשטע קלאַפּע פון וואָגן און

צוזאַמען מיטן זון אויפגעקנופּט די פיר באַראַנעס, האָט מיך די פּאַרמערין אַנגענומען פאַרן אָרעם און געפירט אין שטוב אַריין.

— געדענקט מיין בקשה. איר זאָלט נישט דערמאַנען יענעמס נאָמען. און אַז ער וועט אייך פרעגן זאָלט איר זאָגן אַז איר זעט אים נישט.

זי האָט מיר די ווערטער געזאָגט מיט אַ צודרינגלעכקייט און איך האָב זיך געוווּנדערט וואָס איר אופן פון ריידן איז איצט אַזוי אַנדערש. כאָטש דאָס קול איז אַ פאַרלאָשנס, אַ מאַנאָטאָנס, איז אָבער פאַראַן אין דעם עקשנות און האַרטקייט.

איך בין געבליבן אַליין אין דער גרויסער פּאַרמער־שטוב וואָרעם די פּאַרמערין איז אַוועק צוגרייטן אָוונט־עסן און אַלבערט האָט זיך אַרומגעיאָגט מיט די שעפּסן. ווי נאָר ער האָט אַריינגעלאָזט די נאָר־וואָס געבראַכטע באַראַנעס אין דער סטאַדע האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה. די שעפּסן האָבן צוערשט זיך ענגער צונויפגעדרוקט און מיטאַמאָל איז אויסגעבראָכן אַן אומהיימלעכער געוואַי. די פרעמד־ראַסיקע, פיר באַראַנעס האָבן אָנגעהויבן לויפן צוריק צום גרויסן שאָסיי און נאָך זיי — די גאַנצע סטאַדע. אַלבערט, דאָס יינגל און דער נעגער האָבן זיך געיאָגט נאָך שעפּסן ביז זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן צו די צוימען ביי די שטאַלן.

לאַנג אין אָוונט אַריין האָט אָנגעהאַלטן דאָס שעפּסן־געוויין. מיר זענען געזעסן שווייגנדיקע אַרום טיש. אַלבערט איז געווען אומגעדולדיק און פאַרשלאָסן. ער האָט מיך נישט אויסגעפרעגט אויף די לאַנדסלייט, נישט אויף זיינע נאָענטע וואָס זענען אומגעקומען אין געטאָ. ער האָט זיך אפילו נישט אינטערעסירט מיט מיין נסיעה און פאַר וואָס איך בין גראָד איצט געקומען באַזוכן זיין פאַרם. די פּאַרמערין האָט צוגעגרייט געבראָטן שעפּסן־פלייש, שטאַרק געווירצט און מיט מוטאַרדע, לויטן טעקסאַסישן שטייגער. איך האָב געפילט אַ ברענונג אין די ליפּן אין גומען און געטרונקען איין גלאָז רויטן וויין נאָכן אַנדערן. דער זון איז אַוועק אין זיין צימער און פאַר מיר האָט מען צוגעגרייט אַ געלעגער אויפן ערשטן שטאָק אין אַ קליין צימערל.

אַלבערטס פאַרם האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם הויפּט־ראָד. אַחוץ דער פאַרם האָט ער געהאַט אַכט מייל פון דאַנען באָדן, דאָרט זענען זיינע פישטאַלן. — איך ווייס באמת נישט גענוי די גרענעצן פון די פעלדער וואָס געהערן צו מיר — האָט ער מיר געזאָגט, וועלנדיק איבעררייסן די אומהיימלעכע שטילקייט. די פּאַרמערין האָט זיך די גאַנצע צייט נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. ערשט ווען אַ שעפּסיכע האָט אָנגעהויבן יאָמערן

און איז נישט פֿאַרשטילט געוואָרן, איז זי צו צום פֿענצטער און מיט כּעס פֿאַרמאַכט אַזש עס איז דערגאַנגען דער אָפּקלאַנג פֿון די שויבן.

— בלייב ביי אונדז ביז נאָכן גרויסן פּי־מאַרק אין וויקאָ. דערנאָך וועל איך דיך פֿירן קיין יוסטאָן.

— ניין — האָב איך געענטפֿערט. — אַלבערט, איך וועל פֿאַרטאָג אַוועקגיין.

די פֿאַרמער האָבן זיך איבערגעקוקט.

אויף אַן אַלטן קאָמאָד האָט די טעלעוויזיע געוויזן אַ קאָוובאָישן פֿילם. איך בין געזעסן אין אַ ברייטן פֿאָטעל פֿון אַ רוי־האָלץ, לעבן מיר אַלבערט, און געקוקט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין ווי איבער די סטעפּעס פֿון טעקסאַס יאָגן זיך סטאַדעס פּי, ווי עס רייטן־אַריין פֿאַרמאַסקירטע רייטער אין שענקען, שיסן פֿון צוויי רעוואָלווערן, פֿאַרוואַרפֿן אויף אַקסל דאָרפֿס־מיידלעך און טראָגן זיך צו די סטעפּ־האָריזאָנטן.

די פֿאַרמערין איז שטילערהייט אַוועק. אַלבערט האָט געדרימלט מיט דער נישט אָנגעצונדענער פּייקע. איך האָב געשטעלט טריט אויף די טרעפּ, געעפֿנט די טיר פֿון מיין בוידעם־צימערל. די פֿאַרם שלאָפֿט. פֿון דער נאָענטער שטאַל דערגייט אַ שטילער געזשום וואָס דערמאָנט מיך אין געפּלייץ פֿון אַ באַרג־טייכל. די פֿעלדער זענען פֿאַרהילט אין חשכות. די האָריזאָנטן ליכטיקן מיט אַ קרענקלעך ליכט, אַ געמיש פֿון אומריינעם פֿיאָלעט און ראָז, בלויז פֿון צייט־צו־צייט שפּרינגט־אויף אַ פֿלעמל, עס דערהייבט זיך אַ זייל פֿייער און ווערט דערשטיקט פֿון די נידעריקע האָריזאָנט־וואָלקנס אַזוי ווי תּאווה פֿון געפּענטעטע פּי.

נאָך האַלבער נאַכט האָב איך צוגעמאַכט דאָס קליינע פֿענצטערל, אויסגעלאָשן די ליכט און אַוועקגעלייגט זיך אויפֿן הילצערנעם בעט. איך האָב געוואָלט אין אַלעם פֿאַרגעסן און דאָס האָט מיך געטריבן אין דער וועלט אַריין. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פֿון אַ ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע צו האַלטן לעקציעס אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען פֿון אַמעריקע. די יאָרן פֿון מלחמה און פּיין האָבן מיך געדריקט. איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ פֿאַרלאָשן פּנים, וואָרעם אַלץ אַרום מיר האָט מיך צוריקגעפֿירט צו יענע טעג. איך האָב זיך נישט געקענט מוחל זיין פֿאַרוואָס איך האָב איבערגענומען אַלעקסאַנדערס שליחות. די באַגעגעניש מיט אים אין יפֿו,ביים ים־ברעג איז געווען אַ צופֿעליקע. ער האָט קיין מאָל נישט גערעדט מיט מיר וועגן די

יאָרן וועלכע מיר האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט. מאָרגן אין דער פרי וועל איך פון דאַנען אַוועק, ווי נאָר עס וועט אָנהייבן טאָגן. עס איז גוט צו וואַנדערן פאַרטאָג ווען דער טוי ליגט נאָך אויף די פעלדער.

די טיר האָט אַ סקריפּע־געטאָן. איך האָב אין דער פינצטערניש דערזען דעם באַוועגלעכן פונק פון אַלבערטס פּייקע.

— מיכאַל, שלאָפסט נישט? איך האָב געהערט ווי דו פאַרמאַכסט דאָס פענצטער. אפשר דאַרפסטו עפעס? דער נעגער האָט פאַרגעסן אַרויפצוברענגען וואַסער.

איך האָב געהערט זיין האַסטיק עטעמען אין די איבעררייסן צווישן איין וואָרט אין אַנדערן.

— איך וועל אָנצינדן די ליכט. איין רגע, אַלבערט...

— מען דאַרף נישט. איך גיי שוין אַוועק.

ער איז אָבער נישט אַוועק. דער פינק פון דער פּייקע איז געוואָרן גרעסער, ליכטיקער און האָט באַלויכטן אַ טייל פון זיין פּנים און די האַנט.

— אַלעקסאַנדערס צווייַ בריוו האָב איך צעריסן. אַז עס איז אָנגעקומען דער דריטער האָב איך אים צוריקגעשיקט נישט עפנדיק אפילו. איצט ביסטו געקומען, מיכאַל.

עס איז געוואָרן אַזוי שטיל ווי אין דעם קליינעם חדרל וואָלט קיינער נישט געווען נאָר איך אַליין און דאָס אומבאַוועגלעכע פייערל פון דער פּייקע ווי אַן אומהיימלעכער שטערן פון אַ הימל וואָס איז נידעריק געפאַלן און וואָס בלאָנדזשעט אַרום ממש לעבן מיינע הענט.

אין יפו, נישט ווייט פון אַלטן האַפן, ביי די געוועלבטע שטיינערנע מויערן וווּ עס שוימט מיט ווילדער רוגזה דער אומרואיקער ים, האָט אַלעקסאַנדער גערעדט צו מיר:

— אין יאָר 1946, אין אַן אונרא־לאַגער לעבן פראַנקפורט אַם מיין, האָט מיך דערקענט אַלבערט, דער זון פון אַ בהמה־סוחר פון אונדזער שטאָט. ער האָט געפירט ריזיקאַלישע געשעפטן; געשמוקלט ציגאַרן, אויפגעקויפט דאָלאַרן. ער האָט געשוואַרצט אַלע נאָך־מלחמהדיקע גרענעצן און געפירט גאָלד ביז בערלין און פון בערלין אויף מיזרח. אַלבערט איז געווען פאַרמישט מיט אַ גרויסע שמוקל־באַנדע אין וועלכע עס האָט געשפּילט אַ ראָלע אַן אַמעריקאַנער קעפּטן. זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַזאַ הפקר־יונג. אין איינעם פון די פאַרנאַכטן אין חודש מאַי, אין יענעם יאָר, איז אומגעריכט געקומען

צו מיר אַלבערט. „איך האָב מיט דיר עפּעס וויכטיקס צו רעדן" — האָט ער געזאָגט. „איך בין רייך. איך האָב געלט, אַ סך געלט. זע!" ער האָט גענומען אַרויסלייגן פון בוזעם פּעקלעך מיט הונדערט־דאָלאַרדיקע באַקנאָטן. „איך האָב גענוג געלט צו קענען אויף סניי אָנהייבן מיין לעבן. איך מוז אָנהייבן אַ ניי לעבן און וויל אַז עס זאָל זיין אַ גליקלעך לעבן. דו קענסט מיר העלפן. ביסט אַ געבילדעטער, אַ לערער, שטאַמסט פון מיין שטאָט, כאָטש פאַר דער מלחמה האָבן מיר זיך געקענט נאָר פון זעען. העלף מיר". גוט, האָב איך געענטפערט. אַלבערט האָט זיך דעמאָלט אויפגעשטעלט, מיט איין שאַר אַראָפּגעשאַרט אויף דער פּאָדלאָגע דאָס געלט פון טיש און עס געטראָטן מיט די פיס. „איך דאַרף דאָס נישט. איך האָב געטראָטן אויף לעבנס מעג איך טרעטן אויף געלט. געטראָטן וויל מען האָט מיך געטריבן, געיאָגט מיט בייטשן. איך וויל נישט אונטערגיין. זיי האָבן אָבער מיך פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג! זיי האָבן מיך סטעריליזירט! פאַרשטייסט דאָס, אַלעקסאַנדער? איך וועל פּאַמעלעך, טאָג נאָך טאָג, אָפּשטאַרבן כאָטש איך וועל לעבן. הער, איך האָב אַ כלה. זי איז יונג, זי איז שיין. זי ווייס דעם אמת, ווייל אויך זי איז געווען אין לאַגער, נאָר אין דער פּרויען־אָפּטייל."

איך האָב אויפגעהויבן דאָס געלט פון דער פּאָדלאָגע און געזאָגט: אַלבערט, איך וועל רעדן מיט דיר אויב די וועסט צוריק אַריינלייגן דאָס געלט אין דיינע טאַשן. איך קען נישט רעדן און וועל דיר גאָרנישט צוזאָגן אויב דו וועסט דאָס געלט נישט אַוועקנעמען.

— גוט, אַלעקסאַנדער. איך בין געקומען צו דיר בעטן אַז דו זאָלסט איר מאַכן אַ קינד!

ער האָט געקוקט צו מיר אָפן, מאָנעריש און אומגעדולדיק געוואַרט אויף מיין ענטפער.

— ניין. — האָב איך שטיל געענטפערט.

— פאַרוואָס זאָגסטו ניין? קלער מיר אויף. ווילסט העלפן די דייטשן? יאָ, דאָס איז אַ הילף די דייטשן צו פאַרטיליקן דעם שטאַם. הייסט דאָס אַז זיי וועלן האָבן דערגרייכט דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט.

— דיין כלה אַליין דאַרף באַשליסן און זי וועט געפונען אַן אופן ווי אַזוי צו האָבן אַ קינד. דו דאַרפסט זיך נישט אַריינמישן אין דעם.

— דאָס קינד וועט געהאָדעוועט ווערן אונטער מיין דאַך, דורך מיר, איך וועל זיין דער פאָטער, אַן איבערגעגעבענער פאָטער, פאַרוואָס זאָל איך נישט העלפן אויסקלויבן אַ מענטש וואָס איך קען אים פון מיין שטאָט, וואָס

איז געבילדעט? פאַרוואָס זאָל דאָס קינד זיין פון עפּעס אַ צופעליקער באַגעגעניש? עס גייט דאָך אין אויפשטעלן אַ דור. עס גייט דאָך אַז עס זאָל נישט אונטערגיין דער זכר פון אַ גרויסער משפחה וואָס איך אַליין בין לעבן־געבליבן. זאָל אַ קינד טראָגן מיין נאָמען. איך וועל אַוועק מיט מיין כלה. מיר וועלן די טעג חתונה האָבן. אַן אַמעריקאַנער אָפיציר האָט מיר פאַרקויפט זיינס אַ פאַרם. מיר האָבן דאָ פאַרטיק געמאַכט אַלע פּאַפּירן. די פאַרם איז אין טעקסאַס. איך בין געווען ביי דער מיליטער־מאַכט און האָב שוין די פּאַפּירן פון אַמעריקאַנער נאַטער. אַט איז אַלץ אויבן־אויף. זע, איך קען אין אַכט טעג אַרום אַוועקפאָרן קיין טעקסאַס.

איך האָב לאַנג געשוויגן און לסוף געזאָגט:

— אין אַ טאָג אַרום וועל איך דיר געבן ענטפער. איך וועל זיך באַטראַכטן.

צומאָרגנס, נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער איז אַלבערט געקומען. ער האָט מיטגעבראַכט זיין כלה. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, און מיך באַטראַכט. איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אַלבערטן אַ פאַרשלאָ־סענער. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט רוקן צו מיר און געזאָגט צום מיידל: — בלייב דאָ. איך וועל דיך קומען נעמען — ער איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן פון מיין צימער, נישט זאָגנדיק אַפילו קיין גוטן טאָג. — — —

— אַלעקסאַנדער דאַרף אין אַלעם פאַרגעסן. עס איז שוין באַלד צוועלף יאָר. זאָל ער אונדז לאָזן צו־רו. איך בעט אייך מיכאל, העלפט אים פאַרגעסן... רירט נישט אויף די געשיכטע... עס איז נישט געווען אַזוי לייכט דאָס איינאָרדענען די פאַרם. מיין ווייב איז נישט געקומען גלייך מיט מיר. זי איז געקומען מיט אַ יאָר שפּעטער, שוין מיטן קינד. די אונרא־פּאָליציי האָט מיך געזוכט. איך בין אַוועק כמעט אומלעגאַל קיין אַמעריקע. מען האָט אויפגע־דעקט אונדזער שמוקל. מיין ווייב איז געפאָרן קיין פּוילן. עס איז אָנגעקומען אַ בריוו אַז אירס אַ יונג שוועסטערל געפינט זיך אין דאַרף, ביי גויאים. איך פריי זיך וואָס איר זענט געקומען צו מיר אויף אַ וויזיט. בלייבט דאָ כאָטש אַ וואָך. עס איז אַזוי טרויעריק און מיין ווייב איז צוליב דער איינזאַמקייט קראַנק. איך האָב געטראַכט צו פאַרקויפן די פאַרם נאָר מען קריגט נישט קיין קונים. כאָטש לאָז איר איבער אויף הפקר. זי האָט אַ שלעכטן שם, די דאָזיקע פאַרם. איך האָב איר אָבער ליב. דאָ קען מער נישט געשען קיין אומגליק. איך זאָג דאָס מיין פרוי. אַ שכנטע האָט איר אויסגערעכנט די

נעמען פון די פאַראומגליקלעכטע און אומגעקומענע אין דער פאַרם און פון דעמאָלט אָן ציטערן איר די הענט. איך מיין אַז עס איז מיין שולד. יאָ, עס איז מיין שולד. וואָרעם איך בין דאָך אַן אַנדערער מענטש, נישט אַזאַ ווי אַלע. איך זאָג צו איר: פאַר קיין ווייקאָ. קענסט אַפילו בלייבן אויף אַ נאַכט. לעב אַזוי ווי דו ווילסט, זי איז אָבער הייליק, ווי איבערגעגעבן זי איז מיר. איך הער אין שלאָף ווי עס וויינט איר לייב. מיר דאַכט זיך תמיד אַז זי וויינט אין די נעכט. איך לויף דעמאָלט אין שטאַל אַריין, לויף און מיין צעיוירן לייב טולע איך צו די וואַרעמע שעפסן.

צו מאָרגנס בין איך נישט אַוועק. איך בין געבליבן אין דער פאַרם און צוגעקוקט זיך ווי אַזוי דער פאַרמער גרייט זיך צום פּי־יאַריד. עס זענען שוין געווען פאַרטריבן עטלעכע קי. עס וועלן קומען דריי טראָקס און אויפלאָדענען די קי און די שעפסן. איך האָב זיך געשפּילט מיטן ייִנגל און ער האָט מיר געלערנט ריכטיק אַרויסריידן ענגלישע ווערטער מיטן טעקסאַ־סער אויסשפּראַך. איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון אים דאָס וואָרט מוטער אָדער פאָטער. ער האָט כמעט ווי נישט גערעדט מיט די עלטערן און זיך געהאַלטן אין הויף, אַרום דעם נעגער און צווישן די שעפסן. די פאַרמערין האָט מיר דערציילט אַז אָפּט ווערט ער פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג. ער חברט זיך מיט איבערגעוואַקסענע יונגען. זעט אויס, דער אומעט טרייבט אים פון שטוב. „אפשר דערפאַר וואָס ער איז דאָ אַליין, אָן קינדער?" איך האָב געוואָלט פאַרריכטן דאָס וואָס איך האָב געזאָגט און נישט געוווסט ווי אַזוי.

אויף דעם אַנדערן טאָג, באַלד אין דער פרי, האָב איך דערהערט דאָס גערויש פון די טראָקן. איך בין אַרויס אין הויף אַריין. עס האָט מיך פאַרדראָסן וואָס איך בין פאַרשלאָפן. אָט פאָרן זיי דאָך שוין אויפן פּי־יאַריד.

— איין רגע, איך נעם מיין רענצל.

אַלבערט האָט אַ שמייכל־געטאָן. איך האָב געהערט אין גערויש פון מאָטאָר זיין באַפעלעריש קול.

— בלייבט דאָ, מיכאַל, וואָס וועסטו זיך אַרומפּלאָנטערן אויפן יאַריד. מאָרגן אין דער פרי פיר איך דיך דירעקט קיין יוסטאָן. אָקעי? גודביי! — ער האָט אַ וווּנק־געטאָן צו מיר גוט־ברודעריש. די דריי טראָקן מיט אַ דזשיפּ האָבן אויפגעהויבן אַ שטויב־וואָלקן און זענען אַרויס צום שאָסיי.

אין פאַרמער־הויז איז געוואָרן שטיל. אין גרויסן פאַרטער־האָל איז קיינער נישט געווען. איך בין אַרויף מיט די שטיגן אין דעם בוידעם־צימערל

און אויסגעצויגן זיך אויפן בעט. די זון איז אויפגעגאַנגען פון דעם פאַררוי־כערטן האָריזאָנט און האָט זיך געפונען אויף דער זעלביקער פלאַך פון מיין פענצטער. איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן איר שפּילדיק ליכט און פאַרמאַכט די לאָדנס. איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז אַלבערט האָט מיט אַ כיוון מיך נישט מיטגענומען און ער איז עפּעס אויסן מיט דעם פאַרהאַלטן מיך אויף נאָך אַ טאָג. איך האָב געוווּסט פון ערשטן געשפּרעך מיט דער פאַרמערין, אַז זי האָט אויך געדאַרפט פאָרן קיין וויקאָ און איך האָב איר נישט געזען ביי די טראָקס. זי איז זיכער דאָ, ווייל מען וואָלט דאָך מיך נישט געלאָזט איינער אַליין אין דער אומהיימלעכער פאַרם.

אפשר זאָל איך אַרויס אין הויף אַריין? ניין. עס איז שוין לאַנג נאָך פרישטיק. דער זייגער וויזט צען. זאָל איך שטיל אַראָפּשלייכן זיך אין האָל אַריין? אפשר איז די פאַרמערין נאָך אין די נאַכט־קליידער און איך וויל נישט שטערן איר רו. עס קען נאָך אויסקומען אַז איך זוך געלעגנהייט צו טרעפן זי אומגעריכט, גראָד ווען דער מאַן איז אַוועק.

אַרום צוועלף האָט מען שטיל געקלאַפּט אין דער טיר. דאָס איז די פאַרמערין.

— איך האָב געמיינט אַז איר שלאָפט. די טראָקן האָבן אייך אַוודאי איבערגעוועקט? איך האָב געבראַכט קאַווע. — איך האָב זיך אויפגעזעצט און צוגענומען פון אירע הענט די טאַץ. פון שמאָלן שפּאַלט איז געפאַלן אַ זייל ליכט און עס איז איבערגעבראָכן געוואָרן אויף אירע הענט.

זי איז נישט אַוועק. איך האָב געוואָלט צונויפנעמען ביידע פאָלעס פון מיין שלאָפראָק צו פאַרשטעלן די נאַקעטע ברוסט און פאַרגאָסן די קאַווע.

— איר האָט זיך שפּעט געלייגט? אַלבערט האָט לאַנג זיך געזוימט ביינאַכט אין דעם צימער. איך פאַרשטיי אַז איר האָט פיל גערעדט.

און נישט וואַרטנדיק אויף מיינע רייד האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב זיך געפילט ווי באַליידיקט. איצט האָב איך דערזען דורך־און־דורך אַלבערטס כוונה. ווי געהאַרכזאַם זי איז צו דעם יונג! אין זיין פּראַסטקייט ליגט כוח און ווילן! איך האָב געוואָלט אויפשטעלן זיך, צעפּראַלן די לאָדנס.

זי האָט דערקענט מיין אומרו, ווייל איך האָב אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל קאַווע און צוריקגעצויגן זיך צום אַנדערן ראַנד פון בעט.

— מען רופט אייך מיכאַל?

איך האָב געפּאָרשט יעדן קער אירן. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט,

צעפּראַלט די לאָדנס און איר גאַנצער גוף איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט ליכט. בלויז דאָס פּנים איז געווען פאַרשאָטנט.

— דאָס קינד איז נישט פון אַלעקסאַנדערן! יעדער איינער קען דאָס גלייך דערקענען! איך האָב דורכגעמאַכט די זעלביקע אָפּעראַציע וואָס אַלבערט. איך האָב דאָס אים נישט געוואָלט זאָגן ווייל דאָס וואָלט נאָך מערער צעבראָכן אונדזער לעבן. זאָל ער האָבן דאָס געפיל אַז עמעצער איז זיך מקריב פאַר אים. ווען ער האָט מיך געבראַכט צו אַלעקסאַנדערן האָב איך געהאָפט, אפשר. איך בין אַוועק קיין פּוילן, כלומרשט זוכן אַ שוועסטער. אין שלעזיען האָב איך ביי דייטשן, אַנטלאָפענע פון סודעטן־לאַנד, אַדאָפּטירט אַ קינד. עס איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי חדשים. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן ביי אַ יונגער דייטשקע פון אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן שווייגנדיקע. אַלץ וואָס די פאַרמערין האָט מיר געהאַט צו זאָגן און אַלץ וואָס איך האָב איר געהאַט צו זאָגן איז שוין געווען נישט אינטערעסאַנט.

שפּעט אין דער נאַכט איז צוריקגעקומען פון פּי־יאַריד אַלבערט. ער איז געווען שיכור.

צומאָרגנס האָב איך פאַרלאָזט די פאַרם.

אויף די פעלדער פון קוליקאָוואָ

די קוליקאָווער הייפעלדער זענען שוין געווען רייף צום שניט. עס איז געווען אַרום סוף יוני. ביים קלענסטן ווינטל האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט זילבער־וואָלקנס פון זריעה־שטויב. די גראָז־זאַנגען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו גאָלדיקן און די קאָניטשינע־בלימלעך זענען מיט איין מאָל געוואָרן ברוין און קופּערדיק.

פון ווייט האָט אָפּגעהילכט אַ קאָסע־קלינגעריי. צוויי אַלטע פּויערים האָבן געשאַרפט סערפּן. דער געקלאַנג האָט דערמאָנט אין אַ ווייט קלויסטערל אויף יענער זייט האָריזאָנט.

יעפים האָט זיך באַגריסט מיט די צוויי זקנים און געגאַנגען לענג אויס דעם שמאָלן אויסגעטראָטענעם פעלדוועג.

— זדאָראָוו... דאָס מלחמהלע גייט נאָך אַלץ אָן?... מען זעט נישט קיין סוף?... האַ, יעפים?...

ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט איינצוטענהן מיט די זקנים. איינער איז דער הינקענדיקער וואַניאַ און דער צווייטער, דער מאַרדווינער מיקישקין. אַ גאַנצן ווינטער זענען זיי נישט אַראָפּ פון אויוון. אין פרילינג זענען זיי געזעסן האַלבע טעג אויף דער פריזבע און געפלאָכטן לאַפּטשעס פון ליפּעווע רינדל. ווען עס איז געקומען די צייט פון היישניט זענען זיי אַוועק אויף די הייפעלדער, וואָרעם אין דאָרף זענען מער נישט געבליבן קיין מוזשיקעס. זיי זענען אויפן פראָנט. דאָס אונטערוואָקסנדיקע יונגוואָרג האָט מען געטריבן מיט די פערד צו דער באַן־סטאַציע אָפּצופירן דעם קאָרן, צוצושטעלן געהילצער, און די טעכטער זענען מאָביליזירט געוואָרן צו אַרבעטן אויף די טאָרפפעלדער, נישט ווייט פון דער שטאָט איוואַנאָוו.

אַ שטיק הייפעלד, נישט ווייט פון דעם טייך מאָקשאַ, איז שוין געווען אָפּגעקאָסעט און דריי פּויערטעס האָבן צונויפגעשאַרט דאָס טרוקענע היי.

יעפים האָט צו זיך געשמייכלט. אָהאָ, מען דערקענט דעם אַלטן וואַניאָס

„פּאַטשערק" מיט דער קאַסע. דאָס געשניטענע פעלד איז געווען קרום. טייל ערטער זענען געווען אָפּגעגאָלט ביז דער ערד און טייל נאָר אונטערגעשניטן די גראָזן־זאַנגען, אַזוי עס איז געווען שווער צונויפצוזאַמלען דאָס געשניטענע גראָז. דער אַלטער מיקישקין האָט אויף טייל ערטער געבלאָנדזשעט, נישט געהאַלטן זיך אין איין ריי, אַזוי אַז עס זענען געבליבן גאַנצע פּאַסן פעלד נישט געשניטן.

עס איז שוין געווען אַרום מיטאָגצייט. די זון האָט געוואָרעמט און דער איינציקער שאָטן איז געפאַלן פון דעם נידעריקן סטאָג היי, וואָס דריי יונגע פויערטעס האָבן צונויפגעלייגט פון פאַר טאָג אָן.

זיי זענען געזעסן מיט די רוקנס צום סטאָג, צעשפּרייט די פיס און אויף די שויסן זענען געלעגן שטיקער גרינלעך־ברוינע פלעצלעך.

יעפים האָט אַנידערגעקניט פאַר די פויערטעס, אַראָפּגעוואָרפן פון אַקסל דעם שינעל און אויסגעטאָן דאָס מיליטערישע היטל.

איינע האָט געוואָלט אָפּברעכן אַ שטיק פלעצל און נישט געקענט, האָט זי עס אַריינגענומען צווישן די ציין און מיטביידע הענט אַ ריס־געטאָן. דאָס וואָס איז איר געבליבן אין די הענט האָט זי געגעבן דעם סאָלדאַט.

ער האָט צוגעלייגט די פינגער צום שטערן און זיך איבערגעצלמט.

דאָס ברויט האָט ער געקייט מיט חשיבות, רואיק, ביסן נאָך ביסן און זיין בליק איז געווענדט געווען צו די היי־וויטעניש.

— מען האָט אונדז געזאָגט אַז עס וועט קומען אַ וואָיענער העלפן... דו ביסט עס ?...

— איך הייס יעפים... כ'בין פון יענער זייט מאָקשאַ, פון טאָרביעוואָ... מען האָט מיך אָפּגעלאָזט פון דער ארמיי אויף צען טעג... היינט איז שוין דער אַכטער טאָג.... איך האָב זיך אויסגעצייכנט ביי מאָסקווע... נו, האָט דער גענעראַל געפרעגט: וואָס ווילסטו? האָב איך אים געענטפערט: איך וויל דעקן די כאַטע מיט שטרוי ווייל עס רינט אַריין, אַזוי שרייבט מיר מיין ווייב... מוזשיקעס זענען נישטאָ אין טאָרביעוואָ... און דעקן אַ דאַך איז אַ מוזשיצקע אַרבעט... מען מוז דאָס טאָן ווייל די קראָקוועס וועלן אונטערגעפוילט ווערן פון די רעגנס... לאַדנאָ — האָט געזאָגט דער גענעראַל. — האָסט צען טעג. גיי, דעק דעם דאַך און קום צוריק מלחמה האַלטן מיטן גערמאַניעץ... — אַזוי ווי עס זענען מיר געבליבן צוויי טעג פרייע — האָט מען מיך געשיקט צו איך, אַז כ'זאָל צוהעלפן צום היישניט... מאַכן אַ סקירדע איז אַ מענערישע

זאַך. װעט מען נישט גוט לייגן דאָס היי, װעט דער װינט צעטראָגן דעם גאַנצן סטאָג און די אַרבעט װעט זיין אַרױסגעװאָרפן...

זיי האָבן זיך איינגעהערט אין די רייד פון סאָלדאַט, אײַנגעקוקט זיך אין דעם אָפּגעברענט און ביינערדיק פּנים זיינעם.

איינע איז געװען אַ שװאַרצהאָריקע, מיט נידעריקע קינבאַקן ברייטע, מיט רויטלעך־אָראַנזשפּעגעדיקע באַקן און אַ קורצן פעסטן האַלדז. אירע הענט זענען געװען װייס נאָר די פינגער טונקל, קורץ און ברייט.

די צװייטע האָט געהאַט אַ פּנים מיט זומער־שפּרענקלעך װי עס װאָלט אָפּגעשאָטן געװען מיט דעם רייפן צװייט פון דעם הייפעלד און אַרום דער קורצער נאָז האָבן זיך געטונקלט פּיאַלעטענע פּאָקן־גריבלעך.

די דריטע האָט אויסגעזען צו זיין נידעריק, מיט קורצע פיס. אירע באַקעטע קני האָבן געלויכטן פון דעם גראָז אַרויס און די בריסטן זענען געװען אָנגעשװאָלן װי די אײַטערס פון אַ נישט־געמאָלקענע בהמה.

זיי זענען געװען יונג, אפשר אָנהייב די דרייסיקער. דאָס קול זייערס איז געװען הילכיק, האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַ דרייפאַכיקן עכאָ, דער הייסער אָטעם זייערער האָט זיך צונויפגעמישט מיטן ריח פון היי און עס איז דערגאַנגען צו יעפימען מיט אַ װאַרעמקייט װאָס האָט אים געמאַכט שיכורלעך מיד. ער האָט אַ בליק־געטאָן אויף דער אָפּגעדעקטער קני און אויף די אַרויסשטאַרנדיקע בריסט פון דער פויערטע און זיינע ליפּן זענען פאַרלאָפן געװאָרן מיט אַ פייכטקייט.

די פויערטע מיט די זומער־שפּרענקלעך איז אויפגעשפּרונגען.

— קאַטיאַ, װאָס שטעלסטו אַרויס דיין פאַרמעגן פאַרן מושיק? װאָס סטאַװיעסטו זיך אַזוי? מיינסט אַז מיר זענען פון האַלץ געמאַכט? אַז מיר האָבן נישט דאָס װאָס דו האָסט?

זי האָט זיך אַ דריי־געטאָן, פאַרהויבן דעם פאַרטעך, אַנטפּלעקט מיט רוגזה און געלעכטער איר אונטערשטן טייל פון גוף. אין אַ רגע שפּעטער איז זי שוין געװען װייט, אין די גראָזן, מען האָט איר מער נישט אַרויסגעזען, נאָר עס איז דערגאַנגען פון דאָרט אַ געלעכטער װי אַ הירזשעריי פון אַ יונג נישט־געזאָטלטן פערד.

עטלעכע שעה האָבן זיי געאַרבעט שװייגנדיקע, פאַרעקשנטע און דער־לאַנגט יעפימען אויף הילצערנע װידלעס פולע שטויסן מיט היי. ער האָט די היי פלינק אַ כאַפּ־געטאָן אין די אָרעמס און געשפּרייט דאָס טריקענע גראָז

פלאַך אויף דעם סטאָג. דער סטאָג איז געוואָקסן און עס איז נישט לייכט געווען פאַר די פויערטעס אויפצוהייבן אויף די דרענגער די בינטן היי.

די זון האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן זיך צו זעצן. זי האָט גענידערט צום ברעג פון דער מאָקשאַ.

איינע האָט אַ וואָרף־געטאָן דעם הילצערנעם דראָנג און געגאַנגען אָנשעפּן וואַסער צום טייך. די, מיט די זומער־שפּרענקעלעך, איז איר נאָכגעלאָפן.

— קריך־אַראָפּ, כלאָפּ, רו זיך־אָפּ — האָט געזאָגט די מיט די קורצע פעסטע פיס.

יעפים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון סטאָג און געבליבן ליגן אויפן גראָז.

— דיין ווייב האָט זיך דערוואָרעמט דאָס נשמהלע מיט דיר, האַ, מוזשיק? נאַר, מיר אָרעמע, זענען אָן מענער. מען האָט זיי ביי אונדז צוגענו־מען... פאַרטריבן אויף די פראָנטן... גיי און קום אויס אָן אַ כלאָפּ...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געפרעגט:

— ביסט נישט הונגעריק? האָסט דאָך פון דיין דוואָר נישט מיטגענומען קיין עסן. דיין באַלעבאָסטע באַהאַנדלט דיך שלעכט... ביי מיר וואָלסטו זיך געקאָרמעט פון בעסטן...

יעפים האָט נישט געענטפערט. ער האָט געזען ווי דער פויערטעס אויגן ווערן איבערגעפּולט מיט אַ פּליסיק פייער און געשפּירט ווי זיין פּנים ברענט פון איר אָטעם.

— וואָס ליגסטו אַזוי ווי דער יאָזיל דער שטיינערנער... עך, דו, פראָנט־זעלנער... מען האָט דיך דאָרט געמאַכט פאַר אויס מוזשיק?... כאַ־כאַ־כאַ...

דאָס געלעכטער האָט זיך געקייקלט ווי אַ דונערײַ וואָס זאָגט־אָן אַ שטורעם.

און מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און זיין פּנים איז פאַרקלעמט געוואָרן צווישן אירע ברייטע בריסט. ער האָט נישט געהאַט קיין אָטעם צו עטעמען און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין קול. אירע פּיס זענען געפאַלן אויף אים ווי די שווערע אונטערגעזעגטע סאָסנעשטאַמען. זי האָט אַריינגעוואָיעט אין די גראָזן־אַרייך, אין דער צעוואָרעמטער ערד, דאָס געוואָי איז יעפימען געווען אויסטערליש פרעמד און ער האָט זיך געוואָלט אַיינהערן אין יעדן קלאַנג וואָס איז געקומען פון איר צעסליניעט מויל.

צו ערשט האָט ער גוטמוטיק געלאָזט זיך איינקלעמען אין אירע אָרעמס. עס איז אים גוט געווען צו שפּירן דעם ברענדיקן אָטעם אירן, צו פילן די

פינגער אויף זיין צעכראַסטעטער ברוסט. דערנאָך, אַז אירע נעגל האָבן זיך איינגעשניטן אין זיין הויט איז איר גוף געוואָרן שווער און שטיינערדיק, דאָס קול איז איבערגעבראָכן געוואָרן, אַ וויסט־געוואי האָט זיך געשטיקט אין די געשניטענע גראָזן און פאַרהוילן אָפּגעהילכט אין זיינע איינגעווייידן, דעמאָלט האָט זיך יעפּים גענומען ווערן.

בעת ער האָט איר אַ שליידער־געטאָן פון זיך מיט די לעצטע כוחות — זענען שוין געשטאַנען די אַנדערע צוויי פויערטעס. זיי זענען צוריקגעקומען פון טייך און אויף זייערע האַנטפלאַכן זענען געלעגן פייגל־אייער.

קאַטיאַ איז געלעגן אין אַ זייט מיט די אָפּגעדעקטע פיס, מיט די נאַקעטע בריסט און געפלאָכטן דעם צאָפּ.

— קאַטיאַ, פייגל־אייער שמעקן דיר נישט? האָסט זיי נישט געוואָלט גיין צונויפקלייבן אין די קוסטעס אַזוי ווי מיר טוען דאָס יעדן טאָג? דיר האָט זיך פאַרגלוסט?... עך, דו!

די געשטופּלטע האָט זי אַ שטויס־געטאָן מיט אַ פוס און אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג.

— מיינסט אַז יעפּים איז געקומען נאָר צוליב דיר? און מיר? מיר זענען דען פון ליים? פאַר וואָס האָסטו אויסגעכאַפּט דעם מוזשיק? דער טייוול ווייס, אויב עס וועט נאָך בלייבן אויף דער זינדיקער וועלט אָטאַ די פאַראַדע? מען הרגעט דאָך אויס די עכטע מענער און עס בלייבן קאַליקעס און זקנים?...

די געשטופּלטע האָט אים אַ טרייסל־געטאָן פאַר די אַקסל און געוויזן די פייגל־אייער.

— נעם פאַרזוך... דאָס זענען פון די גרויסע קוראָפּאַטוועס...

זיי האָבן געקייכט פון געלעכטער, געבויגן אין דרייען, צעקנעפּלט און צעבונדן די סאַראַפאַנען, לויז געמאַכט די העמדער.

די שוואַרצהאָריקע מיט די רויטלעך־אַראָפּהענגענדיקע באַקן האָט יעפּימען אַ שטויס־געטאָן און אַז ער איז געפאַלן איז זי צוגעשפּרונגען און אים פעסט אַרומגעכאַפּט מיט די אָרעמס אַרום גאַרטל.

— לאָז אָפּ! — האָט ער אויסגעשריגן.

זי איז געבליבן פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט און נישט אויפגעשלאָסן אירע הענט אַרום זיין דיך.

— הע, נקבות, לאָזט אָפּ, יעי באָגו... שפּאַסט נישט...

— באַשלאָף אונדז דאָ, אויפן היי, אַזוי ווי דו האָסט דאָס געטאָן צו

— וואָס? די קראַסאָוויצע מיט די קלעצער איז דיר יאָ געפעלן? — קאַטיאַן... האָט געליאַרעמט די מויד מיט די זומער־שפּרענקלעך.

איצט האָבן זיך ביידע געראַנגלט מיט אים. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט און צוריקגעטראָטן אין פרייען פעלד אַריין. זיי זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג און געבליבן שטיין קעגן איבער אים מיט פייערדיקע פּנימער, מיט פייערדיקע הענט, צעשויבערטע, מיט אָפּגעדעקטע שטיקער לייב.

דעם פויערס געלעכטער האָט זיך אָנגעהויבן צו לעשן און דער שטערן איז פאַרדעקט געוואָרן מיט טראָפּנס שווייס ווי רובינען לויכטנדיקע. זיין האָריקע ברוסט האָט טיף געעטעמט און אַרום דעם מויל האָט געזעצט אַ שוים און ער האָט די שוים געווישט מיט אויסגעקרומטע פינגער.

דאָס געלעכטער פון די פויערטעס איז מיט איין מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרדעמפטן געוואַי און אין אַ פאַרשטיקט סאָפּעריי.

ער האָט דערלאַנגט מיט דער פויסט דער געשטופּלטער אונטערן דיך. זי האָט זיך אַ בייג־געטאָן אין דרייען און מיט דער גאַנצער קראַפט איינגע־ביסן זיך מיט די ציין אין זיין נאַקעטער האָריקער מענער־ברוסט.

ביידע פויערטעס זענען געווען שטאַרק, מוסקולירט און זייער הייס לייב און די פייערדיקע אָטעמס האָבן אים געמאַכט מיד, פאַרשיכורט און ער איז געבליבן ליגן אין אָנמאַכט מיט אַרויסגעזעצטע, פאַרגלייזטע אויגן.

די פויערטעס האָבן געריסן פון אים די קליידער, אויסגעטאָן די לאַפּטשעס, דאָס העמד און מיט צעשוימטע פייכטע ליפּן און פייכטע הענט פון שווייס, פון היץ, געפּירט איבער זיין גוף.

— זעט הימלען וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אונדזערע מוזשיקעס! זעט, די צייכנס פון ווונדן! זעט די שאַרפע ביינער... ווי אַזוי וועלן מיר לעבן אויף דיין וועלטל?... זאָג, גאָט! וועסט אפשר אַראָפּשיקן צו אונדז דיינע מלאכימלעך אַז זיי זאָלן אונדז באַשלאָפן?... האָסט אונדז אויסגעשטעלט נאַר אויף שפּאָט און אויף פּיין!... זע, קוק אַראָפּ פון הימל!... וואָס עס איז געוואָרן פון דעם מיין זכר?... ער ליגט ווי אַ היילקער... ער ליגט ווי אַן אויסגעלאָשענער פויער פון טיפער זיקנה... און אים איז נישט מער ווי עטלעכע צוואַנציק... פאַרוואָס לאָזסטו אונדז פייניקן אַליין אין די נעכט אויף די געלעגערס?...

זיי האָבן באַרירט זיין גליד, מיט רחמנות, מיט שפּאָט, מיט באַדויערן און מיט כּעס.

— קאַטיאַ, דאַוואַי, קום אַהער! האַ, קאַטיאַ!

זי איז צוגעקומען און איינגעבויגן זיך איבערן גוף פון דעם נאַקעטן מוזשיק.

— זיי האָבן דאָרט פאַרמוטשעט אונדזערע מוזשיקעס... אַז זיי וועלן צוריקקומען פון דער מלחמה וועט עס שוין קיין לעבן מיט זיי נישט זיין...

ווידער האָט זיך די געשטופּלטע אַרויפגעוואָרפן אויף יעפימען. זי האָט היסטעריש געלאַכט, געשריגן און געדראָט מיט אַ פויסט דעם וויטן דרימל־ענדיקן דאָרף פון וועלכן מען האָט אַנגעזען די הויכע ווייסע קירכע וואָס איז שוין זייט דער רעוואָלוציע מער נישט קיין קירכע, וואָס האָט שוין מער נישט קיין גלאָקן און מען הערט נישט דאָס הייליקע קלינגעריי.

יעפים האָט געוואָלט זיך אויפהייבן און יעדעס מאָל ווען ער האָט נאָר געמאַכט אַ פּרווו אויפצושטיין האָבן זיי זיך געשליידערט אויף אים מיט אַ נייער רוגזה.

און דאָך האָט ער אַ הייב־געטאָן זיך מיט אַלע כּוחות פון דער ערד און אָנגעהויבן צונויפצונעמען זיינע קליידער.

די דריי פויערטעס האָבן זיך אַרומגענומען און געגאַנגען, מיט עפּעס אַ געזאַנג וואָס איז געווען מער ענלעך צו אַ געוואַי, צו דעם סטאָג היי.

מיט אַ מאָל איז אויסגעבראָכן אַ פייער. פון מיטן סטאָג האָבן גענומען אויפשטייגן פלאַמען. דאָס האָבן די פויערטעס אָנגעצונדן דעם סטאָג היי, זיי זענען געשטאַנען נאַקעטע, געאָרעמטע, נישט וויט פון ברענעדיקן סטאָג און ווילד געיאָמערט.

יעפים האָט פּאַמעלעך פאַרוויקלט די אָניטשעס, אָנגעטאָן די צעפליקטע רובאַשקע, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל דעם מיליטערישן שינעל, אָנגעטאָן דאָס זעלנערישע היטל און איז אַוועק מיט די פאַרנאַכטיקע פעלדער.

אונטער אים האָט געפלאַקערט אַ פייער.

דער פייער־קרייץ

— מאַט! — האָט אויסגערופן דער יונגער קאַזאַך אַבאַקידזע און געדריקט אין זיין האַנט דעם געל־ביינערדיקן שאַך־פערד.

— לאָז צוריקשטעלן מיינע לעצטע גענג. אייל זיך נישט...

ניקאָליי קאַזאַנצעוו, דער שטאַבס־אָפיציר, איז געווען נישט אויפגע־לייגט; פאַרשפּילן אַ פּאַרטיע שאַך צום קאַזאַך, דעם פּויער פון אַ קאָלכאָז, אין אַזאַ שנעלקייט?

— כאַפּ נישט, קאַזאַך... אַט פאַרריכט איך...

דאָס שיסערייַ אין דרויסן איז שטיל געוואָרן. די דייטשן האָבן אָפּגע־טראָטן פון די פאַרנאַכטיקע שעהען אָן. זיי האָבן אָבער געדעקט זייער צוריקטריט מיט אַן אַרטילעריש פייער וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דערווייטערן.

הייסט דאָס אַז זיי האָבן באַוויזן צו דערגרייכן יענער זייט עלבע — האָט געטראַכט קאַזאַנצעוו.

— נו, זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון קלעם — האָט ער שטיל געזאָגט.

אין דייטשן דאָרף האָבן שוין געהוילעט די סאָלדאַטן. די אינטענדאַנטור האָט אַנטדעקט אַ וויינסקלאַד — טיילט מען צו צוויי פלעשער רויטן וויין.

עס איז אין מיטן אַפּריל. אַ מילד ערב־פרילינג ווינטל וויגט דעם בלעכענעם האָן אויף אַ געביידע. דער האָן סקריפּעט. אויף די שטיינער, ביי דעם גרויסן הילצערנעם צלם, וווּ עס הענגט דער געקרייציקטער, זיצן רוסישע סאָלדאַטן. זיי טרינקען פון די פלעשער וויין און קוקן אויף דער קירכע. זי שאָטנט זיך מיט די טונקעלע ציגלווענט.

דער הילצערנער צלם מיט דער געשניצטער פיגור פון קריסטוסן איז באַהאָנגען מיט אויסגעטריקנטע קרענץ און דערנער־צווייגלעך, געפלאָכטענע ווי קרוינען.

פון די שייערן טראָגט זיך אַ שיכור געזאַנג און אַן אויסגעצויגענער מאָנאָטאָנער ניגון פון אַ האַרמאָשקע.

פלוצעם האָט זיך האַסטיק צעפּראַלט די טיר און עס איז אַריין אַ סאָלדאַטין פון דעם סאַניטאַרן־אָפּטייל.

זי איז געווען אַן שינעל, אַן דעם רימען. די האָר צעשויבערט, דאָס פּנים צעריסן, מיט בלוטצייכנס. מיט פאַרבלאָטיקטע הענט האָט זי געקנעפּלט אויף זיך די צעריסענע גימנאַסטיאָרקע און געבליבן שטיין נישט ווייט פון שטאָבס־אָפיציר קאַזאַנצעוו אַ ציטערנדיקע.

— וואָס איז געשען ? — האָט ער שטיל געפרעגט.

זי האָט נישט געקענט איינשטילן דאָס געשלוכץ.

— דאַוואַי, רעד ! וואָס איז מיט דיר ?

די סאָלדאַטין האָט הויך אויפגעהויבן דעם צעשויבערטן קאָפּ, איינגע־קוקט זיך אין די צוויי מענטשן, דערנאָך געקוקט אויף די שטאַב־מאַפּעס, אויף די בילדער, אויף די פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן אויפן טיש און אירע ליפּן האָבן זיך נישט געקענט צונויפלייגן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט.

זי איז געווען יונג, נישט שיין. דער שטערן אַרויסגערוקט פאָרויס, די נאָז פלאַטשיק און די ליפּן ברייטע מיט אַ פול מויל פעסטע גרויסע ציין. אַ טיפּישע פויערים־טאָכטער פון אַרום דער וואָלגע.

אַבאַקידזע האָט זי דערקענט. זי האָט אים איין מאָל איבערגעבונדן אַ וווּנד, דאָס איז נאָך געווען בעת די ווינטער־חדשים אין פּוילן.

— מען האָט מיך פאַרגוואַלדיקט — האָט זי שטיל געזאָגט.

קאַזאַנצעוו האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון אָרט און אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון טאַש.

עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט איצט בולט געהערט דאָס געזאַנג פון שיכורע סאָלדאַטן. מען וועט היינט הוליען ביז שפּעט אין דער נאַכט ווייל מען האָט פאַרטריבן די דייטשן אויף יענער זייט עלבע.

דער אָפּהילך פון די האַרמאָשקע האָט זיך איינגעשטילט. ווידער אַ היימי־שער ניגון פון אוראַל, פון ניזשני. עס שפּילט דער האַרמאָניסט קאַליאַ.

— ווער האָט דאָס געטאָן ?

— אונדזערע... פון אייער אָפּטייל... זיי האָבן מיך פאַרשלעפּט אין אַ שייער... זיי זענען שיכור... ניין, נישט אַלע זענען געווען שיכור... זיי האָבן מיך פאַרנאַרט...

קאַזאַנצעוו איז אויפגעשפּרונגען. דאָס פּנים איז אים פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ פייערדיקער רויטקייט.

— פּאַשאָל וואָן! אַרויס פון דאַנען! אַרויס, דו גאָסנמויד!

ער האָט געזעצט מיטן רעוואָלווער אין טיש אַריין און געשריגן:

— איך זאָל דיך דאָ מער נישט זען! אַרויס! גאַסנמוידן האָבן מיר דאָ, נישט קיין סאַניטאַרינס! דו האָסט געוואָלט, האָבן זיי דיך פאַרגוואַלדיקט! דו האָסט זיי צוגערעדט און איצט קומסטו צו מיר... וואָן!...

די סאָלדאַטין האָט מיט די הענט פאַרשטעלט איר פּנים און אָנגעהויבן צוריקצוטרעטן.

ווען זי איז אַוועק איז שוין דער פאַרנאַכט געווען טונקל־בלאָ.

דער יונגער קאַזאַך האָט געוואָלט אַוועקגיין צו די רעפּאַריר־שטעלן פון די אויטאָס און דאָרט, אין אַ ווינקל, פאַרענדיקן שרייבן דעם בריוו צו זיין מאַמע. ערב דער מלחמה איז ער שוין געווען אויף לערער־קורסן און נאָך דעם קריג וועט ער ווערן דער דאָרפסלערער. היינט האָט אים גערופן דער שטאַבס־אָפיציר קאַזאַנצעוו אַז ער זאָל צוגרייטן דעם דייטשישן „פערד" צו אַ גרעסערע נסיעה. גראָד האָט ער געזען אין דעם שטאַבס־הויז אַ קרעדענס און אין דעם קרעדענס אַ העלפאַנטביין־געשניצטן שאָך. ער האָט זיך אויסגעלערנט שפּילן שאָך ביי אַ וואַנדערנדיקן בעטלער וואָס איז געווען אַמאָל אין דער הייליקער מעקאַ. דאָס איז דער אַמאַליקער מולאַ פון אַ שכנותדיקן דאָרף. דאָס געבעטהויז איז פאַרמאַכט געווען, איז דער זקן אַרומגעגאַנגען איבער דערפער און געטראָגן גאָטס וואָרט. און אַז דער קאַזאַך האָט זיך לאַנג פאַרהאַלטן ביי דער גלעזערנער שאַפע און געקוקט אויף דעם שאָך האָט אים דער אָפיציר געפרעגט: קענסט שפּילן שאָך? און אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן די פּאַרטיע.

— אייל זיך נישט... קאַזאַך... לאָמיר ענדיקן דעם שאָך... איך נעם צוריק מיין פריערדיקן גאַנג... אָט, דאָ בין איך געשטאַנען... — האָט געמיטלעך גערעדט דער אָפיציר.

אַבאַקידזע האָט זיך געחידושט ווי אַזוי גיך ער האָט געטוישט דאָס קול און ווי אַזוי ער האָט געביטן דאָס פּנים; אַ געמיטלעכקייט איז איצט געווען אויסגעגאָסן אויף דעם אָפּיצירס פּנים און אַ גוטסקייט. ער האָט געשמייכלט צו אים ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן.

— מאַט! — האָט אויסגערופן דער יונגער קאַזאַך. — עס איז געענדיקט!

ער איז אַרויס פון שטאַב און אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבערן דאָרף. ווו איז די סאַניטאַרין? ער מוז איר אויפזוכן. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז אין די איבערררייסן פון שיכורן געזאַנג וואָס קומט פון שייערן, פון דייטשע הייזער, ווו עס הוליען איצט אונדזערע, רוסישע סאָלדאַטן, הערט ער אַ געוויין פון דער קליינער, מיאוסער טרויעריקער רוסישער פויערים־טאָכטער.

אַבאַקידזע איז אַריין אין זיין קליין צימערל, ביי דעם גאַראַזש פון דאָרף, און אַ בליק־געטאָן אויף דעם נישט־פאַרענדיקטן בריוו.

„מיר זיגן. זאָרג זיך נישט, מאַמע. די מלחמה ענדיקט זיך. עס קומען גוטע צייטן".

ער האָט צעריסן דעם בריוו און איז אַרויס אויף דער גאַס. ווו איז זי? ווי אַזוי רופט מען זי?

דער הילצערנער צלם דערהייבט זיך איבער דעם גרויסן דייטשישן דאָרף. דער געקרייציקטער קוקט אַראָפּ צו דער ערד און זעט זיינע פאַרבלוטיקטע פיס, די וואָס זענען דורכגעהאַקט מיט אַן אייזערנעם נאָגל. איצט איז פוסט אין גאַס, נאָר די וואכן גייען לענג אויס די טראָטואַרן, הין און צוריק.

דאָס געוויין פון דער סאַניטאַרין איז אריין אין אים און ער האָט זיך פון דעם נישט געקענט באַפרייען. פאַר וואָס איז אויסגעבראָכן אין אַזאַ צאָרן ניקאָלאַי קאַזאַנצעוו? פאַר וואָס? האַ־האַ, איך ווייס פאַר וואָס. „עס קומען גוטע צייטן". דאָס איז אַ ליגנט! אַ ליגנט!

שוין דאָס דריטע מאָל ווי ער לויפט אַרויס פון גאַראַזש, דרייט זיך אַרום איבער דער גאַס און קומט צוריק. מיט אַ מאָל איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ בלעך מיט בענזין. ער האָט עס גענומען מיט זיך און אייליק געגאַנגען צום דאָרפס־צענטער, דאָרט ווו עס שטייט דער גרויסער הילצערנער צלם מיטן געקרייציקטן.

דער קאַזאַך איז געשטאַנען אַ פאַרטייעטער אין שאָטן פון אַן אייזערנעם צוים און אַז די וואַך איז פאַרביי איז ער צוגעלאָפן צום צלם, באַגאָסן אים מיט בענזין און אָנגעצונדן זיין קליינע צינד־מאַשינקע.

אַ פלאַם איז אויפגעשפרונגען.

די גאַס איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ העליש ליכט. דאָס טרוקענע האָלץ, וואָס איז שוין אַזוי טרוקן אַוודאי אַ פאַר הונדערט יאָר, האָט געפלאַקערט מיט אַ געצישעריי און טראַסקעריי.

— ער וועט פאַלן, דער הייליקער, אַ געקרייציקטער אָדער ער וועט שטייענדיקערהייט, הענגענדיקערהייט, פאַרברענט ווערן?

— לאָמיר זיך וועטן?

— לאַדנאָ. איך שטעל דריי פלעשער עכטן גערמאַנסקן שנאַפּס! ער וועט פאַרברענט ווערן אַזוי, הענגענדיק!

— ניין! ער וועט פאַלן!

דער צלם איז נישט געפאַלן. די פלאַמען האָבן זיך פאַרשטאַרקט, דורכגעריסן דורך די נאַכטיקע הימלען און פאַמלעך אָנגעהויבן קלענער צו ווערן.

— יעזוס קריסטוס איז צוריק אַוועק אין די הימלען אַריין! — האָט עמעצער אויסגערופן.

אין שכנותדיקן שייער שפּילט די האַרמאָשקע אַלט־רוסישע ניגונים. אוקראַאינער טאַנצן דאָרט קאָזאַטשאָקס.

אַבאַקידזע איז געגאַנגען ביי די פאַרשאָטענע מויערן און גערעדט צו זיך: „מען דאַרף מער נישט קיין געטער. עס קומט אַ צייט ווען זיי זענען איבעריק. מען האָט זיי צעשטערט אין אונדזער דאָרף און אומעטום ווו עס האָט נאָר דערגרייכט די רעוואָלוציע. פאַרוואָס זאָלן זיי דאָ בלייבן מיט אַ גאָט? עס איז נאָך נישט די צייט פאַר אים. זאָל ער אין פייער און פלאַם צוריקגיין אין הימל אַריין"...

דער קאָזאָך האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צעעפנטער טיר פון אַ שייער. דאָ האָבן זיך פאַרוויילט די סאָפּיאָרן און טאַנקיסטן. עס איז נאָך אַ שלאַכט. מיר האָבן געזיגט. די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן. זיי האָבן הפקר געמאַכט אַ וועלט — טאָ זאָל זיין הפקר!

— היי, לאָזט מיך, מאַכט פּלאַץ, איך וועל אויסטאַנצן אַן עכטן קאָזאַכישן טאַנץ! דאַוואַי גאַרמאָניסט! דאַוואַי!

אַבאַקידזע האָט אָנגעהויבן אויסשרייען זיינע האַלדז־ניגונים, געדרייט זיך אין אַ ווילדן געדריי און שיכורע סאָלדאַטן האָבן געטופּעט מיט די שטיוול, געפּאַטשט מיט די הענט.

דער אוקראַאינישער האַרמאָניסט און דער קאָזאַכישער טענצער האָבן געיובלט.

קין יאָמערט אין די נעכט

ווינטער 1944. פון יענער זייט טייך האָרין ציט זיך דער פראָנט. ביינאַכט הערט מען דייטלעך דאָס שיסעריי פון האַרמאַטן. אויף די שנייפעלדער זעען זיך אָן צייכנס פון טריט; זיי פירן צו די וועלדער און צו פאַרוואָרפענע כוטאָרן. דאָס זענען פוס־טריט פון באַנדעראָווצעס. זיי גראַסירן אַרום הפקרדיק אין די דערפער און קליינע שטעטלעך נאָר וואָס באַפרייטע פון די נאַציס. זיי באַפאַלן רוסישע לאַסט־וועגענער, רייסן זיך אַריין אין איזאָלירטע מיליטערישע פאָסטנס, זיי מאָרדן די לעצט פאַרבליבענע יידן.

עמנואל, אַ צוואַנציק־יאָריקער יידישער בחור, איז געבליבן אויף נאַכט אין שטעטעלע טוטשין. פיר זענען זיי געווען אין דער לאַסטמאַשין. דער אָפיציר כראַמאוו האָט געהאַט אַ באַפעל נישט צו פאָרן אין די נעכט. פאַר טאָג וועט מען פאַרלאָזן דאָס שטעטל און יאָגן די מאַשין קיין ראָוונע.

פאַרנאַכט האָט עמנואל אַרומגעדרייט זיך אין דעם פאַרברענטן מאַרק. די הילצערנע שטיבער זענען אַוועק מיטן פייער. עס זענען געבליבן ליימ־בערגלעך האַלב־פאַרשנייטע און ווענט פון אַ בית־מדרש. אויפן ברייטן וועג זענען געשטאַנען עטלעכע גויאישע שטיבער אומבאַרירט. אויף די „זאַמדן״ — האָט זיך איצט געפונען די פאַרפעסטיקטע מיליץ־אָפּטייל פון שטעטל. אַרום אַ ציגל־געביידע, וואָס האָט געהערט צו אַ יידישן דאָקטאָר, זענען געלעגן זעק זאַמד און קנוילן שטעכיק דראָט. עס איז דאָ געשטאַנען אַ וואַך פון רויטאַרמייער.

דער יידישער בחור האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען. ער איז געווען אויפגערודעט פון דעם אַלעם וואָס ער האָט געזען און געהערט. אַרום מיטאָג איז זיין מאַשין פאַרבייגעפאָרן קאָרעץ. כראַמאוו האָט פאַרהאַלטן די מאַשין אין מאַרק, נישט ווייט זענען געשטאַנען אוקראַאינערינס מיט בלעכן לעפיאָשקעס.

— העי, עמנואל, שפּרינג אַראָפּ פון וואָגן און קויף עטלעכע געבאַקענע פּלעצלעך.

ער איז אַראָפּ פון דער לאַסטמאַשין, אַרומגעקוקט זיך, געזען די פאַרהאַקטע טירן און אַרויסגעזעצטע פענצטער פון די יידישע שטיבער, געזען די פאַרוויסטונג און אין דער פאַרוויסטונג — פויערטעס מיט געשטעלן געמאַכט פון טירן און לעדן, און אויף די געשטעלן — שוואַרצע בלעכן מיט אוקראַיניש געבעקס.

— וויפל? — האָט געפרעגט די פויערטע.

— א צענדליק.

די אַלטע האָט זיך איינגעבויגן, אויסגעטאָן די וואַלענע הענטשקעס, געעפנט אַ טאָוול פון אַ גרויסן ספר. זי האָט איינגעשפּיגן דעם גראָבן פינגער און אַ ריס־געטאָן אַ בלאַט. דאָס איז געווען אַ געלבלעכער בלאַט פון אַ גמרא. ער האָט אויפגעציטערט און אַ כעס האָט אים אַרומגענומען. עמנואל האָט אַ כאַפּ־געטאָן דעם בלאַט, געקושט אים מיט די אויסגעפרוירענע ליפּן און צוריקגעגאַנגען צו דער מאַשין אָן די פּלעצלעך. די פיר סאָלדאַטן מיטן אָפיציר כראָמאָוו האָבן אים שווייגנדיק באַטראַכט. זיי האָבן געקוקט ווי אַזוי עמנואל לייגט איין דעם בלאַט אין פירן און רוקט אים אַריין אין דער בוזעמטאַש.

אַ גאַנצן וועג האָבן די זעלנער געשפּאַט פון עמנואלן. כראָמאָוו האָט געיאָגט די מאַשין מיט אַזאַ רציחה אַזש נישט איין מאָל האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי וועלן אַרויף אויף אַ בוים אָדער זיך אַריינקייקלען אין די ליימיקע קאַנאַוועס.

ביינאַכט האָט מען געבראַכט פלעשער וואָדקאַ, שטיקער סאַלאָ, שוואַרצע ברויטן און אייער. מען האָט אָוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס פאַרבייסעכץ, געגאָסן גלעזער וואָדקאַ, געפרעגלט חזיר. אַ בלינדער אויף איין אויג האָט פאַרצויגן אַ ניגון און צוגעטופּעט מיט די פיס. אַרום האַלבער נאַכט האָט מען געשיקט נאָך אַ האַרמאָניסט. דאָס איז געווען אַ יונגער קאָזאַק.

כראָמאָוו האָט אויסגעמיטן עמנואלן. אַ גאַנצן אָוונט האָט דער אָפיציר אַרומגעדרייט זיך אַ שווייגנדיקער, ערשט ווען ער האָט אויסגעטרינקען עטלעכע גלעזער איז ער צוגעשטאַנען צו עמנואלן אַז ער זאָל אויך טרינקען. ער האָט געשפּיזלט מיט די אויגן, כיטרע געשמייכלט און געדרייט אַ וואָנצע.

— וויֵיז וואָס דו האָסט געקושט... לייען איבער וואָס דאָרט שטייט

געשריבן... ביסט דען אַ רוסישער סאָלדאַט? אַ ראַבין ביסטו!... כלאָפּצי קומט אַהער! דער ראַבין וועט אונדז לייענען וואָס עס שטייט געשריבן אין די הייליקע בלעטער. — כאַ־כאַ־כאַ.

כראַמאָוו איז שוין געווען שיכור. ער האָט זיך געוואַקלט, אַרויפגעלייגט אַ שווערע האַנט אויף עמנואלס אַקסל און געמאָנט ביי אים דאָס איינגע־קנייטשטע פּאַפּירל, וואָס ער האָט אין בוזעם.

דער בראָנפן־ריח, דער ריח פון טיטון, כראַמאָווס אָטעם האָט עמנואלן געררייצט. ער האָט זיך געוואָלט אַרויספּלאָנטערן פון אָפיצירס הענט און נישט געקענט.

און אומגעריכט איז אין דעם יידישן יינגל אויפגעגאַנגען אַ ווילן איבערצולייענען דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן אין דעם גמרא־בלאַט. ניין, נישט דאָ! איך וועל דאָס לייענען אין אַ שטילער שעה ווען איך וועל זיין אַליין, נישט מיט שיכורע סאָלדאַטן, נישט ביי דעם טיש אַ געדעקטן מיט טריפהנע מאכלים. ער איז נישט געווען פרום, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען די הייליקע שריפט. ניין. ניין!

— סוואָלאָטש... עך, טי, מאָרדאַ... — דער אָפיציר האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דאָס שיכרות איז ווי פון אים אָפּגעטראָטן.

דער האַרמאָניסט האָט אַ צי־געטאָן די האַרמאָניע און עס האָט זיך אַ לאָז־געטאָן אין טאַנץ אַ סאָלדאַט. ער האָט געקלאַפּט מיט די אָפּצאָסן פון די שטיוול אויף איין אָרט, געקלאַפּט צום טאַקט. אַראָפּגעזעצט זיך כמעט ביז דער פּאָדלאָגע און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ טראָג־געטאָן ווי אַן אָנגעדרייט דריידל, פון איין עק שטוב צום אַנדערן, פּאַטשנדיק מיט די האַנט־פלאַכן אָן די שטיוול־כאַליאַוועס און אויסשרייענדיק דערביי קורצע, אָפּגעהאַקטע קולות.

פון די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ לויערנדיקע ווינטער־נאַכט. אַ פאַרוויסט שטעטל. שאָטנס פון וועלדער. זאַמדזעק. שטעכיקע דראָטן און טריט פון וועכטער. מען האָט זיי געהערט אין די רגעס ווען עס איז שטיל געוואָרן אַרום טיש.

עמנואל האָט געוואָלט אַוועק און נישט געקענט, ווייל אַרום איז נאַכט, ווייל אין דער גרויסער שטוב וועט מען איבערוואַרטן ביז עס וועט ליכטיקן.

— טרינק, מאָלאָדאַי ראַבין! — איז צוגעשטאַנען כראַמאָוו און נאָך עפּעס אַן אָפיציר. — טרינק! וואָס לאַפּעסט דו מיט טרויעריקע שליפּיעס?

— דער יעווריי טרייבט אָן אַן אומעט... דאַוואַי, לאָמיר אויף דערפרייען זיך, נאָך אַ מאָל אויסטרינקען!

עס איז געוואָרן שטיל.

די אָפיצירן האָבן זיך איבערגעוונקען, געסודעט. איינער איז אַוועק. אין אַ פּאָר רגעס שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און געפירט מיט זיך אַ נידעריקן פּאַרשויין, אַ פּאַרוואַקסענעם, אין אַ קורץ שפּעסענעם פּעלצעל מיט אַן אויפגעשטעלטן האָזענעם קאָלנער.

עמנואל האָט דערפילט אַ היץ צווישן די אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ באַנדעראָוויעץ, איינער פון די וואָס מאָרדן און וואָס האָבן אַוודאַי דורכגעפירט די שחיטות איבער יידן.

כראָמאָוו איז צוגעגאַנגען צום נידעריקן פּאַרשוין אין פּעלצל און געשטויסן אים מיטן רעוואָלווער.

— סוקי סין... וויפל יידן האָסטו דערשאָסן?

דער אוקראַינער האָט איינגעצויגן די אַקסל, איינגעצויגן דעם קאָפּ אין קאָלנער אַריין.

— קיין איין ייד נישט דערשאָסן...

דער קלאַפּ איז געווען אַ הילכיקער. עס האָט אַזש אַ ציטער־געטאָן דאָס ליכט פון די נאַפט־לאָמפּן.

— איך בין נישט שולדיק... די גערמאַנצעס... זיי האָבן מיך געשלעפּט... זיי האָבן געצווינגען... ווי גאָט איז מיר ליב...

— גלייבסט אין גאָט? זאָג?

— איך גלייב... דאָברי פּאַניטש... טאָוואַרישטש... איך גלייב...

— כאַ־כאַ־כאַ... דו גלייבסט אין גאָט און דער ראַבין אונדזערער גלייבט אין גאָט, און ביידע שעכט איר זיך אויס... כאַ־כאַ־כאַ...

ערשט איצט האָט עמנואל באַמערקט אַז כראָמאָוו איז נישט שיכור, כאָטש ער האָט אויסגעטרונקען אַ פולע פלאַש בראַנפן. ער האָט דערזען אַז כראָמאָוו איז אַ מענטש פון נ.ק.וו.ד. א געשולטער. ער האָט דאָס דערקענט אין אופן ווי ער האָט געפּאַרשט דעם אַרעסטירטן.

— וויפל יידן זענען געווען ביי דעם גרוב?

— כ'ווייס נישט...

דער אוקראַינער איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרבונדענע הענט אויף הונטן האָבן געציטערט. די ליפּן האָבן זיך פאַרשלאָסן און די שטעכיקע האָר פון פּנים זענען ווי אָנגעצונדן געוואָרן.

ווידער אַ געניטער זעץ מיטן רעוואָלווער.

דער גאַרמאַניסט האָט אַרויסגעלאָזט אַ פריילעכן טאָן.

— אפשר טויזנט... מענער, פרויען און קינדער...

— העי, עמנואל, קום אַהער! הערסט! ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ שחיטה איבער דיינע ברידער. טויזנט... קינדער... פרויען... מענער... וואָס שטייסטו מיט פאַרלייגטע הענט? ווילסט אפשר אַז איך זאָל אים דערלאַנגען קלעפּ? און דו? היטסט דיינע הענט, אַז זיי זאָלן בלייבן אײדל? טרינקען קענסטו נישט. קושסט עפּעס אַן אַלט פּאַפּירל. אויף דער מלחמה זעט מען אייך אויך נישט צו שטאַרק אָן. און נקמה נעמען וועסטו קענען? האָ־האָ־האָ...

די מענטשן זענען אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. דער גאַרמאָניסט האָט ווידעראַמאָל פאַרצויגן עפּעס אַ ניגון וואָס האָט זיך איבערגעריסן און געקנופּט אַזוי ווי אַ וויסט געלעכטער.

— וואָס שטייסטו? דערשיס אים! — האָט אויסגערופן כראַמאָוו.

— לודזשע, זעט, ער וויל אַפילו נישט נקמה נעמען!...

דער קאָזאַק האָט זיך געדרייט אין אַ רעדל, געקלאַפּט מיט די שטיוול אָן דער פּאָדלאָגע צום טאַקט פון דער גאַרמאָניע און יעדעס מאָל עפּעס אויסגעשריגן. דאָס מאָל האָט ס׳געשריי געקלינגען שפּאָטיש.

עמנואל האָט אַ נעם־געטאָן דעם אויטאָמאַט, אָנגעהאָנגען אים אויפן האַלדז און מיט אַ פּיסשטויס צעפּראַלט די טיר.

— קום! — האָט ער באַפוילן דעם אוקראַינער.

דער באַנדעראָוויעץ האָט געשטעלט וואַקלדיקע טריט. די טיר האָט זיך פאַרהאַקט. די וואַך־סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגערוקט און דורכגעלאָזט דעם באַוואָפנטן יונגן זעלנער מיטן אַרעסטאַנט. די נאַכט איז אַ פראָסטיקע, אַ ליכטיקע. דער טונקעלער וואַלד לויערט. פון דער ציגלנער געביידע הערט מען אַ שיכור געזאַנג. זיי זענען געגאַנגען אין מיטן פון דער דאָרפגאַס און דערגרייכט די פעלדער. עמנואל האָט געשפּרייזט דריי טריט פון געפאַנגענעם מיט דעם אויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט. ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז דער וועג צו די גריבער און זיך געחידושט ווי שטיל עס איז די נאַכט. מען הערט

נישט דאָס פייער פון דער אַרטילעריע אויף יענער זייט האָרין, און דער געפאַנגענער גייט איצט איילקער ווי פריער.

זיי זענען צוגעקומען צום ראַנד פון אַ האַלב־פאַרשאָטענעם גרוב. ביי אַ שטאַם פון אַ יונגער בעריאָזע וואָס אַ טייל פון אירע וואָרצלען זענען געווען נאַקעט און געהאַנגען איבערן גרוב, האָט זיך דער אוקראַינער אָפּגעשטעלט.

— דאָ איז עס... אָט דאָ, אויף דעם אָרט... שיס מיך נישט... לאָז מיך לעבן...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, צוגעלייגט דאָס פּנים צו דער ערד און געיאָמערט.

עמנואל איז געשטאַנען איבער אים און געשפּירט ווי די שטאָל פון אויטאָמאַט בריט די הענט, ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן צינגל.

ביי זיינע פיס איז געלעגן דער אוקראַינער און געיאָמערט.

— שענק מיר דאָס לעבן. איך בין אומשולדיק. מען האָט מיך געצוווּנ־גען. איך בין געווען פאַרבלענדט. נישט איך בין דער שולדיקער. האָ־האָ־האָ...

עמנואל האָט אויסגעטאָן דעם לעדערנעם רימען און פאַרבונדן די פיס פון געפאַנגענעם. צוערשט האָט ער זיך געוואָרט מיט די עלנבויגנס פון די פאַרקנופּטע הענט, אָבער דערנאָך איז דער געפאַנגענער געבליבן ליגן אַ שטילער און פאַרטייעטער און געבלענדט מיט די ווייסלען.

ביי די פיס האָט זיך געוואָלגערט אַ דראָט. עמנואל האָט געוויקלט די דראָט אַרום די קני, אַרום די פיס פון אוקראַינער, פאַרבונדן די דראָט צום שטאַם פון דער בעריאָזע.

עס האָט שוין געגראָט ווען ער איז דערגאַנגען צו דער ציגל־געביידע. אַרום טיש, אויף דער פאָדלאָגע, זענען געלעגן די סאָלדאַטן. כראָמאָוו איז געזעסן אין אַ שטול אַרומגעהילט אין אַ פּלעד. די נאַפט־לאָמפּ האָט געצאַנקט ווייל די נאַפט איז אויסגעגאַנגען.

פאַרטאָג האָט זיך צערוישט אַ לאַסטמאַשין. עמעצער האָט געוועקט עמנואלן.

— שטיי אויף... מיר פאָרן אַוועק...

ווען די מאַשין האָט גערירט איז אָנגעלאָפן אַ פויערטע פון דעם פעלדוועג. זי האָט זיך געצמלט און געשריגן צו כראָמאָוון:

— פון די גריבער טראָגט זיך אַ געיאָמער... אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געיאָמערט... דאָס זענען די גריבער ווו מען האָט אומגעבראַכט די יידן... אוי גוטע מענטשן... אַ ווילסטער פּחד נעמט אונדז אַרום... די גריבער יאָמערן...

כראַמאָוו האָט פֿאַרשעריש באַטראַכט עמנואלן און געמאָנט ביי אים רייד.

— העי, מאָלאָדאָי ראַבין, יאָמערן דען יידישע מתים?

— דאָס יאָמערט קין! קין יאָמערט אין די נעכט!

דער קאַרשן־סאָד

דער קאַרשן־סאָד

באַלד נאָך פּסח איז מיין פעטער געפאָרן דינגען דעם קאָלאָזאָמבער קאַרשן־סאָד. ער האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף דער צווייערדעדיקער בריטשקע און געגעבן די לייצעס אין די הענט אַריין.

— ביסט שוין צען יאָר אַלט און עס איז צייט צו קענען טרייבן אַ פערד.

דער פעטער האָט זיך ברייט אָנגעזעצט הינטער מיר, אַרויסגענומען פון בוזעם א תהילמל און אָנגעהויבן ברומען אַ ניגון. דאָס פערד איז געגאַנגען טריט ביי טריט ווייל אויף אַ מייל צווויי האָבן זיך געשפּרייט די פּיאַסקעס. דער ווינטער־פּאַרזיי איז שוין געשטאַנען הויך, צעגרינט און די ווייץ־פעלדער זענען באַשפּרינקלט געווען מיט בלויע כאַבער־בלימלעך. זילבער־ווערבעס מיט צווייגן ווינגנדיקע לענגאויס דעם באַטשנעם וועג. מיר דאַכט זיך אַז זיי וויגן זיך געגוי צום ריטעם פון מיין פעטערס תהילים־ניגון.

איך כאַפּ פון צייט צו צייט אַ זייטיקן בליק אויף דעם פעטער און האָב הנאָה פון זיין אויסגעלייטערט פּנים; אַ שוואַרץ־געקרייזלטע באָרד, צונויפ־געוואַקסענע ברעמען, ברוינע קינבאַקן פול מיט זון, די קורטקע — צעקנעפּלט, אַ ווייס בלאַנקענדיק העמד און די שוואַרצע פאַסן פון ארבע כנפות. און אַז דער מילדער פרילינגדיקער ווינט האָט אויפגעהערט צו וויגן די ווערבע־צווייגן, האָט דער פעטער אויך אויפגעהערט ברומען זיין ניגון, אַרומגעקוקט זיך חידושדיק, געזוכט סימנים צווישן די טונקעלע וואָלקנס פון וויטן האָריזאָנט און געזאָגט: — נו, ווי לאַנג וועסטו מיך לאָזן וואַרטן? דאַוואַי, רבונו של עולם, אַ ווינטעלע אַ מחייהדיקס, ווייל איך פאַרליר דעם ניגון און קען נישט תהילים־זאָגן...

דער קאַרשן־סאָד האָט געבליט. נאָך פון דער ווייטנס, אַ צוויי ווי‍אָרסט פון קאָלאָזאָמב, האָט דאָס ווינטל געבראַכט די ערשטע ריחות פון די צעבליטע קאַרשן־ביימער. מיין פעטער איז ווי דערוואַכט געוואָרן. איך האָב געהערט ווי ער אָטעמט טיף. זיינע נאָזלעכער זענען צעשפּרייט־געוואָרן און די אויגן

האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט ליכטיקע פּייערלעך. ער איז נישט איינגעזעסן רואיק אויף דער בריטשקע. און אַז מיר האָבן פאַרקערוועדט צום סאָד האָט זיך באַוויזן דער שטיינערנער מויער פון דעם פּריצס הויז און באַלד לעבן מויער האָט אַ בלענד געטאָן דער קאַרשן־סאָד. ער האָט זיך געצויגן ווייט אַזש ביז דעם טאָל וווּ עס געפינט זיך דער טייך.

עס איז שוין געווען אַרום מיטאָג צייט. אַ פויער האָט אונדז געפירט צווישן די ביימער. עס איז געווען הייס און מיין פעטער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל. יעדע פּאָר טריט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פאַרריסן דעם קאָפּ צו די ביימער און נישט אויפגעהערט צו ברומען אַ ניגונדל. איך האָב געוווּסט אַז ער רעכנט איצט אויס געני ווי פיל פוד קערשן יעדער בוים וועט געבן.

— קום נאָר אַהער! — האָט ער מיך גערופן. — צו צען יאָר האָט מיך שוין דער זיידע געלערנט אָפּשאַצן וויפל פירות אַ בוים וועט האָבן בעת דער בוים בליט... ביסט שוין צען יאָר אַלט! — האָט דער פעטער ווידער געזאָגט מיט אַזאַ ערנסט אַזש איך האָב זיך פּלוצם דערפילט דערוואַקסן צו וויסן אַלע סודות פון אַן עכטן סאַדאָווניק.

— קוק אויף דעם בוים!

איך האָב פאַרריסן דעם קאָפּ און געקוקט.

— וואָס זעסטו?

— אַ בוים.

— גיי־שוין־גיי מענדל, מאַכסט חוזק. ס'איז שוין צייט אַז זאָלסט ווערן אַ פּאָלנער מענטש און פאַרשטיין אַ זאַך. זעסט דאָס בליעכץ פאַרדעקט דעם גאַנצן בוים. עס איז נישט נאָר וויס, נאָר ראָזלעך. דאָס איז אַ גוטער סימן. די קאָרע פון בוים איז אַ טונקל־ברוינע און אויף טייל ערטער רויטלעך — דאָס באַדייט אַז דער בוים איז אַ געזונטער און די פּירות וועלן זיך האַלטן. אויב מען זאָל אָננעמען אַז איין צווייג וועט האָבן אַ גאַנצן פוד קערשן, טאָ וויפל אַ שטייגער למשל, וועט האָבן דאָס ביימל?

איך האָב געחשבונט, פאַרבויגן איין פינגער און נאָך אַ פינגער, געציילט לויט די פינגער־קנעכלען און לויט די גריבלעך ביי די קנעכלען און אויסגע־רעכנט אַז דאָס ביימל דאַרף האָבן צוואָנציק פוד.

דער פעטער האָט מיר אַ קנופּ־געטאָן אין דער באַק אַזש איך האָב דערשפּירט אַ ווייטיק.

— ווי איז מיר, ער איז דאָך אַ פאַרטיקער סאַדאָווניק! דיין מאַמע וועט אָנקוועלן! עס דאַרף טאַקע דאָ זיין צוואָנציק פוד. אָבער מען מוז

אַראָפּרעכענען. פאַרוואָס? ווייל עס קענען זיין שטורמעס און האָגלען. עס קען אַמאָל אַן אינזעקט באַפאַלן דאָס בליעכץ. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. דערפאַר איז שכלדיק אָנצונעמען אַז דאָס ביימל וועט האָבן אויף זיכער אַ דריטל פון דעם וואָס מען זעט איצט אַזוי באַשיימפּערלעך. און אַזוי ווי דער סאָד האָט צוויי טויזנט אַזעלכע ביימלעך, לאָמיר זיך ביידע אָוועקזעצן און מאַכן אַ גרונטאָוונעם חשבון.

מיין פעטער האָט זיך צעזונגען און זינגענדיק געחשבונט. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן, געריבן זיך דעם שטערן, ווידער אַ מאָל ברייט איינגע־צויגן דעם אָטעם ווי ער וואָלט שוין איצט, געוואָלט דערשפּירן דעם אמתן ריח פון די פולע קוישן מיט קערשן און זיך אַ הויב־געטאָן פון אָרט.

— קום מיט מיר צום פּריץ. איך האָב שוין אַ פּאַרטיקן חשבון און איך ווייס וויפל אים צו געבן פאַרן סאָד.

מיר זענען געזעסן אויף אַ גרויסע וועראַנדע און געטרונקען טיי. ביי מיינע פיס איז געלעגן אַ הינט. דער פּריץ האָט לאַנג איינגעטענהט מיטן פעטער. איך האָב אויפגעכאַפּט איינצעלע ווערטער און בשום אופן נישט געקאָנט באַנעמען אין וואָס עס גייט. דער אָנגעפּוישטער, רויט־האָריקער שליאַכטשיץ האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס מען האָט די יידן פאַרטריבן פון זייער לאַנד? ער האָט געדרייט די וואָנצעס און כיטרע געמרוזשעט די אייגלעך.

— וואָס איז געשריבן אין קאַבאַלאַ? זאָג מיר כאָטש אַ פּאָר שורות! ער האָט פאַרשעריש געשמייכלט און לאַנג געקוקט אויף די אַרבע כנפות פון מיין פעטער.

— פאַרוואָס האָט דאָס הייליקע טוך, וואָס דו טראָגסט, שוואַרצע פּאַסן?

מיין פעטער האָט אויף אַלע פראַגן געענטפערט און דערביי אומרואיק געפּויקט מיט די פינגער אין ראַנד פון טיש.

— די שוואַרצע פּאַסן? זיי זענען אַ זכר פון חורבן ירושלים.

דער פּריץ האָט נישט אויפגעהערט צו שטעלן פראַגן: — עס איז אמת, עליאַש, אַז אין אייער ספר נביאים, איז שוין דאָ אַן אָנזאָג אַז יעזוס קריסטוס וועט זיך באַווייזן? — מיין פעטערס פּנים איז געוואָרן בלאַס, דערנאָך רויט. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף מיר און איך האָב דערקענט אַז דער פעטער צוימט זיינע רייד. ער האָט גערעדט וואָרט־נאָך־וואָרט, שטיל און מיט עקשנות:

— נישטאָ אַזאַ זאַך אין ספר הספרים. די יידישע תורה איז אַן אָפענע.

אַלץ וואָס איז געשריבן איז קלאָר אַזוי ווי דער הימל. מילא וואָס מען טייטשט אַריין. נישטאָ נאָך אַן אומה וואָס זאָל זיין אַזוי טאָלעראַנט צו פרעמדע גלויבנס ווי מיר, יידן. פּאַניע דזשעדזשיצו, ווייסטו וואָס עס האָט געזאָגט דער נביא מיכה? ער האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער: „זאָל יעדעס פּאָלק גיין אין די שריט פון זיין גאָט און מיר וועלן גיין אין די וועגן פון אונדזער האַר און גאָט פון היינט אויף תמיד ביזן סוף פון דער וועלט".

דער פּוילישער פּריץ איז אויפגעשפּרונגען.

— אַזוי שטייט געשריבן? וויז מיר אויף עליאַש?

זיי זענען אַריין אין הויז, אַדורכגעשפּאַנט איילִיק דאָס פּאָדערהויז מיט די הירשן־קעפּ, מיט די הערנער און געבליבן שטיין ביי אַ גרויסער שאַפע מיט ביכער, מיין פעטער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם ספר נביאים אין פּוילישער איבערזעצונג, געבלעטערט מיט זיכערקייט ביז ער האָט זיך פאַר־האַלטן ביי איין בלאַט און געטייטלט מיט אַ דראָענדיקן פינגער.

— אָט דאָ איז עס! לייענט!

דער פּריץ האָט געלייענט אויפן קול.

— פּראַוודאַ. יאַסנאַ פּראַוודאַ...

עס איז געוואָרן שטיל, און אין דער שטילקייט האָב איך געהערט דעם פּאָליאַקס שטים: — עליאַש, אָבער אַ כיטראַק ביסטו. דו ווייסט גענוי וואָס עס איז געשריבן אין מיין בוך.

— עס איז נישט דיין בוך. עס איז אונדזער בוך... איר האָט אים איבער־געטייטשט...

דער באַדינער האָט געבראַכט אַ פלאַש שטאַרקן ווייַן. אויך איך האָב פאַרזוכט אַ גלעזל. מיך האָט פאַרדראָסן דעם פּריצס גדלות און דער געמיש פון איראָניע און פאַרבאַרגענעם דרך־ארץ צו מיין פעטער.

און אַז זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן שאַך בין איך אַרויס אין הויף אַריין. איך האָב געוווסט אַז מיין פעטער מוז פאַרשפּילן די פּאַרטיע שאַך. אַזוי יאָר נאָך יאָר, יעדן פּסח, ווען דער פעטער עליע קומט דינגען דעם קאַרשן־סאָד, הייבט זיך אָן דער דיספּוט און פאַרענדיקט זיך מיט אַ פּאַרטיע שאַך. דער פּריץ האָט נישט קיינעם אין דאָרף וואָס זאָל קענען שפּילן שאַך. אויב ער זאָל פאַרשפּילן די פּאַרטיע וועט ער אויפגערעגט ווערן און דער פעטער וועט צוריקפאָרן מיטן לײדיקן. ער וועט שוין דעם סאָד נישט באַקומען אין אַרענדע.

איך האָב נישט געוואָלט זען דעם טריאומף פון פּריץ ביי דעם געווי־נענעם שאַך. אַ כעס האָט מיך אַרומגענומען און איך האָב זיך נישט געקענט

באַפרייען פון אים. איך האָב אָנגעהויבן צו בראָדזשען איבערן סאָד, בין פאַרגאַנגען ביזן בעריאָזע־ווערדל און אויסגעצויגן זיך אויפן גראָז. פאַר מיר האָב איך געהאַט דעם טייך דזשאַלדאָווקאַ. רעכטס — דעם צעבליטן קאַרשן־סאָד און אַרום מיר — הויכע גראָזן. עס האָט געשמעקט מיט וואַסער־געוויקסן, מיט מיענטע־גראָז און מיט דעם בליעכץ פון קאַרשן־סעדער. איך האָב זיך געוואָלט פאַרשטעלן דעם אויסזען פון פאַרוויסטן ירושלים און נישט געקענט. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז כ'הער דאָס האַרפּע־שפּילן פון דוד המלך און זע די טעכטער פון יהודה. איך בין געלעגן מיטן פּנים צו די הימלען און נאָכגעקוקט דעם גאַנג פון די וואָלקנס, עס איז מיר אויסגעקומען אַז איך רייט־אַוועק אויף זיי צו די ווייטסטע מרחקים. דער ריח פון דער פרילינגדיקער וועלט האָט אַדורכגעדרונגען מיינע געבליטן און איך האָב אָנגעהויבן צו דרימלען.

ווי לאַנג איך בין אַזוי געשלאָפן אויף דער פייכטער לאָנקע האָב איך נישט געוווּסט. עס האָט מיך אויפגעוועקט אַ בילערייַ פון פּריצס הונט און דאָס רופן פון פעטער עליע. עס האָט שוין געטונקלט. איך האָב זיך איינגע־קנוילט אין דער בריטשקע, פאַרדעקט מיט אַ ראָגאָזשע און איינגעהערט זיך אין קלאַפּערייַ פון פערדס פּאָדקאָוועס. דער כעס קעגן דעם פּריץ איז נישט פאַרגאַנגען. איך האָב געטראַכט וועגן זיינע רייד, וועגן דעם שפּאָט־שמייכל און וועגן דעם בלייכן פּנים פון מיין פעטער בעת דער דזשעדזשיץ האָט דערמאָנט דעם יויזלס נאָמען.

איך האָב געוואָלט רייצן זיך מיטן פעטער פאַר זיין אָפּהענטיקייט און געזאָגט: — האַ, פעטער, איר האָט פאַרשפּילט דעם שאָך? יעדעס יאָר פאַרשפּילט דער פעטער...

ער האָט נישט געענטפערט, ווייל דאָס איז געווען די צייט פון מנחה און זיין שטיל געשעפּטש איז מיר אויסגעקומען דאָס מאָל טרויעריקער ווי תמיד.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געפייערט. איך האָב גערעדט פון היץ, געוואָרפן זיך אויפן געלעגער. איך האָב זיך געקריגט מיטן פּריץ און געשריגן: מאַט! מאַט! האָסט פאַרשפּילט! ביסט אַ כאַם! ווייסט נישט וואָס אין דיינע ביכער שטייט געשריבן!

מען האָט גערופן דעם פעלדשער. ווידער אַ פּאָליאַק מיט וואָנצעס, אַזעלכע ווי עס האָט געהאַט דער קייסער ווילהעלם אויף אַ פּאָרטרעט וואָס איך האָב געפינען אויפן בוידעם. „ווייז די צונג!" — איך האָב אַרויסגעשע־

טעקט די צונג און אויסגעקערוועט זיך מיט רוקן צום פעלדשער. אויפן דריטן טאָג האָב איך דערשפּירט אַ ווייטיק אין אַלע געלענקען. איך האָב געהאַט היץ און די היץ איז געווען ווי אַ דערלייזונג פאַר מיר, ווייל נאָך מער ווי די היץ האָט געברענט אין מיר דער פלאַם פון שינאה צום פּוילישן פּריץ. איך האָב אין די קאָשמאַר־נעכט געזען שריפות וואָס פאַרצערן זיין הויז. איך האָב אים געזען לויפן איבער פעלדער אין צעריסענע קליידער. איך האָב געזען ווי אַ ברוך־וואָלקן לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיינע שפּייכלער און זיי ברענען. איך האָב זיך אין יענעם נאַכטיקן שטורעם אַריינגעגנבעט אין גרויסן הויז פון פּוילישן פּריץ און געזען ווי עס פלאַקערן די הירשן־הערנער. מיין לייב איז צעהיצט פון די פלאַמען און איך אָטעם רויך. ווי אַ הירש לויף איך צו דער ביבליאָטעק און כאַפּ־אַרויס דאָס בוך פון די נביאים — דאָס זעלביקע בוך וואָס מיין פעטער עליע האָט געבלעטערט און ווו עס שטייען פאַרשריבן די רייד פון נביא מיכה...

מען האָט מיך געפירט קיין וואַרשע צו אַ גרויסן דאָקטאָר. איך געדענק גוט דאָס פּנים פון דעם אַלטן יידישן דאָקטאָר לייפונער. ער האָט מיך באַטראַכט, באַרירט די אָנגעשוואָלענע קנעכלען און קניען, איינגעקוקט זיך אין מיר און אויסגעפרעגט זיך וועגן מיין דאָרף, וועגן דעם קאַרשן־סאָד און וועגן דער פייכטער לאָנקע ווו איך בין אָפּגעשלאָפן אַ האַלבן טאָג אין פרילינג.

— דאָס בלוט פון דעם יינגל איז אויסגעמישט מיט דעם זאַפט פון גראָזן, מיט דעם סאָק פון וואָרצלען און מיט דעם ריח פון קאַרשן־ביימער — האָט גערעדט דער אַלטער דאָקטאָר.

מיט דריי יאָר שפּעטער, צו בר־מצווה. עס איז אַרום פּסח. מיין פעטער פאָרט אויף זיין בריטשקע קיין קאַלאָזאָמב, אַזוי ווי יעדעס יאָר, דינגען ביים פּריץ דעם קאַרשן־סאָד.

— איך וויל מיטפאָרן!

— גוט, איך וועל דיך מיטנעמען, נאָר זאָלסט מער זיך נישט אַוועקלייגן שלאָפן אין פייכטן גראָז!

מיין מאַמע האָט אונדז באַגלייט. איך בין געזעסן אין דער בריטשקע אַ פאַרטייעטער, אַ שווייגנדיקער און נישט צוגעהערט זיך צום ניגון פון פעטער עליע.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן דער דיספּוט מיטן פּריץ. מיין פעטער האָט אויפסניי ציטירט די רייד פון נביא מיכה פון דעם ספר נביאים וואָס איז געשטאַנען אין פּריצס ביבליאָטעק. די רייד זענען געווען ממש די זעלביקע ווי פאַר דריי־יאָר. נאָר ווען עס איז געקומען צו דער פּאַרטיע שאַך און מען האָט גענומען אויסשטעלן די פיגורן אויפן מירמלנעם שאַך־טישל, בין איך נאָענט צוגעגאַנגען צום פּריץ און געזאָגט:

— איך שפּיל אויך שאַך. אפשר וויל דער פּאַן דזשעדזשיץ שפּילן מיט מיר?

מיין מאַמע האָט אַ שמייכל־געטאָן גוטמוטיק און דער פעטער האָט מיך באַזעצט אין פאָטעל. איך האָב געמאַכט דרייסטע געגג. דער נישט פאַרגאַנגענער כעס האָט זיך דערוועקט אין מיר. עס האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט און איך האָב טריאומפירנדיק אויסגעשריגן: — מאַט! מאַט! מאַט!

מיין פעטער האָט פאַרבראָכן די הענט און שטיל געזאָגט צו מיין מאַמען: — מען וועט שוין דאָס יאָר נישט האָבן דעם קאַרשן־סאָד.

מיר זענען צוריקגעפאָרן שוויגנדיקע. דער פּריצישער קאַרשן־סאָד איז דאָס יאָר נישט פאַרדינגען געוואָרן צו מיין פעטער. עס איז געווען מיין שולד. דער פּריץ האָט מער נישט געלאָזט איבער דער שוועל מיין פעטער.

— דיין מאַט האָט מיך צופיל געקאָסט — האָט ביידלעך געברומט דער פעטער, תמיד ווען ער האָט מיך נאָר געטראָפן.

אַ צעשטערטער יאַריד

דער יאָר־יאַריד איז אויסגעפאַלן אין אַ פּורים. עס איז געווען דער סוף פון חודש אַדר ב׳. אין אַ נאָך־מיטאָג, אַ טאָג פאַרן יאַריד, זענען געקומען אַלטע פּויערטעס מיט זעקלעך, אויסגעזעצט זיך ווי די גרויע פעלד־פייגל אויפן רינעק און צעקנופּט די טאָרבעס מיט זריעה. אַלערליי טאָרבעלעך, איינס לעבן אַנדערן; מיט שוואַרצן מאָן, מיט זריעה פאַר רויטע בוראַקעס וואָס האָבן אויסגעזען ווי די פאַרבאַקענע פּאָקן, זריעה פאַר מייערן ווי די גרוי־זילבערנע מוראַשקעס, זריעה פאַר ראָש־חודש־רעטעכלעך, קליינע ציבעלקעס און קערלעך פאַר דיניעס און סלאָנעטשניקעס. זיי האָבן געהאַט אַלערליי וואָרצלען פון וועלכע עס וואַקסן אַרויס די שענסטע בלומען. פּויערטע לעבן פּויערטע, אין קאָליריקע קאָפּ־פאַטשיילעס, זענען זיי געזעסן שטילע, געדולדיקע, באַטראַכט די ווייטע פעלדער וואָס האָבן זיך שוין צעגרינט מיט אַ פרילינגדיק־ליכטיקער פּאָספאָר־גרינקייט און די פאַרנאַכטיקע הימלען האָבן אָנגעזאָגט אַז דער מאָרגדיקער יאַריד־טאָג וועט זיין אַ זוניקער.

צו דעם יאַריד האָבן זיך געגרייט די שוסטערס און שניידערס. די געשטעלן זענען שוין געווען פאַרפּאַקט און באַלד אין דער פרי וועט מען זיי אַרויספירן אויפן מאַרק. הונדערטער פאָר יוכטעווע שטיוול, מענער־שיך פון בוקאַטענעם לעדער און געשנאָרוולטע ברוינע שיך, מיט הויכע כאָליעוועס פאַר די יונגע פּויערטעס. עס זענען שוין פאַרפּאַקט געווען אין קאַסטנס קאָרטענע אַנציגער, צייגענע הויזן מיט קולקעס צו פאַרשנאָרוולען ביי די קני וואָס מען האָט זיי גערופן „גאַליפעי־הויזן״. עס האָבן שוין צוגעגרייט זייערע סחורות די שניט־סוחרים און די געוועלבער אַרום פירקאַנטיקן מאַרק האָבן אויסגעלייגט זייערע גאַלענטעריע־אויסאַרבעטונגען אויבן־אויף. פאַר טאָג וועט מען זיך שטעלן דאַוועגען אַזוי ווי עס וועט נאָר אָנהייבן ליכטיקן און תיכף לויזמאַכן די שטאַבעס, די פרענטן פון די לאָדנס, פון די בלעך־

באַשלאָגענע טירן און אַ צעפּראַל־טאָן די געוועלבער פאַר די אָנקומענדיקע קונים.

ס'איז אָבער נישט שטיל אין דער געגנט. די פּויערים אין די דערפער זענען אויפגעהעצט אויפן ייד. קיין קאָזשימין קען זיך מער נישט באַווייזן אַ יידישער דאָרפס־גייער. אין פשיבראָוויץ האָבן שיכורע גויאים איבער־געקערט עטלעכע געשטעלן פון יידישע שניידער. אין ניישטאָט האָבן קריסט־לעכע יינגלעך געטיילט אויפרופן אַז מען זאָל נישט קויפן ביי די „זשידעס".
אין גליניצע האָט מען צעשלאָגן אַ יידישן בהמה־סוחר. פרעמדע פּאַרשוינען, געקומענע פון פּלאָצק, רודערן־אַרום אין די דערפער. מען זאָגט אַז דאָס זענען קריסטלעכע סטודענטן, צווישן זיי, דייטשן פון פּויזן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ מגיפה און העצן־אויף דאָס געהינטעכץ. וואָרעם די וואָס פּאָלגן זיי, זענען טאַקע די הפקר־יונגען און באַקאַנטע שלעגער, די קאָרטאָזש־ניקעס וואָס ליגן־אָפּ אין די זונטיקס, גאַנצע טעג אויף די פעלדער, פּוסט־און־פּאַסט, שפּילן קאָרטן און זויפן וודקאַ אַזוי ווי וואַסער. יאָרן זענען זיי געווען איינגעלייגט און זיך געשראָקן פאַר די פויסטן פון אַ הערשל חיש, פאַר די ידיים פון מאָשאַרן דעם טויבן־כאַפּער, פאַר דעם בליק פון טרעגער־יונג יאָסל קייזער און פאַר די פינף ברידערלעך — זין פון אַן אַלמנה, וואָס האָט געוווינט אויפן זשעלאָני־רינעק. אַז זיי זענען אַרויס אין מאַרק, אַראָפּ־געוואָרפן די קורטקעס, פאַרקאַטשעט די אַרבל און צוויי מאָל איינגעשפּיגן די דלאָניעס — האָבן זיך אָפּגעטראָגן די גויאישע שלעגער נישט נאָר פון מאַרק, נאָר זיי זענען אַוועק פון שטאָט.

אָבער איצט איז אַנדערש. די פּאָליציי היט די שלעגער און באַשיצט זיי. מען זעט באַשיימפּערלעך אַז די מאַכט איז מיט די העצער. די פּויערים האָבן מורא אָפּענערהייט אַריינצוגיין אין אַ יידיש געוועלב ווען די שגצים פון דער באַנדע דרייען זיך אַרום איבערן מאַרק.

פּאַרנאַכט, אַ טאָג פאַרן יאָר־יאַריד, צווישן מנחה און מעריב, ווען די פּויערטעס האָבן שוין געדרימלט אין לאַנגע שורות אויפן אויסברוקירטן רינעק לעבן זייערע זריעה־זעקלעך, האָט זיך באַוויזן פון דער שולגאַס אַ קליין פּויערל אין אָרעמע קליידער. ער איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק, אַרומגעקוקט זיך, און אָנגעהויבן צו שטאַמלען. ער איז געווען פאַרוואַקסן מיט אַ געלער שטעכיקער באָרד און וואָנצעס ווי פון שלעכטע צעשניטענער מאַכאָרקע.

די דראָזשקאָזשעס האָבן זיך געגרייט צו דער פּאַרנאַכטיקער יאַזדע, וואָרעם אַרום זיבן אָוונט קומט־אָן די באַן פון שערפּץ און גייט קיין וואַרשע. זיי האָבן אָוועקגענומען די זעקלעך מיט האָבער פון די פערדישע מאָרדעס. פּאַרראָכטן די געזעסן און נאָך אַ מאָל זיך אַרומגעקוקט אויב די מוטרעס ביי די רעדער זענען גוט פאַרשרויפט און די גומענע רייפן זענען נישט לויז געוואָרן.

— העי, וואָסער טשאָרט האָט דיך פאַרשלעפּט אויף נאַכט אין שטאָט אַריין, וואַיטעק? — האָט גערופן דער דראָזשקאָזש איציק יאַלעך.

— הע! דאָס איז דען וואַיטעק? ס'איז דאָך עפּעס אַ פרעמד אָנשיקעניש!

— מען האָט אים געשיקט אויסקוקן.

— גיי־שוין־גיי! אַזאַ זדאָכלאַק!

— ער וועט עפּעס אָפּטאָן! ס'האַרץ זאָגט מיר! — האָט זיך אָפּגערופן זלמן דראַנגאַל.

די דראָזשקאָזשעס האָבן אַרומגערינגלט דאָס פויערל און אויסגעש־טרעקט צו אים הענט.

— דאָברי וויעטשער וואַיטעק!

— איך בין נישט וואַיטעק...

— טאָ ווער ביסטו?

— אַבאַ יאַ זנאַיען?...

זלמן דראַנגאַל האָט אים אַזאַ דרוק־געטאָן די האַנט, אַז דער פויער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ. „אָלאַ באָגאַ".

זיי האָבן אים געלאָזט צו־רו ווייל עס איז טאַקע אַן אָנשיקעניש, עפּעס אַ צעדרייט פויערל וואָס האָט זיך זעט אויס, דאָס ערשטע מאָל געלאָזט אין שטאָט אַריין. די בייטשן האָבן אַ פּאָכע־געטאָן, פערדישע קאָפּיטעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די שטיינער אַזש פונקען זענען אויפגעשפּרונגען און איין דראָזשקע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך אַ טראָג־געטאָן צו דער פּלאַצקער גאַס.

דאָס פויערל האָט אָנגעהויבן פּאַוואָליע צו גיין איבערן מאַרק. ער איז צוגעקומען ביז אַנשלס שענק און חידושדיק געגאַפט אויף דער גרויסער אָנגעמאָלענער פלאַש מיט וואָדקע. ער איז געשטאַנען אַ שטיק צייט, געקראַצט זיך מיט ביידע הענט אין דער באָרד, אַראָפּגעצויגן דאָס היטל און אַוועקגע־זעצט זיך אויף די הילצערנע שטיגלעך פון דער שענק.

— הע, וואָס ווילסטו, כלאָפּ?

אַנשל איז געשטאַנען אין דער אָפּענער טיר און אים אַ שטויס געטאָן מיט אַ קני.

— איך וויל אַ גלאָז בראָנפן!

— שטעל זיך אויף! קום אַריין, וועל איך דיר אָנגיסן און פאַרנעם זיך פון דאַנען!

— איך האָב נישט קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן בראָנפן...

דער שענקער האָט זיך צעלאַכט אַזש די שעלקעס זענען אים אַראָפּגע־פאַלן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער גלעזענער טיר, געפּאַטשט מיט די הענט אין די שטיוול־כאָליאַוועס און געשטויסן דאָס פּויערל: — היידאַ! אַוועק! וואָיטעק!

— איך האָב שוין געזאָגט אַז איך בין נישט וואָיטעק... איך הייס לאָנגין... בין פון קאָלאָזאָמב...

דער שענקער האָט מיט איין מאָל אויפגעהערט צו לאַכן. ער האָט פיל געהערט וועגן פּוילישן דזשעדזשיץ לאָנגין וואָס האָט זיין פאַרמעגן פאַרלאָרן צוליב אַ נקבה. ער האָט פאַרשפּילט אַ מאַיאָנטעק אין דער רולעטקע, ערגעץ אין פראַנקרייך און צוריקגעקומען אַ שיכור. אָטאָ דאָס איז ער...

— הער אַנשעל... אויב דו וועסט מיר נישט געבן קיין גרויס גלאָז בראָנפן וועל איך נישט אַוועקגיין. איך וועל בלייבן אויף די טרעפּ פון דיין שענק ביז איך וועל שטאַרבן. יאַק באָגאַ קאָכאַם, איך וועל דאָ בלייבן ביז איך וועל שטאַרבן... איך זאָג די ריינע וואָרהייט... אַזוי זאָל מיר דער פּאַן בוג העלפן... איך וועל שטאַרבן, אויב דו וועסט מיר נישט געבן קיין טרינק בראָנפן... אויף דיינע טרעפּ... דאָס פּויערל האָט שעלמיש פאַרמרוזשעט די אויגן און צעגעגעבן: איך קען די געזעצן... וועסט האָבן דערנאָך צרות... בעסער גיב אַ טרינק... וועל איך אַוועקגיין...

אַנשל דער שענקער האָט געהאַט אַ שווער האַרץ אויף דעם דאָרף קאָלאָזאָמב. זיינס אַ זיידע איז אַמאָל צעשלאָגן געוואָרן אין דזשעדזשיצס הויף. דאָס איז זיכער געווען דעם אַלטנס פּאַטער. צעווילדעוועטע היגט האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם בהמה־סוחר בעת אויף דער וועראַנדע איז געזעסן דאָס פריצישע געזינדל. איצט ליגט אויף די טרעפּ זיין זון. זאָל ער ליגן! ווינציק בלוט האָבן זיי געצאַפּט פון ייד! די יוכע האָט זיך נאָך אין זיי נישט איינגעשטילט. ווי לאַנג איז עס ווי דער שוואָב האָט זיי געיאָגט און חוזק געמאַכט פון פּאַליאַקן? ווי לאַנג איז עס דען ווי די קאַצאַפּן האָבן אפילו

ניט געלאָזט עפענען פּוילישע שקאָלעס און געוואָלט רוסיפיצירן דאָס לאַנד ? דער ייד האָט געהאָלפן דעם פּאָליאַק, געהאָלפן אים אין די אויפשטאַנדן! געהאָלפן די פּאָוסטאַנצעס! פאַרשפּרייט פּוילישע בלעטלעך! פּילסודסקי אַליין האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף קוכאַר ביי די יידישע גוטבאַזיצער, די פּאָזנערס! און איצט ? אַ רוח אין זיי אַריין! מאַכן יד־אחת מיט די דייטשן. ווער ווייס ווי אַזוי עס וועט אַדורך דער מאָרגנדיקער יאַריד און דאָ אַזאַ אַנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען!

— העי, טראָג זיך אָפּ פון די טרעפּ!

אַנשל האָט מער נישט געוואַגט צו שטויסן אים מיט כוח. פּאָרט אַ געוועזענער דזשעדזשיץ פון קאָלאָזאָמב! זאָל ער דאָ ליגן. אַ קרענק קען ער קריגן נישט קיין בראָנפן. גיב נאָר איין מאָל און דאָס וועט זיך מער נישט אָפּטשעפּן.

דער שענקער האָט פאַרמאַכט די לאָדנס פון דער שענק, פאַרמאַכט די טירן, פאַרלייגט די אייזערנע שטאַבע.

דער גוי האָט שטיל גערעדט :

— גוט, ווילסט נישט געבן קיין גלאָז בראָנפן... איך וועל שטאַרבן... איך זאָג דיר אָן, אַז איך וועל שטאַרבן אויב איך וועל נישט האָבן קיין טרינק בראָנפן... די מאַטקאַ באָסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ וועט מיין פּאַטשעזש דערהערן און זי וועט מיר די אויגן פאַרמאַכן... איך וועל שטאַרבן אויף די טרעפּ... וועסט דערנאָך...

אַנשל האָט אַ שפּיי־געטאָן און איז אַוועק. ער האָט זיך מער נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט דעם גוי. אַזעלכע פּויערישע געשפּרעכן דאַרף ער פירן יעדן טאָג. אָבער היינט, ערב דעם יאָר־יאַריד, האָט ער דערפילט אַז עס איז נישט סתם. אפשר, דאָך ? זאָל ער אויסזויפן און זיך אָפּטראָגן! וואָלט ער נישט געזאָגט ווער ער איז און ער וואָלט נישט אָנגערופן דעם נאָמען פון דאָרף קאָלאָזאָמב, וואָלט ער אים געגעבן אַ גלאָז בראָנפן און פּאָשאָל וואָן פון דאַנען! אַדרבא, עס וואָלט אַנשלען הנאה־געטאָן וואָס די פּוילישע שליאַכטע, די פאַרריסענע, וואָס איז פול מיט האָנער, איז אַזוי געפאַלן.

אין דער נאַכט ערב דעם יאָר־יאַריד האָבן די בליץ־לאָמפּן געברענט אין אַ סך שטיבער. שניידער האָבן אַרויסגעפּרעסט די צייגענע הויזן. שוסטערס האָבן מיט גלאָזור אַרומגעפּוצט די כראָמאָווע שיך און יוכטאָווע־

כאַלעוועס. זאָלן זיי גלאַנצן, וואָרעם פֿויערים האָבן ליב גלאַנציקע שטיוול!

דער ערשטער מנין האָט זיך געשטעלט גאָר פֿרי. די באַלמעלאָכעס האָבן איילִיק אָפּגעדאַוונט און אָנגעהויבן אַרויסצופֿירן די געשטעלן אין מאַרק אַריין.

ווען אַנשל שענקער איז אַרויס דורך דער קיך־טיר כּדי צו עפֿענען די שענק איז דאָס פֿויערל געליגן אויף די טרעפּ פֿאַרקנוילט, דעם קאָפּ אַריינגע־צויגן אין דעם האַזנעם קאָלנער פֿון דער בורקע.

— העי, שטיי־אויף! איך וועל דיר געבן אַ גלעזל, נאָר טראָג זיך אָפּ!

ער האָט אַ לייכטן שטויס־געטאָן דעם דרימלענדיקן און געזען ווי דער גוף זיינער האָט אַפֿילו נישט געטאָן קיין צוק.

דער שענקער האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט פֿון די טרעפּ און באַטראַכט דאָס פֿויערל. וואָס טוט מען? ער איז טאַקע טויט! און ווי האָפֿערדיק ער איז נישט געווען, האָט אים דאָך אַרומגענומען אַ שרעק. פֿון דער פּלאַצקער גאַס איז געמיטלעך געגאַנגען דער פּאָליציאַנט באַלצער. אַנשל איז אים אַנטקעגן־געלאָפֿן, צוגעגרייט פֿאַרן פּאָליציאַנט אַ ברייטן „דזיען־דאָברי" מיט אַ צוזאָגעריש שמייכעלע.

— עפּעס אַ שיכּור... פֿון נעכטן ביי נאַכט... ער ליגט אויף די טרעפּ... ווי אַזוי נעמט מען אים אַוועק?... פּאַניע שאַנאָווני... עס שטעלט זיך אַ שיינער טאָג... קום אַריין וועלן מיר אויסטרינקען... מיר זענען ביידע ניכטער? האַ?...

אַרום טויטן האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ קרענצל. דאָס זענען געווען די גאַסן־קערער, עטלעכע סטרוזשקעס און די מויד פֿון קעלער, וואָס האָט אָפּגעפֿירט צו דער בריטשקע אירס אַ גאַסט... דאָס זענען געווען בלויז קריסטן, אַ שלעכטער סימן — האָט אַ טראַכט־געטאָן אַנשל. זיי זאַמלען זיך שוין.

— הע־הע־הע... — האָט געלאַכט און כיטרע געוווּנקען דער פּאָליציאַנט באַלצער. ער מיינט, דער אַנשעל, אַז ער וועט אָפּקומען מיט אַ פֿלעשל בראָנפֿן...

—ס'איז נישט פּשוט! — האָט ער אויסגעשריגן. — מען האָט דעם פּאָליאַק אומגעבראַכט... דערהרגעט... ס'איז אייער שטיקל אַרבעט... דו האָסט אַ האַנט, אַנשעל, אין דער דאָזיקער זאַך...

דער מאַרק איז פֿול געוואָרן מיט פֿויערים. אַ שטיין איז געפֿלויגן אין אַנשלס פֿענצטער אַריין. עס זענען געקומען די היצלעס, די בהמה־טרייבער,

די גימנאַזיסטן און דייטשן פון דער קאָלאָניע. מען האָט איבערגעקערט די געשטעלן פון עטלעכע שניידער, געטראָטן די סחורה, די שוסטערס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון מאַרק. די שניט־סוחרים האָבן צוריקגעפירט די קאַסטנס, נישט אויפגעפּאַקטערהייט. לעבן דער קאָזשע־גאַס זענען געשטאַנען די פינף ברידערלעך מיט די קורטקעס אָנגעהאָנגענע אויף די אַקסל אַז עס זאָל לאַנג נישט דויערן דאָס אַראָפּוואַרפן זיי און אין די קעשענעס — אייזער־נע הענטשקעס. מאָשאַרן האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באָקעס. עטלעכע שוסטער־געזעלן מיט סמאָליסטע הענט, האַרטע ווי די לעדער, זענען געווען גרייט ; זאָלן זיי נאָר וואַגן צוקומען ביזן ראָג.

דער פּאָויאַטאָווער דאָקטאָר מיט אַן אויספּאָרשער האָבן פאַרחתמעט די שענק. עס וועט זיין אַ „ספּראַווע”. אויף די טרעפּ איז געלעגן אויסגעצויגן דאָס פויערל און אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַן איראָניש שמייכל. אַרום אים האָט געשטורעמט דאָס פּעבל.

דאָס געשלעג

דאָס געשלעג איז אויסגעבראָכן פרייטיק־צו־נאַכטס.

דער לאַנגער זאַלמאָ איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, די הענט אויף די באָקעס, דער אונטערשטער קינבאַק אַרויסגערוקט. דריי טריט פון אים, אויף דער ערד, איז געלעגן שימאָ זשלאָב. איין עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אָן דעם פעלדשטיין פון מאַרק און מיטן צווייטן עלנבויגן האָט ער פאַרשטעלט דאָס פּנים ווי ער וואָלט זיך גערילכט אַז אָט־אָט וועלן זיך אַ שאָט־טאָן נייע קלעפּ.

אַרום זיי — טרעגער־יונגען און דראָזשקאַזשעס. פון צעפּראַלטע פענצ־טער — געשרייען:

— לאָבוזעס.

— הפקר־יונגען.

— זיי וועלן זיך דאָך ממיתן.

— אין מיטן שבת?

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, ערגער ווי די גויים!

שימאָ זשלאָב איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד ווי אַ באַלעם. ער האָט מיט די הענט געפּאַטשט זיך אין די גאַליפעי־הויזן, אין די שטיוול־כאָלעוועס, דערנאָך אַ צי־געטאָן דעם דאַשעק פון ליצעפּעטן־היטל און גע־רוקט זיך פּאַמעלעך פאָרויס ווי ער וואָלט אויספּרובירט יעדן צענטימע־טער ערד אונטער זיינע פיס.

ער איז נידעריק, ברייטאַקסלדיק, דאָס פּנים קיילעכדיק און די הענט קורצע, פעסטע.

עמעצער האָט געוואָלט אַריינמישן זיך, זאָגן עפּעס, אָנכאַפּן די שלע־גער פאַר די אַקסל, צערייסן זיי.

הערשל כיש האָט געצאָרנט:

— נישט אייער דאגה. זאָלן זיי זיך שלאָגן. איינער אויף איינעם.

— מישט זיך נישט אַריין! — האָבן זיך דערהערט קולות.

דאָס ראָד אַרום די צוויי איז געוואָרן גרעסער.

מיט אַ מאָל האָט זיך דער לאַנגער זאַלמאָ אָנגעהויבן צוריקצוציען. ער איז אָפּגעלאָפן ביזן ראָג פון דער שולגאַס ווו עס זענען געשטאַנען די דראָזשקעס.

עס איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער. יאָסל קייזער האָט אַריינ־געלייגט פיר פינגער אין מויל און אַ פייף־געטאָן.

— מחלל־שבתניקעס! גוּיים! — האָט געדופן פון זיין באַלקאָן אַ ייד אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע.

שימא זשלאָב האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געקוקט ווי דער לאַנגער זאַלמאָ קניפּט דאָס געשפאַן פון זיין דראָזשקע און זיך גע־טראַכט: ער וויל אַוודאי אָפּציען.

נאָר זעט אויס אַז דאָס שפּאָט־געלעכטער און די פייפערייען פון די טרעגער־יונגען האָבן אים אונטערגעצונדן. אָנשטאָט אָוועקצופירן די דראָזש־קע מיטן פערד אין שטאָל אַריין, האָט ער אַ נעם־געטאָן אַ קלאָניצע און מיט איר אָנגעהויבן פאָכען.

— באַלד וועט מען דעך אָוועקטראָגן אויף ליילעכער.

זאַלמאָ איז געגאַנגען פאָרויס פאַכנדיק מיט דער קלאָניצע. שימא האָט זיך נישט געטאָן קיין רוק, ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרי־נאַרקע, אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ דאָס היטל און עס אַ שליידער־געטאָן.

אין דער רגע איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געשריי. עס זענען אָנגעלאָפן צוויי מיידן און געבראָכן די הענט. ביידע מיטלוואָקסיק, רויטהאָריק, מיט פאַרפלאָכטענע צעפּ פון פאָרנט, פאַרבונדענע מיט רויטע בענדלעך. איינע איז געווען שיין, ליכטיק־פּנימדיק און די אַנדערע מיאוס, געשטופּלט. דאָס זענען די צוויי שוועסטער, כלות פון די צוויי יונגען וואָס ממיתן זיך איצט אין מיטן מאַרק.

— רוק זיך אָפּ, ראַצאָ, הערסט!

אַ צאָרנדיק קול, אַ הייזעריקס. די קלאָניצע האָט געקלימפּערט מיט די אייזערנע האָקנס. די אויפגעהויבענע האַנט איז באַלויכטן געוואָרן פון די גאַסן־לאַמטערנס און פון די ליכטיקע פענצטער ווו עס האָבן נאָך גע־ברענט די שבת־ליכט. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט און דער מילך־וועג האָט געלויכטן ליכטיקער ווי תמיד.

די געשטופּלטע מויד איז צוגעלאָפן צו שימאָ זשלאָבן און אים געוואָלט פאַרשטעלן מיט איר גוף.

ער האָט איר בייז אָפּגעשטויסן פון זיך:

— מייטאָ! מיינע אויגן זאָלן דיך דאָ נישט זען! זאָל ער נאָר צוגיין נאָענט מיט דער קלאָניצע. — גיי און באַשטעל פאַר אים די חברה קדישא...

דער לאַנגער זאַלמאָ איז איצט געגאַנגען פאָרויס פּאַכנדיק מיטן אייזן־באַקאָוועטן האָלץ.

— אוי ווי, ער גייט אים הרגענען... ראַטעוועט! וואָס שטייט עץ?...

דאָס געשריי פון דער מיאוסער מייטאָ איז געווען אָפּשטויסנדיק, היי־זעריק און דער יונג שימאָ זשלאָב האָט עס נישט געקענט מוחל זיין וואָס די מויד נעמט זיך פאַר אים אָן.

די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן די אָטעמס. נאָך צוויי טריט און דער לאַנגער זאַלמאָ וועט זיך פאַרמעסטן מיט דער קלאָניצע.

הערשל כיש, דער עלטסטער פון די טרעגער, אַ ייד אַ ריז, וואָס האָט געקענט צוימען די צעווילדעוועטסטע פערד, האָט צעשפּילעט די וועסט און אַוועקגעשטעלט זיך אין דער מיט, צווישן די שלעגער.

— זאַלמאָ, גיב אַהער די קלאָניצע.

זיי זענען געשטאַנען נאָענט איינער פון אַנדערן, אַזוי נאָענט אַז הערשל האָט דערפילט דעם יונגס הייסע ברוסט, געשפּירט דעם בריענדיקן אָטעם.

— האָסט געהערט וואָס איך וויל פון דיר? גיב שוין אַוועק די קלאָ־ניצע!

— כ'וויל נישט.

דעם יונגס האַנט איז איינגעקלעמט געוואָרן פון הערשל כישס דלאָ־ניע אַזוי שטאַרק אַז זאַלמאָ האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. דער פּאַטש איז געווען אַ פייערדיקער. אויף דער ערד איז געלעגן דאָס שטיק האָלץ און דער עלטסטער טרעגער האָט אַרויפגעשטעלט דערויף דעם שטיוול.

זאַלמאָ האָט זיך געדרייט אין אַ קרייז, אַזוי ווי אַ חנוכה־דריידל, פון וויטיק.

— איצט קענען זיי זיך שלאָגן — האָט מען גערופן.

— איינער אויף איינעם.

— וועט זיך עמעצער אַריינמישן — איז זיין לעבן נישט ווערט קיין גראָשן.

— היטס די מיידן, זאָלן זיי שטיין אין אַ זייט.

דער עולם האָט געהאַלטן מיט שימאָ זשלאָב. דאָס איז געשען דערפאַר ווייל ער האָט באַקומען די ערשטע קלעפּ, געלעגן אויף דער ערד און ווייל ער האָט נישט דערשראָקן זיך פאַר די קלאָניצע. ער שלאָגט זיך ערלעך.

דעם זשלאָבס קלעפּ זענען געווען פעסטע. ער האָט אים דערלאַנגט איין מאָל נאָכן אַנדערן אין די זייטן־אַריין אַז עס האָט פאַרהוילן אָפּגע־הילכט ווי מען וואָלט אַ זעק־געטאָן אין אַ פויק אַריין.

— גיב אים טריקענע — האָט אַ יונג געזאָגט.

— מאַך צו די מאָרדע — איז צאָרנדיק געוואָרן הערשל כיש.

דער לאַנגער זאַלמאָ האָט געפּאָכעט מיט די הענט, וויסט געפייפט און געסאָפּעט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַ וואַקל־געטאָן, געפאַלן אויף אַ קני און ווידער זיך אויפגעכאַפּט.

דעם איבערהאַנט האָט געהאָט שימאָ. כאָטש ער איז געווען צעגראַטשעט און טראָפּנס בלוט האָבן באַשפּריצט זיין העמד, זענען אָבער זיינע זעץ גע־ווען ריכטיקע און הערשל כיש מיט זיינע יונגען האָבן אָנגעקוואָלן וואָס דאָס געשלעג האָט אַ טעם און עס קומט פאַר מענטשלעך, אַזוי ווי עס פירט זיך ביי לייטן און נישט ווי ביי צעווילדעוועטע גוים.

איצט האָט זיך שימאָ פאַרמאָסטן מיט די קלעפּ אונטער דעם גומען, דאָ וווּ דער קאָרק גייט זיך צונויף מיטן קאָפּ. ער האָט געוווּסט אַז אַ דריי גוטע טראַסק וועלן דעם יונג אַוועקלייגן. ער האָט שטילערהייט געציילט. דער ערשטער האָט פאַרכאַפּט אַ האַלבע גאָמבע און איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער ווייכקייט פון האַלדז. דער צווייטער זבענק האָט אים געטראָפן הינטער דעם אויער און דער דריטער כמאַל — צווישן לינקן אויג און אויער.

דער לאַנגער זאַלמאָ האָט אַלץ געפּאָכעט מיט די הענט, געוואָלט, ווי אַ פאַרווונדעטער קאָרשון איינבייסן זיך מיט די שאַרפע נעגל אין פליש פון שונא, נאָר ער האָט דאָס נישט געקענט און אַז ער האָט ווידעראַמאָל באַקומען אַ טראָמאָטש אין דער ברוסט אַריין, און גלייך נאָך דעם איז געקור־מען דער מעכטיקער שטויס פון שימאָ זשלאָבן מיטן קאָפּ אין בויך אַריין, האָט ער דערפילט ווי אינעווייניק דרייען זיך אים איבער די בעבעכעס און ער האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דעם בויך, געקאָרטשעט זיך און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד.

הערשל כיש איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו שימאָ זשלאָבן און געזאָגט נאָר איין און איינציק וואָרט:

— געַנוג.

אין דער רגע האָבן זיך די צוויי מיידן, די שוועסטער אָנגעהויבן צו רייסן פאַר די האָר און איינע האָט זיך געוואָרפן אויף דער אַנדערער.

— די ביסט שולדיק... ס'איז צוליב דיר, ראַצאַ...

— אַזוי גאָר? צוליב מיר...

— געוואַלד מענטשן! איינער איז איר געווען ווינציק... געוואַלד, זאָלן אַלע וויסן! צוליב איר האָט מען דערהרגעט מיין זאַלמאַ... ווי איז מיר... עץ זענט געשטאַנען און געלאָזט... יידן זענט עץ?...

מען האָט די מיידן אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער און אין מאַרק איז שטיל געוואָרן.

דער לאַנגער זאַלמאַ איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט צו זיין דראָזשקע. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם שווערן קאָפּ אויף דער גזשיווע און מיט די הענט אַרומגענומען דעם פערדס האַלדז. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, דערנאָך איז ער אַוועק צו דער פּלומפּ מיטן פערד, אָנגעפּאָיעט אים, אַרומגעוואַשן דאָס פּנים, געוואַשן די הענט און גענומען באַטראַכטן די פולע לבנה מיט דעם מילך־וועג וואָס איז היינט ליכטיקער ווי תמיד.

צומאָרגנס, שבת־צו־נאַכטס, ווי נאָר אַנשל האָט געעפנט די שענק, זענען אַריין עטלעכע טרעגער מיט הערשל כיש בראש און פאַרנומען דעם לאַנגן טיש. עס איז געווען די צייט פון צינדן הבדלה־ליכט. אין טייל פענצטער זענען נאָך געשטאַנען פרויען אין טונקעלע שאַלן, געקוקט אויף די ערשטע שטערן און געפּרעפּלט דעם „גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב".

הערשל כיש האָט צעקנעפּלט די טונקעלע וועסט, אַרויסגענומען דעם ציבעלע־זייגער מיט דער זילבערנער קייט, מיט די זילבערנע און קופּערנע מטבעות און זיך לאַנג איינגעקוקט אין מעשענעם ציפערבלאַט.

— העי, יאָסל קייזער, גיי און רוף זיי! — האָט באַפוילן דער עלטסטער טרעגער.

דער ערשטער איז אַריין שימאָ זשלאָב. ער איז געבליבן שטיין ביים טיש ווו עס זענען געזעסן די עלטסטע טרעגער. דאָס פּנים — צעריסן. די הענט — אָפּשטייענדיקע און אין די אויגן — תמימות און חידוש.

— נאָך וואָס האָט עץ מיך גערופן? האַ?

הערשל כיש האָט אַ זעץ־געטאָן אין טיש אַריין.

— וואָס וועט זיין, זשלאָב? ענטפער!

— כ'ווייס נישט... וואָס ווילט עץ פון מיר?...

— מאַך זיך נישט תמעוואַטע. רעדסט מיט הערשל כיש! לייג אַרויס דיינע טענות! מאָרגן וועט איר זיך ווידער ממיתן. די שטאָט איז נישט הפקר. עס וועט קיין ענד נישט נעמען. דערנאָך וועט איר סמען די פערד איינער ביים אַנדערן און זיך שטעלן בדיל הדל. אַ רחמנות אויף אייערע מאַמעס. שוין זאָלסטו אַרויסלייגן דיינע רייד. ווי איך בין נישט הערשל כיש באַקומסטו פון מיר אַ פלאַם פאַר דיין שווייגן.

— איך ווייס פון גאָרנישט. ער איז מיך דער ערשטער באַפאַלן.

הערשל האָט אַ רוק־געטאָן דעם טיש און איז אויפגעשפרונגען. שימאַ האָט אָנגעהויבן צו רעדן:

— ס'איז צוליב די מיידן... די שיינע ראַצאַ וויל אים נישט... זי האָט חרטה... ווען איך שפּאַן דעם קאַרן איז זי אין שטאַל... מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער איר פון מיין שטאַל אַרויסגעשלעפּט, ביי די האָר... מיר האָט זיך די געשטופּלטע מייטאַ צוגעגעסן... איך האָב איר קיין מאָל נישט געוואָלט, נאָר, הערשל איר ווייסט דאָך, אַז אַ נקבה וויל, קען זי זיך אַנטשעפּן אַזוי ווי אַ קאַלטן...

ווען יאָסל קייזער האָט אַריינגעפירט דעם לאַנגן זאַלמאַ האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, שימאַ זשלאָב האָט מיט שפּאָט באַטראַכט דעם איבערגעוואַקסענעם יונג און אָנגעקוואָלן פון די לאַמטערנס וואָס ער האָט אים געכטן אָנגעהאַנגען אונטער די שליפּיעס.

— זשלאָב, אַרויס! נאָר גיי נישט אַוועק, וואַרט אין דרויסן!

זאַלמאַ האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן און געזוכט אַן אָרט ביים טיש.

— וואָסי, צעלייגער, קענסט זיך שוין נישט אויף די דרענגער דיינע האַלטן? כאַ־כאַ־כאַ — האָט געלאַכט דער עלטסטער טרעגער. — וואָס האָסטו אויפגעטאָן מיט דעם געשלעג? גאָרנישט! און דאָס אין סאַמע מיטן שבת! פאַרשעמסט אונדז פאַר קהל! ווען עס איז נישטאַ קיין גאָט אין הימל, וואָלסטו איצט די ציין געקליבן אויף דעם טיש!

זאַלמאַ האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט. ער איז געשטאַנען אַ פאַרשול־דיקטער און אַ פאַרזינדיקטער.

— אַז מען וויל זיך שלאָגן גייט מען אַרויס פון שטאָט, אויף די פּיאַס־קעס, אָדער אויפן חזיר־מאַרק און מען קאָלט זיך. און דו דראָנג איינער, אין

מיטן מאַרק, גלייך נאָך דעם ווי יידן האָבן שבתדיקע ליכט געצונדן?... איך פרעג דעך, וואָס וועט זיין? וועסט אפשר וועלן נקמה־נעמען? זיין פערד פאַרסמען? געדענק!

ער האָט אים צוגעטראָגן די פויסט ביזן פנים.

— וואָס וועט זיין? האָ? ענטפער?

— כ׳ווייס נישט... כ׳ווייס נישט...

— איך וועל דיר זאָגן זאַלמעשי וואָס עס וועט זיין: עס וועט זיין אַ תנאים און איר וועט זיך איבערבעטן! ראַצאָ, וויל דיך נישט. מיט כוח קען מען נישט גיין. מייטאָ איז טאַקע געווען שימאָס כלה, נאָר עס וועט גאָרנישט אַרויסקומען. מיין עצה איז: טוישט זיך מיט די צוויי שוועסטער און גע־ענדיקט. מייטאָ וועט דיר זיין אַ גוט ווייב. מיר וועלן דיר צוקויפן נאָך אַ פערד, וועסט האָבן אַ דראָזשקע אין אַ דאָפּעלן געשפּאַן... — און ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט איז אַריין אַנשל מיט אַ פלאַש פינף־און־ניינציקער און געשטעלט גלעזלעך אויפן טיש.

דער לאַנגער זאַלמאָ האָט געשטאַמלט און לסוף זיך ברייט צעזעצט ביים טיש.

יאָסל קייזער איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר און בעת מען האָט שוין געהאַט ליידיק־געמאַכט די ליטראָווע פלאַש בראָנפן, האָט ער זיך אַריינגעשטעלט מיט די צוויי מיידן.

אין זעלביקן שבת־צו־נאַכטס האָט מען געשריבן תנאים. דער דיין האָט נישט געוואָלט גיין אין שענק אַריין נאָר באַפוילן, אַז מען זאָל זיך מטריח זיין און קומען צו אים. עס איז געווען אַ צווייפאַכיקער תנאים. די נעכטיקע שלעגער האָבן זיך לפני עם ועדה געטוישט מיט די כלות. די שיי־נע ראַצאָ איז פאַרקנסט געוואָרן מיטן געזונטן יונג שימאָ זשלאָב און די מיאוסע, געשטופּלטע מייטאָ מיטן לאַנגן זאַלמאָ. די יונגען האָבן זיך דער־לאַנגט די הענט. דער דיין האָט אַראָפּגעלאָזט די גרויע באָרד אויפן אָפּע־נעם ספר און גוטמוטיק אַריינגעשמייכלט.

— מ׳גייט צוריק אין דער שענק, עס איז נאָך נישט פאַרמאַכט, אַנשל וואַרט דאָרט! — האָט געזאָגט יאָסל קייזער.

דער אַלטער דיין ר׳ שייע משה האָט זיך אויפגעשטעלט, באַטראַכט די צוויי מיידן, געקוקט אויף די טרעגער און לסוף פאַרהאַלטן זיין בליק אויף הערשל כיש.

— דיין, עס וועט זיין גוט... דאָס זאָגט איך הערשל כיש... ווי איך בין אַ ייד... זייט רואיק, ר' דיין...

אין דער שענק האָט מען געהולעט ביז פאַרטאָג. דערנאָך האָט מען געשפּאַנט די פערד און זיי געיאָגט צו דער באַן. אין דער קאָזשע־גאַס האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע מתפּללים וואָס זענען געגאַנגען צו דעם באַלמעלאָכישן בית־מדרש.

דער געלער יצחק

איך ווייס נישט פאַרוואָס עס האָט מיך געצויגן גיין שפּאַצירן מיט מיין מיידל אויף דזשיקע־גאַס און ניסקע. אפשר איז עס דערפאַר וואָס ניסקע גאַס איז מיר געווען באַקאַנט ווייל מיין פעטער האָט דאָרט געהאַט אַ „קאַמע־ניצע" — אַ פירשטאָקיק־הויז ווי אַ קאַסטן וווּ עס האָבן געוווינט באַלמע־לאָכעס, באַלעגאַלעס און טרעגערס. איך האָב זיי כמעט אַלעמען געקענט, ווייל מיין פעטער פלעגט מיך מיטנעמען בעת זיינע באַזוכן אין דער קאַמע־ניצע . איך געדענק די פינצטערע טרעפּ, די לאַנגע קאָרידאָרן מיט טירן האַלב־געעפנטע פון וועלכע עס האָט געשפּאַרט אַ ריח פון מידלינעס, פון ריישעכץ. איך האָב נישט איין מאָל געהערט וויסטיקע קולות, הייזעריקע, שאַרף־מעסערדיקע פון ווייבער און קינדעריש געוויין אויסגעמישט מיט קעצישן געיאָמער.

מיין פעטער האָט מיך פיל מאָל מיטגענומען מאַנען „קוואַרטאַלנע" פון זיינע לאָקאַטאָרן. אָפט מאָל פלעג איך זען, בעת אַזאַ וויזיט, ווי עס פאַרפאָרן עטלעכענע גרויסע וועגענער אַרויסצופירן דאָס מיסט פון הויף און מיין פעטער האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן פון די טרעפּ און מיר איינגע־רוימט: זאָלן זיי בעסער מיך נישט זען, די גואים. — פאַרוואָס? — האָב איך מיט פחד געפרעגט. „פאַרוואָס?" ער האָט זיך צעשמייכלט און מיר איינגע־רוימט: „איך האָב זיך טועה געווען און גערופן דריי גויאישע פורמאַנעס. איך דאַרף דאָך נאָר איין פורמאַן". איך בין געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם און געהערט ווי די פורמאַנעס קריגן זיך. באַלד וועט אויסברעכן אַ געשלעג. פערד האָבן זיך צעהירזשעט. קולות פון פויערים, די גאַס איז פאַרשטאָפּט געוואָרן. לעבן אונדז איז געבליבן שטיין אַ יידענע מיט אַ קיבל וואַסער. „באַלעבאַס קרויז, דער וואָדאָטשאַנק איז ביי מיר צעבראָכן... ווען וועט'עך, קרויז־לעבן, פאַרריכטן?"...

דער פעטער מיינער האָט יעדן איינעם געקענט און געווען גוט איינפאַר־

מירט, סיי אין פרנסה־ענינים פון זיינע לאָקאַטאָרן און סיי אין זייערע פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן. זיין סאַליע, אויף דזשיקע־גאַס, ווו ער האָט געהאַט אויפן ערשטן שטאָק זיין דירה, האָט ער אָוועקגעגעבן אויף צו מאַכן חתונות. כמעט יעדן שבת־צו־נאַכטס איז דאָ פאַרגעקומען אַ חתונה. אַ קאַפּעליע פון וואַלינסקע געסל האָט דאָ געשפּילט מיט אַזאַ ברען אַז מען האָט געהערט דאָס שפּילן אויף יענער זייט מויער פון דזשיקער תפיסה. אין זיין „קאָמענ־ניצע" זענען די אַלמנות נישט געבליבן לאַנג אַלמנות און די גרושות זענען געוואָרן אויס גרושות. די סאַלע פון מיין פעטער איז געשטאַנען צו זייער רשות. „האָט'ס חתונה. איר קענט פראַווען ביי מיר אין הויז. ס'איז פאַר מיר אַ גרויסע מצווה" — אַזוי האָט מיין פעטער איינגעטענהט. און די מומע ביילע האָט נעבעך געקרעכצט און געמוזט שווייגן. מען שמאַדערט־אָן אַז די דינסט קען אַזש נישט אויפרוימען. אַז דער פעטער האָט דערהערט אַזעלכע רייד האָט ער זיך צעשריגן: זינדיק נישט, ביילע! און באַלד דערנאָך האָט ער זיך צעהיסט אַזוי שטאַרק אַזש די מומע האָט אויפגעהויבן די הענט: „אוי ווי איז מיר, איך רעד דען עפּעס? איך האָב דען עפּעס צו דיר? זעט נאָר, מען טאָר שוין מער צו דיר נישט רעדן?" דעמאָלט האָט דער פעטער אויפגעהערט הוסטן.

איך האָב שוין נישט געהאַט געזען מיין פעטער אַ שיינע פאַר יאָר און איצט, שפּאַצירנדיק מיט מיין מיידל האָב איך זיך דערמאָנט יענע ייִנגל־צייט מיינע, ווען איך בין געקומען פון דאָרף צוגאַסט קיין וואַרשע און איינגעשטאַנען אין אַן אַלקער לעבן דער סאַליע. איך האָב מיטגעמאַכט נישט איין חתונה ביי מיין פעטער. איך האָב נאָך ביז איצט נישט פאַרגעסן די מאַרשאַ־ליקעס און די בדחנים. איך הער נאָך זייערע געגראַמטע רייד בעתן אויפרופן דרשה־געשאַנק. איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן די באַלעגאַלעס פון ניסקע און סמאָטשע, די טרעגער און קצבים, וואָס האָבן זיך משדך־געווען אין דער סאַליע פון זייער ווירט. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע מאַרינאַרקעס, צעקנעפּלטע, מיט ווערסטן סאַמעטענע. פון איין ווערסטל־קעשענע ביז דער אנדערער האָט זיך געבאָמבלט אַ זילבערנע קייט אַ באַהאָנגענע מיט רובלס. אַז זיי האָבן גערעדט האָבן זיך די זילבער־רובלס צעקלינגען. ס'רוב זענען געווען פּליכעוואַטע, נידעריקע, ברייט־אַקסלדיקע, מיט אָפּשטייענדיקע הענט. דער „פינף־און־ניינציקער" איז ביי זיי געווען אַ וואַסערדיק־געטראַנק און זיי האָבן נאָך ליב־געהאַט אַריינצוטאָן אַ ביסל פעפער. בעתן באַדעקן די כלה פלעגט אויסברעכן אַזאַ געיאָמער אַזש עס האָט געקענט רירן שטיינער.

אָנגעהויבן יאָמערן האָבן די ווייבער און ווי האַרט עס זענען נישט געווען די מאַנצפּערשוינען, האָבן זיי זיך אויך צעכליפּעט. דעמאָלט זענען זיי געוואָרן מיט יעדן אײנעם גוטע ברידער און זיך געפאַלן אין די אָרעמס אַריין.

דאָ האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט דעם עכטן יידיש און געזען ווי פאָלקס־מענטשן פראַווען זייערע שימחות.

בעת איך בין אַרויס פון ניסקע גאַס מיט מיין מיידל און אַריין אין איינע פון די שמאָלע געסלעך האָט מען אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, עטלעכע יונגען האָבן אונדז אַריינגעלויכטן אין די פּנימער מיט טאַשן־לעמפּלעך.

— דע, קים־נאַר אויף אַ מענוטקע... מע׳ דאַרף דעך... — האָט עמעצער אַ זאָג־געטאָן אויף דעם וואַרשעווער יידיש.

מען האָט אונדז ביידן אַריינגעפירט אין אַ שענק ביים ראָג. איך האָב גלייך דערקענט אַז דאָס זענען בלאַטע יונגען.

איך האָב זיך נישט אַזוי געשראָקן פאַר זיך ווי פאַר מיין מיידל. זי איז פון די פּרינציפּאַלנע גאַסן. איר פאָטער איז אַסימילירט, איר מוטער שטאַמט פון אַ ספרדישער משפחה פון דרום־פראַנקרייך, און דאָ „רעפּרע־זענטיר" איך זיך אַזוי וואַזשנע מיט מיינע געסלעך און מיט די יונגען פון דער שענק. וואָלט איך דאָ אַליין געווען איז אַ האַלבע צרה. אָבער מיט איר?

עס האָט געגרילצט אַ פאַטעפאָן מיט אַ פאַרזשאַווערטער טרובע. אַ פאַרשוין מיט אַ רויט פּנים, אין אַ צעכראַסטע העמד מיט די שעלקעס אין דרויסן. לײדיקע פלעשער בראָנפן אויפן בופעט און אַ צעטראַטענע בלאָטע אויף דער פאָדלאָגע.

אַ יונג פון אַ יאָר עטלעכע צוואַנציק, פול מיט זומערשפּרענקלעך, אַ געלער מיט אַן אָפּשטייענדיקער טשופּרינע, איז צוגעקומען צו מיר גאָר נאָענט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין אַקסל.

— דו, ווייסט ווער איך בין?

— ניין. — האָב איך געענטפערט.

— כ׳בין דער געלער יצחק... דו שטאַמסט דאָך פון סאַכאַטשין?... האָסט נישט געהערט וועגן איטשעלאָ גנב? זע, איך האָב דיך דערקענט אַז ביסט פון מיין שטעטל און דו דערקענסט נישט קיין מענטשן. האַ?

— איצט דערקען איך... איר האָט מיר אַריינגעלויכטן אין פּנים אַריין...

— עס איז מיט איין מאָל אויפגעגאַנגען פאַר מיר דאָס פּנים פון דעם מיל־נערס עלטסטן זון. איך געדענק ווי מען האָט אים אַוועקגעפירט אין קייטן קיין פּלאָנסק. דערנאָך האָב איך אים ווידעראַמאָל ערגעץ געזען אויף דער

פריי. איך האָב גוט געקענט דעם מילנער. איך פלעג אָפט ליגן אויף דער לאַנקע, נישט ווייט פון זייער וואַסער־מיל, און כאַפּן פישלעך. איך ווייס אַז דער געלער יצחק איז געוואָרן אַ גנב און ער וועט שוין אַזאַ בלייבן ביזן סוף פון זיין לעבן. איך האָב נישט איין מאָל אויסגעהערט די געשיכטע ווי אַזוי דער געלער יצחק האָט געוואָלט באַגנבענען דעם גוטאַזשעווער פּריצעס הויז און ווי אַזוי רייטער האָבן געיאָגט דעם געלן יצחק דורך די פעלדער. אַז איין רייטער האָט אים געכאַפּט, האָט דער געלער אים פאַרפאָרן מיט אַ פויסט צווישן די שליפיעס, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף דעם רייטערס פערד און דאָס געיעג האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. איך בין דעמאָלט געווען אַכט יאָר און נאָך איצט הער איך דאָס ווילדע פערד־טופּעריי איבער די געסלעך. איך האָב אַרויסגעקוקט דורך דעם לבנה־אויסשניט פון די לאָדנס און געזען די גויאישע רייטער וואָס יאָגן דעם יונגן יידישן בחור — דעם עלטסטן זון פון מילנער.

— נו, איך זע שוין אַז דו ווייסט מיט וועמען דו האָסט צו טאָן... אַז דו ווייסט ווער איך בין...

דער געלער יצחק האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר, באַטראַכט דאָס מיידל און זיך ברייט אַוועקגעזעצט ביים טיש. איינער פון זיינע מענטשן האָט פאַרמאַכט די טיר פון דער שענק און אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן.

— באַזוכט אים! — האָט ער באַפוילן. — און אַז אַ יונג איז צוגעגאַנגען צום איבערגעשראָקענעם מיידל און געוואָלט אַרויסנעמען דאָס האַנט־טעשל, איז דער געלער יצחק אויפגעשפּרונגען, אַ זעץ־געטאָן מיט דער פויסט אין טיש אַריין — נעם אַוועק די לאַפּעס פון דער פּאַניענקע. איר זאָלט נישט אָנרירן איר.

דער וואָס האָט מיך באַזוכט האָט אַרויסגעלייגט מיין בייטעלע אויפן טיש. אין בוזעם־קעשענע האָב איך געהאַט אַ קליין העפטל מיט מיינע לידער.

— דאָס איז אַלץ?

— אַלץ — האָב איך געזאָגט מיט אַ געפיל פון שולד פאַרוואָס איך האָב נישט מער.

דער געלער יצחק האָט אַריינגעקוקט אין מיין בייטעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט גאַנצע פופציק גראַשן און זיך צעלאַכט.

— מיט פופציק גראַשן אין קעשענע גייסטו אַרויס מיט אַ מיידל?... כאַ־כאַ־כאַ... הער, דאַכט זיך דו הייסט מענדל, שרעק זיך נישט. עס איז אַ שפּאַס געווען דאָס באַזוכן דיך. איך האָב געוואָלט ויסן... מונדעק! — האָט

ער אַ געשריי געטאָן. שטעל־אַרויף בראָנפן, פּאַרבייסעכץ. גיב אַהער דאָס בעסטע וואָס דו האָסט! פּאַניענקאָ, האָט ער זיך געוואָנדן צו מיין מיידל אויף פּויליש: — אַ וואַלץ אָדער אַ קראַקאָוויאַק? שטעל אָן דעם גראַמאָפאָן!

און אַז מען האָט געבראַכט די פלעשער וווּדקאָ און די פלעשער ביר מיטן פּאַרבייסעכץ, האָט זיך דער געלער יצחק ווידעראַמאָל צעשריגן:

— אַזוי נעמסט דו אויף מיינע פּערזענלעכע געסט? דעם טישטעך זאָלסטו אויסשפּרייטן! שטעל אַרויף די זילבערנע קאַנדעלאַבערס וואָס מען האָט זיי נעכטן ביינאַכט געבראַכט! האָב נישט קיין מורא. די טיר איז פאַרשלאָסן. דער טיש זאָל געדעקט ווערן מיטן בעסטן! איך נעם אים־אויף! ער איז פון מיין שטעטל! זאָלן זיי וויסן אין סאָכאַטשין אַז דער געלער יצחק לעבט! אַז ער עקסיסטירט! אַ רוח אין זייערע הערצער. איך האָב אַ חשבון מיט זיי! זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ גנב! בין איך דען געגאַנגען ביינאַכט קיין גוטאַזשעוואָ באַגנבענען דעם פּריץ? עס איז אַ ליגנט! איך בין געגאַנגען אַהין צוליב עפּעס אַנדערש; איך האָב געוואָלט אַוועק מיט זיין יונג ווייב. זי האָט זיך געליבט אין מיר. זי האָט געזאָגט: איזאַקו, איך וועל איבערגיין אויף דיין גלויבן. איך וועל זיך מגייר זיין. דו ביסט מיין ריצעזש.

דער טיש איז געווען געגרייט.

אָנצינדן די ליכט אין די קאַנדעלאַבערס! כ'וויל זען ווי זיי ברענען!

דער שענקער, וואָס מען האָט אים גערופן מונדעק, האָט געעפנט אַ פּעקל חלבנע ליכט און זיי אָנגעטריפט. עס האָבן אויפגעלויכטן די ליכטער.

— פאַר דער פּאַניענקאָ אַ גוטן פראַנצויזישן ווין! — מיר האָבן געטרינקען איין כוסה נאָך דער אַנדערער. דאָס מיידל האָט פאַרצווייפלט געקוקט אויפן זייגערל. עס איז שוין צוויי ביינאַכט. איך האָב זיך עטלעכע מאָל געוואָלט אויפהייבן פון אָרט נאָר דער געלער יצחק האָט שטרענג באַפוילן: — זיץ! מען גייט נישט אַוועק אַזוי לאַנג ווי די פלעשער זענען נישט ליידיק... שטעל־אָפּ דעם גראַמאָפאָן. איך האָב געהערט אַז די שרייבסט לידער. איך האָב איין מאָל אפילו געזען דיין נאָמען אָפּגעדרוקט אין אַ בלאַט... לייען איבער אַ פּאָר לידער פון דיין ביכעלע...

— הער־אויף יצחק צו טרייבן שפּאַס. ווי אַזוי קען איך דאָ לייענען לידער? לאָז מיך אָפּ...

זיין פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט.

— וואָס מיינסטו אַז מיר זענען נישט קיין מענטשן מיט מענטשן צו

גלייך? פֿאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט הערן דיינס אַ ליד? — פֿאַר וועמען שרייבסטו? פֿאַר יאָלדן? חברה, שטיל זאָל זיין!

איך בין שוין געווען שיכור.

— עס איז שוין שפּעט...

איך האָב געלייענט איין ליד נאָכן אַנדערן. דאָס זענען געווען קליינע לירישע לידער ווו איך האָב באַזונגען די נאַר־וואָס דערוואַכטע ליבע פֿון אַ ניינצן־יאָריקן בחורל.

דער געלער יצחק איז געוואָרן טרויעריק. ער האָט גערעדט צו מיר שטיל: — איך בין נישט געגאַנגען גנבענען קיין גוטאַזשעוואַ. איך בין געגאַנגען פֿון ליבשאַפֿט צו איר... נאָר זי, האָט מיך פֿאַרראַטן. זי האָט געזאָגט אין געריכט, אַז איך האָב געוואָלט באַגנבענען דעם פּריץ. איך האָב נישט געוואָלט דערציילן דעם אמת, אַז זי האָט מיך צוגערעדט צו קומען אין מיטן דער נאַכט. מען האָט מיך פֿאַרמשפּט אויף פֿינף יאָר. די ערשטע, וואָס האָבן געגלייבט אַז איך בין אַ גנב, זענען געווען די יידן פֿון סאָכאַטשין... איך וועל זיי נישט שענקען...

ער האָט גערעדט מיט אַ טרערנדיק קול. זיין פּנים איז געווען פֿאַרהאַר־טעוועט, פֿול מיט פּיעגעס, ווי אַן אַסיענדיק פֿעלד.

— עפֿנט די טיר! רופֿט אַ דראָזשקע!

אַ דראָזשקע איז פֿאַרפֿאָרן ביז דער שענק. די יונגען האָבן אונדז געהאָלפֿן אַריינזעצן. דער געלער יצחק האָט זיך פֿאַרבויגן און מעשה דזשענטעלמאַן געקושט די האַנט פֿון מיין פֿריילין.

— העי, דראָזשקאַזש! פּיר־אַפּ צו ערשט די פּאַניענקע און דערנאָך דעם יונגן פּאַן! איך צאָל פֿאַר דער יאַזדע. זאָלסט פֿון זיי גאָרנישט נעמען!

די דראָזשקע האָט זיך געקייקלט אויף די גומענע רעדער דורך ניסקע־גאַס. איך האָב געוואָרפֿן אַ בליק אויף מיין פּעטערס „קאַמעניצע”, דערנאָך זענען מיר אַרויס צו די ברייטע גאַסן.

א טראַגעדיע אין פיר אקטן מיט אַן עפּילאָג...

איך בין אַריין מיט מיינע צוויי עלטערע חברים, שכנים פון זעלביקן הויז, אין אַ פאַרטונקלטן קעלער אויפן גרינעם מאַרק. עס איז געווען אין אַ ווינטערדיקן שבת נאָך מיטאָג. אין דער קעלער־פינצטערניש האָט געשמעקט מיט טשאָלנט און מיט עפּל. די בעקעריי איז געווען באַלויכטן מיט אַ פאַרקאָפּטשעטער בליצלאָמפּ און די קעמערלעך ווו דער סאַדאָווניק האָט געהאַלטן דאָס ווינטער־אויבסט זענען געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און פאַרלייגט מיט פרעטנטן. אין קעלער־שטוב וואָס האָט געהערט צו אַן אַלמנה, אַ שניידערין, זענען געווען פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון דראַמאַטישן קרייז. איך בין דאָ געקומען דאָס ערשטע מאָל. פון אייבערשטן פענצטערל איז געפאַלן אַ זייל ליכט. ביי אַ טיש, פאַרדעקט מיט א געבלימטער צעראַטע איז געזעסן דער הויפּט־רעזשיסער פישל יאַגאָדע; אַ נידעריקער, קרעמפּער יונגער מענטש. אַן אויסגעדינטער זעלנער. מען האָט דערציילט אַז ער האָט ערגעץ־ווו, אין די גרויסע שטעט, געשפּילט אין טעאַטער וויכטיקע ראָלן. מיר איז ביז איצט קיין מאָל נישט איינגעפאַלן אַז דער יונג אין פויערישע שטיוול, דער דאָרפס־גייער, וואָס האָט שוין אַ ווייב און צוויי קינדער, אַז ער וועט אין דעם שבת פאַרנאַכט דערשיינען פאַר מיר אין גאָר אַן אנדער ראָל.

איך האָב געזען ווי ער בלעטערט אַ צעריסן ביכל, לייגט אויס בלאַט נאָך בלאַט, לויט די נומערן פון די זייטלעך.

— מען הייבט אָן! — האָט ער הויך געזאָגט.

ערשט ווען איך האָב זיך צוגעוווינט צו דער קעלער־טונקלעניש זענען מיר בולט געוואָרן די פּנימער פון די וואָס זענען געזעסן אויף דער שלאָף־באַנק, אויף דעם אַלמנהשן בעט, אויף די טאַבורעטקעס און אויף די שטולן. דאָס זענען געווען יינגלעך פון דער קאַזשע־גאַס, פון דער שולגאַס און פון נייעם מאַרק. שניידער־געזעלן, זין פון סאַדאָווניקעס, שוסטערס און אַזעלכע וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן די עלטערן אין די קלייטלעך און יאַריד־פאָרער.

— מיר וועלן שטעלן אַ טראַגעדיע אין פיר אַקטן מיט אַן עפּילאָג.

דאָס קול פון פישל יאַגאָדע איז געווען פייערלעך און אָפּגעקלונגען אין קעלער מיט אַ געהיימעניש וואָס האָט מיך געפּאַנגען פון דער ערשטער רגע אָן.

איך בין אַלט געווען נישט קיין גאַנצע זעכצן יאָר, נאָר מחמת מיין הויכקייט האָט מען מיך אָנגענומען פאַר אַ פולשטענדיק דערוואַקסענעם צו באַקומען אַ ראָל אין יאַגאָדעס טעאַטער־קרייז.

— דאָס איז דער טעקסט פון אַ מאָנאָלאָג. יענער איינער וועט אים פאַרלייענען און לויט דעם ווי ער וועט לייענען וועל איך איינטיילן די ראָלן. — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן אין דייטשמעריש: — איך ווערדע די בעזעצונג פון די שאַושפילער־ראָלן מאַכען...

איך האָב אָנגעהויבן צו זען דעם אָרעמען דאָרפס־גייער, דעם אויסגעדינטן יונג, אין די גרויסע שטיוול־כאָליאַוועס, אין דער ברוינער קורטקע, אין גאָר אַן אַנדער ליכט. עס איז איז מיר אויסגעקומען אַז אין אים זענען פאַרבאָרגן פיל טעאַטער־קענטעניששן און אַז זיין טעגלעך לעבן, דאָס פאַרהאָרוועטע, בעת איך זע אים גיין אין אונדזער גאַס, איז נישט קיין רעאַלס, ווייל עס איז אַ טעאַטער־שפּיל, דאָס אימיטירט ער, רעאַל איז פישל יאַגאָדע נאָר איצט, ביי דעם טיש אין קעלער ווו ער אַטפּלעקט פאַר אונדז זיין אמתדיק פנים. אפילו זיין קול איז געענדערט, אָט קלינגט עס האַרט־ליטוויש און אָט דייטשמעריש. ער נוצט ווערטער אומבאַקאַנטע און רעדט זיי אַרויס פּאַמעלעך, אָבער דייטלעך. דערנאָך קוקט ער זיך אַרום מיט טריאומף ווי ער וואָלט באוויזן עפּעס וואָס איז אויסערגעוויינטלעך און וואָס קיינער פון אונדז וועט דאָס נישט קענען.

בעת עס איז געפאַלן זיין וואָרט וועגן דעם „עפּילאָג" און גלייך דערנאָך אַז יעדער וועט דאַרפן פאַרלייענען אַ „מאָנאָלאָג" — האָבן מיר געקוקט אויף אים מיט אַ גוואַלדיקן דרך־ארץ און איינגעהאַלטן די אָטעמס.

דער ערשטער, לויט דער רייע, האָט געלייענט מיין שכן זרח — דער שניידער־געזעלן. איך האָב אים טאַקע צו פאַרדאַנקען וואָס כ'בין איצט אין דעם קעלער. זרחן האָב איך געהערט זינגען לידער, ווייל פון זיין וואַרשטאַט און פון מיין חדר, האָט אָפּגעטיילט אַ הילצערנע וואַנט, אַ געקאַלעכטע. איך פלעג זיך איינהערן אין זיינע לידער וועגן „פאַניע גנב", וועגן „קאַנטאָניסטן", וועגן ליבע און פאַראַט און לידער וועגן דער ביטערער דאָליע פון

„שמאַכטנדיקן פּראָלעטאַריאַט", און אַז איך האָב צום הונדערט־טויזנטסטן מאָל דערהערט זיין ליד וועגן דעם אַז:

„מיר שטייען מיט האַמער און אייזן אין האַנט
און מיר ברעכן און ברעכן די געמויערטע וואַנט",

און תיכף דערנאָך איז געקומען דער רעפריין: „מיר ברעכן, מיר ברעכן די געמויערטע וואַנט" — האָט זיך מיר נישט איין מאָל געוואָלט וואַרפן אויף דער הילצערנער וואַנט, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון דעם צעזונגענעם און צאַרנדיקן שניידער־יינגל און איר טאַקע אויפברעכן און אַ סוף זאָל עס נעמען! זאָל טאַקע דאָס צאַרנדיקע געזאַנג אַ פלייץ־טאָן און אויפרודערן די „קאַלטע און גלייכגילטיקע מענטשהייט"!

— חבר זרח, לייענען זי פּאַר! — האָט מיט אַ העפלעך־באַפעלערישע שטימע געזאָגט דער רעזשיסער.

זרח האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען נאָענט צום ליכטקרייז וואָס איז געפאַלן פון אויבערשטן קעלער־פענצטערל און אָנגעהויבן לייענען:

„דו האָסט מיין האַרץ בעטריבט! דו האָסט מיין שלאָף גערויבט! דו האָסט אומווירדיק, ווי איין נאַכט־דיבע אין מיין זעלע זיך אַריינגעשלייכט! דו האָסט מיינע טרוימען פאַרוויסט זאָ ווי איין שטורעם וואָס מאַכט פאַר־וויסטן גערטנער בליענדיקע! מיין לעבן האָט מער קיין זין, ווייל דו ביסט אין אַן אַנדערן פאַרלאָבט! ראַכע! ראַכע! ראַכע! זאָ שרייט מיין בלוט! מירביידע מוזן די דאָזיקע וועלט פאַרלאָזן! שוין איצט, אין דעם דאָזיקן מאָמענט" — גלייך נאָך דעם מאָנאָלאָג האָט זרח געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ בלעכענער רעוואָלווער און פישל יאַגאָדאַ האָט דריי מאָל אַ זעץ־געטאָן מיט דער האַנט־פלאַך, מיט אַלע כוחות, אין דעם הילצערנעם טיש...

איך האָב געזען ווי די אַלמנה, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אין קיך־ווינקל, האָט גענומען אַן עק פון פאַרטעך און געווישט די אויגן.

— דו וועסט ביי מיר שפּילן די ראָל פון מיידלס פאָטער! — האָט געפּסקנט דער רעזשיסער. — פאַרשטייסט פאַרוואָס, זרח? ווייל דו לייענסט מיט אַ ניגון פון שבתדיק דאַווענען...

— דער נעכסטער! — האָט באַפוילן פישל.

חאַסקל האָט געלייענט דעם זעלביקן טעקסט. ער האָט געווישט די ברילן וואָס זענען אים פלוצעם פאַרלאָפן געוואָרן פון דער הייסער פּאַרע וואָס האָט געשלאָגן פון זיין מויל.

— דו וועסט שפּילן די ראָלע פון פּאָליציי־עלטסטן!

דער רעזשיסער האָט זיך אַרומגעקוקט און אַז ער האָט דערזען ווי די אַלמנה ווישט זיך אָלץ די אויגן, האָט ער צו איר גערעדט שטיל און אײדל:

— לייטשאָ קרוין, נעמען זי דעם בלייער און פאַרשרייבן זי גנעדיק די ראָלן וואָס איך טייל־צו. — ער האָט דערביי געוואָרפן צו איר אַ ליבן שמייכל. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז צווישן פישלען און דער אַלמנה גייט־אָן אַ שטילע ליבע און אַז זי ציט זיך נאָך פון יענער צייט ווען פישל איז געווען אַן אולאַנער.

נאָך חאָסקלען האָט געלייענט דער זון פון אַ טרעגער, אַרטשאָ, זיין קול איז געווען האַרט, הייזעריק, באַפּעלעריש.

— דו וועסט שפּילן די ראָלע פון דעם נייעם געליבטן.

איצט איז אויסגעפאַלן מיין רייע צום לייענען. איך האָב שוין דעם טעקסט געקענט כמעט פון אויסנווייניק און עס איז מיר נישט נויטיק געווען אַפילו אַריינצוקוקן אין בלעטל.

— אוי, ער איז דאָך גוט אין עברי... וועסט זיין אַ סופלאָר! חברה, מיר האָבן געפּאַקט אַן אַמתדיקן סופלאָר! ער לייענט ריכטיק... האָט אַ זכרון... פאַרהאַקט זיך נישט... לייטשאָ, פאַרשרייב אים אַלס סופלאָר!

עס האָט זיך אויפגעשטעלט צום לייענען דער פּריזיער־געזעלן אַראָנ־טשיק. איך האָב אים גוט געקענט ווייל ער האָט געאַרבעט אין דער שכנות־דיקער רעזורע און נישט איין מאָל האָט ער מיר געשאָרן די האָר אויף „זעראָ", אַזוי ווי מען האָט באַפוילן אין שקאָלע.

נידעריק, שלאַנק, פלינק, מיט אַ קאָפּ ליכטיקע, געלאָקטע האָר, און אַ טשופּרינע וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן ביז דער רעכטער ברעם. אַרויס־געזעצטע ווייסלען ווי אַנגעשוואָלענע, און אומרואיקע הענט. איצט איז ער געשטאַנען לעבן פענצטערל און געלייענט דעם טעקסט.

זיין קול איז געווען צוערשט צאַרנדיק, דערנאָך האָט עס זיך געבראָכן ווי ער וואָלט געשלוכצט, ווי ער וואָלט איינגעהאַלטן די ספּאַזמען. מיט אַ מאָל האָט אַרויסגעשריגן פון אים דער שטאָלץ פון אַ פאַרראַטענעם מאַנצ־פערשוין און איז איבערגעגאַנגען אין אַ פולשטענדיקער רעזיגנאַציע, אין כמעט אַ געלייטערטקייט ביז זי איז אויסגעגאַנגען אַזוי ווי עס גייט־אויס אַ שטורעם.

אַנשטאָט דריי זעץ מיט דער האַנטפלאַך אין טיש, ווען דער באַטריגטער

דאַרף שיסן פון בלעכענעם רעוואָלווער, האָט פישל רעזשיסער דערלאַנגט איין מעכטיקן קלאַפּ און אויסגערופן:

— אַט אַזאַ פאַרשוין דאַרף איך! ער איז געבוירן צו דער ראָלע! לייטשאַ, פאַרשרייב!...

די ראָלע פון דער געליבטער האָט מען נישט געדאַרפט באַשטימען. אַלע האָבן געוווּסט אַז זי וועט געשפּילט ווערן דורך דעם שניט־סוחרס מיידל, מאַרישקאַ, אַ געענדיקטע גימנאַזיסטין וואָס האָט נישט איין מאָל געבראָכן הערצער און געטרייסט אירע געליבטע. זי האָט געהאַט אַ בלייך, אויסגערודניקט פּנים, אַ קילס און אין איר קול איז געווען עפּעס וואָס האָט אי צוגעצויגן און אין דער זעלביקער צייט אי געשראָקן.

— מאַרישקאַ איז געבוירן צו דער ראָלע. קיין בעסערס קען מען זיך פאַרשטעלן.

די פּראָבן האָבן זיך אָנגעהויבן. די ראָלן זענען באַזעצט. איך האָב באַקומען פון פישלען דעם קאַיעט און אין איין אָוונט האָב איך ווי„איינגע־שלונגען" דעם גאַנצן טעקסט פון דער טראַגעדיע אין פיר אַקטן מיט אַן עפּילאָג וואָס האָט געהייסן „ליבע און ליידנשאַפט".

לויט דעם ווי איך האָב זיך אָנגעשטויסן, ערשט מיט יאָרן שפּעטער, איז די דראַמע געווען אַ באַאַרבעטע פון אַ פראַנצויזיש בוך. דער באַאַרבע־טער האָט אַרויסגענומען אַלע פראַנצויזישע נעמען פון די העלדן, פון די ערטער ווו די זאַך קומט־פאָר און זיי פאַרהיימישט. עס האָט זיך באַקומען ווי דאָס אַלץ וואָלט געשען נישט מיט אַ מאַדמאַזעל פראַנסין און נישט אין די וועלדער פון בולאָן, נאָר מיט אַ יידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ מלמד וואָס איז געקומען פון קליינעם שטעטעלע ווישעגראַד און דאָ האָט זי געטראָפן דעם געליבטן.

עטלעכע פון די מער „באַוווּסטזיניקע" אין פישלס דראַמאַטישן קרייז האָבן זיך געבונטעוועט: פאַרוואָס שפּילט מען עפּעס „ליבע און ליידנ־שאַפט"? בעסער וואָלט מען רעזשיסירט אַנדרעיעווס „זיבן געהאָנגענע" אָדער „סערקעלע"!

ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז פישל האָט געהאַט דערויף אַ ריכטיקן ענטפער. ער האָט געוויזן אַ פאַרביקן פּלאַקאַט אַז די זאַך איז געשפּילט געוואָרן אין וואַרשעווער „סקאַלאַ־טעאַטער" און אַז זי האָט געהאַט „קאַסע", דערצו איז מאַרישקע אַ „זאַוואָדאָווע" אַרטיסטין, זי האָט געשפּילט אין

סקאַלאַ־טעאַטער, טאַקע אין דער ראָלע. אַחוץ דעם, פֿאַרזיכערט ער, אַז עס איז אַן עכטע לעבנס־דראַמע און „קיינע שונד“. אַזעלכע זאַכן ווי אין דער פּיעסע „פּאַסירן“. נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן „קאַסע“ וועט מען זיך נעמען צו אַ קלאַסישן רעפּערטואַר. מיר דאַרפֿן צוגעוויינען דאָס פּובליקום צו אונדזער שפּילן.

דער דערפֿאָלג איז געווען אין לשער. איך האָב סופֿלירט און נישט איין מאָל האָב איך געזען ווי מיינער אַן אַקטיאָר בלייבט שטיין אומבאַהאָלפֿן און קוקט אויף מיר מיט געביילטע פֿויסטן. דעמאָלט האָב איך דערלאַנגט אין געאייל מיין „פּראָזע“. איין מאָל האָט זיך דער געליבטער אין סאַמע מיט פֿון אַ ליבע דערקלערונג אויסגעדרייט צו מיר, צום סופֿלער־קעלער, און אויסגעשריגן: „שלאָף נישט! דערלאַנג! גיב אַהער!“ דער עולם איז אויסגעבראָכן אין אַ שטורמיש געלעכטער, ווייל מען האָט אָנגענומען אַז דאָס איז ענדלעך אויפֿגעבונדן געוואָרן די צונג פֿון שטאַמלענדיקן געליבטן און ער רעדט קלאָרע דיבורים צו מאַרישקען!

קיין סופֿלאָר בין איך נישט געבליבן לאַנג. עס האָט זיך מיר צוגעגעסן צו שטיין אין קעלער און זען דורך דעם קיילעכדיקן פֿענצטערל ווי די אַקטיאָרן שפּילן.

גלייך נאָך דער „טראַגעדיע“ האָט מען גענומען גרייטן לעאָניד אַנדרעיעווס „די זיבן געהאָנגענע“. דערנאָך איז אין פּלאַן געווען צו געבן עפּעס אַ יידישע פֿאָרשטעלונג. איך האָב זיך דאָס אַלץ דערוווסט פֿון מיין פֿריזיער, דעם קליינעם און פֿלינקן אַראָנטשיק, ווייל מער בין איך נישט געקומען אין קעלער־שטוב פֿון דער אלמנה.

אויך אַראָנטשיק האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן טעאַטער. ער איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג טרויעריקער און פֿאַרשלאָסענער. ער האָט מער נישט אונטערגעזונגען קיין „שטיקלעך“ פֿון יידישן טעאַטער, בעת ער האָט מיך געשוירן מיט דער „זעראָ־מאַשינקע“. ער פֿירט אַ ליבע מיט אַ סאַדאָווניקס אַ מויד, אַ רויטהאָריקע, צעפּלאַמטע, אַזש דאָס בלוט שפּריצט איר פֿון די באַקן. זעט אויס אַ טרויעריקע ליבע, ווייל אַז זי גייט פֿאַרביי דער רעזורע שטעלט זי זיך אַפֿילו נישט אָפּ. זי איז פֿאַרליבט אין דעם טרעגער־יונג אַרטשאַ, דער וואָס האָט געשפּילט די ראָל פֿון נייעם געליבטן אין דער טראַגעדיע.

געשען איז דאָס אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג. די ראַזורע איז געווען פאַרמאַכט. דורך דער גאַס איז געגאַנגען די רויהאַריקע מויד, די וואָס איר האַרץ איז אָפּגעקערט געוואָרן פון פריזער־געזעלן אַראָנטשיק. ער האָט איר אָפּגעשטעלט און ביידע האָבן זיך שטום אָנגעקוקט. איך בין געשטאַנען נישט ווייט, לעבן טויער פון אונדזער הויז, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צוגעקוקט זיך צו דעם וואָס עס געשעט.

אַראָנטשיק האָט איצט נישט גערעדט נאָר ממש געשריגן:

— דו האָסט מיין האַרץ בעטריט! דו האָסט מיין שלאָף גערויבט! מיין לעבן האָט מער קיין זין!... מיר ביידע מוזן די וועלט פאַרלאָזן! שוין איצט! אין דעם דאָזיקן מאָמענט!

און ווי נאָר ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט האָבן אָפּגעהילכט דריי שאָסן און אַ קנויל רויך איז געבליבן הענגען צווישן אַראָנטשיקן און דעם מיידל. זי איז געפאַלן אויף די שטיינער נישט אַרויסלאָזנדיק אַפילו קיין קול.

אַראָנטשיקן האָט מען אָפּגעפירט אין תפיסה. די לוויה איז געווען אַ גרויסע. איך האָב געהערט דעם קדיש פון מיידלס פאָטער, דאָס געוויין פון איר מוטער און דאָס האַרץ האָט זיך מיר געשניטן נישט אַזוי פאַר צער ווי פון עפּעס אַ מיטשולד. און ווען דער רעזשיסער פישל יאַגאָדע האָט מיך געטראָפן מיט אַ טאָג שפּעטער אין גאַס, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— דאָס לעבן איז אין ווירקלעכעס טעאַטער און דאָס טעאַטער איז אַ ווירקלעך לעבן...

איטשאַ פּאַביטניק

איטשאַ פּאַביטניק איז געלעגן אין געדיכטן האָזן־װעלדל, נישט װײַט פון װעג װאָס פירט קיין סאָכאַטשין. עטלעכע מאָל האָבן זיך צעסקריפּעט פּויערישע װעגענער, דראַבניאַסטע, װאָס האָבן געפירט סנאָפּעס תבואה פון פעלד אין שײַער אַרײַן. אַ הונט איז צוגעלאָפן ביז די קוסטעס, אַ װײַסטן ביל געטאָן און זיך מיט פּחד אָפּגעטראָגן. די זון האָט שוין גענידערט. דער יונג איז געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט און געקײַט אַ שטרוי. דער װײַטיק איז נישט אײַנגעשטילט געװאָרן פון דער װונד אין רעכטן פוס, העכער פון דער קני. צוערשט האָבן אים די אַלכע־בלעטער געקילט, דערנאָך האָט זיך צעשרפהט אַ היץ אין גאַנצן פוס, ביז די פינגער־שפּיצן.

איך האָב דערהערט אַ שטיל רופן. מײַן נישט־געזאָטלט פערד האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט, אײַנגעצויגן די לופט, זיך צעהירזשעט, אויסגעקערוועט דעם קאָפּ צו די האָזן־קוסטעס און אַ קלונג־געטאָן מיטן לויזן צײַמל. עס איז שוין די העכסטע צײַט אָפּצוגעבן דאָס פערד, װײַל דער װאָגן אין עפּל־סאָד איז שוין אָנגעלאָדנט מיט קוישן און דער פּעטער דאַרף אַרויספאָרן מיט די פּירות קיין פּלינצק. ער האָט מיר געגעבן דאָס פערד צו פלאָװען אין טײַך. איך האָב צוגעזאָגט צו באָדן זיך װײַט פון קעסלגרוב, דאָרט װו עס פּויען־זיך די בהמות פון פריץ. דאָס װאַסער דערגייט אין תמוז נישט טיפער װי ביזן האַלדז.

דאָס הירזשערײַ פון פערד איז געװען אַנדערש װי תמיד. איך האָב אויסגעפילט דעם אומרו און געשפּירט דעם סקרוך פון דער װאָרעמער, גלאַטער פערדישער פעל. אפשר אַ האָז? דאָס װעלדל איז פול מיט האָזן.

— דע, קים־נאָ... האָב נישט מורא...

אַ געבראָכן קול פון אַ ייִד. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. דער װעג איז געװען פּוסט. פון פעלד איז דערגאַנגען דאָס געקלאַנג פון אַ קאָסע אין אַ שאַרפשטיין.

— ייִנגל העלף מיר...

איך האָב צוגעבונדן דאָס פערד צו אַ ווערבע, אַריבערגעשפּרונגען די קאַנאַווע און דערזען דעם פאַרוווּנדעטן איטשאַ פּאָביטניק. די ליפּן — פאַרבאַקן מיט אַ ווייסער פּיענע. די אויגן — אַרויסגעזעצטע, אָנגעדראָלענע, דאָס רעקל — צוקאַפּנס און דאָס העמד — צעריסן, מיט בלוט־פלעקן.

— נעכטן ביינאַכט, אין זשעראַמין, בעתן אַרויספירן אַ בהמה פון אַ שטאַל איז אָנגעלאָפן דער גאַספּאַדאַזש מיט אַ ווידלע. איך האָב באַוויזן אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ פערד. אַ דאָרף מיט פויערים האָבן נאָכגעריטן. איך האָב געלאָזט דאָס פערד לויפן און אַליין פאַרקראָכן אין די קוסטעס.

ער איז שטיל געוואָרן, שווער געאָטעמט און זיין פּנים איז צעאַקערט געוואָרן פון קנייטשן. איטשאַ פּאָביטניק האָט זיך געוואָלט אויפזעצן און נישט געקענט.

— איך גיי אויס פון דאָרשט.

— כ'וועל ברענגען וואַסער. זאָל איך אפשר רופן דעם פעלדשער ?

עס איז דערגאַנגען דאָס געררויש פון אַ ברישקע. מען האָט געהערט ווי עס קייקלען זיך רעדער באַשלאָגענע מיט גומע און עס קלינגט אַ געשפּאַן. נאָך אַ רגע, די בריטשקע וועט אַרויס פון באַטשנעם וועג און פאַרנעמען זיך רעכטס, מיטן הויפּט־שאָסיי.

— רייט קיין זשעראַמין, נישט ווייט פון דיין פּעטערס סאַד, אין ציגלענעם הויז מיטן שינדל־דאַך וווינט מיין קאָכאַנקע יאַדוויגע. זאָג איר אַז איך ליג אין האָזן־וועלדל, געדענק, קיינער זאָל נישט וויסן. זאָלסט דערנאָך די פּאַרע נישט אַרויסלאָזן פון מויל. ראַטעווע מיך, ייִנגל...

איך האָב געיאָגט דאָס נישט־געזאָטלטע פערד דורך דער לאָנקע, דורכגעשניטן אַ קאַרטאָפל־פעלד. אַ פויערטע האָט געשריגן צו מיר. איך בין אַריין אין אַ צעבליט קאָניטשינע־פעלד און מיט איין שפּרונג אַרויס צו דער אָזיערע. אָנשטאָט רעכטס, האָב איך זיך פאַרנומען לינקס, צום הויז וווּ עס וווינט יאַדוויגע. הינט זענען מיך באַפאַלן; נידעריקע, קולדאַטע, שטויביקע. זיי זענען געשפּרונגען אויפן פערדס קאַרק אַזש איך האָב זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פון זיי. ביים טירל איז געשטאַנען אַ פויערטע. זי איז דאָס אַוודאי. „פּאַני יאַדוויגאַ ?" האָב איך געפרעגט. איך האָב איר דערקענט, ווייל זי איז געווען עטלעכע יאָר אַ דינסט אין אַ ייִדיש הויז פון פלינצק. יאָ, זי איז עס! איך האָב זיך איינגעבויגן צו דער פויערטע און הייס געשעפּ־טשעט : „איטשאַ פּאָביטניק... פאַן איטשאַ האָט מיך געשיקט... ער ליגט אַ

פאַרבלוטיקטער אין האָזן־וועלדל... לעבן באַטשנעם וועג... ראַטעווע אים... ער גייט אויס פון דאַרשט״...

דער ריח פון יאַדוויגאַס האָלדז און אירע הענט וואָס האָבן געגלעט מיין פּנים, האָט מיך געמאַכט שטיל און הכנעהדיק. איך בין גרייט געווען אַלץ צו טאָן וואָס זי וועט נאָר וועלן. זי האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט פון מיר. איך האָב געזען ווי זי לייגט צו אַ פינגער צום מויל. פון שטאַל איז אַרויס אַ פויער. ער האָט מיך זייטיק באַטראַכט און אומגעריכט אָנגעכאַפּט ראָס פערד ביים ציימל. „ווער ביסטו? ווער האָט דיך געשיקט?״ און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן האָט זיך די פויערטע צעשריגן: „נעם אַוועק די לאַפּעס פון ציימל... דאָס איז דעם סאַדאָווניקס יינגל״...

איך בין אָנגעקומען אין סאַד אַריין איז שוין געווען טונקל. מיין פעטער איז געשטאַנען אַן אומגעדולדיקער ביים שליאַך און אויסגעקוקט, זייט אַ שעה, אויף מיין צוריקקומען.

— ביסט דאָך נישט געווען ביים טייך? קומסט דאָך פון דאָרף? ווי איז מיר, דאָס פערד איז באַדעקט מיט אַ פיענע. ווי אַזוי וועל איך דערפאָרן מיט די קוישן עפּל אַז דו האָסט מיר דאָס פערד פאַרמוטשעט?...

איך האָב נישט געוווסט ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן און אַ שולדיקער אַוועק אין דער שטרוי־בודע און אַוועקגעוואָרפן זיך אין פרישן היי אַריין. איך האָב געהערט דעם פעטערס בייזע רייד און לסוף האָט זיך צעסקריפּעט דער וואָגן און דאָס פערד האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט געמאָסטענע טריט איבער דעם שטיינערנעם וועגל.

אַ מידקייט איז מיר באַפאַלן. איך האָב געדרימלט. עטלעכע מאָל האָב איך זיך איבערגעוועקט און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך הער טריט, אַז מען שאָקלט־אָפּ צווייגן מיט די קייסער־עפּל. מען קען נאָך שטעלן דעם פעטער בדיל־הדל. איך בין אַרויס פון דער בודע און אַ האַלב־פאַרשלאָפענער, אַ וואַקלדיקער, אָנגעהויבן גיין לענגאויס די ביימער־רייען. עפּל־ריח, ריח פון טייך און דער הייסער אָטעם פון דער מויד יאַדוויגע — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען מיטן שוויס פון פערד און איך האָב טיף איינגעאָטעמט. האָ־האָ־האָ! — האָב איך געשריגן אין דער נאַכט־אַריין, סתם אַזוי, פאַר היימלעכקייט.

איך בין אַרויס צו דער לאָנקע. עס איז אַ ליכטיקע נאַכט. עס האָט אויסגעזען אַז די לאָנקע איז באַדעקט מיט די פריש־געוועבטע ליילעכער וואָס פויערטעס שפּרייטן נאָכן וואַשן זיי אין טייך. דער ווינט איז געקומען

פון מיזרח און געבראַכט דעם מיענטע־ריח. איך האָב דערוואַכט און אָנגעש־
פּיצט מיינע אויערן, געוואָלט אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך.

צום האָזן־וועלדל, ווו עס ליגט איטשאָ פּאָביטניק איז געווען אַ צוויי
וויאָרסט. איך האָב גענומען אַ ברויט און אַ פלאַש מילך און איילִיק אָנגע־
הויבן גיין. אפשר איז יאַדוויגע נישט געקומען צו אים און ער וועט אויסגיין?
דאָס וועט דאָך זיין מיין שולד! פאַרוואָס זאָל אַ מענטש שטאַרבן?

ווען איך בין דערגאַנגען צו די קוסטעס איז שוין געווען נאָך האַלבער
נאַכט. איטשאָ פּאָביטניק איז שוין נישט געווען. איך האָב אים געזוכט,
געמיינט אַז ער האָט געטוישט דאָס אָרט. ערשט ווען איך בין אַרויס צום
באָטשנעם וועגל האָב איך דערקענט אין לבנה־ליכט פרישע אָפּדרוקן פון
אַ וואָגן.

יאָרן זענען אַדורך. איך האָב געהערט אַז איטשאָ פּאָביטניק גראַסירט
אַרום אויף פויערישע יאַרידים. ער שלעפּט זיך אַרום מיט אַ קונצן־מאַכער.
ער איז אַ פלינקער שפּילער אין דריי קאָרטן: „שוואַרץ געווינט און ווייס
פאַרשפּילט״.

איין מאָל, נאָך אַ יאַר־יאַריד אין אונדזער שטאָט, האָט ער מיך נישט
אָפּגעלאָזט און איך האָב געמוזט מיט אים אַריין צו אַנשלען אין שענק.

— טרינק!

— ניין.

— עס פּאַסט דיר נישט צו טרינקען מיט מיר? מיינסט אַז איך בין אַ
גנב?

— איך מיין נישט...

— יאַדוויגע איז געווען מיין לובאָוויצע. איר מאַן האָט מיר דורכגע־
שטאָכן דעם פּיס. איך בין געקומען יענער נאַכט צו איר און געוואַרט אין
שטאַל... איך בין נאָך נישט אַזוי געפאַלן צו זיין אַ גנב. שפּילן מיט דריי
קאָרטן? דאָס איז אַ ספּריט... דאָס איז אַזאַ געשיקטקייט... ס'איז אַ פאַך...
ווינציק טליקעט מען זיך אָן אויף די וועגן?... ר' זעליג — דער געבילדעטער
ייד, פאַרקויפט זיינע קענטענישן, ער שרייבט פּראָשעניעס. דער דיין לעבט
פון פסקענען שאלות; ער קען די דינים. דיין פעטער האַנדלט מיט פּירות און
דינגט סעדער. אַנשל האַנדלט מיט בראָנפן און איך, איטשע פּאָביטניק, לעב
פון מיין ספּריט, פון מיינע פלינקע פינגער. איך קען צעחושן אַ וועלט... זע,
איך לייג דריי קאָרטן און אַ קרענק וועט מען וויסן וועלכע איז די שוואַרצע

און וועלכע די ווייסע... האָסט מיך געראַטעוועט יענע נאַכט און דערנאָך האָסטו אַפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן... עס קרענקט מיך ביזן היינטיקן טאָג אויף יאַדוויגעס כלאַפּ. גייט ער אין דר'ערד אַריין. סיידוי האָדעוועט ער מיינס אַ ממזר... אין שראַמין און אין גוטאַזשעוואָ האָב איך אייגענע קינדער וואָס גויעס האָדעווען זיי. אַ גאַנצע ראַסע פּאַביטניקעס, אַ רוח אין זייער טאַטנס האַרץ אַריין...

ער איז שוין געווען בגלופין. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט אַוועק, נאָר ער האָט מיך אַרומגענומען. דאָס געקאַרבטע פּנים איז געווען ווי פון בראַנדז און די הענט — לאַנגע, שיין־געשניצטע. זעט אויס אַז איטשאָ איז געווען אַ שיינער מאַנצפּערשוין מיט יאָרן צוריק און נישט איין שיקסע איז אים נאָכגעלאָפן. דערוווּסט האָב איך זיך אַז זיין מוטער איז געווען אַ קאַזאַצקע מויד, וואָס האָט אים געלאָזט אויף הפקר, נאָך אַלס קינד, אויף די בית־המדרש שטיגלעך און איז נעלם געוואָרן מיט אַ באַנדע קונצנמאַכער.

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באַוויזן שגצים אויף די יאַרידים, געטיילט העץ־בלעטלעך קעגן יידן. מען איז באַפאַלן די דאָרפס־גייער און די פּאָליציי האָט שטילערהייט אָנגעקוואָלן פון דער צווילדעוועטער יוגנט וואָס לאָזט אויס איר כעס צו יידן.

אין די אָוונטן איז געווען אַ געפּאַר אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין. מיר האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ ווידערשטאַנד און גענומען זיך אָרגאַ־ניזירן אין קליינע פּאַרטיידיקונגס־גרופּן.

אין אַ פאַרנאַכט האָט מיך אויפגעזוכט איטשאָ פּאַביטניק. איך האָב אים שוין נישט געהאַט געזען לאַנגע יאָרן. ער איז געעלטערט געוואָרן. די אַמאָליקע שיינקייט איז פאַרגאַנגען און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מיטל־יאָריקער פּאַרשוין אין אַ ליצעפּעטיש היטל מיט אַ לאַנגן אַראָפּגערוקטן דאַשעק און עקשנותדיק געפרעגט: — כ'בין אַ ייד, צו נישט? זאָג מיר, בין איך, איטשאָ, אַ ייד, אָדער נישט?

— ביסט אַ ייד — האָב איך געענטפערט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס ער מיינט.

— אויב איך בין אַ ייד, טאָ פאַרוואָס מיידט מען מיך אויס? האַ? פאַרוואָס נעמט מען מיך נישט אַריין אין דער גרופּע וואָס וועט פאַרטיידיקן די שטאָט פון די גויאים? פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט...

— דו ווייסט שוין יאָ, די טרעגער־יונגען האָבן מיר געזאָגט. איך האָב אַ שפּייער... מען קען זיך פאַרלאָזן אויף מיר... איך וועל גיין דער ערשטער אין פייער אַריין... די שטאָט האָט מיר שלעכטס געטאָן... ממזר, פּאָביטניק... דאָס איז געווען מיין צונאָמען... די פרומע האַלטן מיך פאַר אַ ממזר — פאַרשיי איך... זיי זענען גערעכט. זיי לאָזן מיך נישט איבער דער שוועל... איך האָב גאָרנישט קעגן זיי... ס'איז לויט דער תורה... אַזוי דאַרף עס זיין... אַנישט, וועט דאָך הפקר ווערן... אָבער דו און דיינע חברים סאָציאַליסטן? איר אויך? איז דאָך עק וועלט!

צום גרינעם דאַנערשטיק האָט זיך געגרייט אַן איבערפאַל אויף יידן. עס איז געווען דער לעצטער גרינער דאַנערשטיק פאַר דער מלחמה. צוויי טאָג פאַר חגא איז איטשאַ פּאָביטניק געשיקט געוואָרן קיין שעראָמין און קיין גוטאַזשעוואָ כדי זיך צו דערוויסן ווי עס האַלט. ער האָט צוגעזאָגט אויסצומישן זיך מיט די פּויערים און אין טאָג פון דער פּראָצעסיע וועט ער אַריין מיט זיי אין שטאָט און וויסן ווער עס זענען די אויפרודערער און העצער, ער וועט געבן געגויע ידיעות ווען און ווו מען דאַרף זיך זאַמלען.

אַ נאַכט פאַרן גרינעם דאַנערשטיק האָבן פּויערים אַרומגערינגלט יאַדוויגעס הויף און אין שטאַל איז אומגעקומען איטשאָ פּאָביטניק. ער האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. עטלעכע זענען פאַרוואונדעט געוואָרן.

דער סאָלטיס מיט אַ פּאָליציאַנט האָבן געבראַכט דעם טויטן גוף פון דעם יונג און אים אַוועקגעלייגט אויף די טרעפּ פון בית־מדרש — אויף די זעלביקע טרעפּ ווו עס האָט אים מיט פערציק יאָר צוריק געלאָזט ליגן זיין מוטער.

אין אַ שטורעמדיקער נאַכט

דריי וויאָרסט פון דאָרף קוכאַר ליגט קאָלאָזאָמב און רעכטס פון קאָלאָזאָמב, צען מינוטן וועג, שפרייט זיך דזשיקאָוויץ. די וועלדער זענען אויסגעהאַקט געוואָרן, פעלדער נישט אויסגעקאָרטשעוועטע, מיט אַ ווילדן סאָסנע־נאַכוווקס; ברוין־געלע קנוילן שטעכיקע קוסטעס און אַרום דעם געשלענגלטן טייך דזשאַלדאָווקע וואַקסן אָלשינע־קושאַקעס און מיענטע גראָז. זאַמדיקע פעלדער צעשטניטענע פון סטעזשקעס און באָטשנע וועגן. ערשט אַרום דזשיקאָוויץ איז די ערד אַ טונקל־ברוינע און עס וואַקסן די סאָסנעס נישט אַזוי פאַרקראַמפּט ווי אין קאָלאָזאָמב. פון ווי ווייט זעט מען אָן די תבואה־פעלדער און עס טונקלען שוין די רייפע גריקע און די קאָניטשינע.

עס איז געווען שניט־צייט אַ יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

צוויי יידישע סטודענטן זענען געלעגן אין דער סטאָדאָלע, אויף פריש־געשניטענעם היי און איינגעהערט זיך אין שטורעם. אַ ווייט דונערריי האָט זיך געקייקלט פון אַן אַנגעצונדענעם האָריזאָנט און אַז ער האָט דערגרייכט צו די אויפגעבראָכענע דאַמבעס פון אַן אַלטער בריק, לעבן דער וואַסערמיל, האָט עס אַ קראַך־געטאָן אַזש די סטאָדאָלע איז געבליבן שטיין אין פייער. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ פייער־אָפּשיין פון אַ נאָענטן סטאָג היי וואָס האָט זיך צעפלאַקערט.

וואָלף האָט שטודירט קונסט־געשיכטע און יאַקובעק מעדיצין. עס איז געווען אַ שווער יאָר פאַר יידישע סטודענטן אין פוילן. די פיינדשאַפט צו יידן האָט זיך געשטאַרקט און נישט נאָר דאָס פעבל האָט געטריבן יידן פון די מערק, פון די יאַרידן נאָר די שינאה האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אין די הויכשולן.

אין א שיינעם טאָג האָט זיך באַוויזן יאַקובעק אין וואָלפס קליין צימערל, ערגעץ אויף מוראַנאָווסקע גאַס און נאָך אַ לאַנגן שווייגן געזאָגט: „איך בין צוריקגעקומען".

וואָלף האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווערטער. וואָרעם יאַקובעק איז שוין זייט דעם דריטן דור פאַרפרעמד צו יידן. זיין עלטער־זיידע איז געווען אין סאַכאַטשין אַ ווינקל־שרייבער, אַן אויסגעקאַכטער מיט די דזשע־דזשיצן און פּריצים. דער זיידע האָט זיך געקליידט ווי פּוילישער גוטבאַ־זיצער און איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט דער קהילה. יאַקובעקס פאָטער איז געווען אַ מיליטער־דאָקטאָר אין וואַרשע און יידן האָבן געשמועסט אַז ער האָט זיך געשמד.

וואָלף האָט געהאַט אויסגעשטעלט עטלעכע פּייזאַזשן אין אַ קונסט־סאַלאָן. איין פּייזאַזש וואָס האָט געטראָגן אין קאַטאַלאָג דעם נאָמען „דזשי־קאָוויצע" איז גלייך אין ערשטן טאָג פאַרקויפט געוואָרן. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען וואָלפן איבערגעגעבן אַ בריוול מיט אַ וויזיט־קאַרטל. ד"ר לעאָפּאָלד וויעליקאָווסקי האָט פאַרבעטן דעם מאָלער. אַ הויכער מאַן מיט אַ גרוי־שוואַרצער טשופּרינע, אַ צעפּלאַטערטע אין די זייטן, שאַרפע קינבאַקן און אַ דורכדרינגענדיקער בליק, האָט געקנייטשט די שלייף־ווינקלען, געקוקט אויף וואָלפן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען לאַנג־שוין פאַרגעסענע פּנימער.

— יפת? וואָלף יפת? דער נאָמען זאָגט מיר עפּעס... איך דערמאָן זיך אַ יפת. ער איז געווען צוזאַמען מיט סטאַניסלאַוו פאַזנער אין קראָקע? עס פרייד מיך צו באַגעגענען אַ קוכאַרער... האָסט מיט דיין פּייזאַזש אויפגעלעבט אַ שטיק געשיכטע. איך בין שוין דאָרט נישט געווען דרייסיק יאָר.

בעת וויעליקאָווסקי האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט, גע־וויגט זיך מיט אַ ניגון, האָט וואָלף געהאַט דאָס געפיל אַז קעגן־איבער זיצט נישט קיין משומד נאָר אַ ייד, אַן איבערגעטאָענער אין פרעמדע מלבושים. אַלץ האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט נאַטירלעך; די פּאַנ־צערס מיט די שפּיזן געשטרעקטע פאַרויס פון אַלט־פּוילישע קריגער, די בילדער פון קאָסאַקן; אולאַנער, פערד אין שלאַכט, מאַסקאַלעס, לעגיאָנערן און אַ שקיעה וואָס איר רויט דערמאָנט אין אַ טייך אַ פאַרבלוטיקטן.

יענעם אָוונט האָט וואָלף דאָס ערשטע מאָל באַקענט יאַקובעקן, דעם זון פון ד"ר לעאָפּאָלד וויעליקאָווסקי. אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער, מיט אָפּשטייענדיקע הענט, מיט אַ רויט פּנים אַ צעהיצטס איז ער געזעסן ביים טיש און געקוקט אויף דעם מאָלער מיט אַ נישט־פאַרבאָרגענער איראָניע. און אַז דער שמועס איז אַוועק וועגן יידן, האָט זיך יאַקובעק אויפגעשטעלט און אָן אַ וואָרט פון אַנטשולדיקונג אַרויס פון צימער.

אין מאָל, ווען וואָלף האָט געבראַכט אַ ניי בילד, דאָס איז געווען האַרט פּאַר די זומער־פעריען און וואָלף האָט זיך שטאַרק געגויטיקט אין די עטלעכע צענדילק זלאָטעס כדי ער זאָל קענען אַרויספאָרן פון וואַרשע, איז צו אים צוגעקומען דעם דאָקטאָרס זון, אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— איך בין צוריקגעקומען! — האָט ער געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שווייגן.

וואָלף האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט געלייענט אין דער פרעסע וועגן דעם געשלעג צווישן קריסטלעכע און יידישע סטודענטן וואָס איז אויסגעבראָכן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, געוווסט אַז אויך יאַקובעקן האָט מען געטריבן צו די פלעצער אויף דער לינקער זייט, און אַזוי ווי די איבעריקע יידישע סטודענטן, איז ער געשטאַנען אין זאַל אַן אָנגעשפּאַרטער מיט אַן אַקסל אָן דער וואַנט.

פון דאָרף האָט זיך געטראָגן אַ געוואַי פון בהמות. דער שלאַקס־רעגן האָט נישט אויפגעהערט. אין דער סטאָדאָלע האָט אַריינגערעגנט. יאַקובעק איז געלעגן אַן איינגעקנוילטער און געשוויגן. ער האָט זיך אין וואַרשע איינגעבעטן ביי וואָלפן מיטצופאָרן קיין קוכאַר, איצט האָט ער באַדויערט. דער שטורעם אין פּוילן וועט אַדורך אַזוי ווי דער שטורעם אין דער נאַכט. פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט מיטרייסן מיט זיינע להכעיס־שטימונגען צו די קאָלעגן אין אוניווערסיטעט? סטאַשעק איז יענעם פאַרנאַכט געקומען צו אים און געזאָגט: עס איז געשען אַ טעות. דיין מוטער איז דאָך אַ פּאָלקע פון קאַטוילישן גלויבן, דאָס דעצידירט. די כלאָפּצעס באַדויערן, מען מיינט נישט דיך נאָר די אמתע זשידקעס... יאַקובעק איז געלעגן מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און געפלאַמט. ער איז אויפגעשפרונגען און געשריגן: „וואַן־סטאַנד! אַרויס! פרעטש! פרעטש!" דער פאָטער האָט שפּעט אין דער נאַכט גערופן צו זיך דעם זון. „ווּעסט פאָרן קיין פראַנקרייך און דאָרט שטודירן". אַנטלויפן? ווי אַ פחדן? נאָכגעבן די כאַמעס? ווער זענען זיי? פּאָליאַקן? און ווער בין איך? נישט קיין פּאָליאַק? איך בין נאָך אַ בעסערער פּאָליאַק ווי זיי! איך וועל נישט אָפּטרעטן! איך וועל שטיין מיט אַלע יידן צוזאַמען. איך וועל איינעם פון די כוליגאַנעס דערשיסן! איך האָב זיך שוין איינגעשאַפן געווער!

דער פאָטער האָט אים געלאָזט אויסשרייען זיך. „סוף וואָך גייט דיין באַן קיין פּאַריז. אַלץ איז שוין צוגערייט".

אַנשטאָט קיין פּאַריז איז יאַקובעק געפאָרן מיט דעם מאָלער וואָלף קיין קוכאַר, אַכציק קילאָמעטער צפונדיק פון וואַרשע. אין די דערפער אַרום דעם טייך דזשאַלדאָווקאַ האָבן געלעבט זיינע עלטער־זיידעס פון טאַטנס שטאַם. יאַקובעק איז דאַנקבאַר געווען דעם גורל וואָס גראָד איצט איז אים אונטערגעקומען וואָלף.

דער שטורעם האָט אַלץ נישט אויפגעהערט. אַרום האַלבער נאַכט איז געקומען דער פייער מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ, די לאָמטער האָט זיך געהאַלטן אין איין לעשן און געוואָרפן צעריסענע שאָטנס אויפן היי.

— כלאָפּאַקי! הערי! קומטס אַריין אין דער איזבע... וואָס וועט איר אין אַזאַ וועטער ליגן אין סטאָדאָלע?... דער טייוול ווייס וואָס אין אַזאַ נאַכט קען זיך מאַכן... אפשר אַ דונער קען אַריין אין שייער? אפשר אַ פייער? קומט! עס איז גאָטס זינד. די טאָמעס וועלן אויפגעריסן ווערן. די גרעבליעס וועלן צעטראָגן ווערן...

אין דער כאַטע האָט געברענט אַ בליך־לאָמפּ. אין אַ הויך־אָנגעטורעמט בעט מיט קישנס און איבערבעטן איז געשלאָפן אַ פּויערטע מיט אַ טאָכטער.ביידע זענען געווען אין געבלימלטע יאַקעס מיט ברייטע אַרבל. עס האָט געשמעקט מיט פריש־געבאַקן קאָרן־ברויט און מיט קאַרטאָפל־פּאַמאַיעס. אויבן־אָן איז געהאַנגען דאָס בילד פון דער לעצטער סעודה און דערלעבן נאָך אַ בילד — דער געקרייציקטער אויפן קרייץ. פון די נאַרוואָס אַריינגע־האַקטע טשוועקעס אין די הענט און אין די פיס טריפט בלוט. אָן אויפרייצנ־דיק פריש בלוט. דער הונט ביי דער שוועל האָט זיך יעדעס מאָל אויפגע־כאַפּט, אָנגעטורעמט דעם רוקן, געעפנט ברייט דאָס מויל און געקוקט אויף דעם טריפנדיקן בלוט פון בילד ביז פון זיין מויל האָבן זיך גענומען ציען סלינע־פעדעם.

וואָלפן איז געוואָרן אומהיימלעך. און כאָטש ער איז געווען פאַרשלאָפן און מיד האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אין אַלע פּויערישע כאַטעס הענגען אַזעלכע בילדער און אַז דאָס איז אפשר איינע פון די סיבות פאַרוואָס מענטש און חיה איז אַזוי אויפגערייצט. אַנשטאָט אַ געפיל פון געטלעכקייט דערוועקט אַזאַ בילד אַ נקמה־לוסט.

ווידער אַ וויסטע געדונערײ. אַ פּויער איז אַריינגעקומען פון אַ זייטיק צימערל. דאָס איז נישט געווען דער פּויער פון דער סטאָדאָלע. דער וואָס איז אַריינגעקומען האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַלט, אפשר איבער די ניינציק. ער האָט זיך אויסגעהוסט, אויסגעגלייכט און אַוועקגעזעצט זיך

צופוסנס פון די הייליקע בילדער. אַ פּנים ווי אַ פעלד אין שפּעטן האַרבסט; קנייטשן און בראָדזעס. גרויסע הענט, קנאָכיקע, האָריקע.

— דו ביסט אַ יפת? האַ־האַ! ווער האָט דען נישט געקענט די סטאַ־ראָזאַקאָנגע דינאַסטיע? ערלעכע מענטשן! דער אַלטער יפת האָט געאַקערט זיין פעלד טראַגנדיק אַ קליינעם טלית מיט ציצות... יאַק באָגאַ קאָכאַם... ער האָט זיך געמאָדליעט אין פעלד... און גוט איז ער געווען, האַ־האַ... נישט איין מאָל אין אַ בידאַ אַרויסגעהאָלפן. איין מאָל, אין אַ זונטיק, האָט ער מיר מוסר־געזאָגט הלמאי איך שיכור און פאַרוואָס איך גיי נישט אין קאָשטשאָל אַריין אויף דער משאַ־שוויענטאַ... איך האָב געקענט זיינע זין... וואַרט נאָר, איך וועל זיי אויסרעכענען: עליאַש, מאַשקאַ, איטשקאַ, דער שוואַרצער דוד... האַ־האַ... עס בענקט זיך נאָך די היימישע פעלדער... ביסט דאָ דאָס ערשטע מאָל?

— דאָס ערשטע מאָל — האָט וואָלף געזאָגט. — איך קען גוט די געגנטן פון מיין מוטערס שילדערן. אין קוכאַר בין איך אָפט און אויך אין קאָלאָזאָמב. קיין דזשיקאָוויצע בין איך קיין מאָל נישט געפאָרן.

און כאָטש עס איז געווען שפּעט האָבןביידע זיך נישט אָפּגעזאָגט און אויסגעטרינקען עטלעכע גלעזלעך בראָנפן. דער אַלטער פויער מיט זיין זון האָבן לאַנג גערעדט, דערציילט וועגן דער אומגערעטעניש, וועגן די שווערע שטייערן און וועגן די צייכנס פון די הימלען אַז עס דערנענטערט זיך אַ בידאַ...

יאַקובעק, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן איז אויפגעשפּרונגען און געזאָגט: — איך שטאַם אויך פון דאַנען. מיין עלטער־זיידע און מיין זיידע האָבן דאָ געלעבט.

— איך האָב אַלעמען געקענט. אַלע סטאַראָזאַקאָנגע פון די שכנותדיקע דערפער. דזשיקאָוויצע איז געווען אַמאָל אַ יידיש דאָרף. אויך קוכאַר און קאָלאָזאָמב. ווי אַזוי האָט מען גערופן דיין זיידן?

יאַקובעק האָט זיך צעלאַכט.

— ווי מען האָט גערופן מיין זיידן? איך בין ד״ר לעאָפּאָלד וויעליקאָווסקיס זון. עס איז נישט דער ריכטיקער נאָמען, מיין טאַטע האָט געענדערט דעם נאָמען. איך האָב געפונען די פאַמיליע־פּאַפּירן. מיין פאָטערס זיידע האָט געהייסן לייבעל וווּלקער...

דער אַלטער פויער האָט פאַרבראָכן די הענט: — אָלאָ באָגאָ! יעזו כריסטו! לייבל וווּלקער!

ער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט. און אין דער רגע האָט עס אַ בליץ־געטאָן און אַלע האָבן זיך איינגעיאָזשעט אין דערוואַרטונג אַז עס זאָל קומען דער דונער. און וואָס לענגער עס האָט געדויערט אַלץ אומרואיקער איז יעדער געוואָרן. דער דונער איז אָבער נישט געקומען.

— פּאַניע, דו האָסט געקענט מיין פּאָטערס זיידן? ווייסט עפּעס וועגן לייבעל וואָלקער? — האָט זיך געבעטן יאַקובעק.

— איך ווייס, נאָר עס וועט אפשר בעסער זיין פאַר גאָט אַז איך וועל דיר נישט דערציילן.

— פאַר גאָט איז גוט צו זאָגן אַלץ וואָס איז אמתדיק! — האָט זיך אָנגערופן דעם פּויערס זון. — איטשעץ, פאַרוואָס זאָלסטו נישט דערציילן?

דער אַלטער האָט זיך ווידעראַמאָל איבערגעצלמט.

— דריי וויאָרסט פון דאַנען געפינט זיך דאָס הויז פון דזשעדזשיץ כאַראַנזשי. אַמאָל איז דאָס געווען אַ גרויסער און רייכער הויף. היינט איז נאָר געבליבן אַ הילצערנע געביידע, אַ פאַרמאַכטע, ווייל עס גייען אַלץ אָן משפּטים צווישן די יורשים.

דער אַלטער האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין יאַקובעקן און צוגעשלאָסן די אויגן. דאָס האַרבסטיק־צעאַקערטע פּנים איז איצט פול געווען מיט אומרואיקע שאָטנס, עס איז קענטיק געווען, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה אויב ער זאָל ממשיך זיין די געשיכטע אָדער איבעררייסן.

אונדזערע מאַנענדיקע רייד האָבן אָבער געצווינגען דעם אַלטן צו דערציילן. באַזונדערס צודרינגלעך איז געווען יאַקובעק.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט אַנטקעגן דער בליץ־לאָמפּ און אָנגעהויבן חשבונען.

— די פּוילישע פּאָווסטאַניע פון יאָר 1863... ערב דער פּאָווסטאַניע דריי יאָר... עס איז שוין באַלד אַכציק יאָר... איך בין שוין אַריבער די נײַנציק... הייסט דאָס איך בין דעמאָלט געווען צוועלף אָדער דרייצן יאָר אַלט... יאָ... איך געדענק... עס איז געווען אין אַ פרייטיק... פאַר אַ יידישן יום־טוב. איך האָב געאַרבעט אין גאָרטן לעבן הויף. מיטאַמאָל: געשרייען. דער פּאַן כאַראַנזשי האָט געטריבן דעם ייד לייבעל וואָלקער פון דעם גאַנעק. ער האָט געררייצט אויף אים די הינט, נאָר די הינט האָבן נישט געפאָלגט, ווייל לייבעל וואָלקער איז געווען אַן אייגענער אין הויף. דער דזשעדזשיץ איז געוואָרן ווילד! „אין מיין הויף פאָלגן מיך נישט די הינט! העי, כלאָפּי! פרענדקאָ!" עס זענען זיך אָנגעלאָפן די פאַראָבקעס! „בינדן דעם זשיד!"

זיי האָבן נישט געוואָגט צוגיין נאָענט צו לייבעל וואָלקער, ווייל ער איז געווען הויך, שיין, געקליידעט יידיש, מיט אַ שוואַרץ־געקרייזלטער באָרד. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מעסיאַש! ווי אַ היילעקער! דער פּאַן כאַראַנזשי איז פון זינען אַראָפּ? פאַרוואָס באַפעלט ער די פּאַראַבקעס צו בינדן זיין בעסטן פריינד! ער איז שיכּור? עס איז אוממעגלעך דאָס צו פאַרשטיין. און וואָס לענגער די כלאַפּעס האָבן זיך געוואָקלט אַלץ ווילדער איז געוואָרן דער פּאַן כאַראַנזשי. ער האָט געפּאַכעט מיט אַ ראַפּניק און געשריגן: „איך וועל אייך פאַרטרייבן פון מיין ערד! ווי די הינט! בינדן!" מען האָט געבונדן דעם פּאַן לייבעל וואָלקער. ער איז געלעגן אין מיטן הויף אַ פאַרבונדענער און דער פּאַן כאַראַנזשי האָט גענומען אַ שער און אָפּגעשניטן ביי דיין עלטער־זיידן איין פּאיה און איין האַלבע באָרד. ער האָט דערביי געלאַכט און געשריגן: „לייבעל וואָלקער איז איצט אַ האַלבער ייד און אַ האַלבער קריסט!" ווען די זון האָט זיך שוין געזעצט און עס איז טונקל געוואָרן, האָט ער מיך באַפוילן צו שפּאַנען די בריטשקע. איך בין אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין מיט דער געשפּאַנטער בריטשקע און געזען ווי מען לייגט אַרויף דעם געבונדענעם עלטער־זיידן דיינעם אויף דער בריטשקע. איך האָב גיך געטריבן דאָס פערד ביז דעם הויף פון דער סינאַגאָגע, אַזוי ווי דער דזשעדזשיץ, דער פּאַן כאַראַנזשי האָט מיר אָנגעזאָגט. אַ גאַנצן וועג איז דער עלטער זיידע דיינער געלעגן שטיל. איך האָב זיך געשראָקן און געצלמט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז ער וועט מיר אָפּטאָן כישוף. אין הויף פון דער בוזשניצע האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל יידן פון סאָכאַטשין. מען האָט אים אַראָפּגענומען פון דער בריטשקע, אויפגעבונדן די שטריק און אַז מען האָט דערזען אַז לייבל וואָלקער האָט נישט איין פּאיה און עס פעלט אים אַ האַלבע באָרד איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. ערשט ווען דער רבי האָט זיך באַוויזן איז שטיל געוואָרן. איך האָב צוריקגעיאָגט די פערד קיין דזשיקאָוויץ און געזען ווי שדים טאַנצן אַרום אויף די לאָנקעס.

וואָלף האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג. יאַקובעק איז נישט געווען. אַ פאַסטעך איז אָנגעלאָפן און דערציילט אַז דעם פּאַן כאַראַנזשיס פּאַלוואַרק, וואָס איז שוין פאַרלאָזן יאָרן, איז אין דער נאַכט פאַרברענט געוואָרן. „דער גרויסער דונער איז אַריין אין הילצערנעם הויז און עס איז אַוועק אין פלאַמען".

דער אַלטער פּויער האָט זיך איבערגעצלמט און שטיל געזאָגט: — עס איז מיין שולד. איך האָב נישט געדאַרפט דערציילן יאַקובעקן די מעשה מיט זיין עלטער־זיידן. און ווייל איך האָב יאָ דערציילט — האָט דער אַלמעכטי־קער געצאָרנט מיט פייער...

אין די אלול־טעג

דעם מילנערס זון, אַרטשאַ, איז אַרויס פון קאַרטאָפל־פעלד, אַריבער־געשפרונגען אַ פּלאָט און געבליבן שטיין ביי די טרעפּ פון בית־מדרש. עס איז געווען צווישן מנחה און מעריב. דער אלול־ווינט האָט געטריבן די ערשטע פאַרוויאַנעטע בלעטער איבערן זאַמדיקן שטעגל. די לופט איז נאָך פול געווען מיטן מילך־ריח פון דער סטאַדע קי וועלכע מען האָט נאָרוואָס געהאַט פאַרבייגעטריבן. פחד און הונגער האָבן זיך אויסגעמישט און נישט געלאָזט איינשטיין דעם יונג אויף אַן אָרט. ער איז אַריין אינעווייניק, צוגע־שאַרט זיך צום אויוון־ווינקל און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער באַנק ווו עס האַלטן זיך אויף די מדינה־גייער. דער פחד פאַרן פאָטער איז אין דעם געבעט־הויז פאַרגאַנגען און עס איז אויפגעקומען אין אים אַ פאַרכטיקע שרעק פאַר די הימלען.

אויפן באַלעמער איז געשטאַנען דער מגיד פון וועגגראָווע און שטיל געצויגן אַ ניגונדיקע דרשה. צוערשט האָט אַרטשאַ נישט באַנומען די רייד נאָר בלויז דעם ניגון און דער ניגון האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אַן דעם וואָס עס איז געשען. ער האָט געהערט ווי פון באַלעמער טראָגט זיך אַ פאַרוויגנדיקער געזשום פון טרוקענע טייך־גראָזן און דאָס געשעפּטשערײ פון הושענא־קזשאַקעס אויסגעמישט מיט ווייטע קולות וואָס קומען פון די הימלען. און אַז עס איז שטיל געוואָרן איז צו אים דערגאַנגען דאָס טרויע־ריקע הירזשערײ פון פאַרוואונדעטן פערד וואָס איז צוגעבונדן צו אַ בוים ביי דער מיל. נאָך די ניגונדיקע פסוקים האָט דער מגיד אָנגעהויבן אויסזינגען זיינע זאַצן אין יידיש. דאָס געוויין פון פערד איז נישט פאַרגאַנגען. איז דאָס אויסדאכטעניש אָדער דאָס פערד יאָמערט אויף אַן אמת?

נעכטן נאָך האַלבער נאַכט האָט אַרטשאַ אַרויסגעגנבעט דאָס פערד פון שטאַל און אַוועקגעריטן קיין שעראָמין. עס איז געווען אַ ווינטיקע נאַכט און דער יונג האָט געמיינט אַז קיינער וועט נישט דערהערן דאָס רייטערײ. ער

איז אָנגעקומען קיין שעראָמין דורך דעם הויפּט־וועג. דער ווינט האָט נישט געקענט קילן זיין צעהיצט בלוט און נישט די הייסע שוים פון פערדס פּעל. אַ טירל האָט זיך געעפנט און ער איז אַריין אין אַ דאָרפישער כאַטע. יאַדוויגע האָט אים גערופן. דער שד האָט אים גראָד אָנגעטראָגן ווען זי איז פאַרפאָרן מיט עטלעכע זעק קאָרן צו דער מיל. אַ ברענענדיקע גויע מיט אויסגעלאַסענע שטיק האָט זי אים פאַרמאַניעט. מען קען איר אין דער גאַנ־צער גמינע. דער יונג האָט געשאָטן די זעק קאָרן, דורכגעלאָזט זיי דורך די מילשטיינער, דערנאָך אַליין געלאָדנט איר וואָגן. „קום אַרטשאָ ביינאַכט" — האָט זי שלעמיש געווינקען. פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל פאַרצויגן מיט וואָלקנס. עס האָט אויסגעזען ווי ערב אַ שטורעם. אָנשטאָט אַ שטורעם איז אָבער געוואָרן ווינטיק; אַ קילער ווינט האָט אויפגערודערט די גערבליטן. ביי די טאַמעס האָבן אומהיימלעך גערוישט די וואַסערן. דער ווינט האָט אים נישט געגעבן קיין רו. ער איז אַראָפּ פון געלעגער און אַרומגעדרייט זיך אין דער מיל. עטלעכע מאָל איז ער אַרויס צום פלאַכן טייך־ברעג און געקוקט ווי עס פליעסקען די פיש. דאָס הייסע שעפּטשעריי פון דער גויע איז אָבער נישט פאַרגאַנגען. אַ כעס האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַ וויסטער כעס אויף גאָטס וועלט. ס'איז אַוודאי פון ווינט. וואָלט אויסגעבראָכן אַ שטורעם — דאַן וואָלט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער און איינגעהערט זיך אין קרעכצן פון די זאַסטאַוועס, אין ווילדן גערויש פון די כוואַליעס און אין די רעגן־שטראָמען וואָס פּאַטשן די פאַרמעליקטע מיל־שייבלעך און וואַשן זיי. עס וואָלט אים דערלייכטערט און ער וואָלט דערנאָך איינגעשלאָפן. דער ווינט גיט אים אָבער נישט קיין רו. עס דאַרף עפּעס געשען ווייל די וואָלקנס זאַמלען זיך, לויפן מיט צעשויבערטע קעפּ, מיט אָקסענע קערק מיט צעפּאָ־כעטע ווידלען אין אַ תהום אַריין. די קילע ערד ביים טייך האָט אים געמאַכט מיד און טרויעריק. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, געקייט אַ שטרוי און געשפּירט ווי עס גייט־אויף אין אים אַ געוויין. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם וואָס דאַרף געשען. מורא געהאַט פאַר דעם געלויף פון די שוואַרצע וואָלקנס, פאַר דעם בלוט וואָס קאָכט אין אים און פאַר דאָס שדישע געשעפּטש פון יאַדוויגאַ. און כדי אַרויסצורייסן זיך פון דעם געקלעם איז אַרטשאָ אַריינגעשפּרונגען אין טייך. ער האָט געלייגט קלאַפּטערס. געשווימען אויף דער פּלייצע געהויבן ריטמיש די אָרעמס און אַוועקגעלייגט זיי מיט דער האַנטפלאַך צו די געשליפענע כוואַליעס. דווקא דאָס לעבלעך־וואַרעמע נאַכט־וואַסער האָט נאָך מער צעצינדן זיינע געבליטן. אַן אָנזאָג פון אַ פאַר־

באַרגענעם תענוג האָט אים וואָך געמאַכט. אַרטשאָ איז געווען בייז הלמאַי ער האָט זיך אַריינגעשליידערט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אין טייך. די עלטערע ברידער האָבן אים נישט איין מאָל פאַרזאָגט נישט צו באָדן זיך אין די נעכט, די וואַסערן האָבן דעמאָלט אַ טייוולאָנישן כוח. רוסאַלקעס לויערן אין די וויעזשבע־קזשאַקעס און מאַניען מיט זייער נאַקעטקייט. וואָלקנס נידערן אַראָפּ פון די הימלען, הילן דיך איין און וואָלקן איז פאַרהוילן די תאווה. תמיד ענדיקט זיך שלעכט אַזאַ נאַכטיק באָדן.

נאָר אַ נישט־גוטער האָט אים נעכטן אָנגערעדט צו נעמען דאָס פערד און רייטן קיין שעראָמין. אויפן וועג האָט ער געזען ווי ס'פלאַקערט אַ סטאָ־דאָלע מיט טרוקן היי. פויערים האָבן געלאָשן דאָס פייער און וואָס מער עמערס וואַסער זיי האָבן געגאָסן אַלץ העכער זענען אויפגעשפּרונגען די פלאַמען. אויך אַרטשאָ האָט צוגעהאָלפן לעשן נאָר עס האָט אים געצויגן צו דער מויד. שעראָמין איז אַוודאי איצט אויסגעליידיקט פון פויערים, זיי זענען באַשעפטיקט ביים לעשן דאָס פייער. ער האָט זיך אַ וויילע איינגעקוקט אין די פלאַמען און דערפילט זיך זיכערער, פאַרריסענער און עפּעס אַ ווילדער, אומריינער כוח, אויסגעמישט מיט גאווה האָט אים געטריבן גלייך קיין שעראָמין, נישט דורך די הינטערוועגן, נאָר מיט דער פּראַנטיקער ברייטער דאָרפישער גאַס.

און איידער נאָך עס האָבן געענטפערט אויף דעם ערשטן האַנען־געקריי די הענער פון דאָרף האָט מען אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין יאַדוויגעס פענצטער און הילכיקע פויערישע רייד האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַ געלעכטער און מיט אַ זידלעריי. אַרטשאָ איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער כאַטע אין קליינעם גערטנדל אַריין, באַהאַלטן זיך אין שטאַל, געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צי קענען אָפּבינדן זיין פערד פון טויער און אָפּטראָגן זיך מיט גאַנצע ביינער פון דאָרף. ער האָט דאָס אָבער נישט געקענט טאָן ווייל די שגצים האָבן זיך געזאַמלט ביי דער כאַטע און געוואָלט אַריינרייסן זיך. די האַלב־נאַקעטע גויע איז אַרויס אויפן גאַנעק, געשריגן, געשאָלטן מיט וויסטע קללות. און אַז עס איז שטיל געוואָרן האָט זיך אַרטשאָ אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און געגנו־מען יאָגן צו די פעלדער. ערשט ביים טייך האָט ער דערזען אַז דאָס פערד איז צעקאַליעטשעט; איין אויג איז אויסגעשטאָכן, די האָר פון דער גזשיבע זענען אָפּגעשניטן און דער לעדערנער גזוים — צעריסן. פון אויסגעשטאָ־כענעם אויג האָט געטריפט אַ געדיכט שווארץ בלוט. דאָס פערד האָט זיך

אַראָפּגעלאָזט אויף די פאָדערשטע קני און געטאָרגלט דעם פאַרוואונדעטן קאָפּ אין גראָז, געטראָגלט אים מיט אַ שטומער עקשנות. דעמאָלט האָט זיך דער אַכצן־יאָריקער אַרטשאַ אַוועקגעשליידערט אויף דער ערד און געיאָ־מערט. עס איז שוין נישט געווען אַזוי דער פּחד ווי דאָס שולד־געפיל אַז צוליב אים איז דער גניאָדער — דאָס בעסטע פערד פון גאַנצן פּאָוויאַט — געוואָרן אַ קאַלעקע, ער טויג שוין צו גאָרנישט, סיידן מען זאָל אים פאַרקויפן דעם טאַטער אויף פליש, אָדער דעם אָליאַרניק — אַז ער זאָל זיך דרייען אַרום דעם שטיין, איינגעשפּאַנט און צעמאָלן די קאָנאָפּליע־זיערנעס.

עס האָט שוין געטאָגט ווען אַרטשאַ האָט צוגעפירט דאָס בלינד־געוואָ־רענע פערד ביז צו דער מיל, צוגעבונדן, און אַז ער האָט דערזען ווי אַזוי דאָס פערד קוקט אויף אים מיט אַ גרויס אויג און וויינט, יאָ, עס האָט געוויינט מיט טרערן, איז אַרטשאַס האַרץ צעריסן געוואָרן פון צער.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן די טייך־קושאַקעס, געהערט ווי פון בית־מדרש טראָגט זיך דאָס שופר־בלאָזן, געזען ווי עס פאָרן די ערשטע פורמאַנקעס מיט קאָרן צו דער מיל. דעם טאָג האָט ער נישט געגעסן. ער האָט געקענט צוגיין צום פּאָסטעך וואָס פּאַשעט די פּי און נעמען ביי אים אַ פּענעץ ברויט. ניין, ער וועט פאַסטן, אַזוי האָט ער אויסגעהאַלטן ביז פאַרנאַכט. אַז עס איז געקומען די צייט פון מנחה און דאָס פאַרוואונדעטע פערד האָט זיך צעוויינט און צעיאָמערט האָט ער שוין אפילו נישט געפונען קיין אָרט אין פעלד. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין קיין פּלינצק אָדער קיין טשעכאַנאָווע. ווי אַנטלויפט מען דאָס ערב ראָש־השנה פון דער היים? צוערשט איז ער אַריין אין קאַרטאָפל־פעלד, געשלייכט זיך צווישן די אויסגעטרוקנטע נאַטשן און אַז ער איז צוגעקומען האַרט צום פּלאָט פון בית־מדרש האָט עס אים אַ צי־געטאָן אינעווייניק אַריין.

אַ הונגעריקער, אַ מידער און מיט פּחד וואָס האָט שוין מער נישט געהאַט קיין גרענעצן, וואָרעם ער האָט איצט מורא געהאַט פאַר די הימלען, האָט זיך אַרטשאַ איינגעהערט אין די רייד פון וועגנגראָוער מגיד.

...איי, איי, גאַטעניו, דו איינציקער אין די הימלען... יעדער איינער פון אונדז זינדיקע באַשעפענישן פאַרמאָגט צוויי נשמות... איין נשמה איז מצד דער קליפּה... באַהיט און באַשירעמט זאָל יעדער פון אונדז זיין פאַר דער דאָזיקער נשמה... אוי ווייי. ווייי, ווייי...

דער יונג האָט זיך אַ ווײַלע אײַנגעקוקט אין דעם אײַנגעשרומפּענעם, נידעריקן מגיד מיט דער רויט־געקרײַזלטער באָרד, מיט די פּיאות וואָס ער האָט געהאַלטן אין אײן וויקלען אויף די פינגער און דער ניגון האָט אים געפאַנגען. ער האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרלירן פון די רייד און נישט פון דעם שטילן געזאַנג וואָס האָבן באַגלייט די רייד און ער האָט אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין בײדע הענט.

...און די צווייטע נשמה ביי אונדז יידן איז אַ חלק ממעל — דאָס הייסט אַ טייל פון די הימלען... די ערשטע נשמה איז צו באַלעבן דעם גוף. זי מישט זיך אויס מיט אונדזער בלוט... ווײ... ווײ... ווײ... און טאַקע פון דער נשמה קומען אַלע זינדיקע מעשים, אוי ווײ, ווײ... די נשמה האָט אין זיך פיר עלעמענטן: פייער, וואַסער, ווינט און ערד... וואָס שטאַמט־אָפּ פון פייער? אוי פון פייער שטאַמט דאָך כעס און גאווה. ווײ, ווײ, ווײ... און וואָס שטאַמט־אָפּ פון וואַסער? פון וואַסער קומט דאָך צו אונדז דער לוסט צו תענוגים. אוי, אוי... און פון ווינט? פון ווינט קומט הולטייסטווע, ליצנות, באַרימערײַ און דברים בטלים... אָט דאָס קומט פון ווינט... און פון דער אדמה, דאָס הייסט פון דער ערד? וואָס קומט פון דער ערד? פון דער ערד שטאַמט דער עלעמענט פוילקייט און עצבות... אָבער דער געטלעכער טייל פון דער נשמה ביי אַ ייד קומט פון די הימלען אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין בראשית; „ויפח באפיו נשמת חיים״ — דאָס הייסט און ער האָט אַרײַנגעבלאָזן אין זיין נאָז דעם אָטעם פון לעבן... איי, איי, גאָטעניו... דאָס איז די עכטע נשמה פון אַ ייד...

ווען אַרטשאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען טונקל אין בית־מדרש. ביי אַן אָנגעטריפט ליכטל איז געזעסן דער מגיד און אַרײַנגעקוקט אין אַ גמרא. לעבן אויוון זענען געלעגן צונויפגעקנוילט צוויי אורחים, מדינה־גייער אַוודאי. בעתן דאַוונען איז קיינעם פון די מתפללים נישט אײַנגעפאַלן אַז דער יונג וואָס ליגט מיטן קאָפּ אײַנגעגראָבן אין דער אייגענער שויס, אַז דאָס איז דער ווּקסיקער אַרטשאָ, דעם מילנערס זון, וואָס מען זוכט אים אַרום איבער אַלע פעלדער מיט שטורקאַצן.

— מגיד פון וועגראָווע... רבי, איר הערט מיך? — האָט שטיל גערעדט אַרטשאָ.

דער מגיד האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם באָרוועסן יונג מיט דעם

צעכראַסטעטן העמד און געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט אַז ער זאָל אים נישט שטערן דאָס לערנען.

— הייליקע רייד... אמתדיקע רייד האָט איר געזאָגט... איך האָב נאָר איין נשמה... די זינדיקע... די צווייטע נשמה האָט מען פאַרגעסן אַריינצובלאָזן אין מיר... וואָס וועט זיין ? איך בין זינדיק... אין מיר בושעוועט אַרום אַ פייער. גיי איך אויפן ווינט — ווערט דאָס פייער נאָך גרעסער. לויף איך אין טייך אַריין און באָד זיך אין די וואַסערן — קומט אויף מיר אַ לוסט צו תענוג. די ערד מאַכט מיך טרויעריק. איך געפין נישט קיין אָרט. מגיד, איך בין זינדיק. פאַרוואָס האָט מען מיר נישט אַריינגעבלאָזן די צווייטע נשמה, די וואָס קומט פון די הימלען ?

דער יונג האָט געוויינט. די טרערן זענען אים געריננען אויף די הענט, אויף דער אָפענער גמרא און דאָס חלבנע ליכטל האָט ווי מיטגעוויינט ווייל עס האָט אָנגעהויבן צו טריפן און צאַנקען.

די פרימאַדאָנע און דער יונג זאַלקאַ

אין אַ פאַרטונקלטן צימער, ביי אַ טיש באַלויכטן פון אַ נאַפט־לאָמפּ, זענען געזעסן צוויי בלאַטע יונגען. איינער האָט געטראָגן אַ ליציפּעטיש היטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק, אַ געקעסטלטע קורטקע מיט שיפע קעשענעס. זיין פּנים אין געווען פאַרשאָטנט און מיט די לאַנגע הענט האָט ער זיך געגלעט די גלאַנציק ברוינע שטיוול־כאָליוועס. דער צווייטער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ האַרט קאַפּעליושל, אין אַ מאַרינאַרקע מיט קורצע הויזן אַריבערגעוואָרפענע ווי זעקלעך, פאַרצויגענע ביי די קני. ער איז נישט איינגעזעסן אויפן אָרט נאָר אַרומגעדרייט זיך און ווידער אָוועקגעזעצט זיך אויפן שפּיץ פון דער טאָבורעטקע, פאָכנדיק דערביי אַ באַמבוס־שטעקעלע אין די הענט. ער האָט געדרייט דאָס שטעקעלע פלינק און צוגעטופּעט מיט אַ פוס צום טאַקט פון גנבים־לידל.

די פלעשער אויפן טיש זענען שוין לאַנג געווען ליידיק. די נאַפט־לאָמפּ האָט געצאַנקט. דער יונג מיטן האַרטן קאַפּעליושל האָט פאַרענדיקט זינגען דאָס ליד און אויך עפּעס געוואַרט. אין דער רגע האָט זיך די טיר צעפּראַלט און עס איז אַריין אַ נידעריקער, פליכעוואַטער, מיט אַ פּנים פול מיט שטופּ־לען. דער פּאַרשוין האָט צעקנעפּלט די וועסט און אנגעהויבן צו קלינגען מיט דער זייגער־קייט אַ באַהאַנגענע מיט זילבערנע און קופּערנע מטבעות.

— די סחורה דאַרף געליפערט ווערן מאָרגן ביינאַכט! — האָט דער קיילעכיקער פּאַרשוין אויסגערופן. — קיין אָפּהאַלט! די שיפס־קאַרטן זענען גרייט און די שיף וואַרט שוין אין דאַנציג!

ער האָט זיך צעהוסט, פאַרקייכט, געוויקלט אַ ציגאַר אין ביבולע־פּאַפּיר און איר אָנגעצונדן. זייערע פּנימער זענען באַלויכטן געוואָרן פון פלאַם און דערנאָך זענען זיי פאַרהילט געוואָרן אין רויך, און אַז דער רויך פון ציגאַר איז צערונען געוואָרן האָט דער דיקער פּאַרשוין אַ נעם געטאָן דעם יונג מיטן באַמבוס־שטעקעלע פאַר די קלאַפּעס אַזש דאָס האַרטע

קאַפּעליושל איז אים אַראָפּגעפאַלן. ער האָט אים אַ שאָקל געטאָן אַזוי ווי מיט אַ לולב.

— געלט האָסטו געקריגן? ענטפער!

— יאָ, איך האָב געקריגן.

— פון וועמען?

— פון איך.

— טאָ ווי איז די סחורה וואָס האָסט מיר צוגעזאָגט?

פון דעם שטויס איז דער יונג געפאַלן. דער צווייטער איז געזעסן אומבאַוועגלעך און פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס, אָפּגעביסן אַ שטיק פון מונדשטוק און אויסגעשפּיגן.

— עס גייט נישט אַזוי לייכט... איך וועל נאָך אַ מאָל פּרווון...

— פּרווון? ווען די שיף איז גרייט? מאָרגן ביינאַכט וואַרט איך אין וואַגאָן פון צוועלפער באַן. איר זאָלט צושטעלן די „וואַרע" אויב נישט מעגט עך ביידע באַשטעלן די חברה קדישא. עך האָט צו טאָן מיט יאָסל קייסער!

די ליכט האָבן זיך פאַרלאָשן און אַ טונקעלער פאָרהאַנג האָט זיך פאַררוקט. מען האָט געהערט ווי עס סקריפּען די דראָטן פון דער פאָרהאַנג, דערנאָך האָט מען געזען אַ שאָטן פון אַ יונג וואָס האָט געצויגן די דראָטן, אויסגעשטרעקט די הענט, אָנגעכאַפּט די לייוונט פון פאָרהאַנג און פאַרמאַכט די בינע.

אין דעם זאַל פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע זענען געזעסן אַ פּאָר הונדערט מענטשן. בליך־לאָמפּן האָבן אויפגעליכטן. די בעלקעס זענען פאַרצויגן געווען מיט פּאַפּירענע קרענץ. אין די זייטן זענען געשטאַנען די לעשוועגענער מיט בייכיקע פעסלעך, באַמאָלענע אויף רויט. עטלעכע יינגלעך האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף די העלצער פון דער פּאָמפּע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע וואָג. די דישלעס פון די פייער־לעשער־וועגענער זענען געווען אויפגעשטעלט און די הויכע רעדער מיט ספּריכעס פריש באַמאַלעוועט מיט אַ ליכטיקן געל. אויף יענער זייט וואַנט פון ברעטער האָבן פון צייט צו צייט געהירזשעט די פייערלעשער־פערד און עס איז דערגאַנגען דאָס געקלימפּעריי פון זייערע ציימלען בעת זיי האָבן געגישטערט אין די קאָרעטעס

אין דער ערשטער ריי זענען געזעסן די פּני; רייכע שענקער, הענדלער פון ווינטער־אויבסט און בהמה־סוחרים. אויף דער צווייטער באַנק — באַלע־

גאָלעס, וואָס האָבן צו דריי־פיר אייגענע פערד און פלאַטפאָרמעס, וואָס פירן סחורות קיין וואַרשע און קיין דאַנציג. עס זענען דאָ געזעסן דראָזשקאַזשעס, וואָס האַלטן אָנגעשטעלט אנטרייבער און אַליין זענען זיי גאַנצע טעג ביי אַנשלעגן אין דער רעסטאָראַציע און האָבן שוין נישט געהאַלטן יאָרן לאַנגע די בייטש.

אין דער דריטער רייע — באַלמעלאָכעס: סטאָלאַזשעס, רימערס וואָס האָבן אייגענע וואַרשטאַטן, און נישט ווייט פון זיי די שניידער: כאַלופניקעס און געזעלן. זיי זענען געקומען מיט די ווייבער און מיט די דערוואַקסענע קינדער. מען קנאַקט באַניקערן, מען וויקלט אויס פון פאַפירלעך „לאַנדאַרינ־קעס" און מען עסט משה־רבינו־ניסלעך.

די וויראַבניקעס, די פראַסטע פלייצע־טרעגער, די אָרעמע דאָרפס־גייער זענען געשטאַנען צונויפגעפרעסט ביי די ווענט, אָנגעשפאַרט אָן די פייערלעשער־וועגענער און געווישט זיך דעם שוויס פון די צעהיצטע פנימער.

— דאָס איז בלויז דער פראָלאָג — האָט געזאָגט איינער פון די אויפגע־קלערטע שניידער־געזעלן.

דער עולם האָט זיך אומגעקוקט. געזוכט מיט די אויגן דעם וואָס האָט געלאָזט פאַלן די ווערטער. אַ ווייבל האָט אויסגעטאָן דעם שוואַרצן שאַל. „וואָס האָט ער געזאָגט? אַ פראָלאָג? הא, יאַנקל, ענטפער, וואָס איז דאָס אזוינס?" פון הינטער דעם פאָרהאַנג זענען דערגאַנגען געקלאַפערייען און שווערע טריט. מען האָט געזען ווי די פאָרהאַנג וויגט זיך, ווערט אָנגעבלאָזן, און אַז דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן האָט עס זיך ווידער צעסקריפעט און די דראָטן האָבן זיך אויפסניי פאַרפלאָנטערט. דער זעלביקער יונג, וואָס מען האָט אים פריער געטרייסלט ווי אַ לולב, איז אַרויסגעלאָפן פון הינטער די קוליסן, געשלעפט דעם פאָרהאַנג ביז ער האָט אים געעפנט.

ביי אַ באַליע וועש איז געשטאַנען סורטשא די דינסט־מויד. זי האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט פאַרן געערטן פובליקום זאָגנדיק: „יאָך בין סורטשע, די יתומה, אַ סלוזשאַנצע ביי דער הערשאַפט שליפשטיין. איך האָב נישט קיין מאַמעשי און נישט קיין טאַטעשי און מען האָט מיך געבראַכט קיין וואַרשע פון דער פראָווינץ".

זי האָט גענומען אַ שטיקל וועש אין די הענט אַריין, אויסגעדרינגען עס און אָנגעהויבן זינגען אַ האַרציק־רירנדיק ליד וועגן דעם ווי ביטער עס איז צו זיין אַ דינסט אין אַ רייך הויז.

דאָס געזאַנג האָט פאַרכישופט די יונגען פון זאַל. מען האָט געקלאַפט

בראַוואָ, געטופּעט מיט די פיס און געשריגן: „סורטשאַ, נאָך! ביס! נאָך!"

זי איז געווען יונג, שיין, מיט אַ קיילעכדיק פּנימל, צוויי שוואַרצע צעפּ, פאַרפלאָכטענע, אומרואיקע און אַ גוטסקייט איז געווען אויסגעזאָסן אויף דעם יונגן באחנטן דינסטמיידל. עטלעכע מאָל איז זי אַוועק פון דער באַליע, צוגעלאָפן אַ טאַנצנדיקע ביז צו דער ראַמפּע און נישט אויפגעהערט צו זינגען איין יידיש ליד נאָכן אַנדערן.

דער עולם האָט געיובלט. טייל יונגען האָבן זיך פאַר שמחה געריבן די הענט. אָט אַ מויד אַ ברען. די ווייבער האָבן זיך געברוגזט, געבלאָזן און נאָכגעפאַרשט די פּנימער פון זייערע מענער.

און אומגעריכט, ביים אָפענעם פענצטערל, נישט ווייט פון דער באַליע, האָט זיך באַוויזן דער יונג מיטן קאַפּעלוישל און געדרייט אין זיין האַנט דאָס באַמבוס־שטעקעלע.

— סורטשאַ־קרוין, איך גיי אויס... איך האָב נישט קיין רו, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט... וואָס וועט זיין דער סוף?... — ער איז אַריין אין צימער און זיך אַרומגעקוקט. — הער, אַלץ איז גרייט... די שיפס־פּאַפּירן... מיר וועלן ביינאַכט אַוועק מיטן צוועלפער צוג קיין וואַרשע און דאָרט וועלן מיר שטעלן אַ חופּה... וועסט ביי מיר זיין אַ קייסערינע.

דאָס דינסט־מיידל האָט צוערשט אים נישט געוואָלט ענטפערן. זי האָט עטלעכע מאָל פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און שטיל געוויינט.

— דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט. איך ווייס נישט פאַרוואָס. האָסט שוין סיי־ווי מיין „ערע באַרויבט" און איצט ווילסטו אַז איך זאָל אַוועק מיט דיר איבער ימען.

דער יונג האָט געשפּילט די ראָל פון אַ נעבעכל. ער האָט זיך מיט אַ טיכל געווישט די אויגן. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני, געשווירן ביי זיין טאַטע־מאַמע, געשווירן ביים אייגענעם לעבן אַז זי וועט ביי אים זיין אַן אמתע קייסערינע.

סורטשע האָט אַ כליפּענדיקע אויסגעזונגען אַ ליד וועגן אַן אָרעמער יתומה וואָס איז אין דער ווייטער פרעמד און די מאַדאַם שליפּשטיין דערגייט איר די יאָרן, און אַז זי האָט נישט וועמען צו דערציילן וועגן איר גליק וואָס זי האָט געקריגן אַזאַ חתן ווי עס איז מאַריץ און אַז ער וויל איר אַוועקפירן אין גאָלדענעם לאַנד אַריין — און בעת זי האָט דאָס ליד געזונגען, האָט מען פיל טרערן פאַרגאָסן אין דעם זאַל. עס האָבן געוויינט אפילו די באַלעגאָלעס, די בהמה־סוחרים און עס האָבן בגנבה מיטגעוויינט די ווייבלעך וואָס האָבן

געקוקט אויף דער דינסט פון אָנהויב־אָן מיט אומצופרידנקייט און פאַרדאַכט.

איר געזאַנג האָט געפּלייצט איבערן זאַל אַזש עס האָט אויפגערודערט די פייגל וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן הינטער די הילצערנע בעלקעס פון דעם טעאַטער. די גרויע שפּאַקן האָבן אָנגעהויבן צו פלאַטערן, צו פּישטשען און אַרומקרייזן איבער דעם פייערלעשער־זאַל.

סורטשע האָט זינגענדיק אויפגעקניפּט איר שירץ, אַ וואָרף געטאָן אים און פון אַ ווינקל גענומען איר שטרויען קיישל. „מאַריץ איך גיי מיט דיר" — האָט זי אויסגעזונגען.

דער בלאָטער יונג האָט שעלמיש אַ ווונק־געטאָן צום פּובליקום און אַרויסגענומען מעשה דזשענטעלמאַן, דאָס קיישל פון סורטשעס הענט און איר געפירט צו דער טיר.

דורך דעם זאַל איז אַדורך אַ שטיל גערויש. פון יענער זייט הילצערנער וואַנט האָט זיך טרויעריק צעהירזשעט איינס פון די פייערלעשער פערד. דאָס איז געווען אַן אויסגעצויגן הירזשעריי, ווי אַ געוויין.

און מיט אַ מאָל איז עפּעס געשען.

פון די אונטערשטע בענק האָט זיך אַ הויב געטאָן דער יונג זאַלקאָ און געריסן זיך פאָרויס צו דער בינע. און אַז ער איז צוגעקומען נאָענט האָט ער זיך צעשריגן:

— סורטשאָ, גיי נישט מיט אים! ער וועט נישט חתונה האָבן מיט דיר! ער וועט דיך פאַרפירן אין אַ שאַנד־הויז! ער פאַרקויפט דיך צו די הענדלער פון לעבעדיקע סחורה!

דער יונג זאַלקאָ איז געשטאַנען אין מיט פון ביידע רייען בענק מיט געבײלטע פויסטן, הויך, ברייטפּלייציק, מיט אַ רויט צעפלאַמט פּנים, צאָרנדיק.

— גיי נישט, סורטשאָ! — האָט נאָך עמעצער אויסגעשריגן פון ווייטן עק פון דער שאַפּע.

דאָס דינסטמיידל האָט זיך פאַרהאַלטן ביי די טיר פון דער בינע. מאָריץ האָט אַרויסגעלאָזט דאָס שטעקל פון די הענט, איינגעבויגן זיך דאָס אויפצוהייבן און אָנגעהויבן צו ציען סורשטאָן מיט כוח פון דער בינע.

— דע, לאָז אָפּ דיינע טריפהנע הענט פון דעם מיידל, די יתומה, אַנישט באַקומסטו פון מיר אַ טרימאַטש אַזש די וועסט זען די עלטער־באָבע!

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ טומל. טייל האָט געוואָלדעוועט הלמאי מען שטערט די שפּיל און טייל האָט געוואָלט אויפקלערן עפּעס זאָגן. אָבער

זאַלקאַס חברה האָט אים אונטערגעהאַלטן. מען האָט מורא געהאַט פאַר דעם יונג וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון די בהמה־סוחרים, ווייל אַז זאַלקאַ איז מיטגעפאָרן אויף אַ יאַריד, האָט מען געוווסט אַז קיין גוי וועט נישט אויפ־הייבן זיין האַנט און מען מעג זיכער זיין נישט נאָר מיט די ביינער, נאָר מיט דעם איינגעקויפטן פערד. זאַלקאַ וועט עס צושטעלן ביזן שטאַל אַריין, מעג דאָס פערד זיין ווי ווילד.

ווידער האָט מען געשלעפּט די פאָרהאַנגען, געצויגן זיי, ביז ביידע ראַנדן האָבן זיך באַהאַפטן. פון אונטער דעם פאָרהאַנג איז אַרויס איינער פון די אַקטיאָרן פון דעם וואַנדערנדיקן יידישן טעאַטער, דאָס איז געווען דער נידעריקער, פליכעוואַטער, דיקער פאַרשוין מיט די שטופּלען. ער האָט לאַנג געוואַרט ביז אין זאַל איז שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט ער זיך צעהיסט, אַ קלימפּער געטאָן מיט דער זילבערנער קייט מיט די אָנגעהאָנגענע מטבעות און אָנגעהויבן הייזעריקלעך צו שרייען:

— געערטעס און געשעצטעס פּובליקום, ביטע גנעדיק נישט אויפ־רעגן זיך. דאָס איז וואַרעס טעאַטער. דאָס דינסטמיידל סורטשאַ איז נישט קיין סלוזשאַנצע. זי איז מיין פרוי. איך בין איר מאַן. דאָס שפּילט זי אַזוי די ראָל. דאָס איז שאַושפּיל, גנעדיקעס און הויך־געשעצטעס ...

ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווייל אַ פייפעריי, אַ געסוויטשע־ריי, אַ טופּעריי איז אויסגעבראָכן מיט אַזאַ שטורעם אַזש עס האָט זיך געדאַכט אַז די בעלקעס וועלן זיך איבערברעכן. עטלעכע פייגל האָבן געפּאַטשט מיט די פליגל, געריסן זיך פון איין ווינקל זאַל צום אַנדערן און אַז די טירן האָבן זיך צעפּראַלט זענען זיי אַרויס אין דער נאַכט אַריין.

זאַלקאַ מיט עטלעכע זיינע יונגען האָבן געוואַרט נישט ווייט פון דער פייערלעשער שאָפּע און געקוקט ווי אַזוי די אַקטיאָרן זעצן זיך אַריין אין אַ דראָשקע. זיי זענען געפאָרן צו אַנשלען אין רעסטאָראַציע. „עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק, אַ רוח אין זיין האַרץ אַריין. סורטשאַ, דאָס דינסט מיידל איז אין מיאוסע הענט" — האָט געזאָגט זאַלקאַ. ער איז אַוועק אַ היים מיט אַ שווער געמיט און מיט אַ שולד־געפיל.

קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. די אַקטריסע וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון סורטשאַן, איז אַרויס פון אַנשלעס שענק אַרום צווויי ביי־נאַכט, בעת די אַקטיאָרן האָבן געטרונקען מיט די רייכע באַלעגאָלעס און בהמה־טרייבער און אַלע זענען שוין געווען אָנגעזשלאָקעט. ווער האָט איר געוויזן

דאָס שטיבל ווו עס שלאָפט זאַלקאָ ? ווי אַזוי האָט זי געטראָפן צו אים אין מיטן דער נאַכט, אין אַ פרעמדער שטאָט ? מען ווייסט נאָר אַז זיי זענען ביידע נעלם געוואָרן. פאַרטאָג האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ בינשטאָק. רעדלעך מענטשן זענען געשטאַנען אין מאַרק. דער נידעריקער פאַרשוין מיט די שטופלען האָט זיך געשווירן ביי אַלעם הייליקן אַז ער וועט איר לאָזן איינזעצן אין אָסטראָג. ער האָט געשאָלטן די יונגען וואָס האָבן פאַרנאַרט זיין ווייב און האַלטן איר אפשר פאַרשפאַרט. „פאָליציי וועל איך רופן”. ער האָט אָבער קיין פאָליציי נישט גערופן און פארנאַכט, אויפן אַנדערן טאָג, איז ער אַוועק פון שטאָט.

געצל אָכלאַפּ

די פּראָנט־טיר פון ר׳ הענעך איגליצעס שטוב איז געווען צעפּראַלט און עס האָבן זיך געטראָגן פון דאָרט אַרויס הייזעריקע קולות. אין מאַרק האָבן זיך געזאַמלט קרענצלעך. די דראָזשקאָזשעס האָבן צוגעשיט הובער אין די זעק אָנגעהאָנגענע אויף די פערדישע מאָרדעס. די טרעגער האָבן געריבן די הענט, געקלאַפּט זיך גוטברודעריש אין די פּלייצעס.

געצל אָכלאַפּס דריי בנים זענען געשטאַנען אין ר׳ הענעכס שטוב און געשריגן:

— קהל האַלט אונדז פאַר די גאָרגלען!

— איר ווילט אונדז לאָזן מיטן בייטשל!

— מ׳גייט אונדז מאַכן פאַר פּענטאַקעס... פאַר מדינה־גייערס!

— קהל באַראַבעוועט אונדז אין מיטן טאָג!

— עס איז נישט הפקר... מען וועט גיין צום סטאַראָסטע...

דער ראש פון דער חברה קדישא, ר׳ הענעך, איז אויפגעשפּרונגען:

— וואָ־עס? עך סטראַשעט מיט מסירה? אַרויס פון דאַנען, גראָבע יונגען! אַרויס!

די דריי ברידער האָבן זיך געררוקט אויף צוריק. נידעריקע, רויט־פּנימדיקע, קוטשעראַווע, באַוואַקסענע, אין קורטקעס נישט פאַרקנעפּלטע, אין שטיוול פאַרבלאָטיקטע, גלייך ווי פון די קושטאַלן. זיי זענען געבליבן אַ ווײַלע שטיין ביי די טרעפּ מיט געבײַלטע פויסטן נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

אין דעם רויט־ציגלדיקן הויז, אויפן זשעלאַני־רינעק איז געלעגן זייער טאַטע אויף דער ערד שוין דעם דריטן טאָג. די חברה קדישא וויל צען טויזנט זלאָטעס פאַר דער קרקע. צוערשט איז אָנגעגאַנגען אַ שטיל דינגעניש ביז דאָס געדולד פון די דריי בנים האָט געפּלאַצט.

— אַרויס! — האָט געשריגן ר׳ הענעך. — אַרויס!

דער עלטסטער פון די אָכלאָפּס האָט אָפּגעשטופּטביידע ברידער און געמאַכט עטלעכע האַסטיקע שפּאַן פּאַרויס ביזן שולחן וווּ עס איז געזעסן ר׳ העניך.

— אדרבא, קלערט־אויף. פּאַרוואָס וויל קהל פון אונדז אַזאַ אפּותיקו?

דער ראָש פון דער חברה קדישא האָט אַריינגעכאַפּט די שפּיציקע ברוינע באָרד אין זיין רעכטער דלאָניע.

— פּאַרוואָס? איר ווייסט נישט פּאַרוואָס? טאַקע נישט? תמעוואַטע בנים נעבעך...

ער איז געלאָפן מיט שנעלע טריט פון איין עק חדר צום אַנדערן און יעדעס מאָל אַריינגעקוקט די אָכלאָפּס אין די אויגן אַריין.

וואָס זאָל ער זיי זאָגן?

ווער האָט דען נישט געקענט געצל אָכלאָפּס דרכים? קהל וואַרט שוין זייט לאַנגע יאָרן אויף דעם טאָג. היינט איז דער ערדישער יום־הדין זיינער. אַ שטאָט איז נישט הפקר. עס איז אַן אָנלערנונג פאַר אַנדערע. נישט קיין צדקה, נישט קיין געלט פאַר דעם בית־מדרש. און נישט קיין נדבה. דער אַמאָליקער פערד־יונג, דער וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט נאָך ביים לעבן פון יידישן דת, נישט דורך שמד, נאָר דורך אויסמיידן יידן. ווי אַ שענק און ווי אַ זויפעריי פון גויאים דאָרט איז געצל אָכלאָפּ געווען. אַפילו דער הולך זיינער איז נישט געווען קיין יידישער; אַ מאַטשעיוווקע מיט אַ לעדערנעם דאַשעק ביז איבער די אויגן, אַ ברוינע קורטקע מיט פּריצישע פּעטליעס. אַ רייט־בייטש מיט וועלכע ער האָט זיך נישט געשיידט אַפילו אין די שבתים. זונטיקדיקע קאָרטן־שפּילערייען אין גוישע קנייפּעס און דערצו ממזירים אין די דערפער וואָס שיקסעס האָבן עטלעכע מאָל געבראַכט צו געצלען אין שטוב אַריין.

— געצעל, אַלבאַ נעם צוריק דעם בענקאַרט וואָס האָסט מיר געמאַכט, אַלבאַ דו גיסט געלט. — אַזוי האָבן די שיקסעס געליאַרעמט. קיין געלט האָט ער נישט געגעבן, ווייל ער וואָלט זיך קיין מאָל נישט געקענט אויסצאָלן, נאָר אַ פערד פון שטאַל, אָדער אַ קו, און טייל מאָל אַ קאַלב — דאָס האָט ער אַוועקגעגעבן.

איצט ליגט געצל אויף דער פּאָדלאָגע און עטלעכע זיינע גוטע ברידער טריפן אילע מאָל אַן נייע ליכט אין די לייכטער.

אין די קרענצלעך פון מאַרק שמועסט מען:

— וויי און ווינד... עס איז דאָך דאָרט אפילו קיין טלית נישט געווען...

— אפילו די לייכטער האָט מען אויסגעבאָרגט ביי אַ שכן...

— עס איז דען אַ ייד געווען ? ערגער ווי אַ טערק !

— מען שמועסט אַז מאָשארן גאָלעמביאָזש וועט נקמה נעמען אין די אַכלאַפּס. ער קען נישט פאַרגעסן דאָס געשלעג מיט די דריי בנים.

דער עלטסטער פון געצלס בנים האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קורטקע און צוגערוקט די באַנק.

— לאָמיר גיין מיט גיטן... עס איז שוין דריי טאָג... עס איז דאָך זומער... ווי לאַנג קען אַ מת ליגן אין שטוב ? ר׳ הענעך, הערט נישט וואָס מיינע ברידערלעך שרייען. עס טוט זיי וויי... מען פאַרשעמט דעם טאַטן ?

— כאַ־כאַ־כאַ ! — איז אויסגעבראָכן דער חברה־קדישא־ייד אין אַ געלעכטער — דיין טאַטע האָט זיך דען אַמאָל געשעמט ? וואָס רעדסטו סתם אין דער וועלט אַריין ? כאַ־כאַ־כאַ...

— פאַרוואָס האָט עך גענומען פון גרעסטן גביר, דעם מילנער קאָסמאַן, נאָר טויזנט זלאָטעס ? האַ ? ווו איז יושר ?

— וואָס בעטסטו זיך ? זעסט נישט אַז זיי ווילן אונדז שעכטן ? זיי ווילן אונדז באַראַבעווען ? — האָט געשריגן דער יונגסטער. — קום, מיר וועלן שפּאַנען דעם אָגער און אַרויספאָרן פון שטאָט מיטן טאַטן. מיר וועלן אים שוין ערגעץ באַהאַלטן. פאַרלאָזט זיך אויף אונדז. עס איז דען אַן אונטערשייד ווו מען ליגט ?

— אַרויס ! שגץ !

דער עלטסטער איז אויפגעשפּרונגען און אָנגעכאַפּט דעם ברודער פאַר די אַקסל און אים אַ שפּאַר־געטאָן צו דער וואַנט.

— ווער פאַרשטימט, וואָיטעק ! איך לייג דעך באַלד אַוועק אַ טויטן.

עס איז געוואָרן שטיל. די דריי בנים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. אין די טיר זענען געשטאַנען נאָך עטלעכע יידן פון דער חברה קדישא.

— הערטס וואָס כ׳וועל ענק זאָגן פאַרוואָס קהל וויל צען טויזנט זלאָטעס. איר פאַרשטייט, דער גביר קאָסמאַן האָט געהאַט ביים לעבן אַ ברייטע האַנט. צדקה, פאַר דער תלמוד־תורה, געהאָלפן אָרעמע לייט. זיין קרקע האָט טאַקע געקאָסט טויזנט זלאָטעס. אַלע פלעצער אַרום זיין קבר זענען שוין באַשטעלט. מען האָט זיי פאַרקויפט פאַר גוט געלט. די פרייזן האָבן זיך געהויבן ווייל עס איז אַ כבוד צו ליגן לעבן דעם קבר פון דעם מילנער קאָסמאַן. איצט, פאַרשטייט איר מוזן מיר פאַרלאַנגען פאַר דער קרקע פון אייער פאָטער צען מאָל מערער ווייל די פלעצער לעבן אייער

טאָטן אויפן גוטן אָרט וועלן מער נישט ווערט זיין קיין געלט. זיי וועלן פאַלן. קיינער וועט נישט וועלן ליגן לעבן געצל אָכלאָפּ. קהל וועט הזק־האָבן... דערפאַר דאַרף מען איצט אָפּנעמען וואָס קהל וועט פאַרלירן... עס קאָסט צען טויזנט זלאָטעס... אַזוי האָבן מיר אויסגערעכנט... איר וועט נישט בדיל הדל זיין... ניש קשה... איר זענט נישט קיין אָרעמע לייט...

מען האָט זיך געדונגען בין ערב מנחה. די צוויי יונגערע ברידער־לעך זענען אַוועק, עס איז געבליבן דער עלטסטער, ער האָט איינגעקלאַפּט.

—וויפל? — האָט מען זיך געפרעגט אין מאַרק.

— אַכט... קיין גראָשן ווינציקער...

די לוויה איז פאַרגעקומען אין גאַאייל. ביי די זייטן האָבן זיך געשאַרט גויעס אין שוואַרצן. עס זענען געקומען עטלעכע שענק־אייגנטימער פון די גויאישע גאַסן. עס זענען דאָ געווען די זונטיקדיקע קאָרטן־שפּילער און צווישן זיי, יידן פון דער חברה קדישא צוזאַמען מיט די באַלעגאָלעס און דראָזשקאָזשעס. עס וועט זיין אַ טרונק. חברה קדישא וועט גלייך נאָך מעריב מאַכן אַ סעודה.

מיט אַ מאָל האָט זיך צעקלינגען דער קאָשטשאָל. אין אַזאַ שעה? וואָס עפּעס? עטלעכע יונגען האָבן זיך געשטויסן מיט די עלנבויגנס און אַריינ־געלאָכט אין די דלאָניעס. זיי האָבן געוווּסט אַז דאָס איז מאָשאַרנס מלאכה. ער האָט אָנגעשיכורט דעם גלאָקן־ציער פון דעם קאָשטשאָל וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון מאַרק און אים אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר מען וועט אַרויספירן געצל אָכלאָפּן זאָל ער קלינגען... ער זאָל קלינגען מיטן הילכיקן גלאָק. מאָשאַרן וועט אים געבן אַ סימן: ער וועט אַרויסלאָזן פון טויבנשלאַק די דריי וואָראָנעס וואָס ער האַלט זיי שוין גרייט עטלעכע טעג...

אַז די וואָראָנעס האָבן זיך אויפגעהויבן מיט אַ קראַקערייי האָט „יאַנעק דער קרוציפיקס" גענומען ציען די גלאָק־שטריק.

די דריי אָכלאָפּס האָבן געביילט די פויסטן גייענדיק נאָכן קאָסטן מיטן מת. זיי האָבן פאַרריסן די קעפּ צו די הימלען און געזען די וואָראָנעס מיט די אונטערגעבונדענע שווענץ און געהערט דאָס קלינגערייי פון קאָשטשאָל. עס איז מאָשאַרנס אַרבעט. נאָך די שבע־טעג וועלן זיי זיך אָפּרעכענען מיט דער שטאָט. און אפשר איז דאָך גערעכט דער ר' הענעך? האָט געטראַכט דער עלטסטער פון די בנים בעת דאָס קלינגעריי איז אָפּגעהאַקט געוואָרן.

זיי האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט דעם קדיש וואָס דער ראש פון דער חברה קדישא ר׳ הענעך האָט זיי שטיל געשעפּטשעט אין די אויערן אַריין. די אויסטערלישע ווערטער זענען אַרויסגעקומען צעלאָמעט פון זייערע מיילער. זיי האָבן געקוקט אויף דעם נידעריקן, צעטראָטענעם גראָז פון נאַקעטן בית־עולם־בערגל אויף וועלכן זיי זענען געשטאַנען. אַ ליידיק בערגל מיט א געל־ליימיקער ערד. אַ פאַרשעמונג און אַ געפּאַלנקייט האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַזוי ווי אַ פלאַם כאַפּט אַרום אַ סטאָג שטרוי. און אַז זיי האָבן דערהערט ווי דער קברן בעת מחילה ביים מת האָט גענומען אויפגיין אין זיי אַ ווייסטער צער וואָס האָט זיך איינגעשניטן אַזוי ווי דערנער.

דער עלטסטער פון די אָכלאַפּעס האָט פּלוצעם אויסגעשריגן: — טאַטע, זאָלסט זיך נישט זאָרגן... צום יאָר עלן מיר דיר שטעלן אַ מצבה עץ זי זאַאַן די שענסטאָ...

ער האָט געוויינט און ווי אויף אַ באַפעל האָבן די צוויי ברידערלעך אויך אָנגעהויבן וויינען. דאָס איז געווען אַ שטיל געוויין מחמת צער פון פאָטערס אַוועקגיין, וואָרעם ער איז זיי געווען מער ווי אַ פאָטער, ממש אַן אייגענער גוטער יונג. ער האָט זיי געלערנט דערלאַנגען קלעפּ, געלערנט טרינקען ריינעם ספּירט און איבערגעגעבן אַלע סודות פון פערד־מיסחר. זיי האָבן געוויינט פון פאַרשעמונג, פון כעס, וואָס קהל האָט צוגענומען אַזאַ אפּותיקי און וואָס זייער שונא, מאַשאַרן, האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל מיט די וואָראָנעס און מיטן קלינגען פון קאַשטשאַל.

די דריי ברידערלעך זענען צוריקגעגאַנגען פון גוטן־אָרט מיט שווערע טריט. פון די געקאָוועטע שטיוול האָבן געשפּריצט פונקען. עס איז צוגעפאַלן אַ נאַכט וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ געוויטער...

דער געפאַלענער מלאך

אין אויבס־שטעלעכל פון מאַרעם די סעדערין איז שוין דער דריטן טאָג געגאַנגען צו קינד דאָס דינסט־מיידל פייגל די יתומה. עטלעכע מאָל איז די הייבאַם געקומען און אַוועק אַ ברוגזע. עס האָט איר פאַרדראָסן וואָס די מויד ליגט אַזוי שטיל און לאָזט אַפילו נישט אַרויס קיין קרעכץ. „שוין נישט געפונען קיין בעסער אָרט ווי דאָס נידעריקע שטעלעכל, דאָס האַלב־פינצטערע ווו מ׳מוז אַפילו אין מיטן טאָג ברענען אַ נאַפט־לאָמפּ“. די רחמנות־ווייבער האָבן זיך שוויגנדיקע, ווי די הינער, אַרומגעפּאָרעט אין שטעלעכל זיי האָבן אָנגעטראָגן אַביסל ווייסגעצייג, כלים מיט וואַסער און איבערגעהאַנגען דאָס ווינקל ווו דאָס דינסט־מיידל איז געלעגן מיט אַ ליילעך.

אין קליינעם מאַרק, אויף די טרעפּלעך, זענען געזעסן פרויען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרייַן, און געחשבונט אויף די פינגער, נאָכגעציילט די וואָכן און חדשים פון לעצטן יאָר ווו פייגל די יתומה איז אַלץ געווען אַ דינסט, און געוואָלט דערגיין, ווער עס איז דער פאָטער פון קינד.

יעדע פּאָר מינוט איז אַן אַנדערע געלאָפן מיט אַ צעפּלאָטערטער פאַטשיילע צו מאַרעם דער סעדערינס שטלעכל. שוין? האָט מען זיך שעפּ־טשענדיק געפרעגט. עס קומט אונדז שוין אַ מזל־טוב? די ווייבער האָבן צווידייטיק געשמייכלט און מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף זייערע מענער.

וויפל מען האָט נישט געחשבונט און אַרייַנגעטראַכט, איז מען נישט דערגאַנגען צו קיין טאָלק, וואָרעם פייגל איז געווען אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע און מען האָט איר קיין מאָל נישט געזען אַרומטליקען זיך מיט די יונגען. זי איז געווען עטלעכע יאָר דינסט ביים אַלטן רב און אַז ער איז נפטר געוואָרן, איז זי געבליבן מיט דער רביצין און געדינט ביי איר בלויז פאַרן ביסל עסן. יעדן פרייטיק אין דער פרי איז זי געגאַנגען וואַשן די פאָדלאָגעס פון בית־מדרש און נישט גענומען דערפאַר קיין געלט.

— אפשר דער געלער ישיבה־בחור פון לאָמזשע?

— אפשר רחום־משה דער וואַסער־טרעגער?

— וואָס רעדט־עך נאַרישקייטן? ס'איז אוודאי יאָנטל דער מעקלער.

נאָך האַלבער נאַכט זענען אַוועק עטלעכע יידענעס, איינרייסערינס, צום אויבסט־שטעלעכל. זיי זענען געגאַנגען מיט לאַמטערנעס אין די הענט און אַ שטיק געסל איז באַלויכטן געוואָרן ווי אין מיטן טאָג.

— נאַרעלע, עס איז זיך שוין נישטאָ וואָס צו שעמען. עס איז איצט אַן אָפענע קאָרט. זאָג, ווער דער טאַטע איז. עס וועט בעסער זיין פאַרן קינד און פאַר דיר. די וועלט איז נישט הפקר און אַ מאַנצפּערשוין וועט זיך נישט אַרויסדרייען סתם אַזוי. ער האָט דיך נעבעך פאַרפירט, איינגערעדט דיר גאָלדענע גליקן, פייגל־מילך...

דאָס האָט גערעדט אַ פרוי מיט אַ ברייט פנים, אַ מענערישס, און דערביי געביילט די פויסטן.

דאָס ליכט פון די לאַמטערנעס האָט באַלויכטן דאָס פנים פון דער קימפערטאָרין.

— נאָך אַ קינד ממש. זעט נאָר ווי זי לייכט! אַזוי ווי זייער הייליקע אויפן בילד. אַזוי ווי די מאַטקע באָסקע! ווי איז אונדז. וואָס שווייגסטו, פייגל? דו פלאַקערטס דאָך פון היץ? זעט נאָר ווי זי שטרעקט די הענט! לויפט נאָך דער הייבאַם!

און איידער עס איז נאָך געקומען די הייבאַם, האָט זיך דערהערט דאָס דינע געוויין פון נייגעבוירנס. עס איז געווען אַ ייִנגל.

די ווייבער זענען נישט אָפּגעשטאַנען מיט זייערע רייד: זאָג, ווער איז דער טאַטע פון קינד? ווער? דער געלער ישיבה־בחור? רחום־משה? יאָנטל? ווער?

פייגל די יתומה האָט זיך געוואָלט אויפזעצן און נישט געקענט. דאָס ליכט פון די נאַפּט־לאַמטערנס און די הענט געשטרעקטע צו איר פון די יידענעס, און דאָס געשעפּטשעריי וואָס איז דערגאַנגען פון הויף, האָבן איר נישט געגעבן קיין רו. זי האָט געוואָלט אַנטרינען, אַפּווענדן איר פנים פון פייערשיין, פאַרשטאָפּן די אויערן פאַר די שטעכיקע רייד און צוטוליען דאָס עופהלע צו איר גוף. און אַז די ווייבער האָבן זיך נאָך מער דערנעענטערט צו איר מיט די הייסע לייבער, מיט די בריענדיקע אָטעמס האָט זי זיך אַ ריס־געטאָן פון שטרוי־געלעגער און גענומען שרייען:

— איר ווילט וויסן ווער דער טאַטע איז פון דעם קינד?

די ווייבער האָבן זיך דערשראָקן פאַר פייגלס ברענעדיקע אויגן. ווי

איז אונדז ווי געענדערט זי איז! עס איז דאָך גאַרנישט דאָס שטילע דינסט־מיידל! עס איז דאָך אַ יענעוועלטיקע! אַ הייליקע פון אַ פרעמדן גלויבן! ווער איז זי אויף אַן אמת די פייגל? ערשט איצט האָבן זיך די ווייבער געכאַפּט אַז פייגלען האָט עמעצער געבראַכט פון דער פרעמד אַלס זויג־קינד, אַוועקגעגעבן איר צו דער אַלטער זאָקן־מאַכערין...

— איר זאָלט וויסן, דער טאַטע פון מיין קינד איז אַ מלאך! אַן אמתער מלאך מן השמים!

אין דער זעלביקער נאַכט איז זי אויסגעגאַנגען, שטיל, ווי אַן עלנטער פויגל.

פייגל דער יתומהס זון איז אויפגעוואַקסן צווישן די מאַרק־יידענעס. אַ בלייכס, מיט אַן אויסגעצויגן פּנימל איז דאָס ייִנגל מיט איין מאָל אויפגע־שאָסן אין דער הייך, אַזוי ווי אַ פלאַנץ וואָס רייסט זיך פון טונקלעניש אַרויס צו די ליכטיקייטן פון הימלען. ער איז געווען אַנדערש פון אַלעמען. דאָס קול — אַ זינגעוודיקס מיט אַ נאָכקלאַנג ווי עס וואָלטן וויברירט האַרפּע־סטרונעס. די הענט — פאַרלייגטע אויף דער שמאָלער ייִנגל־ברוסט, און דער קאָפּ — ליכטיק־האָריק, געלאָקט, און דער גאַנג — אַ שוועבנדיקער, אַ פלאַטערנדיקער.

איין מאָל האָט אַ חדר־ייִנגל באַמערקט אַז פייגל דער יתומהס זון לאָזט נישט נאָך זיך קיין שפּורן אין זאַמד בעת ער שטעלט זיינע טריט. מען האָט דאָס דערציילט דעם מלמד ר׳ נתן. מען האָט גראָד געלערנט חומש, דעם ספר בראשית, מען האָט געהאַלטן ביי די פּסוקים וווּ עס איז באַשריבן די געשיכ־טע מיט די געפאַלענע מלאכים, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט פון הימל אויף דער ערד. דער רבי האָט ניגונדיק אויסגעטייטשט: „און אַזוי ווי די מלאכים האָבן געטאָן אַראָפּנידערן פון די הימלען אויף דער ערד, אַזוי האָבן זיי געטאָן זעען שיינע פרויענצימערס, דאָס הייסט ווייבער; זענען זיך די מלאכי השמים צונויפגעגאַנגען מיט זיי און האָבן געהאַט קינדער״.

און ווי נאָר דער רבי האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, איז אויפגעשפּרונ־גען דאָס חדר־ייִנגל חנוך, וואָס האָט זיך געהאַט געשוואָרן אַז פייגל דער יתומהס זון גייט נישט אויף דער ערד, נאָר ער שוועבט; אַ ראיה, ער לאָזט נישט נאָך זיך קיין שום שפּורן פון זיינע טריט, און חנוך האָט אויסגעשריגן בקול רם:

— רבי, ער איז אַ קינד פון אַ געפאַלענעם מלאך! איך קען שווערן ביי

די ארבע כנפות! רבי, פייגלס זון איז אַ געפאַלענער מלאך!

פון יענעם טאָג אָן, האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן אין שטאָט אַז עס גייט אַרום צווישן דער עדה אַ קינד פון אַ געפאַלענעם מלאך. מען האָט אָנגעהויבן נאָכפאָרשן ווער עס איז געווען זיין טאַטע און נישט געקענט דערגיין צו קיין טאָלק. מען איז אויך נישט דערגאַנגען ווער עס איז אויף אַן אמת געווען פייגל די יתומה. די ווייבער וואָס האָבן איר געטאָן איר רעכטס, בעת דער קבורה, האָבן דערציילט אַז זי איז געווען אַזוי לייכט ווי אַ פעדער, און בעת מען האָט איר צוגעשיט מיט דער בית־עולם ערד, האָבן זיך צוויי פליגל אַ הויב געטאָן און געפלאַטערט אַרום איר גרוב. ערשט איצט האָט מען אָנגע־הויבן צו פאַרשטיין אַז דאָס איז געווען דער מלאך וואָס איז איר באַשלאָפן.

דאָס חדר־יינגל חנוך, וואָס האָט דער ערשטער דערקענט די מלאַכישע צייכנס אין פייגלס זון, איז צו אַכצן יאָר געוואָרן אַ גרויסער למדן. ער האָט געלערנט מיט עטלעכע ישיבה־בחורים. מען האָט דערציילט אַז עס דערוואַרט אים דאָס רבנות אין פשיבראַוויץ. רייכע דאָרפס־גייער האָבן אים געוואָלט פאַר אַן איידעם, און יאָספע, די מקווה־טיקערין, האָט שוין נישט גערוט; זי האָט געגומען אַלץ אין אירע הענט אַריין, וואָרעם חנוך איז געווען איר אויסגעוויינט בן־יחידל.

אין אַ הייסן תמוז־טאָג, האָט חנוך פאַרמאַכט דעם ספר עזרא און געזאָגט צו די ישיבה־בחורים אַז ער האָט צו דערפילן אַ גרויסע שליחות.

— איך האָב דערהערט אַ קול וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט אויפצוזוכן איינעם פון די אַראָפּגעפאַלענע מלאכים און גוזר זיין אויף אים אַז ער זאָל צעשפּרייטן זיינע פליגל, וואָס קיינער פון די שטערבלעכע זעט זיי נישט, און ער זאָל זיך דערהייבן איבער אונדזער ערד. דעמאָלט וועט דער השם יתברך אונדז אויסלייזן. ער האָט געטאָן זאָגן צו מיר: נישט אומזיסט האָסטו באַקומען דעם נאָמען חנוך. איין מאָל האָב איך שוין געשיקט צו די געפאַלענע מלאכים מיין שר חנוך אַז זיי זאָלן תשובה טאָן, אַז ער זאָל זיי מתרה זיין און צוריקברענגען צו די הימלען. דו ביסט חנוך אין אַ נייעם גלגול. גיי און זוך אויס פייגל דער יתומהס זון און טו מיין שליחות, חנוך.

חנוך האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט זיך איבער די געסלעך ווו עס וווינען די באַלמעלאָכעס, די טרעגער און סאַדאָווניקעס. ער איז אַוועק צו מאַרעם די סעדערין און געטראָפן אויף דער טיר אַ שלאָס. מען האָט אים

געזאָגט אַז דער געפּאַלענער מלאך איז אַ שומר אין די סעדער ערגעץ אַרום די דערפער פון גלינאָוויעצק, אפשר אַרום פשיבראָוויץ.

די דאָרפס־הענדלער און מאַרק־פּאָרער האָבן דערציילט אין בית מדרש אַז חנוך וואַנדערט אַרום איבער די וועגן אַ באָרוועסער, אַן אָפּגעשליסענער. וויפל מען האָט נישט גערעדט צו אים איז מען גאָרנישט דערגאַנגען. ער האָט נישט געוואָלט אויפזעצן זיך אויף די וועגענער און צוריקקומען אין בית־מדרש אַריין. ער האָט די טעג געלעבט מיט וואַסער און ברויט. עס איז געוואָרן אַ רעש אין שטעטל, מען איז אַרויסגעפאָרן זוכן דעם בלאָנקענדיקן חנוך.

די ישיבה־בחורים האָבן וואָרט ביי וואָרט איבערגעגעבן דעם אַלטן רב, חנוך'ס רייד. דריי טעג האָט דער רב געבלעטערט די ספרים חנוך, עזרא ד' און ברוך. אויפן דריטן טאָג האָט ער געלאָזט רופן די מיקווה־טיקערין און געזאָגט: עס איז מן השמים. טרויערט נישט. טוט תפילה און דאָס קינד אייערס וועט זיך ווידער באַווייזן.

די באַגעגעניש פון חנוך מיטן אַראָפּגעפאַלענעם מלאך איז פאָרגעקומען אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, צווישן ווישעגראַד און פּלאָצק, אין אַן אַלטן עפּל־סאָד. אין געבערג, ביים ברעג פון דער ווייסל, האָט מאַרעמס אַ קרוב געהאַלטן יאָר־איין, יאָר־אויס אַן עפּל־סאָד. און אַזוי ווי דאָס יאָר איז ס'געראָטעניש געווען נישטיק, ווייל אַ וויסטער באַרג־ווינט האָט אַראָפּגע־שאָקלט די גרינע פּירות, איז דער געפּאַלענער מלאך געבליבן כמעט אַ גאַנצן זומער איינער אַליין אין דעם פאַרלאָזענעם העק. דער סאַדאָווניק האָט אַפילו נישט געזאָרגט אַז דער שומר זאָל האָבן וואָס צו עסן. אַ פויערטע האָט יעדן טאָג געבראַכט אַ פלעשל מילך מיט עטלעכע קאַרטאָפל און ווען זי האָט נאָר דערזען דעם יידישן סאָד־שומר, האָט זי זיך געצלמט. הויך ביז די צווייגן, אַזוי ווי אַ יונגער טאָפּאָל, פלעגט ער שטיין שעהען צווישן די אַלטע ביימער און קוקן צו די געבערג. „דו גרייכסט דאָך אין הימל אַריין. קענסט אָפּהאַלטן מיט דיין האַנט דעם גאַנג פון די וואָלקנס" — האָט די פרומע קריסטן גערעדט צו אים.

חנוך איז געפאַלן דריי מאָל מיטן פּנים צום גראָז פאַרן מלאך.

זיי האָבן געוואַשן די הענט אין דער ווייסל און דערנאָך געגעסן דאָס אָרעמע שוואַרצע ברויט, געטונקט אין זאַלץ. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו

טונקלען זענען ביידע פּאַרזונקען געווען אין תפילות. אַ וויסטער ווינט־ניגון האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די טרוקענע צווייגן און געריסן דאָס שפּינען־געוועב אַרום די קוסטעס. אַ טשאַטע קראָען איז געפלויגן נידעריק און אָנגעהויבן צו זעצן זיך אויף די עפּל־בוים צווייגן.

— פאַרטרייב זיי! דאָס זענען נישט־גוטע! שדים! זיי האָבן צוגערעדט צו זינד די מלאכים!

דער הויכער יונג האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ פּאַכע־געטאָן מיט די הענט און די קראָען־טשאַטע איז אין בהלה אַוועקגעפלויגן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט חנוך דערציילט מיט פּרטים די געשיכטע פון די פיר הונדערט מלאכים וואָס האָבן מורד געווען אין די הימלען קעגן דעם אַלמעכטיקן, און דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַרג. דאָס איז גראָד געווען אַזאַ באַרג וואָס איז באַפּעלקערט געווען מיט איינעם פון די שענסטע מענטשן־שבטים וואָס איז נאָר פאַראַן אויף אונדזער ערד. די פרויען זענען בילד־שיין, ווייל געפורעמט און רייצנדיק. האָבן די מלאכים נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און געלעבט מיט די ווייבער און עס זענען געקומען אויף דער וועלט קינדער וואָס האָבן זיך אונטערשיידט פון אַלע מענטשן־קינדער מיט זייער הויכקייט. זיי האָבן געגרייכט מיטן קאָפּ ביזן ערשטן הימל און געקענט מיט אַ האַנט אָפּהאַלטן דעם גאַנג פון וואָלקנס.

פייגל דער אלמנהס זון האָט גענומען אַנען אַז חנוך'ס רייד זענען וואַרהאַפטיק.

דער ישיבה־בחור האָט אַנטפּלעקט אים דעם סוד אַז ער איז אַ גלגול פון דעם חנוך וואָס גאָט אַליין האָט געשיקט צו די מלאכים און דערפאַר האָט ער געוואַנדערט אַ באָרוועסער, אַ דאָרשטיקער און אַ הונגעריקער איבער אַלע באַטשנע וועגן פון מאַזאָווּשע, כדי אויפצווזוכן דעם געפאַלענעם מלאַך און העלפן אים צוריק צו באַקומען די פליגל.

— דו קענסט זיי צוריק באַקומען און אויפהויבן זיך צו די הימלען, דאַן וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן. גאָט וועט מער נישט צאַרענען און עס וועלן קומען טעג פון בענטשונג פאַרן גאַנצן פאָלק. איך וועל קענען רואיק צוריק־גיין אין בית־מדרש אַריין און וועל דערנאָך אָננעמען דאָס רבנות אין פּשיב־ראָוויץ. ווּעסטו צעגערן, דאָס הייסט, נישט וועלן פאָלגן די רייד פון חנוך וואָס איז געקומען מיט אַ שליחות, וועל איך אַרומוואַנדערן נע ונד, איך וועל פאַסטן, נערן זיך מיט קרישקעס ברויט און אויסגיין. זעסטו ווי מחבלים שטערן מיר, ווי זיי לייגן מיר שטיינער אין וועג און שטעלן מיך אויס אויף

נסיונות? בלויז דיין אויסגעשטרעקטע האַנט איז געננג געווען צו פֿאַרטרייבן די שוואַרצע קראָען, וואָרעם דיין כוח איז מעכטיק און דו ווייסט אַפֿילו נישט דערפֿון.

חנוך׳ס רייד אין דער האַלבנאַכט זענען געפֿאַלן אויף דעם איינזאַמען שומר־יונג ווי טוי. דאָס איז צום ערשטן מאָל ווי מען רעדט צו אים ווי צו אַ מענטש. די רייד זענען וואָרהאַפֿטיק, וואָרעם חנוך איז עס געווען דער, וואָס האָט נאָך ייִנגלווייז, אין חדר, אויסגערופֿן אַז איך בין אַ געפֿאַלענער מלאַך.

דריי טעג און דריי נעכט האָט חנוך פֿאַרבראַכט מיטן געפֿאַלענעם מלאך אין דעם אַלטן עפּל־סאָד.

וועגן וואָס זיי האָבן אַלץ גערעדט וועט שוין אַוודאי בלייבן אַן אייביקער סוד, ווייל קיין סך האָט מען פֿון חנוך נישט געקענט אַרויסקריגן.

מען ווייסט נאָר אַז אויף דער דריטער נאַכט, ווען די וואָלקנס לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק אויף די בערג און טרינקען זיך אָן אין דער ווייסל, זענען ביידע אַרויס פֿון סאָד און פֿאַרקערוועט צום הויכן ווייסל־ברעג, פֿון דאָרט זענען זיי אַרויף אויף אַ פֿעלדז. חנוך האָט תּפֿילה געטאָן בלחש און מיט אַ מאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען מיט אַן אויסגעשריי:

— איצט איז געקומען די רגע פֿון דיין צוריקבאַהעפֿטן זיך מיט די הימלען! איך זע דאָס לויט די צייכנס! זע, פֿליגל נידערן אַראָפּ צו אונדז! דאָס זענען דיינע פֿליגל! טו זיך אויס נאַקעט! פֿאַרזוים נישט! ווייל דורות וואַרטן אויף דער גליקלעכער שעה! איך, חנוך, רוף דיך, גאָט איינציקער, הער מיין רוף! איך דערפֿיל דיין שליחות און דיין אָנזאָג! אָט בין איך מיטן מלאַך צוריק אויפֿן זעלביקן באַרג פֿון זינד! העלף אים זיך אויפֿהייבן! גיב אים די פֿליגל צוריק, וואָרעם זיי געהערן אים!

דער געפֿאַלענער מלאך האָט אייליק אַראָפּגעוואָרפֿן די בגדים און געבליבן שטיין נאַקעט.

— איך זע אַ ליכט! אָט פֿלאַטערן די פֿליגל איבער דיר! דו זעסט זיי?

— יאָ, איך זע זיי — האָט געזאָגט פֿייגל דער יתומהס זון.

— דו פֿילסט זיי אויף זיך?

— יאָ, איך פֿיל זיי... זיי האָבן זיך שוין באַהאָפֿטן צו מיר...

— פֿלי! אַזוי באַפֿעל איך דיר, חנוך, דער וואָס איז געשיקט פֿון די הימלען! פֿלי! פֿלי!

דער מלאַך האָט זיך אַ הויב געטאָן און נעלם געוואָרן אין נעפּל.

די לוויה פון געפאַלענעם מלאַך איז געווען אַ טרויעריקע, וואָרעם עס איז געווען די צייט פון תמוז און די מענטשן זענען פאַרטאָן אין די סעדער, אין די דערפער. חנוך איז מער נישט צוריקגעקומען. ער וואַנדערט אַרום אַ נע־ונדער איבער די טרויעריקע וועגן פון פוילן.

דער לעצטער סופר

דאָס איז געווען אַן אַלטער מחזור, אַ פאַרוויקלטער אין אַ טלית. ער איז געלעגן אין אַלמער לעבן די שבת־לייכטער, אַ ראָש־השנה־מחזור אין אַ לעדערנעם איינבאַנד, אַן אָפּגעבליאַקעוועטן מיט פאַרגעלטע בלעטער.

דריי מאָל אין מיין לעבן האָב איך זוכה געווען צו האַלטן דעם דאָזיקן מחזור אין מיינע הענט און אים באַוואונדערן.

איידער איך וועל דערציילן וועגן די דריי געשעענישן וואָס האָבן זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, איז נאָך כדאי איבערצוגעבן עטלעכע פּרטים וועגן דעם אויסטערלישן ראש־השנה־מחזור וועלכן מיר האָבן גערופן דער יחוס־מחזור. ער איז אַלט געווען קנאַפּע פיר הונדערט יאָר, געדרוקט אין אַמסטערדאַם. אַז מען האָט אים געעפנט, האָט דער ספר פאַרנומען אַ האַלבן טיש. צו איין טאָוול איז געווען צוגעפעסטיקט אַ שלאָס פון זילבער. די צווייטע טייל שלאָס האָט געפעלט.

די חשיבות פון מחזור איז אָבער באַשטאַנען אין דעם פיר מאָל איינגע־קנייטשטן פאַרמעטנעם בויגן, וואָס איז געווען צוגענייט צום פאָדערשטן טאָוול. ערשט ווען מען האָט געעפנט דעם ראָש־השנה־מחזור, האָט זיך אַנטפּלעקט דער מאַט־זילבערדיקער ליכטיק־אָדערנדיקער פאַרמעט אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעצייכנט אַ פאַרצווייגטער בוים, אַ שטאַמיקער, מיט צענדליקער צווייגן און צווייגלעך און מיט ביישטאַמיקע וואָרצלען. און אַז מען האָט זיך געגנוי איינגעקוקט, זענען בולט געוואָרן פּערלדיק אַריינגע־שריבענע אותיות אין די צווייגן אַריין און עס זענען אויך בולט געוואָרן די פאַרשידענע סאָרטן טינט מיט וועלכע די אותיות זענען געשריבן געווען.

דעם יחוס־מחזור האָט מיין טאַטע באַקומען פון זיידן, וואָרעם מיין פאָטער איז געווען דער עלטסטער זון. דאָס איז געווען גאָר נאַטירלעך פאַר אַלע מיינע פעטערס. איין טענה האָבן זיי יאָ געהאַט: וואָס איז דאָס פאַראַ איילעניש? אויב איבערגעבן אַזאַ משפּחה־זאַך איז נאָר צו הונדערט און

צוואנציק און נישט ווען דער זיידע איז נאָך ברוך־השם ביי די פולע כוחות. זיי האָבן געזען אין דעם אַ סימן אַז דער זיידע ריכט זיך אויף עפּעס. און וואָס דער „עפּעס" איז, האָט יעדער געוווסט, און נישט געוואָלט דאָס אָנרופן ביים נאָמען. זיי האָבן געמיינט אַז מיטן איבערגעבן דעם ספר הייבט זיך אָן פאַרלעשן דאָס ליכט פון זייער פאָטער.

נאָר לאָמיר צוריקגיין צום אָנהויב און דערציילן וועגן די דריי מאָל בעת איך האָב געזען דעם ראָש־השנה־מחזור און אים אַפילו געהאַלטן אין מיינע הענט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען דעם ספר מיטן פאַרמעטענעם בלאַט צו מיין בר־מצווה. דאָס איז געווען אַ יאָר נאָך דעם ווי מיין טאַטע האָט אַהיימגעבראַכט דעם מחזור און אים אַריינגעלייגט אין אַלמער. דער זיידע איז געקומען צו פאָרן פון וואַרשע. איך האָב געהערט אין אַלקער ווי מיין מאַמע רעדט שטיל צום טאַטן: ווייַ איז מיר, דער שווער איז פאַרענדערט. ערשט איצט זע איך אַז דיינע ברידער זענען געווען גערעכט. ער איז אַלט געוואָרן און אַן עצבות שפּרייט זיך אויף זיין פּנים. די זיקנה איז אים מיט איין מאָל באַפאַלן.

איך האָב געזאָגט וואָרט ביי וואָרט די פּרשה פון דער וואָך. אויך אין טאָג פון דער בר־מצווה, ביים אויפרופן מיך איז אַלץ אַדורך אַזוי, אַז מען האָט מיך דערנאָך נישט איבעריק געלויבט און מען האָט נישט געהאַט קיין טענות, חס וחלילה. דער זיידע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן דעם „מנע" און איך האָב נישט געוווסט דעם באַטייט פון דעם „מנע". נאָר איין פעטער האָט גוטמוטיק געשמייכלט צו מיר און געזאָגט: קיין חזן, ווייסטו, טייער מענדעלע, שוין נישט זיין... קיין דרשענער אויך נישט... קיין רב אַוודאי און אַוודאי נישט...

דעמאָלט האָט דער זיידע אויפגעהויבן דאָס פּנים און איך האָב דערזען די גרויסע גרויע ברעמען, די צונויפגעוואַקסענע און אַ געל־גרויע פאַרמעטענע באָרד, אַ צעשויבערטע.

ער האָט גערעדט שטיל און הייזעריק: ווערסט זיין אַ סופר, מיין אייניקל, אַ סופר סת"ם. אַזאַ סופר ווי איך און ווי מיין זיידע און מיין זיידעס זיידע. ווערסט שרייבן מיט אַ געענדזענע פּען. איך וועל דיך לערנען פאַרשניצן אַ געענדזענע פּען. ווייסטו וואָס סת"ם באַדייט, מיין קינד? סת"ם באַדייט: ספרים, תפילין, מזוזות. זאָג נאָך, וואָרט ביי וואָרט...

איך האָב שטיל נאָכגעזאָגט דעם זיידנס רייד און געזען ווי זיינע אויגן ווערן איבערגעפולט.

יענעם שבת צו נאַכטס, נאָך דעם ווי די מאַמע האָט מיט די הענט אויסגעווישט די פאַרלאָפענע שויבן און געזאָגט דעם „גאָט פון אַברהם, פון יצחק, פון יעקב און פון אַלע הייליקע אונדזערע אבות" און מען האָט אָנגעצונדן די בליץ־לאָמפּ, האָט דער טאַטע אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אַ בינטל קליינע שליסלעך און געעפנט דעם אַלמער. די מאַמע האָט ריין געמאַכט דעם גרויסן טיש, איבערגעדעקט אים מיט אַ טישטוך. דער טאַטע האָט אַוועקגע־לייגט דעם פאַרוויקלטן טלית אויפן טיש און איך האָב געזען ווי אַזוי עס ציטערן זיינע הענט בעת ער עפנט דעם מחזור. דעמאָלט טאַקע, האָב איך ס'ערשטע מאָל דערזען דעם שער־בלאַט מיטן פאַרמעט. איך האָב זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם גרויסן פאַרצווייגטן בוים און פון די הונדערטער אַריינגעשריבענע נעמען אין די צווייגן אַריין.

דער זיידע האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש אַ שאַכטל. איך האָב געמיינט אַז דאָס זענען זיינע ברילן. ווי איבעראַשט בין איך אָבער געוואָרן בעת איך האָב דערזען אַז דאָרט ליגן גענדזענע פּענעס און אַ קליין לענגלעך פלעשל מיט אַ ספּעציעלן טינט.

איבער דעם פּיר־פּאַכיק געעפנטן פאַרמעט, וואָס איז געווען צונויפגעש־טעלט פון עטלעכע צונויפגענייטע יריעות, האָבן זיך איבערגעבויגן דער זיידע און דער טאַטע. זייערע ליפּן האָבן אייליק געשעפּטשעט די נעמען וואָס זענען דאָרט פאַרשריבן געווען און געפירט די פינגער פון דיקן צווייג צום דינערן און פון דינערן צווייג צו אַ קליין צווייגעלע — ביז זייערע פינגער האָבן זיך פאַרהאַלטן.

— אָט דאָ! — האָט אַ זאָג געטאָן דער זיידע און איינגעטונקען די גענדזענע פּען אין טונקל פלעשל. איך האָב געהערט דעם געקריץ פון דער פּען אויפן אַלטן פאַרמעט. מיין מאַמע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַ שווייגנדיקע און ווען דער זיידע האָט אָפּגעווישט די פּען און איר צוריק אַריינגעלייגט אין שאַכטל, איז זי אַייליק צוגעגאַנגען צו מיר און מיך אַ קוש געטאָן:

— זאָלסט קינד מיינס, זוכה זיין אַריינצושרייבן די נעמען פון דיינע קינדער און קינדס־קינדער.

אין יענעם אָוונט האָב איך זיך דערוווסט אַז אין דעם משפחה־בלאַט פון פאַרמעט שרייבט מען ביי אונדז אין דער משפחה אַריין די נעמען ערשט

דעמאָלט ווען מען ווערט בר־מצוה און ווען מען איז זיך משדך. היות ווי דער זיידע האָט פאַרויסגעפילט אַז ער וועט זיך בקרוב אָפּשיידן מיט אונדז אַלעמען ווייל זיינע יאָרן זענען געציילטע, איז ער ספּעציעל געקומען פון ווייטן וואַרשע, כדי דאָס לעצטע מאָל אַריינצושרייבן זיינס אַן אייניקל וואָס איז געוואָרן בר־מצווה.

איך ווייס נישט אויב דער זיידע ע״ה האָט אויסדריקלעך פאַרלאַנגט פון מיין טאַטן אַז ער זאָל מיך לאָזן אַליין מיטן זיידן, אָדער מיין טאַטע איז אַליין אַוועק פון שטוב. איך געדענק נאָר אַז דער טאַטע איז פּלוצים אַוועק, די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי גלעזער טיי, צוגעמאַכט די טיר און אַלעמען אָנגעזאָגט אַז עס זאָל שטיל זיין. איך האָב געזען ווי זי פאַרמאַכט פון דרויסן די לאָדנס און אַ שטילקייט געמישט מיט אַ געהיימע פאַרכטיקייט האָט מיך אַרומגענומען. דער זיידע האָט מיך אי געשראָקן און אי צוגעצויגן.

— כ׳וויל מיט דיר רעדן. ביסט שוין אַ דערוואַקסענער. אַט שפּרייט זיך פאַר דיר אַ בוים. זעסט די צווייגן ?

— יאָ. כ׳זע.

— לאָמיר בעסער אָנהויבן פון שטאַם, פון די שטאַם־וואָרצלען. תמיד הויבט מען אָן פון אונטן און נישט פון אויבן. געדענק דאָס. אַ הויז — פון יסוד. אַ בוים — פון שורש.

— כ׳וועל געדענקען.

— זעסט די צוויי וואָרצל־שטאַמען ? דאָרט איז אַריינגעשריבן אַ נאָמען מנחם. איצט גיב אַ בליק צו דעם וואָס איך האָב אַריינגעשריבן, אָט אויבן, אין דער רעכטער זייט.

איך האָב אַ בליק געטאָן, און דערזען דעם אויפשריפט : מנחם בן צבי־פסח.

— זעסט ווי די נעמען רופן זיך איבער. פון דיין דין צוויגל וועט זיך צעשפּראָצן נאָך אַ צווייגל, און דו וועסט מיט דיינע הענט אַריינשרייבן נייע נעמען. אָמן.

דער זיידע האָט אַ זופּ־געטאָן די טיי און ממשיך געווען :

— אייִן וואָרצל־שטאַם קומט פון אַמסטערדאַם. אַן עלטער־עלטער זיידן האָט מען געבראַכט ווי אַ סופר. ער האָט זיך באַזעצט אין פּויזן. דערנאָך זענען זיינע קינדער, סופרים, געגאַנגען קיין ליטע, אין שטעטל ראַדאַש־קעוויטש, אַ צווייטער איז אַוועק קיין ווענגראָווע, לעבן וואַרשע. דער דינע־

רער וואָרצל־שטאָם קומט אויך אַרויס פון יענע מקומות. אַן עלטער־זיידע פון מאַמעס צד איז געבראַכט געוואָרן אין פירשטנטום מאַזאָוויע, ווען פלאָצק איז געווען די הויפטשטאָט צו בויען ווינט־מילן. אין דער מדינה האָלאַנד האָט ער זיך אויסגעלערנט די מלאכה. און אַזוי פלעכט זיך צווייג צו צווייג. די משפחה איז צעשפּרייט און איך בין דער לעצטער סופר. נעם די געגנדזענע פען, באַטראַכט איר. אַדרבא, פּרווו עפּעס אָנשרייבן.

איך האָב געפּרוווט, געשריבן און דער זיידע האָט אָנגעקוואָלן.

— זאָגסט מיר צו אַז וועסט ווערן אַ סופר?

— איך זאָג דאָס צו.

דער זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט, צעפּראַלט די טיר און געהייסן זיך געבן פרישע טיי ווייל זי איז קאַלט געוואָרן.

די דריי טעג וואָס דער זיידע איז געווען ביי אונדז, האָט ער מיך געלערנט פאַרשניצן גענדזענע פענעס. אַלע פלעדערווישן האָב איך צעריסן און אַרומגעלאָפן צו די מומעס נעמען נייע פלעדערווישן.

אויפן דריטן טאָג איז דער זיידע אַוועקגעפאָרן און אין דריי חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז ער איז אויסגעגאַנגען.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געעפנט דעם אַלטן מחזור בעת איך בין געוואָרן אַ סופר. נישט אַזאַ סופר ווי עס האָט זיך געוואונטשן מיין זיידע, דער אָפּשטאַמיקער פון אַ דור סופרים וואָס האָבן מיט זייער ציכטיק־פּערלדיקער כתב געשריבן ספרי־תורה׳ס און מיט יעדן אות איבערגעלעבט גאָטס רייד. איך בין געוואָרן אַ סופר פון וואָכעדיקע רייד, וואָס עס רעדן די שטערבלעכע. איך האָב אין מיינע אָנפאַנגערישע שרייבערישע יאָרן געוואָלט מיט פּשוטע יידישע ווערטער דערציילן די געשיכטע פון דעם ברייט־צעצווייגטן בוים אין אונדזער ראש־השנה־מחזור. איך האָב געוואָלט שילדערן אי די בייוואָרצל־שטאַמען, אי די צווייגן און צווייגלעך און דערציילן דאָס אַלץ וואָס איך האָב געהערט אין יענעם שבת־צו־נאַכטס, דעמאָלט האָב איך צום צווייטן מאָל געעפנט דעם ספר, געקוקט אויף דעם גרוי־זילבערדיקן פאַרמעט, פאַרצייכנט נעמען און דאַטעס און צוריק פאַרוויקלט דעם מחזור אין אַלטן טלית.

די צייט איז געווען אַ שטורמישע, אַן ערב־מלחמהדיקע און מיך האָט עס געצויגן צו דער יידישער גאַס וואָס איז געווען אומרואיק אַזוי ווי אין אַ בינשטאָק וואָס אַ הפקר־ווינט האָט אומגעשליידערט.

דאָס דריטע מאָל האָב איך געהאַלטן דעם מחזור אין מיינע הענט בעת איבער דער פאַרוויסטער וואַרשע, האָבן מאַרשירט נאַצישע חיילות.

אין דער נאַכט ערב מיין אַנטלויפן האָב איך צום לעצטן מאָל געעפנט דעם פאַרמעט, געקוקט אויף דעם צעצווייגטן משפחה־בוים.

דער לעצטער נאָמען וואָס איז דאָרט פאַרשריבן געוואָרן איז געווען מיין נאָמען.

אַ פאַרוויסטער נעכטן ווי אַן אויסגעבערענטער וואַלד. איך גיי אין אים אַרום אַליין, אין מיין זכרון לעבט דער בוים פון אַלטן מחזור.

אינהאַלט

*

קערנער אין מידבר 5
דער אַלטער שאַקאַל 25
אויף דער אַרענע פון אַמפיטעאַטער אין קסריה 30
ביי די חורבות פון אַפּאָלאָניאַ 38
אויף די שפּורן פון נאַבאַטן 46
די טויב פון שכם 51
דאָס געשריי פון דער מעווע 56
די יאַשטשערקע 61
די מאָזאַיִק פון אַשקלון 67
דאָס געסל פון סופר דעם משכיל 75
מיט די אייגענע הענט 80
די באַגעגעניש אין רמת־גן 87
די פאַרמאַכטע טיר 94
דער קוואַל פון מאַריאַ מאַגדאַלענאַ 100
דער שוואַרצער מלך און די טורקלטויב פון שרון 105
דער שטילער מענטש פון דער נביאים־גאַס 112

*

די אייז-קריעה 127
דער מוזשיק קוזמאַ 134
מחשבות ביי אַן אונטערגעזעגטער יונגער סאָסנע 138
ווייסע ווינדלען 142
דער אַפּטייקער פון בערלין 146
דאָס געלעכטער פון די הימלען 151
אַ מענטש אין אַ שטויב־וואָלקן 161
די הייליקע פון סדום 167
די פאַרם אין טעקסאַס 172
אויף די פעלדער פון קוליקאָוואָ 190
דער פייער־קרייץ 197
קין יאָמערט אין די נעכט 202

*

דער קאַרשן-סאָד 211
אַ צעשטערטער יאַריד 218
דאָס געשלעג 225
דער געלער יצחק 233
אַ טראַגעדיע אין פיר אַקטן מיט אַן עפּילאָג 239
איטשאָ פּאָביטניק 246
אין אַ שטורעמדיקער נאַכט 252
אין די אלול־טעג 260
די פּרימאַדאָנע און דער יונג זאַלקאָ 266
געצל אָכלאַפּ 273
דער געפאַלענער מלאך 278
דער לעצטער סופר 286

ביכער פון זעלבן מחבר

1. די שטילקייט מאָנט, לידער, לאָדזש, 1945

1. ירושה, לידער, רעגענסבורג, 1947

3. אויפגעוואַכטע ערד, דערציילונגען, „די גאָלדענע קייט״, תל־אביב, 1953

4. אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף, ראָמאַן, „קיום״, בוענאָס־איירעס, 1954

5. ביי די טויערן פון מאָסקווע, פאַרלאַג יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956

6. נאַכט איבער גלושינאָ, י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1957

7. ביי דער ווייסל, ראָמאַן, י. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב 1958

8. די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען, דערציילונגען „קיום״ בוענאָס־איירעס 1958

9. דאָס פאַלן פון בערלין, ראָמאַן, ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1960

10. דאָס הויז צווישן דערנער, דערציילונגען, פאַרלאַג „מנורה״, תל־אביב, 1960

11. על נהרות פוילן, ראָמאַן, „קיום״ בוענאָס־איירעס, 1962

12. די מלחמה־טרילאָגיע, (ביי די טויערן פון מאָסקווע, ביי דער ווייסל, דאָס פאַלן פון בערלין), נייע אויפלאַגע, אין איין באַנד, נוימאַן־פאָנד און פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, פאַריז, 1965

MENDEL MANN

GRAINS DANS LE DÉSERT

Nouvelles

אונזער קיום

EDITION : « NOTRE EXISTENCE »
près la FEDERATION DES SOCIETES JUIVES DE FRANCE - KEHILA
PARIS, 1966.